This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

31-528

סאָוועטיש

11

1979

היימלאַנד

ל̈ייענט אינעם נומ. 12
„סאָוועטיש היימלאַנד"

■

קינסטלערישע פאַרצייכענונגען

פון נאָטע לוריע, יעכיעל שרײַבמאַן, מאַקס ריאַנט, בער האַלפערן, יויסעף שוסטער, כאַים מעלאַמוד, שירע גאָרשמאַן, מיכאַילברימאַן, כאַים ביידער, באָריס שיינגאַוטער, אַלעקסאַנדער ליזען, רוווֹן פּוסטילניקאָוו, כאַים גורעוויטש, העשל ראַבינקאָוו, פּיניע פּלאָטקין, געדאַליע קאָסאָי, יאַשע רוביאַן, הערשל באַראַז, יעפים דאָקטאָראָוויטש, קימאַ גריידינאַ, הירש רעלעס, בראָכע און אַרן בורשטיין, יויסעף בורג, בוזי מילער, מוישע אַלטמאַן, אַרן ווערגעליס.

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"
מאָסקווע

11

נאָיאַבער

1979

אינהאַלט

ווערק פון אונדזערע לייענער

לעאָניד בערנשטיין, וויקטאָר קאָנדראַטענקאָ. דער שווארצער זומפּ 6

יאנקל קראוויץ. בעניטאָ 23

קלארע פּעסטשאנסקע. דער פרילינג־טאָג (לידער) 33

זאלמען מינקין. פאר מײַנע אויגן (ליד) . . 34

שלוימע ראפּאָפּאָרט. אין שלאכטן געלײַטערט (לידער) 34

דאָוויד פײַנשטיין. א נאָכוואָרט צו העלדישער גוורע 36

יאָסיף בורדמאן. אף דער צעלינא 39

יאנקעוו פײַנשמידט. דער זאָאָטעכניקער . . 42

שיִע זינגער. אן אלט מײַסעלע (לידער) . . . 45

הערשל בראז. פאר די קינדערסוועגן (לידער) . 46

שמועל גערזאָן. טעג, וואָס פארגעסן זיך ניט . 47

מיטיילונגען פון אונדזערע לייענער. א. רובינשטיין. עטלעכע ווערטער וועגן פעליקס לוואָוויטש שאפּיראָ. ג. קיזעל. פּינכאָס סאבסײַ — א באדײַטנדיקער סקולפּטאָר. ל. קאיא. צו דער געשיכטע פון טשופּוט־קאלע 61

אווראָם גאָנטאר. פונעם בוך „אין לאנד פון זיקאָרן" (לידער) 67

שמועל גאָרדאָן. די פײַל און דער בויגן (דערציילונג) 72

הערשל פּאָליאנקער. מײַן פרײַנט איציק פעפער. א רײַזע קיין אומאן (פונעם בוך דערציילונגען וועגן שרײַבער) 125

ארן ווערגעליס. אין פּופּצן יאָר ארום (פאָרזעצונג) 157

כראָניק 162

קאָמענטארן פון רעדאקציע. צום דערשײַנען פונעם 200־סטן נומער „סאָוועטיש היימלאנד" 163

צו אַשער שווארצמאנס 90־יאָריקן געבורטסטאָג (פּאָטאָ־רעפּאָרטאזש) 164

רעזומע (רוסיש, ענגליש) 1

הויפּט־רעדאקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפארטרעטער פון הויפּט־רעדאקטאָר), א. גאָנטאר, ש. גאָרדאָן, ט. גען, נאָטע לוריע, ב. מאַגילנער, ב. מילער, כ. מעלאמוד, ה. פּאָליאנקער, ס. פריי, ה. רעמעניק, י. שוסטער (פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאָר)

דער הײַנטיקער נומער

סאָוועטיש היימלאַנד

איז דער 200 - סטער

ד ע ר ע ר ש ט ע ר
נ ו מ ע ר
פון
„סאָוועטיש
היימלאַנד"
איז דערשינען
אין
יול־אווגוסט
1961

אין די 200 בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד“ זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן:

ראָמאַנען — 52

גרעסערע דערציילונגען (אין רוסיש — פּאָוועסטי) — 68

דערציילונגען און נאָוועלן — 960

פראַגמענטן פון פּראָזאַישע ווערק — 42

פּאָעמעס — 61; לידער — 5.344

איבערזעצונגען פון ראָמאַנען, גרעסערע דערציילונגען

און פראַגמענטן פון פּאָעטישע ווערק — 9

איבערזעצונגען פון דערציילונגען און נאָוועלן — 129

איבערזעצונגען פון לידער — 348

איבערזעצונגען פון רוסישע זינגלידער — 60

פּיעסן — 25

דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן פונעם ציקל „מענטשן, זייער צײַט און זייער גורל“ — 73

קינסטלערישע פאַרצייכענונגען — 62

רײַזע־פאַרצייכענונגען — 62

פּובליקאַציעס פון די ציקלען „אין די שפּורן פון געשעענישן“ און „טריבונע פון לעבן“ — 204

קריטישע און ליטעראַריש־פאָרשערישע אַרטיקלען, רעצענזיעס — 1.059; ביבליאָגראַפיע — 21

בריוו פון שרײַבער (פּובליקאַציעס) — 141

קאַמענטאַרן פון רעדאַקציע—57

פובליציסטישע אַרטיקלען—214

זיכרוינעס—49; אונדזערע סטיילונגען—37

ווערק פון אויסלענדישע ייִדישע שרײַבער—74

פובליקאַציעס פונעם ציקל „בלעטערנדיק זשורנאַלן און צייטונגען"—37

ווערק פון אונדזערע לייענער—111

בריוו פון לייענער און איבערזיכטן פון דער רעדאַקציאָנעלער פּאָשט—332

אַרטיקלען אויף היסטאָרישע טעמעס—11

אַרטיקלען וועגן שפּראַך=פּראָגן—55

מאַטעריאַלן „פאַר די, וואָס לערנען ייִדיש"—אין 106 נומערן פונעם זשורנאַל.

אַרטיקלען וועגן פראַגן פון קונסט—181

פובליקאַציעס פונעם פּאָטאָ=אַרכיוו—39

קינסטלערישע בײַלאַגעס—200

נאָטיצן אויפן קאַלענדאַר (יוביליי=דאַטעס)—581

מאַטעריאַלן פאַרן לעקסיקאָן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור—230

נאָטיצן אין דער רובריק „טשיקאַווע"—43

פובליקאַציעס פונעם ציקל „פרײַלעכע שורעס"—אין 32 נומערן פונעם זשורנאַל.

ווינגלדער מיט נאָטן—107

רעזומע—אין 27 נומערן פונעם זשורנאַל.

▲ ▲ ▲

ווערק פֿון אונדזערע לייענער

אָפּגעבנדיק קאָוועד אונדזערע לייענער, עפֿענען מיר דעם 200־סטן נומער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ מיט אַן אויסוואַל פֿון ווערק, וועלכע זיי האָבן אונדז צוגעשיקט.

לעאָניד בערנשטיין, וויקטאָר קאָנדראַטענקאָ

קיִעוו

דער שוואַרצער זומפּ

— אַיך בין געקומען אײַך זאָגן, אַז מע׳ל איז געבליבן בלויז אויף איין וואָך, — האָט זיך געווענדט צו מיר יעווסטאַפֿי יעגאָראָוויטש שאַלטיס, — דער אָטריאַד ווערט מיט יעדן טאָג גרעסער...

— וואָס לייגסטו פֿאָר? דו ביסט דאָך דער ברויטגעבער, האָסטו מיסטאָמע עפּעס צוגעטראַכט.

— איך פֿאַרשפּאָר צוטראַכטן. לויט די ידיעות פֿון דער אויסשפּירונג קאָן מען נעמען מעל בא די דײַטשן. אין האָראָדישטשע זײַנען פֿאַראַן מענטשן, וועלכע וועלן העלפֿן.

— דו ביסט גערעכט, יעווסטאַפֿי יעגאָראָוויטש, — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר פֿון אָטריאַד גאָריאַטשי, — אויב קיין פּראָדוקטן זײַנען ניטאָ, דאַרף מען וואָס גיכער זיי באַקומען. מיר האָבן שוין די זאַך באַטראַכט און באַשלאָסן דורכפֿירן איינצײַטיק דרײַ אָפּעראַציעס. האָראָדישטשע נעם איך אויף זיך. אין דער גרופּע, מיט וועלכער עס פֿירט אָן פּאַוולאָ ציפּליוק, זײַנען פֿאַראַן אײַנוווינער פֿון מליִעוו, און דאָרט אַרבעט די מיל קײַלעכיקע מעסלעסן, זאָל ער זיך אַרײַנכאַפּן אַהין מיט זײַנע כוורע און אָנשיטן די זעק פֿון די פּאַרטיזאַנער מיט מעל. נו, און דו, — האָט געזאָגט צו מיר גאָריאַטשי, — דו, דער שעף פֿונעם שטאַב, נעם אונטער דײַן פֿליגעלע באַלאַקלייע. דאָרט ווילדעוועט דער שעף פֿון דער היגער פּאָליציי. זאָל אונדזער „יאַם־גײַסט“, דער באַלטיִעץ איוואַן צאַרענקאָ, באַפֿרײַען באַלאַקלייע פֿון אָט דעם עסעסאָווישן קעלעוו.

באַקומען די דאָזיקע פֿאַראָרדענונג פֿונעם קאָמאַנדיר, האָב איך גענומען זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן אין דער קאַרטע. איך האָב לאַנג געקוקט אויפֿן קליינעם פּינטעלע, וואָס אויף דער קאַרטע. אָט דאָס איז באַלאַקלייע...

דער זיקאָרן איז אויפֿגעוואַכט געוואָרן און געבראַכט די פֿאַרגאַנגענהײַט: הינטערן פֿענצטער האָבן זיך דערהערט טריט. אין דער טיר קלאַפּט מען מיט די קאָלבעס פֿון ביקסן: „עפֿנט, פּאָליציי!“ די פּאָליציי האָט איבערגעקערט אָרע־קאָרע כאָמענקאָס כאַטע, און איך בין געלעגן אויפֿן אויוון און אויף מיר — אַ קרעכצנדיקע קראַנקע אַלטיטשקע — מײַן רעטערין. אינמיטן דער שטוב שטייט דער באַלעבאָס, צו וועלכן עס לאַשטשעט זיך זײַן זונעלע, דאָס יאַטל וואָלאָדיע...

די דאָקומענטאַלע דערציילונג „דער שוואַרצער זומפּ“ האָט אָנגעשריבן דער געוועזענער קאָמאַנדיר פֿונעם פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד אויף פֿאָזשאַרסקיס נאָמען לעאָניד בערנשטיין צוזאַמען מיטן קיִעווער שרײַבער וויקטאָר קאָנדראַטענקאָ, וואָס איז בײַס דער מלחמה געווען אַ ליטעראַרישער קאָרעספּאָנדענט.

...באנאכט האָט זיך אומגעקערט די אויסשפּירונג פון באַלאַקלייע. מיר האָבן זיך פאַר־זאַמלט אין ערדשטיבל.

— איצט איז אַלץ קלאָר, — האָט געזאָגט דאַנילטשענקאָ, — קיין דײַטשן זײַנען אין באַ־לאַקלייע ניטאָ. די היגע כאַווירים דערציילן, אַז באַלד ווי עס ווערט טונקל זעט מען זעלטן־ווען אַ פּאָליציימאַן באַם טײַך סערעבריאַנקע. דעם יִשוּוו לעבן וואַלד היטן זיי קימאַט ניט. זעלטן־ווען באַווײַזט זיך באַנאַכט אַ רײַטער־קאָנוואָי, צאַקעט דורך איבערן שאָסיי און פליט גלײַך אַוועק איבער דער בריק. אָבער דאָרט, פון יענער זײַט טײַך, לאָזט די פּאָליציי קיינעם ניט לעבן, זיי מאַכן אָבלאַוועס, האַלטן יעדער אײַנוווינער מאַמעש פאַרן גאָרגל. נאָך איין זאַך איז קלאָר געוואָרן. פאַרנאַכט קומט דער שעף פון דער פּאָליציי אַהיים עסן וועטשערע. לאַנג פאַרהאַלט ער זיך ניט. מע וועט דאַרפן אַף אים דאָרט צוּוואַרטן.

— דאַנטשענקאָ האָט פּראָדוקטן צוגעגרייט, ער וואַרט אַף וועגענער, — האָט צוגעגעבן איוואַן צאַרענקאָ.

אַפן אַנדערן טאָג, ווי נאָר ס'האָט גענומען טונקל ווערן, איז אונדזער פּאַרטיזאַנישע גרו־פּע אַרײַנגעטראָטן אין באַלאַקלייע. איוואַן צאַרענקאָ האָט מיט פינף פּאַרטיזאַנער זיך געלאָזט צום הויז פונעם שעף פון דער פּאָליציי, און איוואַן גאָדזשענקאָ האָט מיט צוויי קוילנוואַרפערס, אַף יעדן פאַל, פאַרנומען אַ פּאָזיציע לעבן דער בריק איבער דער סערעבריאַנקע. די פּאַרטיזאַ־נער האָבן זיך צעשאָטן, באַהאַלטן זיך הינטער די פּלויטן. איך מיט אימאַסן זײַנען אַרײַנגע־גאַנגען צום לערער סערגיי סעמיאָנאָוויטש דאַנטשענקאָ.

אונדז האָט באַגעגנט אַ קרעפּטיקער, רוּיִקער מענטש. ער האָט געפרעגט:

— מירן אַנלאָדן?

— די וועגענער זײַנען געקומען, — האָב איך געענטפערט.

— איר זײַנט אין באַלאַקלייע דאָס ערשטע מאָל? — האָט געפרעגט דאַנטשענקאָ.

— ניין, אין איין־און־פערציקסטן איז באַ מיר דאָ געווען אַ געשיכטע...

— פּיאָטער כאָמענקאָ קענט איר?

— כאָמענקאָ! ער איז מײַן אַקטיווסטער מיטהעלפער.

— כ'וואָלט אים געוואָלט זען.

— אָט וועלן מיר אָפּשיקן די וועגענער וועלן מיר צוגיין צו אים. ס'איז ניט ווײַט.

אין דער צײַט, ווען מע האָט אָנגעלאָדן די וועגענער מיט די זעק, איז געקומען צו לויפן דער פאַרבינדלער.

— כאַוער נאַטששטאַב! ס'האָט אונדז אָפּגעגליקט! צאַרענקאָ האָט געכאַפּט דעם באַלאַ־קלייער הויפּט־פּאָליציי. אין דער היים האָט ער אים אַרײַנגעכאַפּט, ווי אַ פויגל אין אַ נעץ. גענומען אים אָן איין שאָס.

— וווּ זשע איז דער פויגל?

— שוין אין וואַלד, אונטער אַ וואַך. ווען מיר האָבן אים פאַרבונדן די הענט, האָט זײַן ווײַב געזאָגט: „נעמט דעם אויסוואָרף. ניט ווייניק בלוט האָט ער פאַרגאָסן״. איר פאַרשטייט! אַפילו די אייגענע האָבן זיך אים פון אָפּגעקערט.

„אַ שטילע אָפּעראַציע״, — האָב איך אַ קלער געטאָן, — ווען פינף וועגענער מיט פּראָדוקטן האָבן זיך געלאָזט צוריק אין וואַלד אַרײַן. צוויי פורן האָב איך באַשלאָסן לאָזן אין רעזערוו, ביז די גאַנצע גרופּע וועט זיך פאַרזאַמלען. און דאַנטשענקאָ האָט מיך אונטערגעצײַלט.

— קומט צו כאָמענקאָן, קומט.

און אָט איז כאָמענקאָס כאַטע, דער הויף... איך דערקען דעם דאַך פון דער שטאַל, וועלכע איך האָב צורעכט געמאַכט. פון דאָרטן האָבן מיר צוזאַמען מיטן באַלעבאָס' ייִנגל געלאָזט „שלאַנגען״. און דאָרט, הינטער דער שטאַל, ציט זיך דער גאָרטן מיטן דינעם שטעגעלע, וואָס פירט אין וואַלד אַרײַן. ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט באַלאַקלייע, אין איין־און־פערציקסטן יאָר האָב איך זיך געלאָזט מיט אָט דעם שטעגעלע גיין, אַליין ניט וויסנדיק וווּהין.

דאָס הויף־הינטל איז, קלינגענדיק מיט דער קייט, אַרויסגעשפּרונגען פון דער בודקע, עטלעכע מאָל אַ ביל געטאָן, און פּלוצעם דערקענט מיך און זיך אַ לאָז געטאָן אַנטקעגן מיט אַ פריילעכן געהויל. איך האָב נאָך געדענקט, וויאַזוי מע דאַרף אַ קוועטש טאָן אַף דער פּרענ־טע, אַז זי זאָל זיך שטיל עפענען. דערנאָך האָב איך אַ צי געטאָן באַ דעם שטריקעלע, וואָס איז אָנגעסמיקעט געווען מיט וואַקס, און געעפנט דאָס קייטל. מיר זײַנען אומגעריכט אַרײַן אין־דער כאַטע און געבליבן שטיין באַ דער שוועל.

אַ פאַרוווּנדערטער, האָט דער באַלעבאָס פון דער שטוב אַרויסגעלאָזט דעם לעפל פון דער האַנט און אופמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין מײַן פּאָנעם. דעם באַלעבאָס׳ ייִנגל, איז אַראָפּגע־

שפּרונגען פון דער לעזשאַנקע, ווי א ווינט דורכגעפלויגן דעם צימער און געבליבן הענגען מיר אפן האלדז...

— מאמע, טו א קוק, ווער ס׳איז צו אונדז געקומען? דער מענטש, וועלכן מיר האָבן גע־ראַטעוועט.

פּיאָטער אַפּאַנאַסאָוויטש איז אופגעשפּרונגען פון אָרט, מיטן פּוס אָפּגערוקט די שווערע טאַבורעטקע און גענומען מיט זײַן געדיכטן באַס אָפּגעבן פאַראַרדענונגען.

— דו זעסט, ווער ס׳איז צו אונדז געקומען?! שטעל אפן טיש אלץ, וואָס ס׳איז פאַראַן — געקאָכטס און געבראָטנס.

— אָט שוין, פּעטראַ, די מינוט, — האָט זיך געהערט פונעם שכייניש צימער.

— און איך האָב דיך גלײַך דערקענט, — האָט די אלטע, וואָס איז געלעגן אפן אויוון, געזאָגט. — ביסט אלץ אזוי אויסגעמאָגערט ווי דו ביסט געווען.

איך האָב א קוש געטאָן די אויסגעטריקנטע האנט פון דער אלטער.

— זײַ מיר מויכל, פּעטראַ, וואָס איך נעם אים צו, מיר זײַנען פאַרנומען. דו הערסט, ווי עס רוישט דער שליאַך? עפּעס געפעלט עס מיר ניט, — האָט פון הינטער מײַן פּלייצע געזאָגט דאַנטשענקאָ.

— אפילע צום טיש זיך ניט צוגעזעצט, — האָט א פאַרלוירענער געקוקט אף אונדז דער באַלעבאָס.

מיר האָבן באַצײַטנס פאַרלאָזט די שטוב. אפן שאָסיי האָבן גערירשט מאָטאָרן, עס האָבן געפינקלט מאַשין־פאַרעס.

— סערגיי סעמיאָנאָוויטש, עפּשער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אז מיר האָבן געכאַפּט דעם שעף פון פּאָליציי?

— איך מיין, אז ניט דאָס. זיי זײַנען געקומען אף נאַכטלעגער.

— אויב אזוי, וועלן מיר זיי אָנלערנען.

— איר ווייסט דאָך ניט, וויפל עס זײַנען געקומען.

— זיי ווייסן דאָך אויך ניט, וויפל מיר זײַנען.

— די דײַטשן וועלן נעכטיקן אף דער סערעבריאַנקע, אהער וועלן זיי ניט קריכן.

נאָר דאַנטשענקאָ האָט א טאָעס געהאַט. די מאַשינעס האָבן פאַרקערעוועט פונעם שאָסיי, די שײַן פון די פאַרעס האָט זיך באַוועגט איבער דער בריק. איך האָב געשיקט א פאַרבינד־לער צו איוואַן גאָדזשענקאָ מיט א באַפעל, אז יענער זאָל דורכלאָזן די ניט געבעטענע געסט, זיך פאַרטײַען און ניט נעמען שיסן, ביז אונדזער גרופּע וועט ניט אָנהייבן קיין שלאַכט.

צו פריער פון אלץ האָב איך געהאָפט, אז אונדז וועט מיטהעלפן די פּראַקטיק פון פירן נאַכטיקע געשלעגן, געהאָפט אף דער געניטקײַט פון די פּאַרטיזאַנער זיך אָריִענטירן אין דער געדיכטעניש פון באַפעלקערטע פונקטן. דער אומגעריכטער אָנפאַל האָט אונדז געהאָלפן ארויסרופן א פּאַניק צווישן די היטלעריסטן. אָבער מילכאָמע איז מילכאָמע, זי טראָגט שטענ־דיק אונטער סיורפּריזן. מיר האָבן זיך געריכט אָנטרעפן אף א שיסער־טייל, נאָר אף דער בריק האָבן זיך באַוויזן בראָנירטע מאַשינעס, נאָך זיי האָבן דורכגעהילכט עטלעכע טאַנקען, און ערשט צום סאָף האָבן גענומען גיין לאַסטמאַשינעס מיט אינפאַנטעריע.

— כאָוועך קאָמאַנדיר, ביז ס׳איז נאָך פאַראַן א מעגלעכקײַט, דאַרף מען אָפּטרעטן...

— מירן נאָך זען, — האָב איך איבערגעשלאָגן דעם אייצעגעבער, — דער וואַלד געפינט זיך אין עטלעכע שפּאַן פון אונדז.

די גאַס איז פול געוואָרן מיטן געהויל פון מאָטאָרן, און די הויפן — מיט ווילדן בילערײַ פון הינט. א טומל, א געשריי. טופּעניש פון פיס. די געקומענע היטלעריסטן האָבן זיך פאַרלאָזט אף די בראָנירטע מאַשינעס און אף די טאַנקען, און דעריבער זיך געפירט ביז גאָר זאָרגלאָז.

אפן וועג האָבן זיך באַוויזן צוויי היטלעריסטן מיט קאַראַבינען אף די אַקסלען. ווי נאָר זיי זײַנען צוגעקומען צו אונדז, זײַנען מיר ארויסגעשפּרונגען פון הינטער דעם פּלויט, זיי אנטוואָפנט און ארײַנגעשלעפּט אין א שײַער.

די פאַרהאַלטענע זײַנען געווען פּאַטרולן. אימאַס האָט אפּגיך זיי פאַרהערט. ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן, אז אף נאַכטלעגער זײַנען געקומען די עקיפּאַזשן פון צען בראָנירטע מאַשינעס און פיר טאַנקען פון דער עסעס־דיוויזיע „וויקינג", און אף די פּראַכט־אויטאָמאַבילן געפינט זיך דער רעזערוו פאַר טאַנקעווע עקיפּאַזשן — צוויי הונדערט סאָלדאַטן און אָפיצערן.

פון די איבערגעשראָקענע פּאַטרולן האָבן מיר זיך דערוווּסט די פּאַראָלן. זיי האָבן גע־וווּסט, ווו עס געפינט זיך דער שטאַב פון דער מאַרשעווער טייל, און בא אונדז איז אופגע־שוווּמען א דרייסטער געדאַנק אים פאַרכאַפּן שטילערהייט.

די פּאַטרולן האָבן געהאַרכזאַם אוועקגעפירט אונדזער גרופּע צום שטאַב. אימאַס האָט זיי געזאָגט:

— ווי נאָר עס וועט באַם שטאַב אַ רוף טאָן אײַך דער פּאַטרול און פרעגן דעם פּאַראָל, זאָלט איר גלײַך ענטפערן, דערפאַר וועט איר בלײַבן לעבן.

לעבן שטאַב האָבן די פּאַרעס פון אַ לײַכטן אווטאָמאָביל באַלויכטן צוויי טאַנקען. זיי זײַנען געשטאַנען מיט אָפענע ליוקן. די טאַנקיסטן האָבן געטאַסקעט אין שטוב אַרײַן קאָלדרעס און שווערע רענצלעך, באַדעקטע מיט פוטער.

דער פּאַטרול, וואָס איז געשטאַנען אָפן גאַנעק, האָט געפרעגט דעם פּאַראָל. אימאַס האָט אַ שטויס געטאָן אין דער פּלייצע די געפאַנגענע, ס'הייסט, ענטפערט! נאָר יענע זײַנען, ווי שטום געוואָרן און פלוצעם אַ פאַל געגעבן אויף דער ערד. אפן גאַנעק האָבן אַ ליאַזגע געטאָן די שלעסער פון די אווטאָמאַטן און מיכאַיל אימאַס האָט געמוזט אַרויסלאָזן אַן אווטאָמאַטן־רײ.

און דאָ האָבן אַ זעץ געטאָן אין די דײַטשן אונדזערע האַנט־קוילנוואַרפער. די לאַסטמאַשינעס, די ליוקן פון די אָפענע טאַנקען און בראַנירטע מאַשינעס האָבן מיר באַוואָרפן מיט גראַנאַטעס, באַם טײַך סערעבריאַנקע האָט צווישן די דײַטשן זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע פּאַניק. זיי האָבן פאַרלאָזט די מאַשינעס און די טאַנקען. זיי זײַנען אַרויסגעשפּרונגען פון די טירן און פענצטער און אונטער דעם געהויל פון די אווטאָמאַטן געשפּרונגען איבער די פּלויטן און מיט געשרייען זיך געלאָזט לויפן צו דער בריק, זיך געסטאַרעט וואָס שנעלער אַרויסשפּרינגען אָפן שאָסיי. נאָר גלײַך ווי אויף דער בריק האָט זיך דערהערט דאָס טאָפּטשען פון שטיוול, האָבן פון דער באַהעלטעניש געגומען שטעפן איוואַן גאַדזשענקאָס קוילנוואַרפער. די פּאַרטיזאַנער האָבן אויסגעקליבן דעם סאַמע געלינגסטן מאָמענט אויף צו פאַרניכטן די אָפּטרעטנדיקע היטלעריסטן, און ניט קיין סאַך איז געלונגען אַריבער די שמאָלינקע הילצערנע בריק, וואָס איז אַריבערגעוואָרפן געוואָרן איבערן טײַכל סערעבריאַנקע.

די גאַנצע צאָפּנדיקע פאַרשטאָט פון באַלאַקלייע איז געווען באַ אונדז אין די הענט, מיר האָבן אונטערגעצונדן די מאַשינעס, אָנגעלאָדן אויף די וועגענער קעסטלעך מיט האַנט־גראַנאַטעס, פאַרכאַפּט מיט זיך פינף קוילנוואַרפער און זיך אוועקגעלאָזט אין וואַלד.

אין דער זעלבער נאַכט האָט פּאָוועל אַנטאָנאָוויטש ציפּליוק געבראַכט פון מלינעוו אַן אָבאַז מיט טראָפּיינער מעל. נאָר נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג האָט זיך דערשלאָגן גאַריאַטשיס גרופּע. די קאָמיוגיסטקע נאַדיעזשדאַ אָכרימענקאָ האָט באַקומען יעדיעס ניט נאָר וועגן דער צאָל פונעם האַראַדישטשער גאַרניזאָן, נאָר זי האָט אויך פּינקטלעך אָנגעוויזן די פּאַרטיזאַנער די דיסלאָקאַציע פון די פײַנטלעכע פּאָסטנס און איבערגעגעבן דעם פּאַראָל. באַנאַכט איז גאַריאַטשי מיט זײַן גרופּע אַרײַן אין שטאָט און צעשמעטערט דעם גאַרניזאָן. צווישן די פּילצאָליקע טראָפּייען איז געווען אפילו אַ ראַדיאָסטאַנציע.

נאָך די דאָזיקע אָפּעראַציעס איז שאָלטיס געוואָרן שטאָלץ באַ זיך. לויט די סאַמע בערעכדיקע כעזשבוינעס האָט ער איצט געקאָנט באַזאָרגן מיט ברויט דעם אָטריאַד ביז פרילינג.

נאָר אינגיכן איז די פרייד פאַרומערט געוואָרן. אין אָטריאַד האָט מען זיך דערוווּסט, אַז נאַדיע איז אומגעקומען. אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וווּ זי האָט געאַרבעט, האָט מען געגונמען איר נאָכשפּירן. זי האָט פאַרשטאַנען: מע דאַרף אַנטלויפן. איר האָט זיך אײַנגעגעבן דערקלײַבן זיך ביזן דאָרף בודאַ־אָרלאָוועצקי. אָט איז שוין נאָענט דער פּאַרטיזאַנישער וואַלד, מע זעט אים שוין, נאָר עס פאַרפאָלגן זי געסטאַפּאָווצעס. מע גייט איר נאָך טראָט נאָך טראָט. זי פאַרגיכערט דעם גאַנג, לויפט איבער די בערגלעך, איבער די הרודעס. אַ פלינקע, אַ שטאַרקע, לויפט זי אַלץ פאָרויס, פאָרויס. און דער נאַקעטער וואַלד איז אַלץ נעענטער און נעענטער. זי קוקט זיך אום: די היטלעריסטן זײַנען אָפּגעשטאַנען. קעדיי ס'זאָל גרינגער זײַן צו לויפן, וואַרפט זי אַראָפּ די שינעל, נעמט אַראָפּ דעם וואַטניק. זי איז דאָך געווען דער טשעמפּיאָן צווישן די לויפערס באַ זיך אין האַראַדישטשע. נאַדיע גייט אוועק פון די פאַרפאָלגער, נאָר פון דער קויל האָט זי אַנטלויפן ניט געקאָנט. ס'האָט זי אַ ביס געטאָן די פאַרשאָלטענע קויל אין פוס און פאַרהאַלטן איר געלויף. און דער וואַלד איז געוואָרן אַן אײדעס פון נאַדיעס טראַגישן טויט. זי האָט ניט געבעטן קיין דערבאַרעמונג, ווען מע האָט זי געשטאָכן, געשניטן פון איר שטיקער, געטאָפּטשעט זי מיט די פיס, געשלאָגן זי מיט געקאָוועטע שטיוול. נאָר אויך דאָס איז וויניק געווען די היטלעריסטן. זיי האָבן דורכגעלעכערט מיט קוילן איר טויטן קערפּער.

און פון באַלאַקלייע האָט דער לערער דאַנטשענקאָ צוגעשיקט ליובע מישטשענקאָ. פון איר האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן פאַרברענט צוויי טאַנקען, צען לאַסטמאַשינעס,

קאליע געמאכט פיר בראַנעוויקעס און געהאַרגעט העכער א מייע היטלערישע טאַנקיסטן פון דער עסעס־דיוויזיע „וויקינג".

ליובע האָט זיך שטארק געכידעשט, ווען זי האָט אף דער שוועל פון דעם שטאַבס ערדשטיבל דערזען איר כאַוועדטע ווערע שעסטענקאָ.

— איך האָב זייער געוויילט צו אײַך, — האָט ווערע געזאָגט, אַפּטרייסלענדיק דעם שניי פונעם טיכל. — דאַנטשענקאָ האָט מיך געשיקט אײַך וואָרענען, אַז אין באַלאַקלייע איז געקומען אַף מאַשינעס דײַטשישע אינפאַנטעריע. סערגיי סעמיאָנאָוויטשן האָט זיך אײַנגעגעבן דערוויסן א וויכטיקן סאָד: די היטלעריסטן גרייטן א גענעראַלע אָבלאַווע אפן וואַלד. אָנגעמערקט איז עס אפן זיבעטן נאָיאַבער, אפן טאָג פון די אָקטיאַבער־פײַערונגען. זיי האָפן טרעפן דעם אָטריאַד אומגעריכט, אים אַראָפּשטויסן פונעם גרעקאָווער באַרג און דערטרינקען אים אין דעם אירדינער זומפּ. דאַנטשענקאָ האָט געבעטן איבערגעבן, אַז די אָבלאַווע וועט דורכפירן דאָס רעגולערע דײַטשישע מיליטער. ער האָט מוירע געהאַט, אַז איך וועל פאַרגעסן דאָס וואָרט „רעגולערע", נאָר איך האָב אַלץ אײַנגעכאַזערט ווי עס דאַרף צו זײַן....

נאָך דעם, ווי די פאַרבינדעטע זײַנען אוועקגעגאַנגען, האָט זיך אומגעקערט פון זײַן פאַרגעבונג דער לייטענאַנט ליגין מיט זײַן גרופּע פאַרטיזאַנער און האָט מיטגעטיילט:

— כאַוועד נאַטשטאַב, אפן שאָסיי טשערקאַס—סמעלע האָבן מיר אונטערגעריסן זעקס לאַסטמאַשינעס. עס זײַנען געהאַרגעט פּופציק און פאַרוווּנדעט געוואָרן דרײַסיק היטלערישע סאָלדאַטן און אָפיצערן.

אין דעם ערדשטיבל פון שטאַב איז אַרײַנגעקומען איוואַן קאַבאַטשענקאָ. ער האָט א מידער זיך צוגעזעצט אף דער באַנק און, ווי צווישן אַנדערס, באַמערקט:

— דרײַ קילאָמעטער פון סמעלע האָבן מיר מיט די כעוורע אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג א מיליטער־עשעלאָן. א פײַנע קאַטאַסטראָפע איז פאָרגעקומען — א פאַראָוואָז מיט צוואַנציק פּלאַטפאָרמעס, אָנגעלאָדענע מיט מאַשינעס, זײַנען זיך צעפלויגן ווי די שפּענדלעך. מאָרגן גייען מיר ווידער אַרויס אף דער אײַזנבאַן־ליניע. איך וועל איצט גיין פאַרגרייטן מינעס און א קאַפּל איבערכאַפּן דעם אָטעם.

ווען קאַבאַטשענקאָ איז אוועקגעגאַנגען, האָב איך א טראַכט געטאָן, אַז ביז יאָמטעוו איז געבליבן פינף טעג... ווײַזט אויס, אַז מירן ניט קאָנען אויסמײַדן קיין שרעקלעכע שלאַכט. איך האָב זיך דערמאָנט די באַשיצונג פון דעם קריוואַנסקי באַרג. זיך ווידער פאָרגעשטעלט אַלע אונדזערע דעמלטיקע פאַרדינסטן און פאַרלוסטן. אָנגעצייכנט א צוגאָב־פּלאַן, וויאַזוי צו פאַרטיידיקן דעם גרעקאָווער באַרג, האָב איך זיך געלאָזט צו גאָריאַטשין.

— מע זאָל דערמאָנען די שוויגער. מיר האָבן אָט ערשט מיטן קאָמיסאַר גערעדט וועגן דיר. פאַראַן עפּעס נײַס?

— עס זײַנען געקומען פאַרבינדלער פון באַלאַקלייע.

— עפּעס ביסטו באַומרויִקט. וואָס טוט זיך דאָרט?

— אינעם טאָג פונעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו גרייטן די דײַטשן א גענעראַלע אָבלאַווע אפן וואַלד. איך קלער פאַרשטאַרקן די שוץ אפן גרעקאָווער באַרג.

— איך האָב ניט קעגן, — גאָריאַטשי האָט לאַנגזאַם צעקעמט זײַן טשוב און ווי שטענדיק אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן אף מיר. — און דו האָסט געקלערט, אַז נאָך אונדזער אָנפאַל וועט אַלץ אַדורך שטילערהייט? אַזעלכס איז אומעגלעך. הייב גלײַך אוף די מענטשן און נעמט זיך פאַרשטאַרקן די שוץ.

ביז טיף אין דער נאַכט איז געפירט געוואָרן א פאַרשטאַרקונגס־אַרבעט לעבן באַרג. אף די ערטער, וווּ עס האָבן געקענט דורכדרינגען טאַנקען, זײַנען געשטעלט געוואָרן צוגאָבמינעס, עס איז אויסגעגראָבן געוואָרן א נעץ פון שטאַרק פאַרמאַסקירטע אָקאָפּעס און פאַרבינדונגס־וועגן. עס זײַנען צוגעגרייט געוואָרן פאַסטקעס פאַר דער אינפאַנטעריע, גראַנאַטעס... דער באַרג איז געווען ניט שלעכט באַוואָרנט, נאָר לויטן שטעך איז ער געווען אף א סאַך גרעסער פונעם קריוואַנער באַרג. ער איז געווען העכער. עמעס, אפן קריוואַנער באַרג איז געווען גרינגער צו האַלטן די שוץ צוליב דעם הויכן וואַל, וועלכן די אוראַלטע גריכן האָבן אָנגעשאָטן. אָבער די וועגן זײַנען אהין צוגעטראָטן האַרט צו די פּאָזיציעס. דער קעגנער האָט געקאָנט וואַרפן אין שלאַכט טאַנקען און שטורמעווען דעם פאַרפעסטיקטן הויכפּונקט אין אַלע ריכטונגען.

אין היגן וואַלד האָבן די וועגן זיך געפונען אין א זײַט פון דעם גרעקאָווער באַרג. באַם צופוסנס פונעם באַרג האָבן די האַרבסטיקע רעגנס פאַרוואַנדלט די נידער אין א בלאָטע. פון צאָפן־מײַרעוו האָט דעם גרעקאָווער באַרג באַשיצט דער אירדינער זומפּ. וועגן דעם דאָזיקן זומפּ האָב איך געקלערט מיט אומרו. דער זומפּ האָט באַשיצט אונדזער טיל. ער האָט

געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָל אין אונדזער שוץ, נאָר אַט דער פאַרבינדעטער האָט געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שרעקלעכן סוינע. אויב די היטלעריסטן וועלן פאַרכאַפּן דעם באַרג, וואָרט אַף אונדז אַן אומפאַרמײַדלעכער טויט אין זומפּ.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָב איך אַרויסגעזאָגט גאַריאַטשין. ער האָט ניט געײַלט מיט קיין ענטפער. ער האָט לאַנג און שווײַגנדיק געקוקט אַף דער קאַרטע. פאַררייכערט אַ ציגאַר, האָט ער געזאָגט:

— איך בין זיכער, אַז די נאָענטסטע טעג וועט די רויטע אַרמיי פאַרסירן דעם דניעפּער אינעם ראַיאָן פון טשערקאַס און אונדז וועט גלײַך ווערן לײַכטער.

— און אויב דער סוינע וועט אין אַקטיאַבער־יאָמטעוו אונדז אַטאַקירן מיט שטאַרקע קרעפטן און וועט אַראָפּרײַסן אונדזער שוץ אַפן גרעקאָווער באַרג, וואָס וועט דעמלט זײַן?

— מיר זײַנען דאָך אַף דעם קריוואַנער באַרג אַרויסגעקראָכן פון דער אַרומרינגלונג. אויב ס׳וועט שווער זײַן אַפן גרעקאָווער באַרג, וועלן מיר זיך לאָזן פאַררייניקן מיט פּאַליאַכעס אָטריאַד און מיט די דעסאַנטניקעס פונעם פּאָלקאָווניק סידאָרטשוק.

— אַפן קריוואַנער באַרג איז געווען אַן אַנדער וואַלד. יעדער גרינער קוסט האָט אונדז אויסבאַהאַלטן. דאָ זעט מען אַלץ אַף דורך־און־דורך.

— דאָס איז ריכטיק. אָט וואָס, בעט, עס זאָלן צו מיר קומען די לעסניקעס קאָוואַל און מיראָשניטשענקאָ. לאָמיר הערן, וואָס זיי וועלן זאָגן וועגן דעם זומפּ.

דער וואַלד־אופזעער קאָוואַל האָט דערציילט:

— אַלטע לײַט זאָגן: „באַ אײַך הייסט דער זומפּ אירדינקאַ, און באַ אונדז — טיטשקאָ — אַ טײַכל אַ קליינס, נאָך דעם אַ בלאָטע, ניט דורכצוגיין, ניט דורכצושפּאַנען“.

דער וואַלד־אופזעער מיראָשניטשענקאָ האָט צוגעגעבן:

— און איך האָב פונעם זיידן געהערט: „אונדזער אירדינקאַ האָט צוויי העלפטן“. דאָס איז ריכטיק. ווען איך האָב זיך באַקענט מיטן טײַכל, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אירדין טיילט זיך אַף גלײַכע צוויי טיילן: איינער פליסט צום טיאַסמין, און דער צווייטער צום דניעפּער. און אָט דיביידע טיילן בילדן אויס דעם זומפּ, וואָס ציט זיך אַף גאַנצע פופציק קילאָמעטער. אַפילו אין די סאַמע שטאַרקע פרעסט עטעמט די בלאָטע.

— פאַרסירן קאָן מען זי? דורכלייגן אַ שטעג פון לעבן, אַזאַ, אַז נאָר אַ מענטש און אַ פערד זאָלן דורכגיין.

— ניין, קאָמאַנדיר, אַ פערד וועט דערפילן די געפאַר און וועט זיך פאַראַקשענען, עס וועט ניט גיין. די קלאָדקע וועט זיך וויגן, ווי אַף פּרוזשינעס, זי וועט באַדעקן זיך מיט אײַז און ווערן גליטשיק.

— אַף דורכצולייגן אַ קלאָדקע דאַרף מען האָבן אַן אינזשעניער. און אָן די כעוורע־סאַפּיאָרן קאָן מען זיך אויך ניט באַגיין, — האָט באַמערקט מיראָשניטשענקאָ.

— אַ דאַנק אײַך, טײַערע פרײַנט, פאַר אַ גוטער אייצע. מיר וועלן דאָ אַלץ באַטראַכטן, און איר, — האָט ער זיך געווענדט צו די לעסניקעס, — לאָזט זיך אַראָפּ צום טײַך און קלײַבט אויס אַן אָרט פאַר דער צוקינפטיקער קלאָדקע, — האָט געזאָגט גאַריאַטשי.

איך האָב אָנגעשטרענגט דעם זיקאָרן, געוואָלט זיך דערמאָנען, ווער פון אונדזערע מענטשן איז אַ בוי־אינזשעניער און ווייסט גוט דעם פאַך פון אַ סאַפּיאָר. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אין מײַן נאָטיץ־ביכל און גלײַך זיך אָנגעשטויסן אַף דער פאַמיליע קאַראַבאָווסקי. פיאָדאָר קאַראַבאָווסקי איז געווען דער מענטש, וואָס מיר האָבן געדאַרפט. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער געווער־מײַסטער, קוים ווערט קאַליע אַ קוילנוואַרפער, וואַקסט באַלד אויס קאַראַבאָווסקי. עס פלעגט טרעפן, אַז ער האָט זיך נאָר צוגערירט צו אים, און דער קוילנוואַרפער האָט באַלד ווידער געגומען שטעפּן. ניין, מיט אָט דעם מענטשן טאָר מען זיך ניט צעשיידן, נאָר אָט גריגאָרי פּאָנאָמאַרענקאָ און דער עלטערער לייטענאַנט ניקולין וועלן זיך אויסטויגן פאַר דעם דאָזיקן איניען.

— ניקולין איז אַ מיליטער־אינזשעניער, ער האָט אַמאָל קאָמאַנדעוועט מיט אַ סאַפּיאָר־באַטאַליאָן, — האָב איך געענטפערט גאַריאַטשין און פאַרמאַכט דאָס נאָטיץ־ביכל.

— גוט, — האָט גאַריאַטשי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — אָט וואָס: שטעל צו צו אים אַ מענטשן פופציק און זאָלן זיי אָנהייבן דורכלייגן אַ שטעג.

אין אַ שאָ אַרום האָבן ניקולין און פּאָנאָמאַרענקאָ אוועקגעריטן צום צערוזנירטן שפּיטאָל. זיי האָבן זיך אומגעקערט און געפאָדערט וועגענער אַף צו ברענגען צו דעם זומפּ די ברעטער, וועלכע זיי האָבן געפונען. די לעסניקעס האָבן צו פאַרנאַכט־צו פאַרפּינקטלעכט דאָס אָרט פון דער קלאָדקע און אַהין האָט ניקולין אָנגעהויבן צופירן בוי־מאַטעריאַל.

ס'איז אונטערגעקומען די צײַט, ווען אונדזער פּאַרטיזאַנישע סטאַנציע האָט געדאַרפט אַרויס אין עפיר. פון אַ ווײַטער אויסשפּירונג האָבן זיך אומגעקערט אַלעקסאַנדראַ וואָוטשיק און זשעניע נאָוויקאָווא. די דאָזיקע מיידלעך האָבן געמאַכט אַ רײַזע מיט דער אײַזנבאַן אין באַזונדערע ראַיאָנען. זיי האָט זיך אײַנגעגעבן בײַקומען די שווערינקײַטן אין וועג און באַקומען ידיעס וועגן קעגנער. באַלד נאָך זיי איז אין אָטריאַד געקומען מיכאַיל אימאַס, וואָס האָט באַוויזן צו זײַן אין דער קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר אין קאָנסטאַנטינאָוווקע בײַ פּאַליצײַ קאַרפּ קאַלינטשענקאָ. עס האָט זיך אויך אומגעקערט מיכאַיל דאַנילטשענקאָ, דער דאָזיקער מענטש האָט אויסגעצייכנט געקענט די אומגעגנט פון סמעלע. אים האָט זיך אײַנגעגעבן דורכצוגיין די פּאַליציי־פּאָסטנס, זיך אַרײַנצוכאַפּן אין דער בודקע פון סערגיי קאָסיאַטשענקאָ און באַקומען בײַ אים אָנגאַבן, וועלכע דער דעזשורנע פון דער סטאַנציע פּיאָטער שעווטשענקאָ האָט צונויפגעזאַמלט.

באַקומען זייער וויכטיקע ידיעות, האָב איך אַרויסגערופן דעם ראַדיסט אַנאַטאָלי גוזאַנאָוון און אים געהייסן אַרויסגיין אין עפיר.

— לויט די ידיעות פון דער טיפער פּאַרטיזאַנישער אויסשפּירונג איז פעסטגעשטעלט: אין ראַיאָן פון קיראָוואָגראַד האָט דער קעגנער אײַנגעאָרדנט צוויי פעלד־אַעראָדראָמען, איינער צאָפנדיקער פון נאָוואָניקאָלײַעווקע, אַ צווייטן — צאָפן־מיזרעוודיקער פון דער סטאַנציע קאַנאַטאָווע. אויף די אַעראָדראָמען באַזירן זיך בײַ צוויי הונדערט אַעראָפּלאַנען. מיט צוויי קילאָמעטער צאָפנדיקער פון דער סטאַנציע פּאָמאָשנאַיאַ און מיט צען קילאָמעטער דאָרעם־מיזרעוודיקער פון נאָוואָ־אוקראַינקאַ געפינען זיך סקלאַדן פון געווער אויף אַ שטעטח פון זעקס העקטאַר. קיין קעגנלופטשוץ איז ניטאָ. אַ מעטער צוויי הונדערט צאָפן־מיזרעוודיקער פון דער סטאַנציע אַדאַבאַש געפינט זיך אַ בענזין־סקלאַד אויף אַ שטעטח פון אַ צען העקטאַר. אַלע טאָג ווערן אויסגעלאָדן דרײַ צוגן. קיין זעניט־שוץ איז ניט פאַראַן.

די מאַרזיאַנקע, וואָס איז ענלעך געווען אויף דעם פּיקן פון אַ פּיקהאָלץ, האָט אַוועקגעשיקט פונעם גרעקאָוווער באַרג אויף דער גרויסער ערד אַלץ נײַע און נײַע ידיעות: דרײַ קילאָמעטער צאָפנדיקער פון דער סטאַנציע כיראָווקע און זעקס קילאָמעטער מיזרעוודיקער פון דער סטאַנציע זנאַמענקע זײַנען אויסגעלאָדן געוואָרן הונדערט עשעלאָנען מיט געווער. די זעניט־שוץ באַשטייט פון צען שנעל־שיסנדיקע האַרמאַטן. דער שליסל האָט נאָך איין מאָל אַ קלאַפּ געטאָן, אַ צווייט מאָל און איז שטיל געבליבן. צונויפפליענדיק די ראַדיאָסטאַנציע, האָט גוזאַנאָוו געזאָגט:

— די דײַטשישע לאָקאַטאָרס קאָנען נאָך אונדז פאַרפּעלענגירן.

„דאָס קאָן פאַרגיכערן די אָבלאַווע פון די היטלעריסטן אויף אונדזער לאַגער, נאָר שווײַגן קאָנען מיר ניט״, — האָב איך אַ טראַכט געטאָן.

עס זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען נאָך עטלעכע „שטילע״ טעג. דער פּאַרטיזאַנישער לאַגער האָט געלעבט מיט זײַן געוויינלעך לעבן.

אַ העפטיקע אַרבעט האָט אַנטוויקלט יעווסטאַפּי יעגאָראָוויטש שאָלטיס. עס האָבן געאַרבעט די געווער־וואַרשטאַטן, די שנײַדערס און שוסטערס. די בעקערס האָבן געבאַקן געשמאַק ברויט. שאָלטיסן האָט מען געליבט אויף די פּאַרטיי־ און קאָמיוגישע פאַרזאַמלונגען, איך, דער שעף פון שטאַב, בין געווען צופרידן — אַ מענטש האָט געפונען זײַן באַרוף און אַרויסגעוויזן אַפן ווירטשאַפטלעכן פראַנט זײַנע פייִקײַטן.

ערעוו דעם אָקטיאַבער־יאָמטעוו האָט גאַריאַטשי מיר פאַרגעלייגט כאַפּן אַ קוק אַפן „לעבנס־שטעג״. ס'איז געווען אַ שטילער און ווייכער פרימאָרגן. איבער דעם אירדינער זומפּ פּילט זיך ניט קיין ווינט, עס פאַלן ניט קיין שטעכנדיקע שנייעלעך. ערגעץ ווײַט אין דער טיפעניש זינגען פייגלען און עס הילכן העק. מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פונעם באַרג און זיך אָפּגעשטעלט לעבן אירדין. אינעם טײַך האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שפּיצן פון די דעמבעס און סאָסנעס אַזוי דײַטלעך, אַז מע האָט געזען יעדעס צווײַגעלע. פּלוצעם איז אָנגעפלויגן אַ ווינט, גענומען טרײַבן די וועלן, אַראָפּגעבלאָזן פונעם טײַך דעם וואַלד־געמעל און פאַרוואַנדלט אירדין אין אַ שוואַרצער סטענגע.

די פּאַרטיזאַנער האָבן מיט זייערע פערד געשלעפּט דיביימער צום ראַנד פון וואַלד, אַרומגעהאַקט די צווײַגן און אויף די אַקסלען געטאַסקעט די בערווענעס דורך דעם טשערעט.

דערזען גאַריאַטשין, האָט גריגאָרי פּאָנאָמאַרענקאָ ראַפּאָרטירט:

— מיר דערנענטערן זיך צו דער מיט פונעם זומפּ.

גאַריאַטשי האָט זיך אָנגעכמורעט, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט. ער איז אַרופגעטראָטן אויף דער וואַקלענדיקער קלאָדקע. די בלאָטע האָט געעטעמט מיט נילײַע, וואָס האָט געקרעכצט אונטער די פיס. עס האָבן אופגעציטערט די סטאַרטשענדיקע פּניאָקעס. סערגיי מיראָשניטשענ־

קאָ האָט מיט אַ שטעקן געמאָסטן די טיפקײַט. כאָטש ער, דער לעסניק, האָט דאָ אַלץ גוט געוווּסט, איז ער שוין עטלעכע מאָל אַרײַנגעפאַלן אין דער שוואַרצער שיטעריצע ביז דער ברוסט און מע האָט מיט דער הילף פון שטריק אים אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט. די פעטע טאָרף־זשיזשע האָט גיריק אײַנגעשלונגען בערווענעס, מע האָט געמוזט לאָזן פאַרפאַלן ווערן ניט איין סאָסנע, קעדריי אויסצומײַדן די טיפע בלאָטע, וואָס האָט געוואָלט אײַנשלינגען דאָס הײַפעלע געוואַגטע מענטשן, וואָס האָט זיך איר קעגנגעשטעלט.

מיט פאַרקליאַקנעטע פינגער האָט גאָריאַטשי געפּרוווט פאַרדרייען אַ ציגאַר, נאָר דער ווינט האָט צעבלאָזן די מאַכאָרקע. דער בליק זײַנער האָט זיך פאַרהאַלטן אויפן שטיקל פּאַפּיר: „הער מײַן קאָמאַנדע! — האָט ער פאַר זיך איבערגעלייענט, — ! מירן מאַכן אַ וועג איבער דעם זומפּ“. — אַ פאַרוווּנדעטער, האָט ער פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס פּאַפּירל אויף דער דלאָניע און איבערגעלייענט אויף אַ קאָל: „זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן די שינעלן און געאַרבעט, און דורך די צעריסענע העמדער און הויזן האָבן אַרויסגעקוקט זייערע אָנגעשטרענגטע, שווייסיקע און צעדראַפּעטע לײַבער“. ווער זשע איז דאָס געווען אין אַזאַ לאַגע נאָך ביז אונדז? — האָט גאָריאַטשי געפרעגט און צוגעטראָגן נעענטער צו די אויגן דאָס פּאַפּירל. — „די ערשטע זײַנען דורכגעגאַנגען איבער דעם זומפּ לעווינסאָן און גאָנטשאַרענקאָ“. — דאָס איז דאָך פאַדייעווס „צעקלאַפּט“! מײַן באַליבטער בוך, ווי זשע האָב איך עס גלײַך ניט דערקענט? לעווינסאָן האָט זיך דורכגעריסן דורכן זומפּ, זיך דורכגעשלאָגן דורך דער אַרומרינגלונג פון די ווײַסע, און מיר וועלן זיך אויך אַרויסרײַסן! אומבאַדינגט!

גאָריאַטשי האָט באַפוילן:

— וואַרף אונטער מענטשן אויף אירדין און באַפולמעכטיק פיליפ פעטראָוויטש פּאָכילקאָ זיך שטעלן אין דער שפּיץ פון דער פּערעפּראַווע.

עס איז אונטערגעקומען די פאַר־יאָמטעוודיקע נאַכט. פון קאָפּ איז ניט אַרויסגעקראָכן דאַנטשענקאָס וואָרענונג וועגן דער אָבלאַווע אויפן וואַלד, וועלכע די דײַטשן האָבן אָנגעמערקט אויפן זיבעטן נאָיאַבער. אַ פּרעסטל פון אומרו האָט זיך אַרײַנגעגאַנוועט אין דער נעשאָמע. די אויסשפּירונג און די קאַראַול־דינסט זײַנען געווען אויף דער וואַך. באַנאַכט זײַנען מיר רײַטנדיק, איך, דער קאָמאַנדיר פונעם קאַוואַלעריסטישן עסקאַדראָן אַנדריי קוטשעראַוו און דער פּאָליטרוק מאָניאַקין, אַרומגעפאָרן די ווײַטע קאָרדאָנען און זיך איבערצײַגט, אַז אונדזער וואַך איז אויף דער הייך. דעם זעלבן אויספּיר האָבן אויך געמאַכט גאָריאַטשי און דער קאָמיסאַר זשילין, וואָס האָבן קאָנטראָלירט די וואַך פון די לינקע פלאַנגען.

אַלץ איז, דאַכט זיך, אין אָרדענונג, נאָר דער אומרו וואַקסט. דער סוינע קאָן אָנווענדן ניט קיין געוויינלעכע טאַקטיק — אַטאַקירן דעם פּאַרטיזאַנישן לאַגער באַנאַכט. נאָר דערווײַל איז שטיל... אָך, ווי לאַנג עס ציט זיך די נאַכט, לאַנגזאַם הייבט אָן צו טאָגן. איך הער, ווי עמעצער לויפט, אײַלט זיך. „אָט האָט זיך עס אָנגעהויבן“... איך עפן די אויגן — אין ערדשטיבל שטייט גוזאַנאָוו.

— אַ דערשיטערנדיקע נײַס! — ער קאָן ניט איבערכאַפּן דעם אָטעם פון פרייד צי פון אופרעגונג.

— וואָס פאַר אַ נײַס? מאַטער ניט!

— קיִעוו איז אונדזערער! — דער ראַדיסט האָט אָנגעהויבן טאַנצן. — אונדזערער, אונדזערער!

די נײַס האָט שוין באַוויזן אופהייבן אויף די פיס דעם גאַנצן פּאַרטיזאַנישן אָטריאַד. דער באַרג האָט גענומען רוישן. אינדערלופטן זײַנען געפלויגן די היטלען. דער קאַפּיטאַן זשילין איז אַרופגעשפּרונגען אויף אַ פּניאַק און אָנגעהויבן דעם מיטינג:

— טײַערע פרײַנט, כאַווירים! די פאָן פון זיג איז אופגעהויבן איבער קיִעוו. די באַפרײַונג פון דער אוקראַיִנישער הויפּטשטאָט איז אַ גרויסע יאָמטעוודיקע מאַטאָנע אונדזער סאָוועטיש פאָלק, — זשילין האָט געכאַפּט אַ קוק אין אַ פּאַפּירל און גענומען אָפּטאָקן יעדעס וואָרט, — מיטן אײַנעמען קיִעוו האָט אונדזער מיליטער פאַרכאַפּט אַ וויכטיקן פּלאַצדאַרם אויפן רעכטן ברעג פונעם טײַך דניעפּער, וואָס האָט אַ גראַנדיִעזע באַדײַטונג אויף צו פאַריאָגן די דײַטשן פון דער רעכטברעגיקער אוקראַיִנע.

אויפן שפּיץ פונעם גרעקאָווער באַרג האָבן אָפּגעהילכט די ערשטע שאָסן פון קוילנוואַרפערס. פון אָנפאַנג האָט עס קיינעם ניט באַאומרויִקט.

— אַלע אין שלאַכט! צום געווער!

אויפן באַרג איז רײַטנדיק געקומען צו פליִען פּיאָטער פּאָגאָרעלאָוו און ראַפּאָרטירט:

— די דײַטשן זײַנען אין צוויי קאָלאָנעס אַרויסגעגאַנגען פון באַלאַקלייע... אין יעדער קאָלאָנע צו אַ מענטשן פינף הונדערט... די קרעפטן זײַנען ניט קיין גלײַכע... אונדזער

שלאַכט־וואַך טרעט אַף צום זומפּ און ציט צו זיך צו דעם קעגנער. איוואַן לאַוורינענקאָ בעט אַ קלאַפּ טאָן פונעם רעכטן פלאַנג.

— גיב אים איבער, ער זאָל זיך האַלטן, אָפּטרעטן לאַנגזאַמער. מירן העלפן, — האָט געזאָגט גאַריאַטשי און דער רײַטער איז אוועק.

די היטלעריסטישע פאָדערשטע קייטן האָבן זיך דערנעענטערט צום זומפּיקן פלאַכן ברעג און זיך אָפּגעשטעלט, נאָר באַלד, ווי די אויסשפּירונג האָט באַמערקט שטענג, האָבן די דײַטשן זיך געלאָזט פאָרויס.

די דײַטשן האָבן זיך אַלץ דערנעענטערט. גאַריאַטשי האָט זיך פלינק פאַנאַנדערגעקליבן אין די אומשטענדן. פאָרזעצנדיק צו אָפּטרעטן, האָט אונדזער שלאַכט־באַוואַכונג אויסגעמאַטערט דעם קעגנער. לאַוורינענקאָס וואַנדערנדיקע קוילנוואַרפערס האָבן געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז צום אײַרדינער זומפּ טרעטן אַף די הויפּט־קרעפטן פון די פּאַרטיזאַנער און אָט־אָט וועלן זיי צוגעשפּאַרט ווערן צום ברעג.

גאַריאַטשי האָט באַפוילן דעם קאָמאַנדיר פונעם רײַטער־עסקאַדראָן אַנדריי קוטשעראַוון אַרומגיין די היטלעריסטן און אומגעריכט אַטאַקירן זיי פונעם טיל. אײַנציַיטיק האָט גאַריאַטשי דערלאַנגט אַ קלאַפּ פונעם פלאַנג, און די לאַגע האָט זיך שאַרף געענדערט. די גרענאַדיאָרן, אַנגעטאָנענע אין נײַיִנקע גרינע שינעלן, כוואַטסקע אַרומגעבונדענע מיט קוילן־סטענגעס, האָבן זיך פאַרלוירן און, לאָזנדיק אַפּן שלאַכטפעלד די טויטע און די פאַרוווּנדעטע, זיך געלאָזט מיט די וואַלד־וועגן קיין באַלאַקלייע.

אַ געפאַנגענער סאָלדאַט האָט דערציילט:

— ווען מיר זײַנען אַרויסגעטראָטן פון באַלאַקלייע, האָט דער קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן אונדז פאַרזיכערט, אַז די פּאַרטיזאַנער זײַנען שלעכט באַוואָפנט, אַז ס'וועט גרינג זײַן זיי צעשמעטערן. און איין וואַלד האָט יעדער פּניאַק געטעטמט מיט פּײַער. אײַערע אַקאָפּעס זײַנען אַזוי גוט פאַרמאַסקירט, אַז מע קאָן זיי ניט באַמערקן אַף אַ מעהאַלעך פון צען מעטער.

אַ צווייטער יעפרייטער האָט באַוויזן:

— דעם ציל פון אונדזער אָנגריף האָט דער אָפּיצער אונדז דערקלערט אַזוי: אָפּרײַניקן פון די פּאַרטיזאַנער דעם וואַלד־וועג סמאָלע — טשערקאַס, פאַריאָגן זיי פונעם הויכפּונקט אין דעם וועגלאָזן זומפּ, דאָרט וועלן זיי ניט אופרײַסן אונדזערע מיליטערישע עשעלאָנען.

— אַנו, מישע, פרעג בא אים, וואָס האָט זיי געזאָגט דער קאָמאַנדיר פונעם באַטאַליאָן וועגן די פּאַרטיזאַנער? — האָט גאַריאַטשי זיך געווענדט צו אימאַסן.

— דער באַטאַליאָן־קאָמאַנדיר האָט אָפּט זיי געזאָגט, אַז אַלע כײַעס ווױנען אין וואַלד און די שרעקלעכסטע כײַעס זײַנען די פּאַרטיזאַנער, יעדן געפאַנגענעם פאַרפײַניקן זיי און הענגען אים אויף, — האָט אימאַס איבערגעזעצט דעם ענטפער פונעם סאָלדאַט.

— און דו זאָג אים, מישע, אַז מיר לאָזן זיי אַף אַף דער פרײַ. און נאָך זאָג אים, אַז אין שלאַכט זײַנען מיר טיגערן, און נאָך דער שלאַכט מענטשן מיט נעשאָמעס און מיט געוויסן, זאָלן זיי גיין, און אויב עס וועט בא זיי קלעקן געוואַגטקײַט, זאָלן זיי דערציילן דעם עמעס וועגן די פּאַרטיזאַנער. זאָלן זיי וויסן — די רויטע אַרמיי האָט איבערגעשפּאַנט זייער באַרימטן „מיזרעכדיקן וואַל", האָט פאָרסירט דעם דניעפּער און באַפרײַט קיִעוו. אינגיכן וועט אויך אַף טשערקאַסשינע נעמען אַ סאָף צו די גרינע שינעלן. דו, מישע, זעץ איבער פּינקטלעך.

די דײַטשן האָבן פאַרוווּנדערטע זיך צוגעהערט צו אימאַסעס רייד. זיי זײַנען געשטאַנען אַפּן וואַלד־וועג באַם צופּוסנס פונעם גרעקאָווער באַרג, ווי צווײ פאַרגליווערטע גוילעמס.

דער סאָלדאַט האָט פּלוצעם אופגעהויבן צווײ פינגער און אויסגעשריגן:

— צווײ קליינע קינדער... — דערנאָך האָט ער אַרויסגעכאַפּט פונעם טאַש אַ פּעקל סיגאַרעטן און אויסגעצויגן די האַנט צו די פּאַרטיזאַנער, — ביטע, ביטע!

נאָר גאַריאַטשי האָט אָפּגעשטויסן זײַן האַנט:

— מיר זעען אַליין, אַז איר זײַנט געשלאָגענע. גייט, גייט.

און ווידער זײַנען אָנגעקומען אָנגעשטרענגטע פּאַרטיזאַנישע טעג און נעכט. מיט באַגענטער און ווײַטער אויסשפּירונג, מיט אָנפאַלן אַף פּאָליצייִשע טײַלן, מיט אופרײַסן אײַזנבאַן־ליניעס... די היטלעריסטן האָבן פאַרשטאַרקט די וואַך אין די נאָענטע דערפער, נאָר אין וואַלד זיך ניט באַוויזן. ס'איז שוין געווען דער סאָף פון דעם ערשטן טײַל נאָיאַבער. די אײַנוווינער פונעם גרעקאָווער באַרג האָבן אַרויסגעקוקט אַף אַ פראָסטיקן ווינטער, נאָר קיין פראָסט איז ניט געקומען. אין די נעכט האָבן געבלאָזן וואַרעמע דאָרעמדיקע ווינטן. אַזאַ ווינטער האָבן אין די דערפער ניט געדענקט אפילע די הונדערטיאָריקע זקיינים. אָט כאַפּט אַ פראָסטל, אָט ווערט וואַרעם און עס פאַלט אַ שניי מיט אַ רעגן. באַ די שײַטערס האָבן זיך פאַרזאַמלט די פּאַרטיזאַנישע סינאָפּטיקער און געגנומען כקירען וועגן דעם וועטער. ווי אָנגעשטרענגט עס איז

ניט געווען דאָס לעבן, האָט דאָך עמעצער באַ א שײַטער איבערגעקליבן די סטרונעס פון א גיטארע. עס האָט געקלונגען א הארמאָשקע...

— שעף פונעם שטאב בערנשטיין, דרינגענדיק צום קאָמאנדיר פון אָטריאַד! — איז געפלויגן פון שײַטער צו שײַטער.

איך אײַל צו גאָריאַטשין, און א קלינגענדיק קאָל פון א טענאָר פארגייט זיך:

אין טי־ף פון וואלד־ד גע־הו־ליעט־ט האָט דער שטור־ע־ע־ם...

אין אזא געהויבענער שטימונג האָב איך נאָך קיינמאָל גאָריאַטשין ניט געזען. א רייַנער, אן אויסגעגאָלטער, אין א ווײַס קעלנערל — איז ער ייִנגער געוואָרן אונדזער קאָמאנדיר. אפילע די קנייטשן האָבן זיך אויסגעגלײַכט אפן פאָנעם און אפן שטערן. זײַן שטענדיקער שטרענגער בליק איז איצט געווען א לויטערער, א מונטערער.

— גרייט זיך צו א כאסענע, שעף פון שטאב, און צו זייער א גרויסער... מיט מוזיק וועלן מיר גיין צום דניעפּער. — גאָריאַטשי האָט א פאָכע געטאָן מיט דער אָקאָרשט באקומענער ראַדיאָגראמע. — מיר גייען זיך פארייניקן... לייען.

יעדע שורע פון דער ראַדיאָגראמע האָט פארכאפּט דעם אָטעם. „סאָפּקאָלסאָף האָט זיך דערנעענטערט די צײַט, וועגן וועלכער עס האָט געטרוימט יעדער פארטיזאנער. מיר גייען אנטקעגן דער לײַבלעכער רויטער ארמיי! נאָר ניט נאָר אנטקעגן, מיר דארפן איר העלפן פאָרסירן דעם דניעפּער”. דער שטאב פון דער פארטיזאנישער באוועגונג באַם מיליטער־ראט פונעם 4־טן אוקראַיִנישן פראָנט האָט באפוילן דעם קאָמאנדיר פונעם פארטיזאנישן אָטריאַד אפן נאָמען פון פּאָזשארסקין פאראייניקן זיך מיט די דעסאנטניקעס פונעם פּאָלקאָווניק סידאָרטשוק און מיט פּאַליאָכאס פארטיזאנישן אָטריאַד. מיט אן אומדערווארטן אָנגריף פונעם טיל פארכאפּן דאָס דאָרף סווידיוואָק, פארנעמען דעם פלאצדארם, אים אײַנהאלטן און מיטהעלפן אונדזער מיליטער אריבערגיין אפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער.

— וועלן מיר אָנזאָטלען די פערד?

— זאָל אנדריי קוטשעראָוו צוגרייטן א רײַטער־וואך.

איך בין ארויסגעגאנגען פונעם קאָמאנדירס ערדשטיבל, געכאפּט א קוק אפן גרעקאָווער בארג און מיטאמאָל דערפילט, אז דאָס דאָזיקע שטיקל ערד איז מיר אײַנגעבאקן אין הארצן, אז ס׳איז עפּעס טרויעריק זיך שיידן מיטן וואלד, מיט די פארטיזאנישע שטעגן, מיט די שײַטערס און מיט די ערדשטיבלעך — א שטיק פון לעבן גייט אוועק אין דער פארגאנגענהײַט.

פון אָנפאנג זײַנען די פערד געגאנגען מונטער, נאָר אינגיכן האָבן די צעקוואצעטע וואלד־וועגן זיי אײַנגעמידט. ווען אונדזער קליינע קאוואלקאדע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אין דער נידער, האָבן מיר זיך איבערצײַגט, וואָס עס באטײַט אין די דאָזיקע ערטער די הארבסטיקע סליאָטע. פאר פיר שאָ האָבן מיר אָף אויסגעצייכנטע פערד מיט שווערקײַטן דורכגעמאכט צוואנציק קילאָמעטער און זײַנען אָנגעקומען אפן ק. פּ. פון די דעסאנטניקעס.

באנאנד מיטן פרישן און געזונטן פּאָדפּאָלקאָווניק סידאָרטשוק האָט דער קאָמאנדיר פונעם פארטיזאנישן אָטריאַד, דער געוועזענער סעקרעטאר פונעם טשערקאסער ראַיקאָם פון פּארטיי, סערגיי נאומאָוויטש פּאַליאָכא געמאכט אן אײַנדרוק פון א זאקן. נאָר דער אויסערלעכער אויסזען האָט אונטערגעפירט. דער דאָזיקער מענטש האָט פארמאָגט א שטארקן ווילן, פיל אויסגעהאלטנקײַט.

— האָבן מיר זיך, הייסט עס, דערלעבט, — האָט ער ארומגענומען גאָריאַטשין.

— עס ווילט זיך אזוי קיין טשערקאס, אז דאָס הארץ טוט אזש וויי. וואָס קומט דאָרט פאָר? ווי־אזוי זעט אויס די שטאָט? — האָט געזאָגט פּאַליאָכא.

אויסארבעטן דעם פּלאן פון פארכאפּן דעם פלאצדארם אפן רעכטן ברעג פונעם דניעפּער אינעם ראַיאָן פונעם דאָרף סווידיוואָק האָט געדויערט ניט לאנג. אין א טאָג ארום האָט אונדזער אָטריאַד געדארפט דורכמאכן א מארש און זיך פאראייניקן מיט סידאָרטשוקס דעסאנטניקעס און מיט פּאַליאָכאס פארטיזאנער. דאָס איז פאר אונדז געווען זייער גוט. איצט איז אָפּגעפאלן די נויטווענדיקײַט צו פארענדיקן דעם וועג איבערן זומפּ. הינטער די פּלייצעס פון די דעסאנטניקעס האָט זיך געפונען א זיכערע דאמבע, מיר וואָלטן געקאָנט זיך באנוצן מיט איר, איבערפירן דעם אָבאָז און דאָס גוטס, וואָס מיר האָבן צוגענומען בא די רויבער, — א טאבון פון פּאָראָדיסטע פערד און א גרויסע טשערעדע בעהיימעס.

עס איז אָנגעקומען די נאכט. פון פאָרנט האָבן זיך געשפּרייט די זומפּיקע טאָלן, נאָר מיר האָבן זיך געלאָזט אהיים.

אינדערפרי האָט דער גרעקאָווער בארג אופגעלעבט. די פארטיזאנער האָבן זיך גענומען גרייטן אין וועג ארײַן. נאָר פון די ווײַטע קאָרדאָנען האָבן שוין געיאָגט צום לאגער אויסשפּירער, וואָס האָבן געטראָגן אומרו־יִקע ידיעות:

— אפן לינקן פלאנג האָט דאָס דײַטשישע מיליטער פארשפּארט די וואלד־וועגן!

— אפן רעכטן פלאנג האָבן זיך באוויזן פײַנטלעכע טאנקען און בראָניעטראנספּאַרטיאָרן! פונוואנען האָבן זיי זיך גענומען? לויט די ידיעות פון אונדזער אויסשפּירונג זײַנען אין די נאָענטע דערפער ניט געווען אזעלכע קויכעס. ערגעץ האָט דאָס היטלערישע מיליטער זיך געהיים ארויסגעזעצט, געמאכט אן אָנפאל און גענומען דעם גרעקאָווער בארג אין קלעמען. דערווײַל זײַנען זיי ניט אָנגעגריפן, ניט פארקוועטשט דעם רונג, זיי האָבן, מינאסטאם, גע־ווארט, אז די ארטילעריע זאָל אונטערקומען.

גאָריאטשי האָט ארויסגערופן פאָכילקאָן און געפרעגט:

— ווי האלט עס מיט דער פערעפּראווע?

— עס איז געבליבן א מעטער הונדערט... מיר האָבן געקלערט, אז די פערעפּראווע וועט מען שוין ניט דארפן, און מע האָט זיך גענומען צוגרייטן צום מארש.

— אלץ ווארפן, פיליפּ פּעטראָוויטש. נעם צונויף די מענטשן, וויפל דו וועסט דארפן, און זעץ פאָר צו האטען דעם זומפּ. מע דארף זיך צווײַלן. צו פארנאכט־צו וועט אלץ פארטיק זײַן?

— צו האלבנאכט.

— געדענק, פיליפּ, אָדער דו וועסט ראטעווען דעם אָטריאד, אָדער מירן צוזאמען גיין צום גרונט אין דער בלאָטע.

פאָכילקאָ איז אוועק צו דער פערעפּראווע, און גאָריאטשי האָט אײַנגעלאדן צו זיך דעם קאָמיסאר זשילינען, געהייסן צונויפרופן די ראָטע־קאָמאנדירן און די פּאָליטרוקעס. ווען אלע זײַנען זיך צונויפגעקומען, האָט ער געזאָגט:

— פון אָנפאנג האָב איך געקלערט דורכרײַסן די פײַנטלעכע פּידקאָווע בא דעם גרעקאָ־ווער בארג. נאָך דערנאָך אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן געדאנק. פארלירן די הויפּט־קרעפטן פּו־נעם אָטריאד און קומען צו סידאָרטשוקן בלויז מיטן אָבאָז? ניין. אזוי טאָר מען ניט! בא אונדז איז דער גרעקאָווער בארג פארפעסטיקט. ער איז צוגעפאסט אף צו פארטיידיקן זיך, איז זאָל דער סוינע דאָ אָפּגיין מיט בלוט. דערנאָך וועלן מיר, ארויסגייענדיק פון דער געשאפע־נער לאגע, אָנעמען א באשלוס... איך פארלאָז זיך אף אײַך, מײַנע קאמפּס־כאוויירים, און גלייב, אז איר וועט מיט אויסערגעוויינלעכן מוט און געוואגטקײַט אײַנהאלטן יעדער שפּאַן פון אונדזער ערד.

ס'האָט זיך אופגעהויבן דער קאָמיסאר זשילין און צעוויקלט די רויטע פאָן. אין די אויגן האָט זיך געוואָרפן דער אופשריפט, וואָס איז אָנגעשריבן געווען מיט גרויסע ווײַסע אויסיעס: „פּאָזשארצעס, זײַט ווערט די אָוועס!"

אפן גרעקאָווער בארג האָט ווי געפּלאצט א גלעזערנער בוטל. דאָס האָט זיך אופגעריסן די ערשטע גראנאטע, און נאָך איר — א צווייטע און א דריטע. און איבערן שפּיץ פון בארג האָט זיך דורכגעקײַקלט א כוואליע פון ארטילעריש און מינאָמיאָטישן פײַער. דער קעגנער האָט ווי געוואָרנט: „זעט, ווי שטארק איך בין, ווידערשטעלן זיך האָט קיין זין ניט. אלציינס וועלן מיר אײַך ארײַנטרײַבן אין דעם זומפּ"...

אין וואלד איז שוין געשטאנען א פריקרער גערוך פון טשאד און רויך. די ווײַטע פּאָסטנס האָט זיך ניט אײַנגעגעבן פארהאלטן דעם קעגנער, זיי זײַנען אָפּגעטראָטן צום צופוסנס פו־נעם גרעקאָווער בארג.

גאָריאטשי האָט געפאָדערט, מע זאָל פארכאפּן א קאָנטראָל־געפאנגענעם. ס'איז וויכטיק געווען צו וויסן, ווער עס אטאקירט אונדז, מיט וואָס פאר א קרעפטן. נאָר באטאָג איז ניט אזוי לײַכט צו פארכאפּן א „צונג". ערשט אין דער צווייטער העלפט פון טאָג האָט דער דאָ־נער קאזאק איוואן לאווריניענקאָ געבראכט צום קאָמאנדיר אין דער זעמליאנקע א היטלערישן סאָלדאט. יענער האָט ניט געכיטרעוועט און זיך ניט אײַנגעשפּארט. אימאס האָט איבערגע־זעצט:

— די צוויי־און־זיבעציקסטע אינפאנטעריע־דיוויזיע פונעם פּאָלקאָווניק כאָנא האָט זיך ארויסגעזעצט אף דער סטאנציע צוויעטקאָווא. איין פּאָלק איז אף מאשינעס צוזאמען מיט דער ארטילעריע און טאנקען געשיקט געוואָרן קעגן די פּארטיזאנער. די אומגעריכטע אטאקע האָט געדארפט פּאָרקומען פארטאָג, נאָר אלץ האָט זיך איבערגעפּלאָנטערט, און דער אַנגריף האָט זיך פארצויגן. אין וואלד, אין די זומפּיקע נידערן, זײַנען געבליבן שטעקן הארמאטן, און די צעקוואטשעטע בערגלעך האָבן אפילע די טאנקען ניט געקאָנט אײַנעמען. אפן דנאָ פון די טאנקען האָט זיך אָנגעשלאָגן בלאָטע און ניט געלאָזט זיי גיין. שלאָגן זיך מיט די פּארטיזאנער איז שווער. די וועלדער זײַנען אונדז ניט באקאנט, ארום זײַנען בלאָטעס, דער בארג איז א מעשופּעדיקער און א גליטשיקער. די פּארטיזאנער זיצן אין גוט פארמאסקירטע אָקאָפּעס און צילן זיך אין אונדז. דער ראָטע־קאָמאנדיר מונטערט אונטער די סאָלדאטן, ער

זאָגט: „פאַרנאַכט־צו וועלן אונטערקומען די הויפּט־קרעפטן און מיר וועלן פאַרטרייבן די פּאַרטיזאַנער פונעם באַרג, קיין אַנדער וועג האָבן זיי ניט, נאָר אין דער בלאָטע, זיי וועלן אַלע דאָרט דערטרונקען ווערן... בול־בול...".

באַם צופוסנס פונעם גרעקאָוווער באַרג האָט זיך פאַרשטאַרקט די שיסעריי פון קוילן־וואַרפער. די היטלעריסטן האָט זיך איינגעגעבן ביינקומען די בלאָטיקע נידער און זיך אַרײַנשניידן אין דעם פאָדערשטן טייל פון אונדזער שוץ. גאַריאַטשי האָט געמוזט אוועקשיקן דעם לעצטן רעזערוו צום אָרט, ווו ס'איז געלייגט געוואָרן דער אַריבערגאַנג. די שלאַכט אַפן אויפֿריס פון באַרג האָט זיך פאַרשטאַרקט. די שלאַכטלייט זיינען אַרײַנגעטראָטן אין א האַנט־געפעכט. נאָר אונדזן האָט זיך דאָך איינגעגעבן אַרויסיאָגן די דייטשן פון די פאַרכאַפּטע טראַנשייען און אופשטעלן די פריערדיקע לאַגע. ס'איז טונקעלער געוואָרן. דער וואַלד איז געוואָרן שוואַרץ. נאָך דעם הייסן געפעכט האָבן מיר געקאָנט איבערכאַפּן דעם אָטעם. אין ערדשטיבל פון שטאַב איז אַרײַן פּאַכילקאָ. ער איז פאַרליאַפּעט געווען פון די פיס ביזן קאָפּ מיט בלאָטע, ער האָט מיט א הייזעריק קאָל קוים אַרויסגעבראַכט:

— עס זיינען געבליבן געציילטע מעטער... קיין ברעטער קלעקן ניט... וואָס טוט מען?

— צענעמען אַלע וועגענער און די ערדשטיבלעך.

— פאַראַן! — ער איז האַסטיק אַרויס אַפן גאַס.

ס'האָט זיך באַוויזן שאַלטיס:

— וואָס טוט מען מיט די פּראָדוקטן?

— זאָל יעדערער נעמען, וואָס ער קאָן נאָר. ס'וועט צוניץ קומען, דאָס איבעריקע אָפּגיסן מיט קעראָסין און פאַרמינירן.

— ריכטיק, פאַרמינירן.

נאָכן פאַרנאַכטיקן שטילשטאַנד האָט אַפן פאָדערשטן ראַנד זיך ווידער אָנגעהויבן א שיסעריי. דער קעגנער האָט באַלויכטן די אומגעגנט מיט ראַקעטעס. עס זיינען געפלויגן צום הימל געלע, רויטע פייערן און באַלויכטן דעם וואַלד און די נאַכטיקע כאַשכעס. אין דער שיין פון די ראַקעטעס האָט זיך געמינעט דער פאַלנדיקער שניי.

די באַנאַכטיקע אַטאַקע איז ניט געווען אומגעריכט פאַר די פּאַרטיזאַנער. נאָר דער סוינע האָט פאַרמאָגט פיל מער קרעפטן. אונדזער קעגנטאַנקען־געווער האָט זיך ניט געקאָנט קעגנשטעלן די האַרמאַטן און מינענוואַרפער.

די היטלערישע גרענאַדיאָרן האָבן ווידער זיך אַרײַנגעשניטן אינעם פאָדערשטן ברעג פון אונדזער פאַרטיידיקונג. און פונעם ברעג שיקט פּאַכילקאָ אַלע מאָל נייע פאַרבינדלער און אַלע טייַנען זיי איינס און דאָס זעלבע:

— האַלט זיך! עס זיינען פאַרבליבן געציילטע מעטערס.

אָך, אָט די מעטערס!.. די גרענאַדיאָרן פאַרקלייבן זיך אַלץ העכער און העכער אַפן באַרג. און ווי דו זאָלסט ניט טרייבן פון זיך דעם געדאַנק, לאָזט ער פאָרט ניט צורו: „און אויב מיר וועלן ניט באַווייזן פאַרענדיקן דעם וואַסער־וועג, די לעצטע מעטערס?..״

ביזוואַנען די דייטשן האָבן פאַרזיכטיק אינעם שניי אָפּגעזוכט און אַנטשעדיקט די מינעס, איז געקומען צו לויפן פּאַכילקאָ און מיט א פאַרקילט קאָל אויסגעשריגן:

— מע קאָן זיך לאָזן אין וועג!

— שעף פון שטאַב, — האָט זיך געווענדט צו מיר דער קאָמאַנדיר, — מיר טרעטן אָפּ. פאַרהאַלט דעם קעגנער אַפן הויכפּונקט. וועסט אָפּטרעטן דער לעצטער צוזאַמען מיט דער שלאַכטשוץ און אופרייסן די קלאַדקע אַפן זומפּ.

די פּאַרטיזאַנער האָבן פאַרלאָזט דעם גרעקאָוווער באַרג, מע איז געגאַנגען אין דער געדיכטעניש פונעם פאַלנדיקן שניי.

אַפן באַרג איז געבליבן א פאַרצוימונגס־אָטריאַד אין באַשטאַנד פון פופציק מענטשן.

פון דער פערעפּראַווע האָט זיך אומגעקערט קאַבאַטשענקאָ און געזאָגט:

— אונדזערע זיינען אוועק. ס'וועט אינגיכן נעמען טאָגן. מע דאַרף אָפּטרעטן.

איך האָב אָפּגעגעבן א קאָמאַנדע אָפּצוטרעטן. נאָר זי האָט פאַרשפּעטיקט. די היטלערישע גרענאַדיאָרן האָבן זיך געלאָזט אין אַטאַקע און אָפּרייסן זיך פון זיי, אַרויס פון אונטערן פייער איז געווען אוממעגלעך.

צו מיר האָט צוגעפויזעט קאָטשעראַוו און מיר אַרײַנגעשריגן אין אויער:

— מיין אָרליק איז געהאַרגעט געוואָרן און דעם קאָמאַנדירס פערד אויך... אין דער באַלקע געפינט זיך א טאַבון פון פערד... לאָמיר אים אוועקיאָגן אַף די דייטשן... זיי וועלן מיינען, אַז דאָס אַטאַקירן זיי רייטער.

— נעם די כעוורע און יאָג!

אונטער ווילדע פײַפֿערײַען, געשרייען און שיסערײַ האָבן פֿון דער זאַווי זיך אַרויסגעריסן די פֿערד און זיך געלאָזט אַף די דײַטשן. דער הילך פֿון די טלאָען, דאָס הירזשען און דער האַסט, מיט וועלכן דער טאַבון האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַף די היטלערישע אויטאָמאַטלער, האָט זיי דערשיטערט. ביז זיי זײַנען געקומען צו־זיך און זיך איבערצײַגט, אַז די פֿערד זײַנען אָן רײַטערס, האָט אונדזער אָטריאַד פֿאַרלאָזט דעם שפּיץ פֿונעם באַרג. דער אָראָפּגאַנג, וואָס האָט געפֿירט צו דעם אײַרדינער זומפּ איז געווען זייער גליטשיק און מיר האָבן, האַלטנדיק זיך פֿאַר די קוסטעס, אַף די בײַכער און אָפֿן געזעס, ווי אַף שליטלעך, זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿונעם באַרג. מיר איז גוט באַקאַנט געווען דאָס אָרט, ווו עס האָט זיך געפֿונען דער איבערגאַנג, און נאָך מיר האָבן זיך געלאָזט די פֿאַרטיזאַנער.

די קלאַדקע איז באַדעקט מיט אַ שיכט שניי. דעם שמאָלן הילצערנעם שטעג זעט מען קימאַט ניט. אַף דעם „שטעג פֿון לעבן“ איז אַרופֿגעגאַנגען מיכאַיל אימאַס, דערנאָך איוואַן גאָדזשענקאָ, זיגמונד זשולקאָווסקי און מיכאַיל דאַנילטשענקאָ. מיך האָט פֿאַרכידעשט די געוואַגטקײַט און אויסגעהאַלטנקײַט פֿון אונדזערע מיידלעך — דעם אָטריאַד האָט אָפּגעשלאָסן אַלעקסאַנדראַ וואָוטשיק און זשעניע נאָוויקאָווא. אַרופֿגעגאַנגען אָפֿן בריקל, האָט זשעניע זיך אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צום גרעקאָווער באַרג און אַ דראָע געטאָן מיט דער האַנט:

— אַ גרוס, הינטישע פּריצן!

— ס'איז גוט, ווען דו גייסט אוועק פֿונעם טויט, — האָט באַמערקט קאַבאַטשענקאָ, נעמענדיק אין די הענט דאָס רענצל מיט דעם צוגעגרייטן אופּרײַס־שטאָף, — מירן ביסלעכווײַז שפּאַנען.

טשוך־טשוך, עטעמען אונטער די פֿיס די ברעטער. דו גייסט, ווי אַף פּרוזשינעס. דער ווילדער זומפּ וויל ניט פֿאַרלײַדן די מענטשלעכע אײַנגעשפּאַרטקײַט. פֿון מאָל צו מאָל טוט זיך אַ נייג די קלאַדקע, די בלאָטע פֿאַרשפּריצט מיט טויטער וואַסער, וואָס שמעקט מיט קאַליע געוואָרענע אייער.

דורכגעגאַנגען אַ מעטער פֿינף הונדערט מיט די גליטשיקע ברעטער, האָט איוואַן קאָך באַטשענקאָ געזאָגט:

— שטיי! — און גענומען מינירן די קלאַדקע.

און אַף דעם גרעקאָווער באַרג האָבן אין דער גרויקײַט פֿון קאַיאָר זיך דערהערט שטאַרקע אופּרײַסן. דאָס האָבן, ווײַזט אויס, אונדזערע פֿאַרפֿאַלגער, וועלכע האָבן געזוכט אין די ערדשטיבלעך די פֿאַרטיזאַנער, זיך אָנגעשטויסן אַף די „סיורפּריזן“, וועלכע מיר האָבן פֿאַר זיי צוגעגרייט.

קאַבאַטשענקאָ האָט פֿאַנאַנדערגעוויקלט דעם שנור.

— זיי גייען, דאַכט זיך, נאָך אונדז.

דער ווינט האָט דערטראָגן דאָס ווײַטע טאָפּטשען פֿון שטיוול, וואָס זײַנען אָנגעשלאָגן געווען מיט אײַזערנע נעגל. ס'האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ פֿון קוילנוואַרפֿערס. דעמלט האָט קאַבאַטשענקאָ רויק אַ דריי געטאָן דאָס הענטל פֿונעם שאַלטער. ס'האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ העפֿטיק פֿײַער. די ברעטער אונטער די פֿיס האָבן גענומען זיך וויגן. די בלאָטע האָט אַ שטאַרקן אָטעם געטאָן, פֿון די קוסטעס האָבן זיך גענומען שיטן אײַז־צעפּלעך.

דער זומפּ האָט אַ לעצטן הילכיקן זיפֿץ געטאָן און פֿאַרשטילט געוואָרן. איך האָב געשפּאַנט איבער דער קלאַדקע. אַרויסגעקומען אָפֿן ברעג, האָב איך זיך אַרומגעקוקט. אין דער שנייִקער גרויקײַט האָט אײַנמיטן דעם זומפּ זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן אַ שוואַרצער פֿלעק. מיר איז געקומען אָפֿן זינען: „מיר זײַנען אַדורכגעגאַנגען ניט נאָר דעם אײַרדינער זומפּ, מיר זײַנען אַדורך דעם שוואַרצן זומפּ פֿונעם פֿאַשיסטישן ווילקיר“.

דער וואַלד־אָפּזעצער לעאָניד קאָוואַל האָט געפֿירט דעם אָטריאַד מיטן נידעריקן ברעג דורך דעם געדיכטן פּאַרוואָקסענעם לאָזניאַק. דעמלט האָבן די היטלעריסטן פֿאַרשאָטן די בלאָטע מיט אַ פֿײַער פֿון מינענוואַרפֿער. אַ מאָדנע זאַך, זיי האָבן באַשאָסן די מיט פֿונעם זומפּ. זיי האָבן, געוויס, געטראַכט, אַז דאָרט געפֿינען זיך געהיימע אינדזעלעך, אַף וועלכע ס'האָבן זיך אויסבאַהאַלטן די פֿאַרטיזאַנער.

אַ ווועג האָבן מיר געהאַט אַ שווערן. פֿון אָנפֿאַנג זײַנען מיר געקראָכן ביז די קני אין שניי אַדורך דעם געדיכטן לאָזניאַק, דערנאָך זײַנען מיר אַרויס צו דעם שטעכנדיקן יעלניק. פֿאַרטאָג האָט גענומען אַ פֿרעסטל, דער שניי איז ווי אײַנגעשרומפּן געוואָרן און האָט געפּאַטשט ווי מיט נאָדלען אין פּאָנעם אַרײַן. דער ווינט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט און אָנגעזאָגט, אַז עס דערנענטערט זיך אַ בוראַן. מיר האָבן אָנגעיאָגט די קאָלאָנע און זיך פֿאַרייניקט צום אָטריאַד.

אַלע צוויי שאָ האָבן מיר איצט געמאַכט אַ פּריוואַל אַף צוואַנציק מינוט. אָנצינדן אַ שײַ־

טער איז שטרענג פֿאַרבאָטן געוואָרן, נאָר דער דאָקטער ראַווענקאָ האָט רעכט געהאַט ערגעץ אין א שפּאַלט אַנוואַרעמען וואַסער פֿאַר די פֿאַרוווּנדעטע. צו פֿאַרנאַכט־צו האָבן די טיפֿע שנייען אויסגעמאַטערט דעם אַטריאַד. אױף די אַקסלען האָבן די פּאַרטיזאַנער געטראָגן געווער, אין די הענט — ראַנצן מיט קוילן און גראַנאַטעס אָדער טראָגבעטלעך, אויף וועלכע עס האָבן געקרעכצט פֿאַרוווּנדעטע כאַוויירים. איך האָב געקוקט אויף די פּאַרטיזאַנישע דאָקטוירים ראַ־וועָנקאָ און פֿעראָוון און האָב זיך געכידעשט, ווי זיי ספּראַווען זיך מיט די פֿאַרוווּנדעטע. זיי באַוויזן בייס די קורצע פּריוואַלן איבערבינדן די קראַנקע, גיבן זיי רעפּוּעס און גלייכצייטיק דערמונטערן זיי מיט א גוט וואָרט.

גאַריאַטשי האָט געפֿירט דעם אַטריאַד צום דניעפּער מיט א ציטער אין האַרצן. ער האָט אָבער געקאָנט זיך האַלטן, און אין אָט דעם שווערן שנייִיקן מאַרש זיין געצווימט, דיסציפּלי־נירט, ווי עס פּאַסט פֿאַר א קאָמאַנדיר. און דייגעס זיינען איצט געווען גענוג. ווו זיינען איצט סידאָרטשוק און פּאַליאַכאַ? צי האָט זיי זיך איינגעגעבן אַרויסקומען צו דעם אָפּגערעדטן אָרט? און וואָס וועט זיין אויב די פֿאַזשאַרצעס וועלן קומען אויפֿן זאַמלפּונקט בלויז אליין? קיי־נער האָט ניט די רעכט ניט אויספֿילן דעם באַפֿעל פֿונעם שטאַב. וואָס עס זאָל ניט געשען, מוז צו פֿאַרטאָג־צו דער פּלאַצדאַרם פֿאַרכאַפּט ווערן. וויאַזוי וועט אַדורך די אַטאַקע? ס׳וואָלט גוט געווען, אז די אַטאַקע זאָל זיין אומגעריכט פֿאַרן קעגנער, און עפּשער האָט מען דעם סוינע געוואָרנט?.. א געפֿעכט מיט איבערוועגנדיקע קרעפֿטן פֿון די היטלעריסטן אין אָפֿענעם פֿעלד איז געפֿערלעך...

ס׳איז אונטערגעקומען א פּראַסטיקע נאַכט. זי איז עפּעס ווי אומבאַמערקט אַריין אין וואַלד און געמאַכט דעם טרוקענעם שניי נאָך שטעכיקער. בייסן פּריוואַל טראַכט זיך נאָר וועגן דעם, אז מע דאַרף ניט אַנשלאָפֿן ווערן ערגעץ אין שניי אונטער א סאָסנע. מע דאַרף דאָך נאָכשפּירן נאָך דעם מינוט־ווייזער און צו דער צייט אָפּגעבן די קאָמאַנדע:

— אופֿשטיין!

און מע שפּאַנט ווייטער... א שניי־הויפֿן, נאָך א שניי־הויפֿן. וואָס קומט עס פֿאַר מיטן ווייטער? צי נאַרט מיך ניט אויף דער געהער? דער בוראַן רעוועט שוין ניט אַזוי... צי עפּשער ווער איך אַנשלאָפֿן און מיר דוכט זיך, אז דער ווינט האָט אָנגעהויבן בלאָזן פֿון דאָרעם און איז וואַרעמער געוואָרן.

פֿון דער אויסשפּירונג האָט זיך אומגעקערט דער וואַלד־אופֿזעער סערגיי מיראָשניטשענ־קאָ און ראַפּאָרטירט גאַריאַטשין:

— כאַווער קאָמאַנדיר, ס׳איז איינגעשטעלט געוואָרן א פֿאַרבינדונג מיט פּאַליאַכאַן און סידאָרטשוקן, זיי זיינען אויף אָרט. וואַרטן אויף אונדז.

די דאָזיקע ידיעה האָט גלייך זיך פֿאַרשפּרייט איבערן גאַנצן אַטריאַד און געצוווּנגען די פּאַרטיזאַנער פֿאַרגיכערן דעם טראָט.

אויפֿן ראַנד פֿונעם וואַלד האָבן גאַריאַטשין באַגעגנט סידאָרטשוק און פּאַליאַכאַ.

— וויאַזוי האָט איר זיך עס אַרויסגעריסן פֿון די צוואַנגען? מאַלאַדצי!

פֿאַרטאָג האָבן אַלע דריי אַטריאַדן זיך פֿאַרייניקט לעבן דאָרף סווידיוואַק, פֿאַרנומען פּאָ־זיציעס אין די פֿאַרשנייטע קוסטעס. אינעם ביידניעפּרישן וואַלד זיינען געווען ניט נאָר קיין פּאַרטיזאַנער. אונדזערע אויסשפּירער האָבן אויסגעפֿונען ערדשטיבלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך באַהאַלטן די איינוווינער פֿון די שכייניש דערפֿער. אינדערפֿרי האָט פֿון סווידיוואַק זיך א לאָז געטאָן אין וואַלד די גאַנצע באַפֿעלקערונג. פֿון דאָרף זיינען געלאָפֿן פֿרויען מיט קינ־דער, באַכערים און מיידלעך, און נאָך זיי האָבן זיך געשלעפּט אַלטע לייט. אין געפּלאַכטענע קוישן האָבן זיי געטראָגן זייער בידנעם סקאַרב. פֿון די געשפּרעכן מיט די אַנטלאָפֿענע האָט זיך אויסגעקלאָרט, אז לויטן באַפֿעל פֿון די דייטשן האָבן אַלע איינוווינער געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן דאָס דאָרף ביז זעקס אַזייגער פֿאַרטאָג, די, וואָס וועלן פֿאַרבלייבן, וועלן צעשאָסן ווערן.

די באַגעגעניש מיט מענטשן, וועלכע האָבן גוט געוווּסט, וויאַזוי ס׳איז אויסגעבויט די פֿייַנטלעכע שוץ און האָבן געקאָנט אָנווייזן, ווו עס געפֿינען זיך די טאַנקען, האָט אונדז מיט־געהאָלפֿן אויסאַרבעטן א פּלאַן, וויאַזוי פֿאַרכאַפּן דעם סווידיוועקער פּלאַצדאַרם. אונדז איז באַוווּסט געוואָרן, אין וועלכער טראַנשייע עס געפֿינט זיך דער דעזשורנע ווזוואָד און אין וועלכע דזאָטן עס דעזשורען די קוילנוואַרפֿער. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אז אַלע הייַ־זער, וואָס שטייען אויפֿן ברעג פֿון דניעפּער, פֿאַרנעמט דער אינפֿאַנטעריע־באַטאַליאָן, וואָס האָט א טעלעפֿאָנישע פֿאַרבינדונג מיט טשערקאַס. בייסן אַטאַקירן האָבן מיר געדאַרפֿט נעמען אין אַכט, אז אויפֿן וועג לענגויס דעם דניעפּער קורסירן מיט אן אינטערוואַל פֿון צוויי־דריי־שאָ פֿינף בראָנירטע מאַשינעס און אַכט בראָניעטראַנספּאָרטיאָרן מיט דייטשישע אויטאָ־מאַטשיקעס.

אונדז האָט מיטגעהאָלפן אויך דאָס, וואָס דער שניי האָט געשאָטן און געשאָטן. דאָס האָט געגעבן א מעגלעכקייַט זיך דערנעענטערן צום קעגנער אומבאמערקט. צווישן די אייַנוווינער פון דאָרף האָבן זיך געפונען מער פון פופציק פרייַוויליקע, וואָס האָבן זיך ארויסגערופן פירן די פארטיזאנער. די דאָזיקע מענטשן האָבן פארזיכערט: „די דייַטשן קוקן בלויז אפן דניעפּער. פונעם טיל קאָן מען צוגיין אומבאמערקט און פארכאפּן די טאנקען. די היטלעריסטישע טאנקיסטן דעזשורען ניט אין די טאנקען — ס׳איז קאלט. זיי פארמאכן די ליוקן און שלאָפן אין די כאטעס. די ארטילעריסטישע באטארייַ היט בלויז איין וואכמאן”.

— הערט מיך, כאווײרים קאָמאנדירן, און פארגעדענקט, — האָט געזאָגט גאָריאטשי, — אין צוואנציק מינוט ארום הייבן מיר אָן די אטאקע אַף סווידיוואָק. אין צענטער גרייַפט אָן דער אָטריאד אין נאָמען פון פאָזשארסקין, אפן לינקן פלאנג — סידאָרטשוקס דעסאנטניקעס, אפן רעכטן — פּאליאָכאס פארטיזאנער. אונדזער אָטריאד ווערט אייַנגעטיילט אַף דרייַ גרופּעס. די צענטראלע פירט אין שלאכט גאָריאטשי, דעם לינקן פלאנג — דער קאָמאנדיר זשילין און דעם רעכטן פלאנג — דער שעף פון שטאב בערנשטיין. פּאליאָכאס ראָטע געפינט זיך אין רעזערוו. זי באוועגט זיך נאָך די אָנגרייַפנדיקע אַף א מעהאלעך פון הונדערט מעטער. די פאָדערשטע שלאָג־גרופּעס באוועגן זיך אָן א מינדסטן קלאנג. די באגלייטער זייַנען זיכערע מענטשן, דאָס זייַנען היגע טוישווים, זיי וועלן פּינקטלעך באווייַזן דעם וועג. מע דארף אין דער געדיכטעניש פון דעם זאווי זיך דערקלייַבן צום קעגנער, און ערשט דעמלט אונטערן שטורעם פון גראנאטעס און אווטאָמאטן־רייען, מיט א מעכטיקן אויסגעשריי „הורא” זיך ארייַנרייַסן אַף די דייַטשישע פּאָזיציעס. פארכאפּן די טאנקען, נעמען די הארמאטן, ארויסקלאפּן די קעגנער פון די טראנשייעס, דזאָטן, פון די כאטעס און ניט לאָזן קומען צו־זיך, פארפאָלגן אים און פארניכטן. באלד, ווי עס וועט זיך אָנהייבן דאָס פייַער, איבערשנייַדן די טעלעפאָן־דראָטן, וועלכע די באגלייטער וועלן אייַך באווייַזן. מיר מוזן זיגן! פאָרויס, פארטיזאנער! לאָמיר העלפן אונדזער לייַבלעכער רויטער ארמיי!

מייַן רעכטפלאנגיקער אָטריאד איז גרייט ארויסצוטרעטן. באנאנד מיט מיר געפינט זיך מיכאיל אימאס און זיגמונד זשולקאָווסקי — אַף יעדן פאל זייַנען דאָ דערנעבן מענטשן, וואָס קאָנען אויסגעצייכנט דייַטש. זיי זייַנען אָנגעטאָן אין דער פאָרם פון היטלערישע אָפיצערן. אין דער ערשטער ריי געפינען זיך איוואן גאָדזשענקאָ, דער „יאם־גייַסט” — צארענקאָ, מיכאיל דאנילטשענקאָ, זשעניע נאָוויקאָווא און ראיע כאָלאָדענקאָ. און הינטער מייַן פּלייצע דרייט זיך מאמעש, ווי א דריידל, טאָליע קאָנדראשענקאָ, וואָס וויל אלץ ארויסשפּרינגען פאָרויס.

— באגלייטער, צו מיר!

עפּעס א באָרד, ווי א לאָפּעטע פול מיט שניי, ציט זיך אויס פאר מיר. עס קייַקלט זיך צו א שניי־באָבע און נאָך איר נאָך מענטשן, פאראָסטעטע מיט שניי און פראָסט.

— מיר אטאקירן די דייַטשישע באטארייע און גייען ארויס אַף דער רעכטער, אַף דער טשערקאסער זייַט פונעם דאָרף. ווער וועט אונדז פירן?

— זאָל פירן די מאכעשייפע, איך מיין, די באָבע נאטאלקע, — זאָגט די ווייַסע באָרד און פארגייט זיך אין א פארקילטער הוסטעניש.

— אין כוטאָר רופט מען מיך אזוי, ווייַל אין דער שטארקסטער וויוגע שווים איך איבער דעם דניעפּער. איך האָב שטענדיק געכאפּט מער פיש פון אלע מוזשיקעס.

— זאָל זייַן אזוי. פיר אונדז דו, נאטאלקע, און איר, די איבעריקע באגלייטער, זייַט גרייט אונדז אָנווייַזן די כאטעס, ווו עס נעכטיקן די פאשיסטן.

נעענטער צום דאָרף האָבן מיר באגעגנט נאָר אנטלאָפענע, און בא זיי זיך דערוווּסט, אז אין עק פונעם דאָרף גייען ארום צוויי דייַטשישע פּאטרולן. אין דאָרף איז שטיל, און אפן ברעג פונעם דניעפּער קומט פאָר עפּעס א באוועגונג. דאָרט בייַט זיך אָפּט די וואך.

— איך וועל באלד צוזאמען מיט זשולקאָווסקין צורעכט מאכן די וואכלייַט, — האָט מיר א שעפּטשע געטאָן אימאס. און צוויי אונדזערע כאווײרים האָבן זיך געלאָזט פאָרויס אין דער שנייִקער מוטנעקייַט.

— א פארפלוכטער וועטער, הער קאפּיטאן, — האָט אימאס אַף א קאָל אויסגעשריגן אַף דייַטש, — מיר האָבן, דאכט זיך, אינגאנצן זיך אראָפּגעשלאָגן פון וועג, מע דארף נעמען לינקער.

— אָן עמעסע כאזערייַ! רוף עמעצן, לייטענאנט, — איז צו אונדז דערפלויגן דאָס געענדערטע קאָל פון זשולקאָווסקין, וואָס האָט זיך געמאכט שיקער.

פון דער טונקעלער געדיכטעניש פון שניי האָט זיך דערהערט דער גערודער פון א געראנגל. ס׳האָט אָנגעהויבן סקריפּען א צעבראָכענער פלויט. די פארטיזאנער האָבן זיך א

וואָרף געטאָן צוהילף די כאווירים, נאָר קיין הילף האָבן יענע ניט געדאַרפט. די דײַטשישע פאַטרולן זײַנען שוין געלעגן געשטאָכענע אפֿן צעבראָכענעם פּלויט.

דער אָטריאַד האָט זיך געלאָזט אין דאָרף אַרײַן. ס'האָט געשאָטן א געדיכטער שניי. און געדאַכט האָט זיך, אַז אַלע כאַטעס און פּלויטן זײַנען פאַרשוווּנדן אין שניי. אין אַזאַ שניי־געדיכטעניש האָבן בלויז די באַגלייטער געקאָנט אָפּזוכן דעם וועג צו דער באַטאַרייע און אָפּזוכן די שטיבער, ווו עס האָבן געוווינט די היטלעריסטן. די וואַכלײַט זײַנען געווען ניט ווײַט פֿונדאַנען. זיי האָבן געטופּעט אף די הילצערנע גאַנעקלעך — געוואַרעמט די פאַרפרוירענע פיס.

אונדזער רעכטפלאַנגיקע גרופּע האָט זיך צוגעגרייט צו אַן אַטאַקע. ס'האָט זיך געוואָלט א וואָרף טאָן אפֿן סוינע, פאַרטיליקן אים און אַרויסגיין צום דניעפּער. נאָר די פאַרטיזאַנער זײַנען געלעגן אין שניי און געדולדיק געוואַרט. זיי האָבן מוירע געהאַט אין אײַלעניש אופרודערן דעם דײַטשישן גאַרניזאָן און דערמיט שטערן די כאַווירים, וואָס האָבן זיך געלאָזט צום צענטער, אומגעריכט פאַרכאַפּן די טאַנקיסטן און דעם דעזשורנע ווזוואַד, וואָס האָט זיך געפונען אין די טראַנשייען אפֿן ברעג פון טײַך.

מיר זײַנען שוין פאַרשאָטן געווען מיט שניי, ווען ס'האָט גענומען הילכן די „קעשענע־אַרטילעריע"[1]. עס האָבן א הויכקע געטאָן די בראָנירטע מאַשינעס און אין צענטער פונעם דאָרף האָט מיטן געשריי „הוראַ" זיך צונויפגעגאָסן די שיסערײַ פון אווטאָמאַטן. דאָס איז געווען פאַר אונדז א סיגנאַל, אַז מיר דאַרפן זיך האַסטיק לאָזן פאָרויס. פאַרוואָרפן די וואַכלײַט מיט גראַנאַטעס, זײַנען מיר אַריבערגעשפּרונגען איבער די פּלויטן און גלײַך פאַרכאַפּט די פײַנטלעכע באַטאַרייע. מיט א הילכיקן „הוראַ"־געשריי גענומען אַטאַקירן די כאַטעס, ווו עס האָבן זיך געפונען די היטלעריסטן.

אין דאָרף האָט זיך אָנגעהויבן א מוירעדיקע פּאַניק. מיט ווילדע אויסגעשרייען האָבן די האַלב־נאַקעטע היטלעריסטן גענומען שפּרינגען דורך די פענצטער. א שיסערײַ, א געקלאַנג פון צעבראָכענע שויבן. לאַנגע און קורצע קוילן־רייען האָבן געהילכט אײַנדערלופטן. ערגעץ ברענט, און רויטע פלעקן פײַער באַלויכטן דעם אַרום. איבערן דאָרף רײַסן זיך צום הימל רויטע און גרינע ראַקעטעס... דער היטלערישער באַטאַליאָן איז צעשמעטערט. זעלטן־ווער פון די סאָלדאַטן איז אַנטלאָפן.

ווי נאָר ס'האָט גענומען שאַרײַען אף טאָג, האָט זיך באַוויזן גאַריאַטשי.

— מע דאַרף דרינגענד אײַנשטעלן די לעבעדיקע פאַרבינדונג מיטן לינקן ברעג. פאַרשטאַרקן דעם פּלאַצדאַרם. די היטלעריסטן וועלן אײַנגיכן נעמען קריכן אהער.

אײַנשטעלן א פאַרבינדונג?! נאָר ווו געפינט מען א שיפל? די היטלעריסטן האָבן דערשאָסן אפֿן אָרט יעדן, וואָס האָט געוואַגט באַהאַלטן דאָס קלענסטע שיפל. און דאָך האָט זיך אָפּגעזוכט א שיפל. די באָבע נאַטאַלקע האָט זיך ניט דערשראָקן פאַר קיין שום שטראָף און האָט באַהאַלטן איר שיפל.

און אָט איז עס גרינג, ווי א פעדער, אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אפֿן וואַסער. דער „יאַמגײַסט" איוואַן צאַרענקאָ האָט זיך אַרויסגערופן לאָזן צוזאַמען מיט דער באָבע נאַטאַלקע אפֿן לינקן ברעג.

— זעץ זיך, זון מײַנער, איך בין א גוטע מאַכעשייפע, קיין שום כוואַליע וועט אונדז ניט שטערן. — די באָבע נאַטאַלקע האָט געשיקט גענומען אַרבעטן מיט די ווערסלעס, דאָס גרינגע שיפל האָט זיך א הייב געטאָן אף דער שיפּועדיקער כוואַליע און פאַרשוווּנדן געוואָרן הינטערן פאָרהאַנג פון געדיכטן נאַסן שניי.

דרײַ פאַרטיזאַנישע אָטריאַדן האָבן זיך גענומען פאַרשטאַרקן דעם פאַרכאַפּטן פּלאַצדאַרם. הינטערן דאָרף האָט מען אָפּגערייניקט פון שניי די היטלערישע אָקאָפּעס און זיי צוגעגרייט צו פאַרטיידיקונג. צו אונדז האָבן זיך גלײַך פאַראייניקט א מענטשן פינף הונדערט פונעם דאָרף. זיי האָבן זיך באַוואָפנט מיט טראָפייִנעם געווער און זיך געשטעלט העלפן מינירן די אומגעגנט. אין דאָרף האָבן די היטלעריסטן געלאָזט צונויפגעלייגטע שטאַבעלן פון מינעס, און מיר האָבן שנעל גענומען צעשטעלן אַן אופרײַס־באַשיצונג.

נידעריק איבערן דניעפּער טראָגט זיך דורך א „מעסערשמיט" און מע הערט, ווי עס שנײַדן זיך אַרײַן קוילן אינעם פײַכטן זאַמד — שיק־שיק־שיק... נאָך די „מעסערס" קומען שווער־געלאָדענע „יונקערסן", און כאָטש פון די באָמבעס ציטערט אוף די ערד, שפּרינגט דאָך אַרויס אפֿן ברעג פון א פישער־שיפל עפּעס א קאָמאַנדיר מיט א פאָרטאַטיווער ראַדיאָ־סטאַנציע אף דער פּלייצע. ער טוט שאַרף א מאַך מיט דער האַנט, עס סקריפּען די שליסל

---

[1] גראַנאַטעס.

פון די וועסלעס, דאָס וואַסער באַדעקט זיך מיט שוים און אַפן ברעג זעצט זיך אַרויס א דער־
סאַנט־אָטריאַד.

— א גוטמאָרגן, כאַווײרים פּאַרטיזאַנער! — שרײַט אויס דער קאָמאַנדיר.

דער שטענדיקער אײַנגעהאַלטענער גאַריאַטשי צעעפנט ברייט די אָרעמס און מע זעט, ווי טרערן קײַקלען זיך איבער זײַן שטרענג געקנייטשט פּאָנעם. אויך מיר שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. און איבערן קאָפּ קלינגען שוין נײַע „מעסערס", און קוילן שיקען שוין ווידער־אמאָל און גראָבן זיך אײַן אין דניעפּרישן זאמד.

איבער סווידיוואָק איז דער הימל שוין אינגאַנצן א לויטערער. דער בוראַן איז אָפּצו־לאָכעס שטיל געוואָרן. אָנשטאָט דעם דניעפּרישן ווינטל פּײַפן „מעסערשמיטן", וואָס פאַר־גיסן אונדז מיט פײַער פון קוילנוואַרפערס און האַרמאַטן. עס ברענען די שטרויענע דעכער פון די כאַטעס. עס טראָגט זיך אינדערלופטן א שטיקנדיקער רויך.

באַטאָג זײַנען פון טשערקאַס נאָך א שטאַרקער באָמבאַרדירונג צוגעגאַנגען טאַנקען און אויטאָמאַטשיקעס צום פּלאַצדאַרם, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט. פון אָנפאַנג האָבן זיי ניט זיכער אַטאַקירט. זיי האָבן געפּרוווט די שטאַרקײַט פון אונדזער שוץ. זיך איבערצײַגט, אַז אַפן פּלאַצדאַרם איז קיין אינפאַנטעריע ניט פאַראַן, האָבן די היטלעריסטישע טאַנקען זיך אַרויס־גערוקט פאָרויס און גענומען האַסטיק אַטאַקירן. נאָר באַם ברעג פונעם דאָרף האָט זיי באַ־געגנט א געדיכטער פײַער. דער קעגנער האָט ניט באַוויזן זיך אַרײַנרײַסן קיין סווידיוואָק און איז אָפּגעטראָטן, נאָר ער האָט גלײַך אונטערגעצויגן די אַרטילעריע און באַשאָסן דאָס דאָרף מיט א געדיכטן פײַער פון מינענוואַרפער.

דער פּלאַצדאַרם, וואָס מיר האָבן פאַרכאַפּט, איז געווען ניט קיין גרויסער. אינגאַנצן זיבן קילאָמעטער אין פראָנט און פינף אין דער טיף. די גאַנצע שווערקײַט פון פּאַרטיידיקונג איז געפאַלן אינעם ערשטן טאָג אַף די פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן און אַף דער אָרטיקער באַפעלקע־רונג, וואָס האָט צוזאַמען מיט אונדז פאַרטיידיקט דאָס לײַבלעכע דאָרף.

אין הימל זײַנען ניט אײַנגעשטילט געוואָרן די לופט־שלאַכטן, נאָר דערווײַל האָבן זיי ניט געבראַכט קיין פאַרלײַכטערונג דעם מיליטער אַף דער ערד. די פײַנטלעכע פּיקירנדיקע אַעראָפּלאַנען האָבן בלאָקירט דעם אַריבערגאַנג איבערן טײַך. זיי האָבן אופמערקזאַם געהיט דעם דניעפּער. און דאָך איז אונטער א האָגל פון באָמבעס געלייגט געוואָרן א פּאָנטאָן־בריק און באַנאַכט האָט אַפן פּלאַצדאַרם זיך אַראָפּגעלאָזט הילף — ניט קיין גרויסע דעסאַנט־אָטריאַדן.

די שלאַכט פאַרן פּלאַצדאַרם איז געוואָרן העפטיקער. די באַשיצער פון דעם שטיקל ערד האָבן ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג. די הענט זײַנען מיד געוואָרן צו האַלטן דאָס געווער. עס איז שוין פאַרלוירן געגאַנגען דער כעזשבן פון די אַטאַקעס און האַנט־געפעכטן, ווען די פּאָנטאָנען־בריק האָט פאַרייניקט ביידע ברעגן מיטן „וועג פון לעבן", דורך וועלכן ס'האָבן זיך געלאָזט די האַרמאַטן, קאַטיושעס און די אינפאַנטעריע.

פאַרבײַטן די דרײַ פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן זײַנען געקומען די רעגולערע טיילן פון דער צוויי־און־פופציקסטער אַרמיי. אַלע פּאַרטיזאַנער האָט דער קאָמאַנדיר קאָראָטײַעוו אַרויסגע־טראָגן א דאַנק פאַר פאַרכאַפּן דעם פּלאַצדאַרם. די פּאַרטיזאַנער זײַנען אָפּגעפירט געוואָרן אינעם צווייטן עשעלאָן און זײַנען איבערגעגעבן געוואָרן דעם פעלד־מיליטער־ראַט. זעקס און דרײַסיק קאָמאַנדירן פונעם אָטריאַד אין נאָמען פון פּאָזשאַרסקין אין דער שפּיץ מיט גאַריא־טשין און זשילינען האָט דער שטאַב אָפּגערופן.

אינדערפרי האָבן מיר זיך אַראָפּגעלאָזט אַף דער בריק. אונדזער אָטריאַד איז אַריבער־געגאַנגען אַפן לינקן ברעג. גאַריאַטשי האָט זיך אָפּגעשטעלט, א קוק געגעבן אַפן דניעפּער און געפרעגט:

— וואָס זאָל איך אײַך ווינטשן פאַרן געזעגענען זיך?

— אַז אָנשטאָט טרערן זאָלן אַף די פּענעמער גלאַנצן די פרישע טראָפּנס פון די דניע־פּערשע כוואַליעס, — האָט געענטפערט זשילין.

יאנקל קראוויץ
ווילנע

בעניטאָ

צו דעם אלטן כווישעכדיקן בּיניען פון דער ארבעט־בּירזשע אין באַרדאָ איז צוגעפאַרן א שפּאָגל־נײַער פּיקאַפּ — א קליין פארמאַכט לאַסט־אוטאָמאָבּילכל, און פון זײַן קאַבּינע איז ארויסגעשפּרונגען א יונגער אויסגעפּוצטער פּאַרשוין. ער האָט א ווײַלע אופמערקזאַם באַטראַכט דעם האַמוין ארבעטסלאָזע, וואָס האָבּן זיך דאָ ארומגעדרייט אפן טראָטואר און, דערזעענדיק בּיניאַמינען, זיך א לאָז געטאָן צו אים:

— אן אויסלענדער? — האָט אים דער פאַרשוין געפרעגט.

— יאָ, מאָסיע...

דער גאַנצער האַמוין ארבעטסלאָזע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אויסלענדער: שפּאַניער, פּאָרטוגעזער, פּאַליאַקן... די ערשטע קאַרבּאַנעס פון עקאָנאָמישן קריזיס אין פראַנקרײַך זײַנען געווען די אויסלענדישע ארבעטער.

— סטודענט? — האָט דער פּאַרשוין פאַרגעזעצט אויספרעגן.

— דאָס מאָל, מאָסיע, האָט איר נאָר אף א העלפט געטראָפן. איך בּין א געוועזענער סטודענט. ניט אײַנגעצאָלט דעם סכאַרלימעד און טשיק־טשיריק — אויס סטודענט.

— איר זוכט ארבּעט? — האָט דער פאַרשוין געשטעלט א נײַע פראַגע.

— מאָסיע, איר לייענט אין מײַן נעשאָמע, ווי אין דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג אין א צײַטונג.

— דו וועסט ארבעטן בּא מיר, — האָט פײַערלעך געזאָגט דער פאַרשוין און א קלאַפּ געטאָן בּיניאַמינען איבּער דער פּלייצע.

בּיניאַמין האָט מיט אינטערעס באַקוקט דעם פאַרשוין. ער איז א יונגער, קוים אלט די פינף און צוואַנציק יאָר, מיט א פריילעכן פּאָנעם. דאָס נײַע בּערעטל איז אפן קאָפּ פאַרדרייט אף א זײַט, די קורצע שוואַרצע וואָנצעלעך זעען אויס ווי אָקאָרשט ארופגעקלעפּטע אף דער ליפּ. עפּעס איז אין דעם פאַרשוין געווען געקינצלטס, קאָמישעס, און בּיניאַמין האָט ניט געוווּסט, צי מע קען אָנעמען זײַנע רייד ערנסט, אָדער דאָס איז נאָר פּוסטע פּלוידערײַ.

— און וואָס וועל איך טאָן בּא דיר? — האָט מיט אומצוטרוי געפרעגט בּיניאַמין.

דער פאַרשוין האָט ארויסגענומען פון זײַן וועסטל־קעשענע א וויזיט־קאַרטל און, האַלטנדיק דאָס קאַרטל פאַר בּיניאַמינס אויגן, איבּערגעלייענט „ראַזשע לעקאַק — באַלעבאָס פונעם האָטעל „דע לאַ פליאַזש", קאַפע „דע לאַ פליאַזש" און סינעמאַ „דע לאַ פליאַזש", טאַסאַ־לע־בען, ארקאַשאָנער באַסיין".

— דו וועסט זײַן בּא מיר א קינאָ־מעכאַניקער, — האָט ער געמאָלדן.

— איך בּין א מעדיקער, — האָט בּיניאַמין געענטפערט. איך האָב קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן מיט א קינאָ־אַפּאַראַט.

מאָסיע לעקאַק האָט זיך צעלאַכט:

— א קינאָ־מעכאַניקער בּין איך אליין, דאָס הייסט, איך בּין געווען א קינאָ־מעכאַניקער. ראַזשע לעקאַק קאָן אפילע פון א דאַרפישן אינדיק אין פאַרלויף פון א מאָנאַט מאַכן א מענטשישן קינאָ־מעכאַניקער. אזא יאַט, ווי דו, וועסט שוין אין דרײַ טעג ארום דרייען פילמען...

זאָל זײַן אַ קינאָ־מעכאַניקער. ווען מאָסיע לעקאַק לייגט אים פּאַר צו ווערן אַ גאַרסאָן אין קאַפע אָדער אַ באַדינער אין האָטעל, וואָלט ער אויך זיך ניט אָפּגעזאָגט.

אין אַ האַלבער שאָ אַרום איז בינאַמין שוין געפּאָרן מיט לעקאַקן אין פּיקאַפּ אין דער ריכטונג פון אַרקאַשאָן. מיט זיך האָט ער בלויז געהאַט אַ פּאָרטפעלכל, ווו עס זײַנען געלעגן נייטיקע קליייניקייטן און זײַן פידעלע אין אַ ברעזענטענעם זעקל. דעם טשעמאָדאַן זײַנעם מיט די איבעריקע זאַכן האָט די באַלעבאָסטע פונעם מאַנסאַרדע־צימער, ווו ער האָט געלעבט, פאַרהאַלטן אַלס מאַשקן פאַר דעם ניט דערצאָלטן דירע־געלט.

— ווי רופט מען דיך? — האָט זיך דער פאַרשוין אַ קער געטאָן צו בינאַמינען.

— בעניע.

— בעני, בעניטאָ... ביסטו גאָר אַן איטאַליענער?

— ניין, איך בין אַ ייִד פון ליטע, ליטואַני.

— ליטואַני? ווו איז דאָס? — לעקאַק האָט אַ ווײַלע זיך פאַרטראַכט. — אַ, איך ווייס, דאָס איז פוילן. דו ביסט אַ פּאָליאַק.

בעניע האָט מיט אים זיך ניט אַרײַנגעלאָזט אין וויקוחים. אַ פּאָליאַק, זאָל זײַן אַ פּאָליאַק.

— טרעף, בעניטאָ, וואָס איך פיר דאָ אין מײַן פּיקאַפּ? — און ניט וואַרטנדיק אָף קיין ענטפער, האָט לעקאַק געמאָלדן: — איך פיר די גאַנצע סינעמאַ „דע לאַ פליאַזש”. איך האָב זי ערשט הײַנט אײַנגעקויפט אין באָרדאָ. אַ שפּאָגל־נײַע ערשטקלאַסיקע קלאַנג־אַפּאַראַטור, ניט ווי יענע האַלב־געפּייגערטע אַפּאַראַטלעך באַ מײַנע קאָנקורענטן.

— איך בין זיכער, אַז אין דער היים וואַרט אָף דיר אַ שיין ווײַבעלע, ערשט נאָך דער כאַסענע. — האָט בעניע זיך ניט אײַנגעהאַלטן אַ שפּאַס צו טאָן מיט זײַן נײַעם באַלעבאָס. דער אומשולדיקער שפּאַס האָט מאָדנע געווירקט אָף לעקאַקן. זײַן גאַנצע אופלעבונג איז פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן. ער האָט אַפילע אופגעהערט אונטערצופײַפן.

אויך בינאַמינען האָט זיך איבערגעגעבן זײַן באַלעבאָס' שטימונג. וווּהין פאָרט ער? ער האָט דאָך אַפילע ניט געפרעגט באַ לעקאַקן, ווו ער וועט לעבן און וויפל מע וועט אים צאָלן. באַ אים אין האַרצן האָט זיך אַרײַנגעקליבן אַ קאַלט שלענגעלע פון ייִעש: פאַרלאָזן דעם שטודיום צוויי יאָר פאַרן קריגן דעם דיפּלאָם, נאַקעט און הויל, אַ פרעמדער אין לאַנד, אין אַ שווערער קריזיס־צײַט, — וואָס דערוואַרט אים?

צום האָטעל „דע לאַ פליאַזש” זײַנען זיי צוגעפאָרן איידער ס'איז נאָך געוואָרן אָוונט. פון שטוב איז אַרויסגעלאָפן אַ שײיִנינק יאַטעלע, אַלט אַ יאָר דרײַ־פיר.

— גראַן־פּאַפּאַ, גראַן־פּאַפּאַ[1], — איז ער צוגעלאָפן צו ראָזשע לעקאַקן. ראָזשע האָט אים ליבלעך אַרופגעכאַפּט אָף די הענט.

— נו! פיעראָ! דו האָסט שוין געוואַרט אָף דײַן גראַן־פּאַפּאַ?

אין דער זעלבער מינוט איז פון שטוב אַרויס אַ יונגע צעשויבערטע פרוי פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. זי האָט אַרויסגעכאַפּט פון ראָזשעס הענט דאָס יאַטעלע און אים אָוועק־געשלעפּט אַ ווײַנענדיקן צוריק אין שטוב אַרײַן.

— מײַן טאָכטער פראַנסואַזע, אַ פרײַנטלעכע פּערזאָן, ניט עמעס, בעניטאָ? — האָט ראָ־זשע ניט פריילעך אַ שמייכל געטאָן.

ס'האָט נאָך ניט באַוויזן זיך צו פאַרמאַכן די טיר הינטער פראַנסואַזען, ווי ס'האָט זיך באַוויזן אַ פרוי מיט אַ געלבלעך פּאָנעם, וואָס באַווײַזט, אַז זי לײַדט אָף דער לעבער־קראַנק־הײַט. זי איז מיט אַ שווערן טראָט צוגעגאַנגען צו ראָזשען, אים אַרומגענומען.

— הענדעלע מײַנס, ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן אַ גאַנצן טאָג? איך האָב שוין די אויגן אויסגעקוקט, וואַרטנדיק אָף דיר.

— דו זע נאָר, וואָס איך האָב געבראַכט: אין פּיקאַפּ ליגט די גאַנצע סינעמאַ „דע לאַ פליאַזש”. און אָט איז אונדזער קינאָ־מעכאַניקער בעניטאָ, אַ פּאָליאַק. זײַ באַקאַנט: מײַן פרוי מארי־קלאָד, — האָט ראָזשע אים פאַרגעשטעלט די פרוי מיטן געלבלעך פּאָנעם. מארי־קלאָד האָט מיט נײַגעריקײַט אָנגעקוקט בינאַמינען.

— פּאַרלע ווו פראַנסע?[2] — האָט זי מיטן פינגער געטײַטלט אָף בינאַמינען און אָף זיך, אַזוי ווי מע רעדט מיט אַ טויב־שטומען.

ראָזשע האָט דאָס מאָל פריילעך זיך צעלאַכט:

— ער רעדט אַ ריינערן פראַנצויזיש פון אונדז ביידן.

— אויב אַזוי, גייט זשע ביידע עסן מיטיק, מיר האָבן שוין אָפּגעגעסן, זיך ניט דערוואַרט

---

[1] זיידע (פראַנצויזיש).
[2] רעדט איר פראַנצויזיש?

ביז דו ווּעסט קומען. — און זי איז אַוועק מיט איר שווערן טראַט. זי איז געווען עלטער פֿון ראַזשען אַף א יאָר צוואַנציק.

בּיניאַמין האָט ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, ווי אוטאָמאַטיש ס'איז געווען זײַן פֿראַגע וועגן ראַזשעס „שיין ווײַבעלע".

דער אַרקאַשאָנער באַסיין געפֿינט זיך א זעכציק קילאָמעטער פֿון באָרדאָ. דער באַסיין איז א גרויסער יאַם־אויסגוס מיט שטילע און וואַרעמע וואַסערן. די אַלע דערפֿער און שטעט־לעך, וואָס ליגן אַפֿן ברעג פֿונעם אויסגוס, לעבן טאַקע פֿון האָדעווען אויסטריצעס אין די פּלאַכע ברעגיקע וואַסערן און פֿון פֿישערײַ.

אַלע שטעטלעך און דערפֿלעך האָבן צו זייער אייגענעם נאָמען צוגעטשעפּעט אַן עק „לע־בען": טאַסאַ־לע־בען, אַנדערנאָס־לע־בען, מעסאַק־לע־בען. לע־בען איז א קאַפּוליער אָנצוהערעניש, אַז די געגנט איז א קוראָרטנע. לע־בען באַדײַט דאָס זעלבע, ווי דער צוגאָב אין דײַטש „באַד": מאַריענבאַד, קאַרלסבאַד. קומען טאַקע אַהער פֿון באָרדאָ זיך אָפּרוען די ניט־רײַכע מענטשן, ווּעמען עס ציט צו די זאַמדיקע פּליאַזשן, דער געדיכטער סאָסנע־וואַלד און די ביליקע אַכסאַניע. „האָטעל דע לאַ פּליאַזש" איז געווען אָט אַזאַ ביליקע אַכסאַניע. א גאַנצן ווינטער פֿלעגט די אַכסאַניע שטיין פּוסט און וויסט, נאָר פֿון אָנפֿאַנג פֿרילינג האָבן שוין אָנגעהויבן אָנקומען קוראָרטניקעס. פֿאַר די געסט האָט מען פּאַרדונגען ניט נאָר די עטלעכע צימערן פֿונעם האָטעל אַפֿן צווייטן עטאַזש, נאָר אַפֿילו די דירע פֿון די באַלעבאַ־טים גופֿא אַפֿן ערשטן. ראַזשעס מיט מאַרי־קלאָד האָבן אין סעזאָן־צײַט געלעבט אין א קע־מערל, פֿראַנסואַזע מיטן קליינעם פּיעראָ אין א צווייט קעמערל. אויך בּיניאַמינען האָט מען באַזעצט אין א קעמערל.

ראַזשעס האָט געבראַכט בּיניאַמינען אַן אַרבעטס־קאָמבינעזאָן זיך איבערצוטאָן. ער אַליין איז אויך שוין געווען אָנגעטאָן אין א פּאַרוואַשענעם אָפּגעבליאַקעוועטן קאָמבינעזאָן. אַף מאָרגן, גלײַך פֿון אינדערפֿרי, האָבן זיי ביידע זיך גענומען צו דער קינאָ־אַפּאַראַטור. ראַזשעס האָט דערקלערט בּיניאַמינען:

— דאָס איז א פּאָרטאַטיוווער קינאָ־אַפּאַראַט, אונדזערע קליינע שטעטלעך קענען זיך ניט דערלויבן צו האָבן א סטאַציאָנאַרע קינאָ.

בּיניאַמינען איז ניט אויסגעקומען צו שטעלן פֿראַגעס. ראַזשעס, ווי א געניטער פּעדאַגאָג, האָט אים אַלץ בעקיצער דערקלערט.

דער נעכטיקער מעדיקער האָט שוין אַליין צוזאַמענגעשטעלט און געלאָזן אין גאַנג די אַפּאַראַטור. קיין גרויסע כאָכמע איז אין דעם ניט געלעגן. דאָס איז געווען ניט פֿיל קאָמפּלי־צירטער, איידער אײַנשליסן א ראַדיאָ־אופּנעמער. דער קונץ איז באַשטאַנען אין פֿאַרבײַטן אָפּגיך די „געענדיקטע" קאַסעטע מיט א נײַער. בעניע האָט זיך אויסגעלערנט די מעלאָכע אין געציילטע מינוטן.

ראַזשעס האָט אַרויסגעהאָנגען א גרויסן געצאַצקעטן פּלאַקאַט: „זייער געערטע אײַנוווי־נער און געסט פֿון טאַסאַ־לע־בען! די דירעקציע פֿון סינעמאַ „דע לאַ פּליאַזש" האָט דעם קאָ־וועד אײַך אײַנצולאַדן צו דער פֿײַערלעכער דערעפֿענונג. אַרײַנגאַנג אומזיסט פֿאַר אַלעמען. קומט און איבערצײַגט זיך אין דער הויכער קוואַליטעט פֿון דער נײַער קלאַנג־אַפּאַראַטור. ס'וועלן דעמאָנסטרירט ווערן אַן אַמעריקאַנער שלאַגער וועגן דעם לעבן פֿון די קאָווּבאָיען — „די שטיקנדיקע האַנט" — און א פֿריילעכע פֿראַנצויזישע קאָמעדיע מיטן ליבלינג פֿונעם פּו־בליקום פֿערנאַנדעל".

דער ערשטער סעאַנס איז געגעבן געוואָרן אונטערן פֿרײַען הימל. נאָך לאַנג פֿאַרן אָנ־הייב איז שוין דער „קינאָ־טעאַטער" געווען פֿול. יונגוואַרג איז אַרויפֿגעקראָכן אַפֿן דאַך פֿו־נעם שטעלכל, ווו בעניע האָט געלעבט, און אויך אַף די עטלעכע פֿיַגן־ביימער, וואָס זײַנען אין הויף געוואַקסן.

בעניע איז געשטאַנען באַם אַפּאַראַט און געוואַרט אַף ראַזשעס סיגנאַל אָנצוהייבן. ער האָט זיך געפֿילט, ווי אַף א וויכטיקן עקזאַמען, און איז געווען אינגאַנצן אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט.

דער עולעם האָט איבערגעלעבט פֿאַר דער אַמעריקאַנער שיינהײט, וועלכע האַלט אין איין אַרײַנפֿאַלן אין גאַזלאָנישע הענט, און דער פֿאַרליבטער קאָובאָי ראַטעוועט זי יעדעס מאָל אין דער סאַמע לעצטער מינוט. פֿערנאַנדעל האָט אַלעמען מעסאַמייעך געווען.

דער מעכאַניקער בּיניאַמין האָט אויסגעהאַלטן זײַן ערשטן עקזאַמען. די געשעפֿטן פֿון סי־נעמאַ „דע לאַ פּליאַזש" זײַנען אַוועק ניט שלעכט, אָבער באַזוכער פֿאַר דער סינעמאַ זײַנען געווען העכסטנס אַף איין אָדער צוויי סעאַנסן א וואָך. ראַזשעס האָט דעריבער געפּלאַנט צו געווינען די זושויער אויך פֿון די אַרומיקע שטעטלעך. נאָר דאָ האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף

א ווידערשטאַנד פון די קאָנקורענטן. זיי האָבן געפּויעלט, אַז מע זאָל ראָזשען ניט פאַרדינגען די זאַלן.

קעדיי ביניאַמין זאָל ניט אַרומגיין פּוסט־און־פּאַס, האָט מאַרי־קלאָד אים אָנגעשטעלט אין קאַפע וואַשן דאָס געפעס. בעניע האָט זיך ניט געשפּאַרט: זאָל זײַן וואַשן געפעס, דאָס איז דאָך אַלץ בעסער, ווי אַרומבלאָנקען אין באַרדאָ אָן אַרבעט.

די קאַפע האָבן באַדינט מאַרי־קלאָד און פראַנסואַזע, נאָר אַז עס פלעגט זײַן א פולער זאַל מיט געסט, האָט מען אָנגעהויבן לאָזן אויך ביניאַמינען באַדינען די טישלעך. אינגיכן האָט מען שוין געקאָנט הערן אין זאַל:

— בעניטאַ, צוויי „פּערנאָ״![1]

— בענטשאַ, ברענג מיר מײַן אַפּעריטיוו!

ביניאַמין האָט שוין אינגיכן געקאָנט אַלע באַזוכער פון קאַפע, געוווּסט, ווער וואָס עס טרינקט און, ניט וואַרטנדיק אויף א באַשטעלונג, געטראָגן דעם גאַסט אַנטקעגן זײַן באַליבט געטראַנק. אין אָוונט איז בא אים די קעשענע פון קאָמבינעזאָן געווען פול מיט מאַטבייעס פון „פּורבואַר״ (טרינק־געלט). ביניאַמינס לעבן איז ביסלעכווײַז אַרײַנגעגאַנגען אין א געוויסער נאָרמע. אינדערפרי פלעגט ער לויפן זיך אָפּבאָדן אין יאַם, אין די אָוונטן, נאָך דער אַרבעט, האָט ער געשפּילט אויף זײַן פידעלע אונטער די פײַגנביימער לעבן שטעלכל.

דאָס פידעלע האָט ביניאַמין געיאַרשנט פון אַן אַלטן איינזאַמען קלעזמער, וואָס האָט געלעבט בא זיי אין שטוב. ניט קענענדיק קיין נאָטן, האָט ער זיך אויסגעלערנט, לויטן גע־הער, שפּילן באַקאַנטע מאָטיוון און דערבײַ אונטערזינגען מיט זײַן ניט שטאַרק, נאָר אָנגע־נעם שטימעלע.

דערווײַל האָט ראָזשע געלערנט ביניאַמינען פירן דעם פּיקאַפּ. ביניאַמין האָט באַמערקט: ראָזשע איז אין שטוב, אין זײַן אָפּגעבליאַקעוועטן קאָמבינעזאָן, לאַכלוטן ניט ענלעך אויף דעם אויסגעפּוצטן פאַרשוין בא דער אַרבעט־בירזשע אין באַרדאָ. די גאַנצע אויסטערלישקײַט איז פון אים אַראָפּ, אפילו זײַנע קליינע שוואַרצע וואָנצעלעך האָבן פאַרלאָרן זייער כשיוועס. אין קאָמבינעזאָן איז ער פלינק און געשיקט אין די באַוועגונגען. ער פאַרמאָגט פיל גוטע מײַלעס פון אַן עכטן פראַנצויזישן אַרבעטס־מענטש. עמעס, א ביסל איז ער א גרויסהאַלטער און א פאַנטאַזיאָר. ביניאַמין האָט שוין געשפּירט צו אים סימפּאַטיע. אין איין שיינעם טאָג האָט ער פאָרגעלייגט:

— ראָזשע, מיר האָבן ניט קיין זאַלן, לאָמיר באַווײַזן די פילמען אין די שטעטלעך אונ־טערן פרײַען הימל.

ראָזשע האָט זיך אָנגעכאַפּט אין בעניעס פּלאַן. אין דעם גרעסטן שטעטל פון דער אומ־געגנט, אין אַנדערנאָס־לע־בען, האָט ער געדונגען א הויף בא אַן אַלטן פישער. מע האָט צוזאַמענגעקלאַפּט פון שמאָלע געהובלטע ברעטער לאַנגע בענק און אינגיכן האָט זיך באַוויזן אין אַנדערנאָס־לע־בען א גרויסאַרטיקע מעלדונג:

„פּיליאַל סינעמאַ דע לאַ פּליאַזש״. אַרײַנגאַנג אומזיסט. קומט אַלע זיך איבערצײַגן אין דער הויכער קוואַליטעט פון בילד און קלאַנג אין אונדזער סינעמאַ״.

די דערפּעפענונג פונעם פּיליאַל האָט ראָזשע צוגעפּאַסט צו דעם זעלבן טאָג און צו דער זעלבער שאָ, ווען ס׳האָט געדאַרפט זײַן א קינאָ־סעאַנס בא זײַן קאָנקורענט אין זאַל פון דער קאַפע.

אַזאַ צופלוס פון פּובליקום האָט נאָך אַנדערנאָס־לע־בען ניט געזען זינט דאָס שטעטל איז באַשאַפן געוואָרן. מע איז געקומען מיט אייגענע שטולן, פאַמיליענווײַז. פיל מענטשן זײַנען געשטאַנען אין די דורכגאַנגען. די עטלעכע מעכטיקע פּלאַטאַנעס אין הויף זײַנען געווען גע־דיכט באַזעצט מיט שטעטלשע יאַטלעך.

אינעם זאַל פון דער קאַפע, באַם קאָנקורענט, איז קיין איין לעבעדיקער נעפעש ניט געווען. פון גרויס נײַגעריקײַט איז דער קאָנקורענט מאַסיע לעזשע אַוועק א קוק טאָן, ווי עס זעט אויס דער פּיליאַל פון סינעמאַ „דע לאַ פּליאַזש״.

ראָזשעס ווײַטערדיקער פּלאַן איז געווען אַזאַ: די פּרײַז פון די בילעטן וועט זײַן פּונקט א העלפט, ווי באַם קאָנקורענט. אויף אַזאַ אופן וועט ער זיך פאַרפעסטיקן אין אַנדערנאָס־לע־בען אויף די זומער־ און האַרבסט־מאָנאַטן. צו אָנהייב ווינטער, ווען אין דרויסן קען מען שוין ניט דורכפירן קיין קינאָ־סעאַנסן, האָט ער געהאָפט, וועט שוין זײַן קאָנקורענט ווערן אַזוי צעקלאַפּט, אַז ער וועט פרײַוויליק אָפּטרעטן פון שלאַכטפעלד.

[1] פּערנאָ — א מאַרקע ווײַן.

די אַרבעט באַם סינעמאַ האָט אָפּגענומען ניט פיל צײַט, אָבער מאַרי־קלאָד פלעגט געפינען פּאָר ביניאַמינען אַלץ נײַע אַרבעט, ער זאָל ניט אַרומגיין ליידיק.

מאַרי־קלאָד האָט געגרייט אַף ווינטער קאָלערליי קאָנסערווירטע שפּײַזן. פּאַשטעטן פון ווילד־פאַנג איז פּאָר אַ פראַנצויז דאָס זעלבע, ווי פאַר אַ ייִדן געהאַקטע לעבער אָדער געפילטע פיש. בעניע האָט ניט געהאַט קיין טעווע בראַקירן אַרבעט. וואַשן געפעס, דערלאַנגען אין קאַפע צו די טישלעך, דרייען אַ פילם, קערן די דילן — אַלץ איז אַרבעט, און ער האָט דערמיט פאַרדינט זײַן ברויט, נאָר פון האַוון אַף דער קיך האָט ער קיין נאָכעס ניט געהאַט.

קעדיי צו מאַכן אַ פּאַשטעטע פון פאַזאַנעס, הענגט מען דעם פאַזאַן אויף צווערשט אין קיך אַף אַ שטריק פאַרן העלדזל. ער הענגט אַזוי לאַנג, ביז דאָס העלדזל ווערט פאַרפוילט און דער פאַזאַן פאַלט אַראָפּ אַפן דיל. דאַן איז ער צוגעגרייט צו ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַשטעט. אָבער אין קיך פלעגט שטיין אַזאַ רייעך, אַז בא ביניאַמינען האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט און ער האָט געמוזט אַרויסלויפן אין דרויסן כאַפּן לופט.

בלויז דערמיט האָבן נאָך ביניאַמינס פליכטן זיך ניט פאַרענדיקט.

מאַרי־קלאָד פלעגט ליב האָבן אין די אָוונטן, ווען בעניע האָט געשפּילט אַף זײַן פידעלע אונטער די פײַגנביימער, זיך אוועקזעצן אַף אַ בענקעלע באַם שטעלכל, ווו זיי האָבן געלעבט, און זיך צוהערן צו זײַן שפּילן. אויך פראַנסואַזע איז אַ שווײַגנדיקע געזעסן בא איר טיר און זיך צוגעהערט. ביניאַמין האָט אַפילע באַמערקט, אַז פראַנסואַזע האָט ליב געהאַט אונטערצוזינגען אונטער דער נאָז זײַנע ייִדישע ניגונים.

אין די אָוונטן, אין קאַפע, פלעגט די שטעטלשע יוגנט ליב האָבן צו טאַנצן. געטאַנצט האָט מען אונטער דער מוזיק פון אַן אַלטיטשקן פּאַטעפאָן מיט אויסגעריבענע פּלאַסטינקעס.

איינמאָל, ווען אַ בעגילופנדיקער טענצער האָט אַראָפּגעשלעפּט דעם פּאַטעפאָן פון טישל און דער גאַנצער פּאַק פּלאַסטינקעס מיטן פּאַטעפאָן צוזאַמען זײַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שערבלעך, האָט מאַרי־קלאָד אַ זאָג געטאָן צו ביניאַמינען:

— בעניטאַ, ברענג גיכער דײַן פידעלע. דו ביסט דאָך אַ מוזיקאַנט, מע דאַרף זען, אַז די קלײַנטן זאָלן זיך ניט פאַנאַנדערגיין.

— אָ מאַדאַם, איך בין דאָך ניט קיין מוזיקאַנט. איך קען קוים עטלעכע לידלעך אויסשפּילן. — האָט ביניאַמין געפּרוווט זיך אויסדרייען.

— שפּיל וואָס דו קענסט. שפּיל דײַנע פּוילישע לידלעך. אָבער שפּיל!

— שפּילן, איז שפּילן, — האָט ביניאַמין זיך ניט געשפּאַרט.

פון יענעם אָוונט אָן, דאַן, ווען ער איז ניט געווען פאַרנומען מיטן סינעמאַ, האָט ער אַף זײַן פידעלע געשפּילט אין קאַפע פאַר די טענצער.

— בעניטאַ, אַ פּוילישע טאַנגאָ! — האָט מען געקאָנט הערן די קאָמאַנדעס פון די טענצער. אונטער דער פירמע פון אַ פּוילישן טאַנגאָ איז געגאַנגען „מײַן שטעטעלע בעלץ".

— עפּעס פריילעכס, בעניטאַ! — און בעניע פלעגט אופשפּילן „אַז דער רעבע עלי־מײַלעך". וואַלסירט האָט די יוגנט פון טאַסאַ־לע־בען אונטער די קלאַנגען פון „ראָזשינקעס און מאַנדלען". בעניע האָט געלאָזט אין גאַנג דעם גאַנצן רעפּערטואַר לידער, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. ער האָט געשפּילט זײַנע באַליבטע סאָוועטישע לידער, פון צײַט צו צײַט פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אַ ליטווישע מוקטינע.

בעניע האָט זיך אַזוי אַרײַנגעצויגן אין זײַן פידל־שפּיל, אַז ער האָט די לידער געזונגען מיט זײַן שוואַכער שטים. שמייכלענדיק, האָט ער שפּעטער זיך צוגעהערט, ווי אָט פון איין פישער־הויף, אָט פון אַ צווייטן טראָגט זיך דער בענקענדיקער ניגון פון „מײַן שטעטעלע בעלץ".

מאַרי־קלאָד האָט געפּרוווט אויסנוצן אויך בעניעס מעדיציניש קענטעניש. זי האָט געהאַלטן אין איין שלינגען טאַבלעטקעס, קויפן אַלע רעפּועס, וואָס מע האָט רעקלאַמירט אין די צײַטונגען.

— איך בין בלויז אַ סטודענט און האָב ניט קיין רעכט צו פּראַקטיקירן, — האָט געטײַנעט בעניע. — איך קען אײַך געבן נאָר איין אייצע — עסט אַ ביסעלע וויניקער, וועט איר ניט דאַרפן שלינגען אַזוי פיל טאַבלעטקעס.

אַזאַ אייצע איז דער פרוי ניט געפעלן געוואָרן, און זי האָט מער זיך ניט געווענדט צו אים וועגן היילן זיך.

זינט דעם טאָג, ווען בעניע האָט זיך באַוויזן אין האָטעל „דע לאַ פּליאַזש", האָט פראַנסואַזע ווי ניט באַמערקט אים, קיינמאָל ניט אַ רעד געטאָן מיט אים און אויסגעמיטן צו זײַן מיט אים צוזאַמען. פון ראָזשע איז גאָר אָפּגערעדט געוואָרן, אַף אים פלעגט זי שיפּען, ווי אַ שלאַנג. נאָר איינמאָל, ווען בעניע האָט אינדערפרי געראַמט דעם זאַל פון קאַפע, האָט ער

דערהערט פונעם דערבײַיקן קעמערל, ווו עס זײַנען געשטאַנען די קאַסטנס מיט ווײַן, פראַנ־סואַזעס קרעכצן:

— בעניטאַ, גיכער, ס'איז מיר שלעכט, איך שטאַרב...

בעניע איז אַרײַנגעלאָפן אין קעמערל. פראַנסואַזע איז האַלב געזעסן, האַלב געלעגן אַף אַ קאַסטן מיט ווײַן. זי האָט געציטערט, איר בלייך פּאַנעם איז געווען צעפּלאַמט, זי האָט זיך געהאַלטן פאַרן האַרצן און ניט אופגעהערט צו קרעכצן.

בעניע האָט אויסגעציילט דעם פּלוס — דער פּולס איז געווען אַ גוטער, אַ טאַפּ געטאָן דעם שטערן — קיין היץ איז ניט געווען. ער האָט צוגעלייגט דעם אויער צום האַרץ — דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט נאָרמאַל.

— ס'איז אַ קלייניקייט, די נערוון. ס'ועט באַלד איבערגיין.

ער איז אַוועקגעלאָפן און געבראַכט אַ בעכערל וואַלעריאַן־טראָפּנס, אָבער פראַנסואַזע האָט מיט עקל אַרויסגעקלאַפּט פון זײַן האַנט דאָס בעכערל.

— אַרויס פונדאַנען, שמוציקער מעטעק![1] אַרויס פונדאַנען, ליאַמצע־טיאַמצע, אויך מיר אַ דאָקטער זיך אײַנגעפונען...

איר אייגן קינד, דעם קליינעם פּיעראָ, פלעגט פראַנסואַזע באַ יעדער געלעגנהייט פּאַטשן און שמײַסן, נאָר ערגער ווי צו אַלעמען האָט זי זיך באַצויגן צו איר מוטער. גערופן האָט פראַנסואַזע איר מוטער ניט מוטער, נאָר מאַדאַם, אַרײַנלייגנדיק אין „מאַדאַם" אַ גרויסע דאָזע גיפט. „מאַדאַם האָט זיך באַוויליקט שוין אויסצושלאָפן? מאַדאַם דאַרף מיר וואָס זאָגן?.."

איינמאָל, אַרײַנקומענדיק אינדערפרי אין זאַל פון קאַפע, איז בינאַמין ניט ווילנדיק געווען אַן איידעס פון אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער מוטער און דער טאָכטער.

— נאַ, נאַ! — האָט מאַרי־קלאָד געפּראַשקעט איר טאָכטער אין באַק און אין דער צווייטער, — גיב גלײַך אָפּ אַלץ, וואָס דו האָסט בעכטן אַרויסגעגאַנוועט פון דער קאַסע!

— נעם און דערוערג זיך מיט דײַן געלט. דו מיט דײַן הענדעלע... — האָט פראַנסואַזע געשלעפּט פון בוזעם צעקנייטשטע פּאַפּירלעך און געוואָרפן זיי צו דער מאַמעס פּיס. — ווען דו וואָלסט מיר געצאָלט כאָטש ווי אַ דינסט, וואָלט איך ניט געדאַרפט שלעפּן פון קאַסע. איך האָב דאָך אַפילע קיין איין מענטשיש קליידל ניט... דו זשאַלעוועסט מיר אַ פּאָר פראַנק קיין באַרדאָ צוצופאָרן.

— ס'איז דיר ווייניק, וואָס דו וואָלגערסט זיך אויס מיט אַלע מענער דאָ, דאַרפסטו נאָך פאָרן קיין באַרדאָ. אָנגעלעבט אַ מאַמזער, טראַכסטו גאָרניט זיך אײַנאָרדענען ווי אַ מענטש. דו ווייסט נאָר צו פאָדערן פון דײַן מאַמען!

— איך קען ניט אַזוי גוט האַנדלען מיט זיך, ווי דו. דאָס האָסטו נאָר געקענט זיך פאַר־קויפן פאַר אַן אַלטן אויוועררבאָטל, קעדיי צו קענען יאַרשענען פון אים דעם האָטעל „דע לאַ פּליאַזש". דאָס האָסטו געקויפט אַ יונגן מאַן, וואָס האָט געקענט זײַן דײַן זון. — פראַנסואַזע האָט זיך היסטעריש צעלאַכט, — כאַ־כאַ־כאַ... דו האָסט מיך באַשאַנקען מיט אַ פּאַפּאַ, וואָס איז מיט אַ יאָר יינגער פאַר מיר.

בינאַמין האָט זיך געהאַלטן אָן אַ זײַט פון אָט די פאַמיליען־מאַכלויקעסן. אויסער דער אַרבעט האָט ער אויסגעמיטן האָבן צו טאָן מיט ווע;מען עס איז פון דעם מישפּאָכטעלע, אַפילע מיטן קליינעם פּיעראָ, ווײַל ווי נאָר פראַנסואַזע פלעגט יענעם דערזען מיט בינאַמינען, פלעגט זי אים גלײַך אוועקשלעפּן.

די ברייטע פּלענער פון ראָזשע צו פאַרנעמען מיט זײַן סינעמאַ אַלע גרעסערע שטעטלעך פון אַרקאַשאָנער באַסיין זײַנען ניט מעקויעם געוואָרן. נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אים אײַנגעג־געבן צו פאַרכאַפּן די פּאָזיציע אין אַנדערנאָס־לע־בען, האָט ער אָבער געליטן אַ מאַפּאָלע אין טעסאַק־לע־בען. ראָזשע האָט מיט אַלע פּישטשעוועקעס געוואָלט איבערכאַזערן זײַן דערפאַרונג פון אַנדערנאָס־לע־בען: אָפּגעדונגען אַ הויף, געבראַכט צו פּירן אַ פּאָר צענדליק בענק און אײַנגעלאַדן אַלעמען באַזוכן דעם סינעמאַ „דע לאַ פּליאַזש" אומזיסט. ער האָט אָבער ניט פאַרויסגעזען די קאָנטראַטאַקע פון זײַן קאָנקורענט. ווען ראָזשע מיט בינאַמינען זײַנען גע־קומען צום ערשטן סעאַנס אין טעסאַק־לע־בען, האָבן זיי געפונען אַ פּוסטן הויף. די בענק — אַלע ביז איינעם — זײַנען געווען געדיכט אויסגעשמירט מיט פּעך, און אַ פּאָר כוורעלײַט זײַ־נען געשטאַנען באַם אַרײַנגאַנג פונעם הויף און געטיילט אומזיסטע בילעטן צו גיין אין קינאָ פון דער קאַפע. אין אַ צווייטן שטעטל, ווו ראָזשע האָט געפּרוווט דערריידן זיך וועגן אָפּדינגען אַ הויף צו דעמאָנסטרירן פילמען, האָבן די באַלעבאַטים אַפילע הערן ניט געוואָלט דערפון.

---

[1] מעטעק — אַ זידל־וואָרט פאַר אויסלענדער.

דעריבער האָט ראָזשע באַשלאָסן דערווײַל זיך באַנוגענען מיט אַנדערנאָס־לע־בען. דאָ פֿלעגט ער דורכפֿירן צוויי סעאַנסן אַ וואָך, ווײַל דאָס שטעטל איז געווען אַ סאַך גרעסער, ווי טאַסאָ. מאַרי־קלאָד האָט געהאַט אַ פֿאַרמאַכטע האַנט און פֿלעגט נאָר זעלטן צוּוואַרפֿן ביניאַמינען אַ הונדערט־פֿראַנק־פּאַפּירל. קיין באַשטימטן געהאַלט האָט ער ניט געהאַט. זײַן הויפּט־פּרנסה איז געוואָרן דאָס פֿידעלע. נאָכן שפּילן פֿלעגט ער פֿון טיש צוזאַמענשאַרן יעדעס מאָל אַ גאַנצן הויפֿן מיט פּאַפּירלעך און מאַטבייעס. ער האָט זיך אײַנגעשאַפֿן אַ קאַרטאָנענעם קעסטל פֿון אונטער שוכוואַרג און געשאַטן אַהין די פֿאַרדינסטן. קיינע הוצאות האָט ער ניט געהאַט. געגעסן צוזאַמען מיט די באַלעבאַטים און געלעבט אין זייער שטעטלכל, אַזוי אַז אַלץ, וואָס ער פֿאַרדינט, איז געגאַנגען אין שוך־קעסטל. פֿאַר אים האָט געגומען שײַנען אַ האָפֿענונג, אַז דעם קומענדיקן לערניאָר זאָל ער באַנײַען זײַנע לימודים אין אוניווערסיטעט.

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען ראָזשע מיט ביניאַמינען האָבן זיך געלאָזט פֿאָרן קיין אַנדערנאָס־לע־בען, האָט ראָזשע אונטערוועגנס, פֿאַרבײַפֿאָרנדיק דאָס אָפּשטעל־אָרט פֿון די אויטאָבוסן, פּלוצעם פֿאַרטאַרמאַזירט דעם פּיקאַפּ.

— בעניטאָ, איך דאַרף ערגעץ צופֿאָרן מיטן אויטאָבוס. דו פֿאָר אַליין קיין אַנדערנאָס, דו וועסט זיך ספּראַווען אָן מיר. צוריקוועגס וועסטו מיך געפֿינען אָפֿן זעלבן אָרט. אָן מיר זאָלסטו אין טאַסאָ ניט פֿאָרן.

פֿון יענעם טאָג אָן האָט ראָזשע אָנגעהויבן איין מאָל אַ וואָך מאַכן אַ רײַזע מיטן אויטאָבוס, אײַנגאַנצן זיך פֿאַרלאָזנדיק אָף ביניאַמינען. צוריקוועגס פֿון אַנדערנאָס פֿלעגט ביניאַמין שוין געפֿינען ראָזשע באַם אָפּשטעל פֿון אויטאָבוס. ער פֿלעגט אים איבערגעבן דעם רודער, און יענער איז מיט אַ הילכיקער פֿײַפֿערײַ פֿון דער סירענע אַרײַנגעפֿאָרן אין טאַסאָ. אַזוי זײַנען פֿאַרבײַ עטלעכע וואָכן, און אַלץ איז געגאַנגען קעשורע. נאָר איינמאָל, ווען ביניאַמין האָט שוין געענדיקט אײַנפּאַקעווען די אַפּאַראַטור, קעדיי צוריק פֿאָרן פֿון אַנדערנאָס, איז צו אים פּלוצעם צוגעגאַנגען מאַרי־קלאָד.

באַ ביניאַמינען איז אײַנגעפֿאַלן דאָס האַרץ. קיין גוטס האָט איר אומגעריכטער אַראָפּקומען קיין אַנדערנאָס ניט אָנגעזאָגט.

— וווּ איז ראָזשע? — האָט זי מיט אַ קוים אײַנגעהאַלטענער רוגזה אַ פֿרעג געטאָן ביניאַמינען.

— איך ווייס ניט, מאַדאַם. — בעניטאָ האָט טאַקע ניט געוווּסט, וווּ ראָזשע איז. יענער האָט אים קיינמאָל ניט דערציילט, וווּהין און נאָך וואָס ער פֿאָרט, און ביניאַמין האָט אים וועגן דעם קיינמאָל קיינע שאלות ניט געשטעלט.

— דו ווייסט גאַנץ גוט, נאָר דו ווילסט מיר ניט אויסזאָגן, — האָט שוין גרויס־קאַס געזאָגט מאַרי־קלאָד. — נאָר איך וועל זיך דערוויסן אַלץ. זעץ זיך, און לאָמיר פֿאָרן אַהיים. — האָט זי באַפֿוילן.

ווען זייער מאַשין האָט זיך דערנעענטערט צום אָפּשטעל־אָרט פֿון דעם אויטאָבוס, האָט מאַרי־קלאָד די ערשטע דערזען דעם וואַרטנדיקן ראָזשע. זי האָט געהייסן ביניאַמינען זיך אָפּשטעלן, ניט זאָגנדיק קיין איין וואָרט, איז זי צוגעלאָפֿן צו ראָזשען, אים אַראָפּגעלאָזן צוויי פּרעסק אין באַק, זיך צוריקגעקערט צו דער מאַשין און אַ קאָמאַנדע געטאָן ביניאַמינען:
— פֿאָר ווײַטער!

— און ראָזשע? — האָט ביניאָמין געפֿרעגט.

— ער איז ניט קראַנק צו גיין צופֿוס. די מאַשין איז מײַנע און ניט זײַנע.

ביניאָמין האָט באַנאַכט לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפֿן. ווען ער האָט אָנגעהויבן דרעמלען, האָט אים אויפֿגעוועקט מאַרי־קלאָדס קאָל פֿון הינטער דעם דינעם ווענטל פֿונעם שטעטלכל:

— דאָ איז אַלץ מײַנס: דאָס הויז, דער האָטעל, די קאַפֿע, דער סינעמאַ, די גאָלדענע רינגען, וואָס דו טראָגסט אָף דײַנע פֿינגער. אַפֿילע דײַנע גאָלף־הויזן זײַנען אויך מײַנע. צו דיר געהערט דאָ קיין זאַך ניט. אַ נאַקעטער ביסטו צו מיר געקומען און אַ נאַקעטער וועסטו פֿונדאַנען אָוועקגיין. ווי מיינסטו, כ׳האָב ניט פֿאַרשטאַנען, אַז דו וועסט פּרוּוון בישטיקע פֿון מיר זיך טרעפֿן מיט דײַן בלאָנדער קאַנטראָליאָרשע פֿון דער סינעמאַ „פּאַראַמונט” אין באָרדאָ? דעריבער האָב איך טאַקע אין אונדזער כאַסענע־קאָנטראַקט אַרײַנגעשריבן: אין פֿאַל פֿון אַ געט קריגסטו גאָרנישט, אַלץ בלײַבט באַ מיר. קלײַב אויס, וואָס דו ווילסט: אָדער דו שווערסט זיך, אַז דו וועסט קיינמאָל ניט אַרײַנשמעקן צו דײַן קאָנטראָליאָרשע און דו וועסט ווײַטער קענען זײַן אָן אָנגעזעענער באַלעבאָס אין טאַסאָ, אָדער איך טרײַב דיך אַרויס אַ נאַקעטן צו דײַן שיינהייט. נאַ, נאַ, קוש מיר די פּיס, איך זאָל דיר מוחל זײַן, קוש נאָך... העכער... און נאָך העכער... מײַן ליב, ליב, הענדעלע.

אַף מאָרגן איז אין שטוב אַלץ געווען, ווי עס וואָלט גאָרנישט ניט פּאַסירט. אַלע האָבן געטאָן זייער געוויינלעכע אַרבעט, נאָר באַ ראָזשען איז געווען די באַק געשוואָלן, דאָס אויג איז אַזוי פאַרלאָפן, אַז עס האָט זיך קוים אַרויסגעזען אַ דינק שפּעלטל, אונטערן אויג איז געווען אַ גרויסער גרין-בלויער „לאַמטערן", ס'האָט אויסגעזען, ווי ראָזשע וואָלט אַלעמען ביטער אונטערגעפינטלט מיטן אויג:

— האַ, אַ שיינע געשיכטע האָט מיט מיר געטראָפן?..

ער האָט אויסגעמיטן זיך צו באַווייזן פאַר מענטשן. פראַנסואַזע, דאַקעגן, איז נאָך קיינמאָל אַזוי פריילעך ניט געווען, ווי אין יענעם טאָג: זי האָט דאַפּקע געזוכט וואָס אָפטער אַריינצוקוקן ראָזשע אין זיין צעמאַזיקטן פּאָנעם, און דערביי האָט זי אַריינגעזונגען אים אין פּאָנעם אַריין אַ פרעך לידל.

פראַנסואַזע האָט טריומפירט.

בעניע האָט כּישעד געווען, אַז דאָס האָט זי, וויזט אויס, ראָזשען אונטערגעמאַסערט פאַר מארי-קלאָד. בעניע האָט זיך דערשפּירט פּלוצעם אינגאַנצן אָפּגעפרעמדט אין אָט דעם הויז. ס'איז שוין געווען טיף אין האַרבסט, באַלד דאַרפן זיך אָנהייבן די לימודים אין אוניווערסיטעט.

אין שוך-קעסטל האָט זיך אָנגעקליבן אַ סומע געלט, וואָס האָט געקענט קלעקן איינצוצאָלן סכאָרלימעד אין אוניווערסיטעט און אויך אַף לעבן אַ פּאָר כאַדאָשים, ניט אַרבעטנדיק. ס'האָט בעניען גענומען ציִען צוריק קיין באָרדאָ, אין אוניווערסיטעט צו זיינע כאַווייריִם, צו די ביכער. ער האָט באַשלאָסן דערציִען ביז ענדע מאַנאַט, און צום אָנהייב פונעם לערניאָר זיך צוריקקערן קיין באָרדאָ. אָבער אומקערן זיך קיין באָרדאָ איז אים באַשערט געווען אַ סאַך פריִער און אַף גאָר אַן אומגעריכטן אופן.

אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דער געשיכטע מיט ראָזשע איז פּלוצעם פאַרפאַלן געוואָרן פראַנסואַזע. אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט מען זי געזוכט און ניט געפונען.

— עפשער איז זי אַוועקגעפאָרן הוליען אין באָרדאָ, — האָט מארי-קלאָד אַרויסגעזאָגט איר סוואָרע. די מאַמע האָט ניט שטאַרק איבערגעלעבט, וואָס די טאָכטער איז פאַרפאַלן געוואָרן.

צו מיטיק-צייט האָט פראַנסואַזע זיך געפונען. דער ערשטער האָט זי דערזען, אַריינגייענדיק אין הויף, בעניע, און ער איז געבליבן שטיין אַן איבעראַשטער. פראַנסואַזע איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ צעשויבערטע, אַ בעגילופנדיקע, אין אַ פּראַכטפולער פעלצענער מאַנטאָ, וואָס איז געהאַנגען אַף איר, ווי אַף אַ סטראַשידלע.

— האַ, בעניטאָ, ווי געפעל איך דיר? דאָס האָב איך פאַר דיין געלט זיך אַזוי אויסגעפוצט. — זי האָט בעשאַסמייסע אונטערגעטאַנצט און זיך געדרייט פאַר בינִיאָמינען, ער זאָל קענען זי זען אין איר פולער פּראַכט. — אַ דאַנק דיר פאַרן געשענק. דיין שוך-קעסטל האָט מיר געקלעקט פּונקט אַף אַ מאַנטאָ.

ניט גלייבנדיק נאָך אין זיין אומגליק, איז בעניע אַריינגעלאָפן צו זיך אין קעמערל: אַפן דיל איז געלעגן זיין קעסטל אַ ליידיקס. דאָס האָט באַטייט — אַ סאָף צו זיינע כאַלוימעס וועגן לערנען זיך אין אוניווערסיטעט. בינִיאָמין האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם קאָמבינעזאָן, זיך איבערגעטאָן אין זיין אָפּגעריבענעם אָנצוג, אַרופגעלייגט דאָס ברעזענטענע זעקעלע מיטן פּידעלע אַף דער פּלייצע, גענומען דאָס פאָרטפעלכל אין האַנט און איז אַוועק. ער האָט מיט קיינעם זיך ניט געזעגנט, פאַר קיינעם ניט געגאַנגען זיך באַקלאָגן. ער האָט צופוס אַוועקגעמאַרשירט אין דער ריכטונג פון באָרדאָ.

ווען בעניע איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שאָ פון טאַסאַ, האָט אים דעריאָגט ראָזשע. זיי זיינען צוזאַמען געגאַנגען שווייַגנדיק. יעדערער איז געווען פאַרטיפט אין זיינע ניט-פריילעכע מאַכשאָוועס.

בעניע האָט שוין ניט געזען דאָס, וואָס איז פּאָרגעקומען אַפן הויף פון „האָטעל דע לאַ פּליאַזש" נאָך זיין אַוועקגיין. און פּאָרגעקומען איז אָט וואָס: ווען בינִיאָמין איז אַוועק, איז ראָזשע צוגעפאַלן צו פראַנסואַזען.

— אַך, דו פּאַסקודע, צו וואָס האָסטו געדאַרפט באַגאַנווענען בעניטאָן?

פראַנסואַזע האָט אַרומגעכאַפּט ראָזשען און גענומען אים קושן די הענט:

— ראָזשע, ליבינקער, טייערער, שלאָג מיך, האַרגע מיך, טו וואָס דו ווילסט, נאָר נעם גיכער די מאַשין, דעריאָג בעניטאָן און ברענג אים צוריק, האָב ראַכמאָנעס אַף מיר, קער אים אום!

די זון איז שוין געווען אַפן הימל גאָר נידעריק, ווען ביידע — בינִיאָמין און ראָזשע —

האָבן דערשפּירט אַ גרויסע מידקייט. פון אינדערפרי אָן האָבן זיי גאָרנישט ניט געהאַט אין מויל.

געקומען אין שטעטל, האָט ראַזשע אויסגעטאַפּט די קעשענעס פון זײַן קאָמבינעזאָן, נאָר אין זיי ניט געפונען קיין איין מאַטבייעלע. אויך בינאַמין האָט ניט געהאַט קיין סאַנטים. אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט ער געהאַלטן אין דעם שוך־קעסטל.

בא ראַזשען האָבן שעלמיש א גלאַנץ געטאָן די אויגן.

— בעניטאָ, מיר וועלן דאָ באַלד פאַרדינען אף אָנבײַסן. נעם אַרויס דײַן פידעלע, און מיר וועלן פאַרן געערטן פּובליקום געבן א קאָנצערט.

זיי האָבן אויסגעקליבן א באַלעבאַט אָרט — אנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג אין קאַפע־הויז. ראַזשע האָט מיט זײַן הילכיקער שטימע זיך געווענדט צו די פאַרבײַגייער:

— מעדאַם, מעסיע! מיר לאַדן אײַך אײַן אף א קאָנצערט פון אויסלענדישער און פראַנצויזישער מוזיק! מעדאַם, מעסיע, לאָזט ניט דורך די געלעגנהייט אויסצוהערן צוויי רײַנדיקע אַרטיסטן. מיר פאַנגען אָן אונדזער קאָנצערט מיטן באַליבטן פּוילישן שלאַגער „אַז דער רעבע עלי־מיילעך".

אַרום זיי האָט זיך גענומען קלײַבן א רעדל נײַגעריקע.

בינאַמין האָט צוערשט ניט זייער גערן אונטערגעהאַלטן ראַזשעס איניציאַטיוו, אָן באַזונדערער הימלײַוועס גענומען אין האַנט דאָס פידעלע. נאָר ביסלעכווײַז האָט ער זיך אַרײַנגעצויגן, געשפּילט איין לידל נאָכן אַנדערן פון זײַן רעפּערטואַר און דערבײַ געזונגען. ראַזשע האָט אים אונטערגעהאַלטן.

פון קאַפע האָט מען אַרויסגעטראָגן פאַר די אַרטיסטן צו א גלעזל רויטן ווײַן. דער אוילעם האָט אַפּלאָדירט און געוואָרפן מאַטבייעס אף בינאַמינס ברעזענטענעם זעקל, וואָס איז געלעגן אפן אַספאַלט.

ווי א פּאָר שטיפערישע קינדער האָבן בינאַמין און ראַזשע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די לאַסט פון זאָרגן און זיך אַרײַנגעטאָן מיט ברען אין שפּיל און געזאַנג. בינאַמין האָט אַפילע אונטערגעטאַנצט, און ראַזשע איז א פּאָר מאָל זיך דורכגעגאַנגען, ווי א צירק־אַקראָבאַט, אף די הענט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף.

אין סאַמע ברען פון דער סימכע זײַנען אומבאַמערקט שטיל צוגעפאָרן אף וועלאָסיפּעדן צוויי זשאַנדאַרמען אין זייערע מונדירן פון זאַמד־קאָליר און אין הויכע קעפּיס. זיי האָבן א ווײַלע זיך צוגעהערט, וואָס דאָ קומט פאָר, און זיך געמאַכט א וועג דורכן אוילעם צו די אַרטיסטן.

— אײַערע פּאַפּירן, מעסיע, — האָט דער עלטערער, א סערזשאַנט, זיך געווענדט צו בינאַמינען און ראַזשען.

בינאַמין, וואָס איז שוין געוווינט געווען צו אַזעלכע קאָנטראָלן, האָט גלײַך אַרויסגענומען זײַן קאַרטע פון אַן אויסלענדער.

— אַן אויסלענדער! שוין העכער דרײַ מאָנאַט, ווי די קאַרטע איז אויסגעגאַנגען. וווּ וווינט איר? — האָט ער שטרענג געפרעגט בינאַמינען.

בינאַמין האָט אומבאַשטימט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— ווו אַרבעט איר?

בינאַמין האָט געשוויגן.

— וויפל געלט האָט איר בא זיך?

בינאַמין האָט באַוויזן די קעשענעס פון זײַן אָנצוג.

— אַלץ איז קלאָר, — האָט דער סערזשאַנט א בורטשע געטאָן. — און איר, מאָסיע, אײַערע פּאַפּירן? — האָט ער זיך געווענדט צו ראַזשען.

— איך האָב ניט בא זיך קיינע פּאַפּירן, — האָט ראַזשע א מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— אַן אויסלענדער מוז שטענדיק האָבן מיט זיך זײַנע פּאַפּירן, — האָט אים דער זשאַנדאַרם געמוסערט.

— איך בין ניט קיין אויסלענדער, איך בין א פראַנצויז.

— דערציילט מיר באָבעמײַסעס, אויך מיר א פראַנצויז זיך אײַנגעפונען.

— איר קענט דערקענען נאָך מײַן ריידן, אַז איך בין א פראַנצויז.

— איצט רעדן אויסלענדער פראַנצויזיש בעסער פון אונדז. ווו וווינסטו, ווו אַרבעטסטו, וויפל געלט האָסטו מיט זיך?

ראַזשע האָט געשוויגן.

— מעסיע, — האָט פײַערלעך געמאָלדן דער סערזשאַנט, — איך קאָנסטאַטיר, אַז איך האָב אײַך געטראָפן אין א צושטאַנד פון וואַגאַבונדאַזש. איר זײַט בראָדיאַגעס. איר האָט ניט קיין

שטענדיק ווין־אַרט. איר אַרבעט אין ערגעץ ניט און האָט מיט זיך ניט דעם נייטיקן מינימום געלט. אויסער דעם, פאַרנעמט איר זיך מיט שנאַרערײַ. אין נאָמען פון געזעץ, זײַט איר אַרעסטירט.

דער סערזשאַנט האָט עפּעס אַ שעפּטשע געטאָן דעם צווייטן זשאַנדאַרם אַפן אויער, און יענער איז באַלד אוועקגעלאָפן צום טעלעפאָן אין קאַפע. ס'איז גלײַך אונטערגעקומען אַן אָפּע־נע פּאָליצײַיִשע מאַשין.

— נו, מײַנע הערן, — האָט געזאָגט דער זשאַנדאַרם, — די נאַכט וועט איר פאַרברענגען אין דער באַרדאַער טורמע און מאָרגן אינדערפרי וועט דער ריכטער באַשטימען אײַער ווײַ־טערדיקן גורל. איך האַלט, אַז אַף דעם ווינטער זײַט איר שוין גאַראַנטירט מיט אומזיסטער דירה און דערנערונג.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען שוין בינאַמין און ראָזשע געפאָרן אין דער פּאָליצײַיִשער מאַשין אין דער באַגלייטונג פון אַ זשאַנדאַרם.

ראָזשע האָט אַרומגענומען בינאַמינען.

— דײַגע ניט, בעניטאָ. מע וועט אונדז לאַנג ניט האַלטן. די דאַרפישע זשאַנדאַרמען, די אָנגעבלאָזענע אינדיקעס אין די הויכע קעפּיס, ווייסן נאָר צו כאַפּן און צו אײַנזעצן. דער ריכטער אין באַרדאָ וועט זיך גיך פאַנאַנדערקלײַבן, און מאָרגן וועט מען אונדז אַרויסלאָזן. מיר וועלן ביידע דערווײַל לעבן בא מײַן מאַמען. איך בין דאָך אַ באַרדאַער טוישעוו. מיר וועלן געפינען אַרבעט, די וועלט גייט נאָך ניט אונטער.

בינאַמין האָט אויך אַרומגענומען ראָזשען.

— אַ דאַנק דיר, ראָזשע, נאָר איך בעט דיך, רוף מיך ניט מער בעניטאָ. מײַן נאָמען איז בינאַמין — בענזשאַמען, און איך מוז דיר זאָגן, אַז בינאַמין איז זייער ניט צופרידן מיט דער אויפירונג פון בעניטאָ. בעניטאָ האָט געלעבט נאָר מיט זײַנע קליינלעכע עגאָיסטישע אינטע־רעסן, אָפּגעזונדערט פון אַלע אַרומיקע. ער האָט דאָך געזען די נידערטרעכטיקײַט פונעם לעבן, אָבער ניט געטאָן די קלענסטע זאַך, קעדיי מיט עפּעס־וואָס צו ענדערן די לאַגע, כאָטש אייך מענטשן אַרויסשלעפּן פון דער בלאָטע. — בינאַמין איז אַף אַ ווײַלע אַנשוויגן געוואָרן. — ראָזשע, — האָט ער פאַרגעזעצט זײַן געדאַנק, — דו ווייסט שוין קיינמאָל קיין „הענדעלע“ ניט זײַן, און איך וועל שוין קיינמאָל קיין „בעניטאָ“ ניט זײַן. מיר דאַרפן ביידע אָנהייבן אַ נײַ לעבן.

די פּאָליצײַיִשע מאַשין האָט שנעל געפירט ביידע כאַווײרים צו זייער ווײַטערדיקן גורל. בא זיי איז געווען אַ געפיל, אַז ניט מע פירט זיי אין טורמע, נאָר אַז זיי זײַנען ביידע פון אַ טורמע אַנטלאָפן.

אַף די אויסשטעלונגען פון קינדערישע געמעלן

אין די שטורעם־טעג פון בירגערקריג.
ליאַניע אַבאַלענסקי, 13 יאָר

יונגע פיאָנערן באם לענין־מאַוזאָליי.
לענע סאַוועליעווא, 11 יאָר



אפן גליטש־פלאץ. טאמארע מארטינאָווא, 6 יאָר

פיר אונדז, פיר אונדז, אייזעלע! אירע זאראָן, 10 יאָר



מיר לערנען זיך מאָלן. אניע יופעראָווא, 7 יאָר

די באָבע בא דער שרײַב־מאַשין. מאגדע פעטשניקאָווא, 8 יאָר



באם פענצטער. אירע סקאַרינאַ, 11 יאָר

אפן מאנעזש. סוועטע קאַסאַווא, 11 יאָר



קלאַרע פּעסטשאַנסקע

דאַרניצע, קיִעווער געגנט

דער פּרילינג־טאָג

דער טײַך איז פול ביז סאַמע ברעג,
ער שפּילט, און לויפט, און שפּרינגט אַף שטיינער,
עס טריקנט אויס דער ברייטער וועג,
ער ווערט אַלץ זיכערער און ריינער.
די פייגל קומען — ליבע געסט,
ס'אײַלט יעדער פויגל צו זײַן נעסט.
און אַלץ ווערט לעבעדיק און גרין,
צו פרישע קווייטן פליט די בין,
עס טוט די בין אַמאָל אַ ביס.
דאָך איז איר אַרבעט ליב און זיס.
דער טראַקטאָר אַרבעט טאָג און נאַכט,
דער טראַקטאָריסט, ער זינגט און לאַכט.
עס רופט דאָס פעלד, דער טראַקטאָר גייט.
מיר זײַנען ברויט, ס'איז אונדזער פרייד.
פון פּרילינג־טאָג זינגט דער מאָטאָר,
פון טאָג, וואָס האָדעוועט אַ יאָר.
עס פליט, עס אײַלט דער פּרילינג־טאָג,
און גיי דעריאָג אים, גיי דעריאָג!

די וועגן רופן

די וועגן רופן, ס'רופן די וועגן,
צו וואַרעמע יאַמען, צו גאָלדענע ברעגן,
צו פעלדער, פאַרזייטע מיט ווייץ און מיט קאָרן,
צו רוישיקע וועלדער פון צאָפן ביז דאָרעם.
צו שטעט, ווו עס וואַקסן זאַוואָדן־גיגאַנטן,
צו טײַערע מענטשן, צו מענטשן טאַלאַנטן,
צו ליכטיקע שולן מיט גליקלעכע קינדער,
צו אַלע איינעם, צו יעדן באַזונדער.
עס ווילט זיך מיר זעען די פרײַנטלעכע פּרויען,
וואָס לערנען, וואָס היילן, וואָס זייען, וואָס בויען.
עס ציט מיך דערהערן די מאָסקווער קוראַנטן,
די ליכטיקע נעכט פון דער שטאָט לענינגראַד.
די שטעט, די געבײַען, ווו די אָקופּאַנטן
דערהערט האָבן אונדזער קאָמאַנדע: „נאַזאַד!"
עס לויפן די וועגן צום אַלטן אַמור,
ער ווײַזט אונדז זײַן שטאַרקע און האַרבע נאַטור.
ער זידט און ער רוישט, און ער שלאָגט זיך אָן ברעג
און זוכט צום בײַקאַל אַ געזיכערטן וועג.
דורך בערג און דורך טײַכן, דורך טײַגישער וואַנט
דערלאַנגט דער בײַקאַל אים די ברודערשע האַנט.
עס רופן די וועגן אַלץ ווײַטער, אַלץ העכער,
דאָס היימלאַנד איז גרויס און איז פול, ווי אַ בעכער.

●●●

זאַלמען מינקין
דאָנעצק

פאַר מײַנע אויגן

פאַר מײַנע אויגן ליגט דער קאַזאַכסטאַנער סטעפּ.
די גאַנצע צעלינאַ איז אויפֿגעלעבט.

איך האָב געאַקערט רויערד אויך אַמאָל,
געבראָכן פֿונעם פּלוג האָט זיך דער שטאָל.
עס איז אַדורך שוין פֿינף און פֿופֿציק יאָר,
און פֿול דאָס האַרץ מיט צעלינאַ, ווי אַף דער וואָר.

מיר דוכט זיך אַלץ: מײַן פּלוג אַ וואַגע שנײַדט,
די האַרטע הליבעס קוים וואָס ער צעקײַט.
פֿאַר קאַזאַכסטאַן איז דאָס ניט קיין פֿאַרגלײַך,
די קאַזאַכסטאַנער צעלינאַ איז רײַך!

די צעלינאַ — אַ לאַבן ברויט דעם לאַנד.
וואָס שווערער ס'איז דאָס ברויט, אַלץ גרינגער איז דער הײַנט.

● ● ●

שלוימע ראַפּאָפּאָרט
לענינגראַד

אין שלאַכט געלײַטערט

כ'האָב אַמאָל געבראַכט דיר בלומען, האָב איך דאַן געהאַט אַ טאַעס.
האָסטו זיי ניט אָנגענומען. וואָס איז לידער, וואָס איז בלומען,
כ'האָב דערנאָך געבראַכט דיר לידער, ווען אין פֿײַער פֿלאַמען ווײַטן?
האָסטו אָפּגעזאָגט מיר ווידער. בין איך מיטן זיג געקומען,
כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז מאַשמאַעס האָסטו גלײַך זיך אויסגעלײַטערט.

אײַנלאַדונג

מײַנע פֿרײַנט, אין יעדער צײַט,
סײַ אין היצן, סײַ אין פֿרעסט,
סײַ פֿון נאָענט, סײַ פֿון ווײַט
כ'לאַד אײַך אײַן צו מיר אין געסט.
כ'וועל פֿאַרבעטן זונען־שײַן,
זאָל באַלײַכטן אונדזער טיש,
כ'וועל זיך סטאַרען, עס זאָל זײַן
אַפֿן טיש געפֿילטע פֿיש.

ערד און ליים

װאָרצלען שלענגלען זיך אין דר'ערד,
ניט אין זאַמד און ניט אין ליים.
יענע זײַנען גאָרנישט װערט,
װאָס פאַרלאָזן זײער הײם.
זײ פאַרנעכטיקן זיך הײַנט,
לױפן אין אַן אַנדער אָרט.
ניט קײן גליק און ניט קײן פרײַנט
קאָן מען ניט געפינען דאָרט.

איך האָב ליב דעם אַלטן װאַלד,
ס'איז מיר טײַער יעדער בױם.
איך בין איצטער אױך שױן אַלט,
שטאַרק פאַרװאָרצלט אין מײַן הײם.
מײַנע װאָרצלען זײַנען דאָ,
װוּ דאָס גליק האָט זיך צעבליט,
װוּ קײן אומרעכט איז ניטאָ,
װוּ עס קלינגט מײַן פרײַע ליד.

מײַן אײניקל

אַן אײניקל אַ ציכטיקס,
די באָבע זאָגט: „אַ ליכטיקס".

עס װײנט, עס לאַכט, עס קרעכצט, עס שרײַט,
עס װײסט, װען שלאָפן אין די צײַט.
אָט שטײט עס אױף די פיסלעך,
אָט נעמט עס גײן צוביסלעך.

מײַן אײניק װאַקסט פון שאָ צו שאָ,
און צײנדלעך זײַנען אױך שױן דאָ.
מע זעט: עס װאַקסט בײַ מיר אַ העלד.
זאָל זײַן נאָר שאָלעם אױף דער װעלט!

דאַוויד פײַנשטיין

כערסאָן

אַ נאָכוואָרט צו העלדישער גוואַלט

די אײַנוווינער פונעם דאָרף סאַמוילעווקע ווייסן וועגן אים אַלץ אָדער קימאַט אַלץ, וואָס עס קענען וויסן וועגן אַ געוואַגטן מענטשן זײַנע נאָענטע פרײַנט, כאָטש אין סאַמוילעווקע, וואָס געפינט זיך אין ווערכניע־האַטשיקער ראַיאָן, האָט לעאָניד אָסנאָוויקאָוו קיינמאָל ניט געוווינט. געוווינט האָט ער אין דעמידעווקע און געאַרבעט אַלס פּאַרזיצער פונעם קאָלווירט אָפּן נאָמען פונעם XXII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר — און דאָס איז שוין וועליקאָלעפּעטיכער ראַיאָן. די דעמידעווקער און סאַמוילעווקער פעלדער ליגן בישכיינעס, רירן זיך אָן איינס אין אַנדערן, און דאָס דערנענטערט די אײַנוווינער פון ביידע דערפער. דעריבער, ווען עס האָט פּלוצלינג אין יענעם אומדערטרעגלעך־הייסן טאָג זיך אָנגעצונדן אַ גרויסער מאַסיוו סאַמוילעווקער ווייץ, האָבן זיך די דעמידעווקער קאָלווירטניקעס אַהין גלײַך אַ וואָרף געטאָן און צוזאַמען מיט זיי דער פּאַרזיצער, ריכטיקער: פּריִער דער פּאַרזיצער און דערנאָך אַלע איבעריקע; פּאַשעט, ער, אָסנאָוויקאָוו, האָט דער ערשטער דערזען ווי דאָס פײַער האָט זיך אַ הייב געטאָן איבערן פעלד. איבער וועמעס פעלד? וואָס איז דער כילעק? מע האָט געדאַרפט ראַטעווען דאָס ברויט!

אין אָט דעם טאָג איז דער פּאַרזיצער גאַנצפריִ אוועק אַף דער פערמע. די מעלקערנס האָבן אים דערפרייט — די געמעלקן זײַנען העכער געוואָרן. און אויב אַזוי, איז די שטימונג בא זיי געווען אַ גוטע און זיי האָבן זיך געגרייט גיין פאַרנאַכט אַף אַ טעאַטראַלער פאָרשטעלונג: ניט אָפּט קומט קיין דעמידעווקע דער כערסאָנער טעאַטער.

— און איר קומט אויך! — האָבן אים די מעלקערנס דערמאָנט.

— כ׳וועל אומבאַדינגט זײַן, — האָט געענטפערט לעאָניד אַנאַטאָליעוויטש און זיך צוגעזײַלט אַהיים אָפּצועסן פרישטיק.

נו, און דערנאָך האָט ער זיך געטראָגן איבער די פעלדער אין זײַן „גאַזיק", ניט דורכגעלאָזט קיין איין קאָמבײַנער, זיך דורכגערעדט מיט אַלעמען. די גערעטעניש איז געווען אַ גערָאָטענע. אַף יעדן העקטאַר האָבן די שטײַפע זאַנגען פון דער „בעזאָסטער" ווייץ געהאַלטן איבער דער ערד ניט ווייניקער פון צוויי הונדערט פּוד קערנער. קעדיי צו פאַרמײַדן פאַרלוסטן, דאַרף מען מער קאָמבײַנען: ער האָט פאַרקערעוועט צו דער קאָנטאָר, קעדיי פאַרפּינקטלעכן דעם כעזשבן.

אין זײַן ארבעטס־צימער איז געלעגן אַפן טיש אַ ניט פאַרענדיקטער בריוו צום דאָנעצקער געגנטלעכן פּאַרטיי־קאָמיטעט, ווו ער הייבט אוף די פראַגע וועגן שטעלן אַ דענקמאָל די פיר און זיבעציק דאָנבאַסער העלדן, וועלכע זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן פאַרן דאָרף, פאַר דעמידעווקע. עפּעס האָט אים געשטערט — און ער האָט דעם בריוו ניט געענדיקט. ער האָט אָבער בא זיך באַשטימט, אַז הײַנט טאַקע וועט ער אומבאַדינגט אים אָפּשיקן. מיט אַ וואַרעמען געפיל האָט ער אַ טראַכט געטאָן וועגן די שילער פון דער היגער שול. וואָס האָבן אַ סאַך אופגעטאָן אַף צו געפינען די מישפּאָכעס פון די געפאַלענע העלדן.

די דעמידעווקער שילער האָבן ליב געהאַט לעאָניד אַנאַטאָליעוויטשן. באַם ארײַנטרעטן אין ערשטן קלאַס פלעגן זיי זיך אויסשטעלן בא דער קאָלווירט־פאַרוואַלטונג. עס זײַנען זיך צונויפגעקומען די טאַטעס און די מאַמעס, און דאָ, אין דער פײַערלעכער מינוט, פלעגט אָסנאָוויקאָוו זיי שענקען אין נאָמען פונעם קאָלווירט די שילערישע פאָרמע און נײַע לערנביכער. ער איז געווען ניט קיין באַריידעוודיקער, נאָר צוליב די קינדער פלעגט ער שטענדיק געפינען וואַרעמע האַרציקע ווערטער.

איינמאָל, אַף אַן אָוונט פון קאָמיוגיסטן, האָט לעאָניד אַנאַטאָליעוויטש אומגעריכט זיך ארויס־

גערעדט, אז ער טרוימט אָנצושרײַבן א ביכל וועגן דעם לעבן און וועגן די אופטועז פון סאָלדאטן. די אויגן בא די קאָמיוגיסטן האָבן זיך צעפינקלט. דאָס וואָלט געוויס געווען אן אינטערעסאנטער בוך, ווײַל אָסנאָוויקאָוו איז אין עלטער פון זיבעצן יאָר פרײַוויליק אוועק אפן פראָנט פון דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע.

ער איז געווען א קאוואלעריסט, ניט איין מאָל געזען דעם טויט פאר די אויגן. באקומען דרײַ ווונדן און דרײַ מאָל זיך אומגעקערט אין דער ריי. שוין געווען א קאפיטאן, געוואָלט בלײַבן אין דער ארמיי אף שטענדיק, נאָר געמוזט זיך דעמאָביליזירן: דער ווייטעק אין פארווונדעטן פוס האָט זיך ניט געשטילט און דאָס הארץ האָט אויך זיך געלאָזט הערן.

בעטעווע אן אָפטימיסט, איז ער בא זיך ניט אראָפגעפאלן. ער וועט זיך אומקערן קיין דעמידעווקע. דער סטעפ וועט אים היילן, די זון וועט אים ווארעמען. דאָס דאָרף האָט הארציק באגעגנט דעם לאנדסמאן, וואָס זײַן ברוסט איז געווען באצירט מיט שלאכט־אָרדענס. ס'איז קיין סאך צײַט ניט דורכגעגאנגען, ווי ס'איז בא אים צוגעקומען אן אָרדען פאר פלײַסיקער מי.

נאָך די איניאָנים, וועלכע ער האָט דערלייזט אין קאָנטאָר, האָט ער זיך ארײַנגעכאפט אהיים אָפעסן ווארמעס. צו פינף אזייגער נאָך מיטיק האָט ער זיך געקליבן אין פעלד ארײַן, אין דער צווייטער בריגאדע. די שטוב־לײַט האָט ער דערמאָנט, זיי זאָלן זיך צופוצן צום טעאטער. די מאמע האָט איבער עפעס גענומען זיך אָנפרעגן וועגן זײַן געזונט.

— האָסט שוין א פוטיאָווקע אין סאנאטאָריע, זונו?

לעאָניד האָט א שמייכל געטאָן.

— איך האָב, מאמע, אָפגעגעבן די פוטיאָווקע דעם קאָמבײַנער קאמעניעוו... אים איז ערגער פון מיר. איך וועל זיך נאָך באגיין. — און איז אוועקגעפאָרן.

אין וועג איז די שטימונג בעסער געוואָרן: סארא געראָטן ברויט אף די פעלדער!

נאָר וואָס איז דאָס? פונוואנען איז דער רויך? ניט שוין זשע ברענט דאָס ווייץ? אוואדע! אָט האָבן שוין א פינקל געטאָן בלייכע ציִנגער פײַער. ניין, מע טאָר ניט ווארטן! לעאָניד אנאטאָליעוויטש האָט געהייסן דעם שאָפער שנעל פאָרן נאָך די מעכאניזאטאָרס, און אליין איז ער אוועק אהין, ווו עס ברענט.

ווען ס'האָט זיך באוויזן די לעש־מאשין, האָט דאָס פײַער שוין געפלאמט איבערן ברויטפעלד. אָסנאָוויקאָוו האָט גיך צעשטעלט אף דער פײַער־ליניע די קאָלווירטניקעס, וועלכע זײַנען אָנגעקומען אף אווטאָמאָבילן און אף טראקטאָרס, און אליין, אונטערהינקענדיק, זיך א וואָרף געטאָן אנטקעגן דעם פײַער. דער שלאנג איז א שווערער, נאָר אָסנאָוויקאָוו רײַסט זיך דורך פאראקשנט דורכן געדיכטן ווייץ. עס ברענט די ערד, נאָר ער טראכט אפילע ניט פון אָפשטעלן זיך. אום יעדן פרײַז דארף מען ראטעווען דאָס פעלד! הינטער אָסנאָוויקאָוון, ניט אָפטרעטנדיק, גייען דער טשאבאן גריגאָרי מײַבאָראָדא און דער סטאָליער אלעקסיי ביישא...

קיינער געדענקט ניט, וויפל ס'האָט געדויערט צווישן די מענטשן און דעם פײַער דאָס געפעכט. אָט האָט עס שוין, דוכט זיך, אָנגעהויבן שטילער ווערן, נאָר לעאָניד אנאטאָליעוויטש דערפילט, אז דאָס וואסער אין שלאנג האָט זיך אויסגעלאָזט, די ציסטערנע איז ליידיק... דאָס פײַער האָט זיך א וואָרף געטאָן מיט א נײַער קראפט און האָט פלוצעם אָפגעשניטן אָסנאָוויקאָוון פון די ארומיקע. ווען דער טראקטאָריסט האָט א טרײַב געטאָן די מאשין צו הילף דעם פאָרזיצער, איז שוין געווען שפעט. לעאָניד אָסנאָוויקאָוו האָט זיך שוין ניט געקאָנט אופהייבן. ער איז א פארקוילטער געבליבן זיצן אף די שפיץ פינגער... דאָס שטיקל ערד, וואָס איז געווען אונטער זײַנע טריט, איז ביז הײַנט ניט צעאקערט. די קאָלווירטניקעס האלטן עס, ווי א הייליק שטיקל אָרט...

אין יענע טעג, ווען די ערד איז נאָך געווען הייס, האָט דער לאורעאט פון דער לענין־פרעמיע, דער באוווסטער סאָוועטישער שרײַבער וואסילי פעסקאָוו געשריבן: „די סרייפע האָבן געלאָשן עטלעכע הונדערט מענטשן, נאָר אומגעקומען איז איינער — אָסנאָוויקאָוו, לעאָניד אנאטאָליעוויטש. ער איז אומגעקומען דערפאר, ווײַל ער איז געווען נעענטער פון אלע צו דער געפאר. ער האָט זיך אליין געשטעלט אפן געפערלעכסטן אָרט. די לאגע איז געווען אזא, בייס וועלכער ס'איז אומבאדינגט נייטיק א מענטש, וואָס איז פײַיק ארויסגיין אנטקעגן דער געפאר. אזא מענטש איז געווען דער פאָרזיצער"...

אזא איז דער לעצטער טאָג פון זײַן לעבן און דער ערשטער — פון זײַן אומשטערבלעכקײַט. ער האָט דערהויבן דעם העלדנטאט פון אן ערדארבעטער צום העלדנטאט פון א שלאכטמאן. אָט פארוואָס מע האָט אין ברייטן פעלד אים אופגעשטעלט א גראניטענעם דענקמאָל. אָט פארוואָס מע האָט אָנגערופן די הויפט־גאס אין דאָרף מיט זײַן נאָמען. אין צעטל פון די אייביקע פיאָנערן פון דער סאמוילעווער שול איז פארשריבן: „לעאָניד אנאטאָליעוויטש אָסנאָוויקאָוו".

פון יענעם טאָג זײַנען שוין דורכגעגאנגען זיבן יאָר. דער דעמידעווקער פאָרזיצער איז אף שטענדיק געבליבן אין זיקאָרן פונעם פאָלק. ניט

נאָר דער סאַמולעוועקער קאָלווירט, נאָר אַלע ווירטשאַפטן און אין זיי אַלע ביז איינעם קאָמבײַנערן, טראַקטאָריסטן, זײַנען געוואָרן אָנטיילנעמער פון דער שלאַגלערישער אָסנאָוויקאָוו־וואָך אַף אַראָפּנעמען די גערעטעניש. די וואָך האָט זיך אָנגעהויבן פון לייגן פּאַרכטיק בלומען צום גראַניטענעם שטיין אַפן אָסנאָוויקאָוו־פעלד.

אין וועליקאָלעפּעטיכער ראַיאָן, ווו אָסנאָוויקאָוו איז געבוירן געוואָרן, האָט מען דעם 16־טן יול — דעם טאָג פון זײַן אומקום — און דעם 19־טן יול — זײַן געבורטסטאָג — דערקלערט אַלס טעג פון קאָמוניסטישער מי אַפן שניט. די דעמידעוקער קאָלווירטניקעס האָבן זיך געווענדט מיט אַן אופרוף צו די קאָלווירטניקעס פונעם גאַנצן ראַיאָן. דער סעקרעטאַר פון דעם ראַיאָנישן פּאַרטיי־קאָמיטעט מיכאַיל גריגאָריעוויטש שוצקי האָט דורכגעפירט אַ ראַדיאָ־מיטינג. צום מיקראָפאָן איז צוגעגאַנגען מאַריִע אָסנאָוויקאָווע, די מוטער:

— מײַנע טײַערע זין! טײַערע ערדאַרבעטער! איך דאַנק אײַך, וואָס איר געדענקט מײַן לעאָנידן און איינעם מיט אײַך נעמט ער אַראָפּ די גערעטעניש. איך ווינטש אײַך אַ גליקלעכן שניט! איך ווינטש אײַך ליב האָבן די ערד, ווי ער האָט זי ליב געהאַט.

הונדערט זיבעציק קאָמבײַנען האָבן זיך אין יענעם טאָג אינדערפרי אַ לאָז געטאָן אין פעלד.

דעם פּריז אַף ל. א. אָסנאָוויקאָווס נאָמען האָט האַיאָר באַקומען דער קאָלווירט „XIX פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר". דאָרט האָט יעדערער פון די אַכט קאָמבײַנען אַרויסגעגעבן 1140 צענטנער אויסגעצייכנטן טאָוורישן ווייץ. דער קאָלווירט האָט דער ערשטער אין וועליקאָלעפּעטיכער ראַיאָן געענדיקט דעם שניט.

זיבן אומשטערבלעכע יאָר. אַ סאַך צי ווייניק? יעדנפאַלס, עס גלייבט זיך, אַז זיי ליגן אין סאַמע אָנהייב פון זײַן אומשטערבלעכקײַט. זאָל זײַן אַזוי, ווי ס'האָט געשריבן אין „איזוועסטיאַ" דער פּאָעט סטעפּאַן שטשיפּאַטשאָוו, און זײַן ליד איז געשטאַנען אונטער דעם אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון אויבער־סאָוועט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד וועגן באַלוינען ל. א. אָסנאָוויקאָוון נאָכן טויט פאַר זײַן לעצטן העלדנטאַט:

אין יעטווידן לעבן איז דאָ זײַן זעניט.
זײַן ווערט, זײַן באַדײַטונג האָט יעטווידער נאָמען.
דײַן ליכטיקער נאָמען וועט ווערן פּאַרהיט
באַם פאָלק אין דער גרויסער נעשאָמע.

יאָסיף בורדמאַן
קיִעוו

אַף דער צעלינא

...אַף דער צעלינא איז ניט געווען קיין שיסערײַ, קיין באָמבאַרדירונגען, אַרטילערישע באַשיסונגען, נאָר אַלדאָס איבעריקע האָט דערמאָנט אין אַן עמעסער שלאַכט.

ל. אי. ברעזשנעוו, „צעלינא"

נאָך דעם פּלענום פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס אין מאַרט־אַפּרעל 1954, אַף וועלכן עס איז אָנגענומען געוואָרן דער באַשלוס וועגן פאַרגרעסערן די פּראָדוצירונג פון טוווע און וועגן אופהייבן די צעלינא און די פאַרלעגערטע ערדן, האָט דאָס גאַנצע לאַנד גענומען שיקן אין קאַזאַכסטאַנער סטעפּ לאַנדווירטשאַפטלעכע טעכניק, אויסשטאַטונג, בוי־קאָנסטרוקציעס, מאַטעריאַלן, שפּײַז־פּראָדוקטן. ס'האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַהין אַ גאַנצע אַרמיי אַרבעטער און ספּעציאַליסטן פון אַלערליי פּראָפעסיעס. די מענטשן זײַנען אַוועק פרײַוויליק, אָפּזאָגנדיק זיך פון אַן אײַנגעאָרדנט לעבן.

עס דערמאָנט זיך די, אָן שום גוזמע, שלאַכט־אַטמאָספער, וועלכע האָט געהערשט אין סאָווירט־מיניסטעריום פון פּססר, ווען איך בין געקומען אַהין נאָיאַבער 1954 פון קיִעוו.

יעדער ספּעציאַליסט, וואָס האָט געוואָלט אָפּפאָרן אין אַ סאָווירט, האָט געדאַרפט דורכגיין אַ ספּעציעלע קאָמיסיע.

בעשאַס דעם שמועס האָט מען מיך, צווישן אַנדערס, געפרעגט:

— ווו זײַנט איר געווען אין די מילכאָמע־יאָרן?

איך האָב דערציילט, אַז געווען בין איך אין

דער 8־טער גווארדייִשער שיסער־בריגאַדע פון דער 18־טער אַרמיי, אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן פאַר פאַרטיידיקן קאַווקאַז, דאָרט שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דעקאַבער 1942. דעמאָביליזירט אין 1946.

— אויב אַזוי, דאַרף מען דענקען, אַז אײַך וועלן ניט שרעקן די שוועריקײַטן, וועלכע וועלן זיך באַגעגענען די ערשטע צײַט.

לויטן באַפעל פונעם מיניסטער בין איך, אַלס בויער־ספּעציאַליסט, קאָמאַנדירט געוואָרן אין סאָווירט „טשאַפּאַיעוו", קאַראַגאַנדינער געגנט, אַף דער שטעלע פון אַן עלטערן פּראָראַב.

דער קלימאַט אין אָט דעם צאָפנדיקן טייל פון קאַזאַכסטאַן איז אַ שאַרף קאָנטינענטאַלער. אין יול־אויגוסט דערגרייכט די טעמפּעראַטור העכער 40 גראַדוס היץ, אין נאָיאַבער — אָנהייב דעקאַבער דערגרייען די פרעסט ביז 45־50 גראַדוס, און די קעלטן ווערן באַגלייט מיט שקוואַלווינטן. ווינטער הוליען אין סטעפּ שניי־בוראַנען. דערפאַר טאַקע האָט מען אונדז אין מאָסקווע גוט עקיפּירט — באַזאָרגט מיט וואַרעמע קליידער.

אין קאַראַגאַנדאַ האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער דירעקטאָר און די ספּעציאַליסטן־אָנפירער פונעם נײַעם סאָווירט „טשאַפּאַיעוו" דאַרפן זיך צונויפנעמען אין טעמירטאַו, וואָס איז אָנגעמערקט געוואָרן אַלס אַן אויסגאַנג־פּאָזיציע, ביזוואַנען די ווירטשאַפט געפינט זיך נאָך בלויז אַפן פּאַפּיר.

דאָ איז פאַר אונדז געשטאַנען די אויפגאַבע — צוגרייטן די ערשטע גרופּע צעלינניקעס פון דער היגער באַפעלקערונג, דערנאָך איבערציִען זיך אַף דער טעריטאָריע פונעם סאָווירט, קעדיי צו שאַפן אַ באַזע פאַר אַלע איבעריקע צעלינניקעס.

ווען איך בין געקומען קיין טעמירטאַו, האָב איך דאָרט שוין געטראָפן דעם דירעקטאָר קאָליקאָוו, דעם הויפּט־אינזשעניער גאָרקאָוועץ (ביידע פון ראָסטאָווער געגנט). שפּעטער איז פון סיביר געקומען דער הויפּט־אַגראַנאָם ספּאָוולענקאָוו. אײַנײנעם מיטן בוכהאַלטער זײַנען מיר געווען „דאָס פינפטל", וועגן וועלכן עס דערמאָנט זיך אין לעאָניד איליטש ברעזשנעווס בוך „צעלינאַ".

די פרײַנטשאַפט, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט צווישן אונדז פונעם ערשטן טאָג אָן, האָט געשאַפן דעם פּסיכאָלאָגישן קלימאַט פון אייניקײַט, אָן וועלכן מיר וואָלטן ניט געקאָנט אָרגאַניזירן אונדזער קאָלעקטיוו אַף אויסצופילן די ניט גרינגע אויפגאַבע — שאַפן אַ נײַע ווירטשאַפט אין שווערע באַדינגונגען.



די ערשטע גאָס אינעם סאָווירט אַף טשאַפּאַיעווס נאָמען. 1955

אַ גרויסע הילף אין דעם האָבן מיר באַקומען פונעם טעלמאַנער ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי. זײַן פּאָרשטייער גאָרדיענקאָ, איליאַ ניקאָלײַעוויטש איז שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע.

ווי נאָר מיר האָבן באַקומען די ערשטע צוויי טראַקטאָרן און עטלעכע וואַגאָנטשיקעס, איז אַוועק די אַרבעט פון אָפּקלײַבן מעכאַניזאַטאָרן־ספּעציאַליסטן און בכלל אַרבעטער פון אַלערליי פּראָפעסיעס.

אין יאַנוואַר 1955 האָט די ערשטע גרופּע פון 30 צעלינניקעס אין צוויי וואַגאָנטשיקעס אַף שליטנס זיך אַוועקגעלאָזט צום סאָווירט.

איך בין געווען דער עלטסטער פון דער גרופּע. כ'האָב גוט געוווּסט, ווי גרויס עס איז די פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, וועלכע ליגט אַף מיר.

שפּעט באַנאַכט זײַנען מיר געקומען צום אָרט, וואָס איז געלעגן באַ פיר קילאָמעטער פון דעם קומענדיקן צענטראַלן ייִשעוו.

מיר זײַנען געשטאַנען אין סטעפּ לעבן אַן איין־און־איינציקער נידעריקער ליימענער הײַזקע, וועלכע האָט אויסגעזען, ווי אַ כינעזישע פאַנזע. געלעבט האָט דאָ אַ קאַלמיק, אַ קאָלווירטניק, מיט זײַן מישפּאָכע. ער האָט געהיט דאָס קאָלווירטישע גוטס. מיט זײַן הילף האָבן מיר אין די ערשטע טעג אײַנגעשטעלט אונדזער שטייגער: געגרייט געקעכטס, געבאַקן ברויט. זײַנע אייצעס זײַנען זייער צוניץ געקומען, ווען מיר האָבן געזוכט בוט־שטיינער פאַר דער בויונג פונעם צענטראַלן ייִשעוו.

מיט שפּײַז און קליידער האָט מען אונדז באַזאָרגט. אײַנײנעם מיט אונדז איז אָנגעקומען אַ קלייט־וואַגאָן פון „ראַיגעברויך־פאַרבאַנד". הייצוואַרג האָט באַ אונדז געקלעקט אַף אַ גאַנצן ווינטער.

אָט אַזוי איז געבוירן געוואָרן איינער פון די 337 סאָווירטן אַף דער קאַזאַכסטאַנער צעלינאַ אין 1954—1955.

ביז ס'זײַנען אָנגעקומען פרילינגדיקע לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטן, האָט די מערהײַט פון מײַן גרופּע צעלינניקעס זיך פאַרנומען מיט

פאַרגרייטן בוט־שטיינער אין די געבורט־ערטער אַף די סאָפּקעס. דעם אינסטרומענט, וואָס מע האָט דערצו באַדאַרפט, האָבן מיר מיט זיך גענומען, אַרויספאָרנדיק פון טעמירטאַו.

און ווען דער בוי־טרעסט „קאַראַגאַנדאַ־שאַכטסטרוי" איז פרילינג 1955 צוגעטראָטן צו בויען דעם צענטראַלן יישעוו, האָבן מיר אים איבערגעגעבן העכער 1300 קובאָמעטער צונויפגעלייגטע אין שטאַבעלן שטיין־בוט פאַר די פונדאַמענטן פון די געבײַדעס.

פון טעמירטאַו האָט מען טאָגטעגלעך טראַנספּאָרטירט אַף דער סאָוויכט־טעריטאָריע אַלץ, וואָס איז אָנגעקומען אַף אונדזער אַדרעס. איינצײַטיק האָבן מיר זיך געגרייט אופצונעמען אַ גרויסע גרופּע צעלינִיקעס פון ראָסטאָווער געגנט.

בײַ איינעם אַ פרימעסלעסיקן בוראַן האָט פּאַסירט אַן אויסעראָרדנטלעכע געשעעניש. באַנאַכט איז פון אַ וואַגאָנטשיקל אַרויסגעגאַנגען אונדזערער אַ באָכער (די פאַמיליע קען איך זיך ניט דערמאָנען), און ביז גאַנצפרי האָט ער זיך ניט צוריקגעקערט. לאַנג טראַכטן איז קיין צײַט ניט געווען. מע האָט געדאַרפט טייקעף ראַטעווען דעם יאַט. אין אַלע זײַטן זײַנען אַוועק קליינע גרופּעס מענטשן, וואָס האָבן אים געזוכט. אין אַ שאָ דרײַ אַרום האָט מען אים געבראַכט אַ לעבעדיקן, נאָר מיט אָפּגעפרוירענע פינגער.

אַפילע די אַלטע קאַזאַכסטאַנער אײַנוווינער האָבן זיך געכידעשט, וואָס דער באָכער איז לעבן געבליבן. ווען ער איז געקומען צו־זיך האָט ער דערציילט:

— ווי נאָר איך בין אַרויס פונעם וואַגאָנטשיק, האָט מיך אונטערגעכאַפּט אַ שטאַרקער שטורעם־ווינט און אַוועקגעוואָרפן ווײַט פון דער וווינונג. די פינצטערניש און דער שניי־בוראַן האָבן פאַרשטעלט פון מײַנע אויגן די סילועטן פון די וואַגאָנטשיקעס. ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך גיי צו דער וווינונג, אָבער געגאַנגען בין איך, ווײַזט אויס, אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון איר. אַנטקעגן דעם ווינט איז ניט מעגלעך געווען צו באַוועגן זיך. האָב איך אַזוי, אַן אויסגעמאַטערטער, אָנגעשטויסן זיך אין אַ סטויִג היי און מיט אַלע קויכעס זיך אַרײַנגעשרויפט וואָס טיפער אין סטויִג און אַזויאַרום פאַרהיט זיך פון די בייזע ווינטן. ביז גאַנצפרי, ווען מײַנע כאַווײרים האָבן מיך געפונען, האָב איך זיך געריבן דאָס לײַב, ניט צוגעמאַכט קיין אויג, ווײַל כ'האָב גוט געוווּסט, מיט וואָס עס קען זיך ענדיקן. כ'האָב געגלייבט, אַז מע וועט מיך אויסלייזן...

ווען דער שטורעם־ווינט איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, האָט מיר דער דירעקטאָר קוליקאָוו געזאָגט:

— יאָסיף סאָלאָמאָנאָוויטש, קלײַבט זיך אין וועג אַרײַן, שוין צײַט דעם אוילעם צאָלן פאַר דער אַרבעט...

אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן בין איך צוזאַמען מיט קוליקאָוון אַרויסגעפאָרן אַף אַ שליטן מיט צוויי געשפּאַנטע פערד, וועלכע מיר האָבן ערשט ניט לאַנג געקויפט. אַלס „באַלעגאָלע" און באַגלייטער האָט זיך אַרויסגערופן צו זײַן אַ יונגער קאַזאַך, וואָס זײַנע עלטערן האָבן געוווינט אין טעמירטאַו. נאָכן אוראַגאַן האָט מען דעם וועג, פאַרשטייט זיך, ניט געזען. נאָר אונדזער „באַלעגאָלע" האָט פאַרזיכערט, אַז ער וועט בעשאָלעם צושטעלן אונדז צום אָרט.

פאַרבלאָנדזשען אין אַ שטאַרק פאַרשנייטן סטעפּ, ווו ס'זײַנען ניטאָ קיין שום אָריִענטירן, אויב ניט רעכענען די עלנטע צעוואָרפענע סאָפּקעס, איז ניט שווער, און דאָס האָט טאַקע געטראָפן.

די ערשטע צען־פופצן קילאָמעטער האָבן באַ אונדז ניט אַרויסגערופן קיין אומרו. דערנאָך אָבער האָבן מיר באַמערקט, אַז אונדזער „באַלעגאָלע" האָט פאַרלוירן דעם מוט. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר בלאָנדזשען. דערצו נאָך זײַנען די פערד שוין געווען גוט פאַרמאַטערט.

איבערגעלאָזט די טולופּעס אַפן שליטן, האָבן מיר זיך געמוזט לאָזן צופוס. מיזרעד איז געווען אונדזער הויפּט־ריכטונג, אָבער ס'איז ניט שווער אַוועקצוגיין אין אַ זײַט. מיר האָבן באַשלאָסן גיין אין איין שערענגע, אַ פערציק־פופציק מעטער איינער פונעם אַנדערן. אינמיטן האָט זיך געשלעפּט דער שליטן־עקיפּאַזש.

דער טיפער שניי, פון וועלכן ס'האָט וווּ־ניט־ווו געשטעקט פאַרטריקנט גראָז, האָט ניט געלאָזט שפּאַנען גיך.

אָבער ווו זשע איז דער וועג? ווי־אַזוי אים אָפּזוכן, אַז אַרום און אַרום איז אַלץ פאַרשנייט? ווײַזט אויס, אַז ווען מע געפינט זיך אין אַזאַ שווערער לאַגע, אַרבעט דער מויעד שטאַרקער, אָנגעשטרענגטער. דער בליק ווערט פאַרשאַרפט. איך האָב באַמערקט, ווי עס טיילט זיך אויס אַ מין לענטע אַפן שניי. עפשער איז דאָס טאַקע דער וועג? איך האָב געזאָגט וועגן דעם קוליקאָוון, און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס — ניט אָפּרײַסן זיך פון אָט דעם סימען.

אַף האַלב־וועג פון אונדזער מאַרשרוט האָט געדאַרפט ליגן אַ קליינער יישעוו לעבן דעם טײַך נוראַ. איך ווייס ניט, ווי־אַזוי איצט, נאָר דעמלט האָט ער געהייסן „22־טער פּאָסיאָלאָק". אָט אַהער האָבן מיר געשטרעבט וואָס גיכער צו קומען, קעדיי די נאַכט זאָל אונדז ניט פאַרכאַפּן איבעם סטעפּ.

געגאַנגען זײַנען מיר לאַנג און שווער, געשוויגן, יעדערער מיט זײַנע ניט פריילעכע געדאַנקען, אָן רו, ביז גאָר אָנגעשטרענגט. מידע־

קײַט? מיר האָבן ניט געטראַכט וועגן מידקײַט. קיין אַנדער אויסוועג איז ניט געווען.

ווען צו נאַכט־צו האָט זיך פאַר אונדז באַוויזן אַ באַרג, איז אויפן האַרצן געוואָרן פרייַלעכער. מיר האָבן געוווּסט, אַז הינטערן באַרג ליגט דער 22־טער פּאָסיאָלאָק.

די אײַנוווינער האָבן אונדז געהאָלפן קומען צו־זיך. און אויף מאָרגן זײַנען מיר אַוועקגעפאָרן קיין טעמירטאַו. דער וועג צו דער שטאָט איז שוין געווען אָפּגערייניקט פון שניי.

אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען מיר איז אויסגעקומען צו פאַרלאָזן דעם סאָוויעט, האָט דער דירעקטאָר קוליקאָוו, געזעגענענדיק זיך, דערמאָנט מיר וועגן אָט דער געשיכטע, וועלכע האָט זיך פאַר אונדז גליקלעך געענדיקט.

אין פרײַען פרילינג 1955 איז אָנגעקומען אין סאָוויעט די גרונט־מאַסע צעלינניקעס.

אײַנגעאָרדנט זיך אין די פּאַלאַטקעס און וואַגאָנטשיקעס, האָבן זיי זיך טייקעף אײַנגעשלאָסן אין דער אַרבעט. מע האָט צו דער צײַט צעאַקערט די צעלינאַ און דורכגעפירט די פאַרזייקאַמפּאַניע אויף אַ שעטעך פון 22 טויזנט העקטאַר.

נאָר דאָס יאָר איז געווען אָן רעגנס, די ערד האָט מאַמעש פון דער טריקעניש געפּלאַצט. מיר האָבן קוים צונויפגענומען דרײַ טויזנט טאָן טוווּע, ד. ה. אַזויפיל, וויפל מע האָט פאַרזייט.

ס׳איז געווען שווער, נאָר מע איז ניט אַנטוישט געוואָרן. איר געדענקט, וויאַזוי ס׳האָט געשריבן וועגן דעם ל. אי. ברעזשנעוו?

צום צווייטן ווינטער האָט מען די נײַע אײַנוווינער געדאַרפט איבערפירן פון די פּאַלאַטקעס אין ראַיעלע דירעס, שאַפן פאַר זיי מענטשלעכע באַדינגונגען.

און דאָ דאַרף מען דערמאָנען מיט אַ גוט וואָרט די בוי־אַרבעטער. זיי האָבן אויפגעשטעלט די נייטיקע צאָל ווױן־הײַזער און אַנדערע ווירטשאַפטלעכע געבײַדעס. קיין איין מענטש איז ניט געבליבן אין די פּאַלאַטקעס. דאָס איז געווען אַ דערפאָלג, וועלכער האָט יעדן איינעם געפרייט. ס׳האָט זיך פאַרבעסערט אויך דער קולטורעלער לעבנס־ניוואָ. אין אַ קורצער צײַט זײַנען עלעקטריפיצירט און ראַדיאָפיצירט געוואָרן אַלע ווױן־הײַזער פונעם יישעוו. מיט קאַראַגאַנדאַ און מיט די אַרומיקע סאָווירטן איז בײַ אונדז געווען אַ ראַדיאָ־פאַרבינדונג. צײַטונגען, זשורנאַלן, בריוו האָבן מיר די ערשטע צײַט באַקומען מיט גרויס פאַרשפּעטיקונג. שפּעטער, ווען מע האָט אויסגעבויט אַ פעלד־אַעראָדראָם, איז די דאָזיקע אויפגאַבע אויך געלייזט געוואָרן.

אין 1956 איז סאָפּקאָלסאָף אויף אונדזער גאַס, ווי מע זאָגט, געקומען דער יאָמטעוו. צום ערשטן מאָל האָבן מיר צונויפגענומען אַ פולע גערעטעניש פון ווייץ, צערעכנט זיך מיט דער מעלוכע, פאַרשאַפן אַ טוווּע־פאָנד פאַר דעם פרילינג־פאַרזיי. דאָס איז געווען אַ וואָגיקער בײַטראָג פון די „טשאַפּאַיעווצעס" אינעם ערשטן מיליאַרד פּוד צעלינער ברויט. אויסגעוואַקסן איז דער רעווּעך בײַ די אַרבעטער. בעהיימעס, כאַזיירים, אויפעס זײַנען שוין געווען בײַ אַ סאַך צעלינניקעס. אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן אייגענע מילכיקע פּראָדוקטן, פרישע פלייש, קאַרטאָפל. מיט פיש האָט אונדז געהאָדעוועט די אָזערע זשאַמאַנקול, וואָס געפינט זיך אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָווירט.

שלעכט איז אָבער נאָר געווען מיט גוטער טרינק־וואַסער. דער אויסשפּיר־אָטריאַד האָט פאַרלאָרן אַ סאַך צײַט, ביז מע האָט געפונען וואַסער. דאָס האָט פאַרהאַלטן די אַרבעט פון פּראָיעקטירן און בויען די וואַסערלייטונג. די אײַנוווינער האָבן שטאַרק געליטן פונעם מאַנגל אין וואַסער. בלויז אין צוויי מיט אַ האַלבן יאָר אַרום, ווען אין דעם איניען האָט זיך אַרײַנגעמישט דער געגנט־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, איז אויך די פּראָבלעם געלייזט געוואָרן.

ווען די ערשטע שוועריקייטן זײַנען אַדורך, איז געקומען די צײַט צו פאַרפּוצן אַ ביסל דעם צענטראַלן יישעוו. די לאַנדשאַפט אינעם סטעפּ איז אָן אָרעמע, אָןביימער, אָן קוסטעס. דער סעקרעטאַר פונעם פּאַרטיי־קאָמיטעט כאַווער גאָרדיענקאָ האָט געשטעלט די פראַגע אויף אַ ספּעציעלער זיצונג. אויספילנדיק דעם באַשלוס, האָט דער הויפּט־אַגראָנאָם געבראַכט צו פירן אין סאָווירט סאַזשענצעס פון דעקאָראַטיווע ביימער. די אײַנוווינער האָבן זיי פאַרפלאַנצט אַרום די הײַזער. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָב איך באַקומען אַ בריוו פון גאָרדיענקאָ: די ביימער און קוסטעס האָבן זיך צעוואַקסן, און זיי באַצירן דעם יישעוו.

אַ פערטל יאָרהונדערט איז אַוועק, פון זינט ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די צעלינאַ־עפּאָפּיי. די ערשטע שווערע העראָישע „געבורטס־יאָרן" וועלן אויף שטענדיק בלײַבן אין מײַן זיקאָרן.

יאנקעוו פײַנשמידט

מאָסקווע

דער זאָאָטעכניקער

ס׳איז געווען זייער טשיקאווע צו שמועסן מיט אָט דעם מענטשן. עפּשער דערפאַר, ווײַל מיר זײַנען ניט געזעסן באַם שרײַבטיש אין זײַן קאַבינעט, נאָר אַרומגעשפּאַנט איבער די אָביעקטן פונעם סאָווירט, וואָס טראָגט אַ ניט געוויינלעכן נאָמען „ווײַסע דאַטשע״. פאַרוואָס איז אַזוי אָנגערופן אַ ווירטשאַפט, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט האָדעווען כאַזיירים? מע דערציילט, אַז אַמאָל נאָך, פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָט דאָ געוווינט אַ פּאָרעץ, וועמען ס׳איז ליב געווען בלויז די ווײַסע פאַרב, און דעריבער האָט ער בײַ זיך קולטיווירט נאָר ווײַסע פערד און ווײַסע בהמות, ווײַסע הינט און ווײַסע כאַזיירים, ווײַסע הינער און ווײַסע גענדז... זאָל זײַן אַזוי, סאָפּקאָלסאָף איז עס ניט וויכטיק. ס׳האָט מיר פאַרשאַפן האַנאָע דער געשפּרעך מיטן הויפּט־זאָאָטעכניקער פונעם הינטערמאָסקווער סאָווירט „ווײַסע דאַטשע״. קימאַט אַלץ, וועגן וואָס עס איז געגאַן אַ רייד, האָב איך געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, און איך בין געווען זיכער, אַז עס וועט זיך מיר אײַנגעבן לײַכט דערציילן וועגן דעם די לייענער. לאָזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס איז ניט קיין פּאָשעטער איניען — פאַרשרײַבן מײַן אינטערוויו מיט סלאווינען.

די שוועריקײַט באַשטייט, אַ סוואָרע, אין דעם, וואָס מײַן מיטשמועסער האָט מערסטנטייל אָפּעריִרט מיט ציפערן. האַגאַם אַן־און־פאַר־זיך זײַנען זיי אײַנדרוקספולע, פאַרלירן זיי, פאַרשרײַבענע אויף פּאַפּיר, זייער מאַמאָשעסדיקײַט. איין זאַך, אַשטייגער, איז אויסהערן ציפערן, שטייענדיק אין אַ פערמע, וווּ עס באַוועגן זיך, כרײַקען, זיפצן, טשאַווקען מיט די קינבאַקן, פינטלען מיט די אויגן סימפּאַטישע פּירפּיסיקע באַשעפענישן, און אַ צווייטע זאַך — אָנשרײַבן, אַז דער ליובערעצקער סאָווירט האָדעוועט אויס פאַר אַ יאָר פופציק טויזנט כאַזיירים און פאַרקויפט דער מעלוכע „פּראָדוקציע״ אויף פופצן מיליאָן רובל. ווען דאָס אַבסטראַקטע איז באַהעפט מיט דעם קאָנקרעטן, באַקומט זיך אַ בילד. ציפערן אויפן פּאַפּיר זײַנען בלויז ציפערן, און מע דאַרף זיך אָנשטרענגען, קעדיי מיטן האַרץ באַנעמען זייער מאַטעריעלקײַט.

פונדעסטוועגן וועל איך פּרוּוון באַשרײַבן מײַן באַגעגעניש מיט אַלעקסאַנדער מאַרקאָוויטשן, און ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ער געפעלט מיר ווי אַ צוגעלאָזענער מענטש און אַ גוטער פאַכמאַן. איך בין זיכער, אַז סלאווין — דאָס איז אַ טוער, וועמענס צוגאַנג צו אַ וויכטיקן אַרבעטס־באַצירק עס האָט אַ זין צו פּאָפּוליאַריזירן.

אַלעקסאַנדער סלאווין

איבער דעם סאָווירטישן יישעוו האָט סלאווין מיך ניט אַרומגעפירט און ספּעציעל מיר ניט באַוויזן זײַנע באַקוועמלעכקײַטן. און ער איז אַוודע געווען גערעכט: אַלץ איז פאַר דײַנע אויגן — קוק, זע, שאַץ אָפּ. פּילשטאָקיקע געבײַדעס, ריינע גאַסן, אַ פּאָליקליניק, אַן אַפּטייק, אַ קולטור־הויז, אַ מאָדערנע שול און אַ קינדערגאָרטן, קאָלערליי קלייטן. אַדעראַבע, לעב דאָ, אַרבעט, זײַ גליקלעך.

העכער פיר טויזנט מענטשן וווינען אינעם יישעוו. ווען סלאווין איז אַהער געקומען אין 1955 יאָר, איז די „ווײַסע דאַטשע״ געווען אַ שוואַכע, אָרעמע ווירטשאַפט, זי פלעגט ברענגען העזעק.

ווי?אַזוי זשע איז זי געוואָרן אַ רענטאַבעלע, אַ פאָרגעשריטענע?

קורץ וואָלט מען געקאָנט ענטפערן אַף דער פראַגע אַזוי: אַלץ פירט זיך דאָ אַף אַן אינדוסטריִעלער באַזע. אייגנטלעך, איז דער סאָווירט „וויַסע דאַטשע" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פלייש־פאַבריק. עמעס, דאָס פלייש גופע, אַף צו ברויכן עס, די פאַרשיידענע קאָלבאַסן, סאָסיסקעס, אָקאָראָקעס באַקומט מען ניט דירעקט אין סאָווירט, מע פּראָדוצירט עס אַף דעם פלייש־קאָמבינאַט, וועלכער איז אַ זעלבשטענדיקע אונטערנעמונג. אָבער קומען קומט אָן דאָס פלייש פונעם סאָווירט.

קיין איבעריקע ווערטער ברענגט סלאָווין ניט אַרויס פאַר די ליפּן. אַלע — נייטיקע, וואַגיקע. צומאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער לייענט אַ לעקציע פאַר מיר, זײַן איינציקן צוהערער. אים, וועלכער האָט פאַרענדיקט צוויי אינסטיטוטן — אַ וועטערינאַרן און אַ זאָאָטעכנישן, איז ניט איין מאָל אויסגעקומען אונטערריכטן אָט די לאַנגווײַליקע, ווי מיר דוכט, געגנשטאַנדן, וועטערינאַריִע און זאָאַטעכניק, אין סטודענטישע אַודיטאָריעס. דאָס איז געווען איידער מע האָט אים געשיקט אין סאָווירט און אויך שפּעטער, ווען ער האָט פאַרטיידיקט זײַן דיסערטאַציע און איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן. ער איז געווען אַ דערפאַרענער לערער. פאַרשטייענדיק, פאַר וועמען ער טרעט אַרויס איצט, האָט ער זיך געסטאַרעט ריידן פּראָסט.

וויִאַזוי כאַראַקטעריזירט זיך אַ רענטאַבעלע אַרבעט? איינפאַך: אויסגעבן וואָס ווייניקער, באַקומען וואָס מער.

דער כאַזערציכטלער־קאָמפּלעקס אינעם סאָווירט „וויַסע דאַטשע" באַשטייט פון צוויי פערמעס. יעדערע פאַרמאָגט זײַן כאַזער־שטאַל. די ערשטע און די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די פּיציכטלער איז — באַצײַטנס, ראַציִאָנעל האָדעווען די כאַזיירים, זיי זאַלן וואַקסן, אָנעמען וואָג, און, כאָלילע, ניט קרענקען.

קעדיי האָדעווען די באַלעכאַיִם, דאַרף מען האָבן, מיט וואָס זיי האָדעווען. אין סאָווירט איז פאַראַן הונדערט העקטאַר אַקער־ערד. איך וווּנדער זיך: צי דען קלעקט זי אַף פּראָדוצירן פיטער?

סלאָווין שמייכלט כיטרעוואַטע:

— פאַרשטייט זיך, אַז ניין. די הויפּט־שפּײַז פאַר אונדזערע פּירפּיסיקעס באַקומען מיר אין מאָסקווע, פּינקטלעכער — אין די מאָסקווער הויפן. דאָס זײַנען די רעשטלעך פון די שפּײַז־פּראָדוקטן, וועלכע מע וואַרפט געוויינלעך אַרויס אין די מיסט־קאַסטנס.

און עס גייט אַוועק אַ סעדרע ציפערן.

ביכדיי אויסצוהאָדעווען פופציק טויזנט כאַזיירים, דאַרף דער סאָווירט האַבן צען טויזנט נערונגס־איינסן. באַ אונדז אין לאַנד רעכנט מען פאַר אַ נערונגס־איינס די ווערט פון איין קילאָגראַם האָבער. אַזאַ מין סכום שפּײַז וואָלט דער סאָווירט געהאַט אַ מעגלעכקייט באַקומען פון פינף טויזנט העקטאַר אַקער־ערד, אויב יעדער העקטאַר זאָל געבן צוואַנציק צענטנער. אין סאָווירט איז פאַראַן בלויז הונדערט העקטאַר...
סלאָווין האָט פאָרגעלייגט, מע זאָל „אַראָפּנעמען גערעטענישן" אין די מאָסקווער הויפן... זעכציק טויזנט טאָן שפּײַז־רעשטלעך פאַרבײַטן די צען טויזנט נערונגס־איינסן, וועלכע זײַנען נייטיק אַף אויסצוהאָדעווען פופציק טויזנט כאַזיירים.

— טאָמער אָבער וועט ניט געלינגען צונויפקלײַבן אַזויפיל שפּײַז־רעשטלעך אין די מאָסקווער הויפן?

— די סטאַטיסטיק דערווײַזט, אַז די „גערעטעניש" דאָרטן איז אַ סטאַבילע, זי איז אומאָפּהענגיק פונעם וועטער. ווי איר זעט, איז אַלץ לויט דער וויסנשאַפט...

דער עקאָנאָמישער עפעקט, וועלכן דער סאָווירט באַקומט, איז אָפּגעשפּיגלט אין פאָלגנדיקע ציפערן: אַף צונויפזאַמלען און באַאַרבעטן איין טאָן שפּײַז־רעשטלעך גייען אַוועק 77 רובל, איין טאָן קאָנצענטראַטן און קאָמבינירשפּײַז קאָסט 106 רובל. איצט קייפלט איבער דעם כילעק אַף זעכציק טויזנט...

סלאָווין האָט זיך ניט באַרימט. קיין איינציק מאָל ניט געזאָגט: „איך" — „איך האָב פאָרגעלייגט", אָדער „איך האָב געמאַכט", צי „איך האָב באַקלערט". ער האָט געברויכט בלויז דאָס וואָרט „מיר". ער פאַרשטייט, אַז אים אַליין, אָן זײַנע כאַווירים, וואָלט זיך ניט אײַנגעגעבן אויפצוטאָן דאָס, וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן.

אָבער ניט דערשאַצן די ראָל פון סלאָווינען, פון סלאָווינס פּערזענלעכקייט אין סאָווירט וואָלט אויך זײַן ניט ריכטיק. סלאָווין באַהערשט עטלעכע פאַכן, דעריבער געלינגט אים אָפט צו לייזן פּראָבלעמען אין קאָמפּלעקס. אין אַנדערע ווירטשאַפטן טרעפט צומאָל, אַז דער זאָאָטעכניקער לייגט פאָר, צום בײַשפּיל, אַ מאָסמיטל, די באַלעכאַיִם זאָלן וואָס גיכער אָנעמען וואָג, נאָר דער וועטערינאַר איז ניט מאַסקים מיט אים, ווײַל אָט דאָס מאָסמיטל קען קאַליע מאַכן זייער געזונט: עס טרעפט, אַז דער וועטערינאַר צוזאַמען מיטן זאָאָטעכניקער טראָגן אַרײַן אַ געמיינזאַמען פאָרשלאָג, דערווידערט אָבער דער עקאָנאָמיסט: צו טײַער! אַזעלכע קאָנפליקטן קאָנען ניט געמאָלט זײַן באַ סלאָווינען. טוט ער עפּעס, איז אַלזײַטיק, ער דערלאָזט ניט, אַז דער זאָאָטעכניקער אין אים זאָל ווידערשפּרעכן דעם וועטערינאַר, און זיי ביידע — דעם עקאָנאָמיסט. סלאָווין — דאָס איז „אַ קאָלעקטיוו פון ספּעציִאַליסטן, וועלכער איז קאָנצענטרירט אין

איין געשטאַלט, איין איין כאַראַקטער. דעם סאָווירט „ווײַסע דאַטשע" האָט פּאַשעט אָפּגעגליקט מיט אָט דעם מענטשן.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, אײַנפירנדיק אַף די פערמעס די וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע פון דער מי, האָט סלאַווין געמאַכט דויערהאַפטע כראָנאָמעטראַזשן און איז געקומען צום אויספיר, אַז 60 פּראָצענט פונעם אַרבעטס־טאָג פאַרטערט דער אָפּעראַטאָר־כאַזערציכטלער אַף ריי־ניקן די שטאַל. טאַקע דעמלט האָט מען אין סאָווירט באַשטימט ווי ווײַט מעגלעך מעכאַניזירן דעם דאָזיקן פּראָצעס. מע האָט צוגעטראַכט אַ דיל אין דער פאָרם פון אַ שיטערער זיפּ, אונטער דעם דיל האָט מען אײַנגעאָרדנט אַ טראַנשיי. די כאַזיירים שטופּן איצט אַליין דורך מיט די קאָפּיטעס זייער אָפּפאַל אין דער טראַנשיי אַרײַן. פונדאָרטן דערווײַטערט מען עס מיט דער הילף פון אַ וואַסער־שטראָם.

אצינד איז אין די כאַזער־שטאַלן ריין, גערעם, די לופט איז אַ פרישע, די טעמפּעראַטור אַ באַשטענדיקע אין אַלע צײַטן פון יאָר.

איך ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר שטייענדיק אין כאַזער־שטאַל באַנאַנד מיט סלאַווינען, האָב איך אײַנמיטנדערינען, אומגעריכט פאַר זיך אַליין, זיך דערמאָנט אין לייב קוויטקאָס ליד „כאַזערלעך". ס'קאָן זײַן דערפאַר, ווײַל אין אָט דער ליד איז אויך אַלץ ריין, גערעם, פריש און לויטער. מײַנע ליפּן האָבן אָנגעהויבן שעפּטשען:

אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפן אוף פון שטאַל די טיר!
ווײַז די נײַע, שיינע
כאַזערלעך די קליינע!

דערהערט אָט די ווערטער, זעצט סלאַווין פאָר:

שאַ־שאַ, כאַווירימלעך,
סע שלאָפן די כאַזירימלעך!
אָט־אָ שלאָפן זיי זיך אויס —
לאָז איך זיי צו אײַך אַרויס!

מיר קוקן איינער אָפּן אַנדערן, אונדזערע אויגן קוועלן: אײַדאַ, כעוורע, קוויטקאָס לייענער. ניט פאַרגעסן יידיש! ווי געפעלט עס אײַך, אַ?

די כאַזער־שטאַלן פונעם סאָווירט „ווײַסע דאַטשע" זײַנען אויסגעשטאַט מיט פאַרשיידענע מעכאַניזמען: אַף אָנפילן די באַלעכאַיִם, אַף צוגעבן שפּײַז. איז טאַקע קיין כידעש ניט, וואָס בלויז איין מענטש באַדינט דאָ צוויי טויזנט כאַזיירים.

קיין שטילשטאַנד קען סלאַווין ניט איבערטראָגן, ער איז שטענדיק אין וועג, אין זוכענישן, דאָס דעראָבערטע איז טאָמיד פאַר אים ווייניק, זיך באַנוגענען מיט נעכטיקע דערפאָלגן וויל ער ניט.

סלאַווין פירט דורך וויסנשאַפטלעכע פּראָדוציר־עקספּערימענטן עס גיט זיך אים אײַן פעסטשטעלן, אַז רעגולירן דעם וווּקס פון די כאַזיירים קאָן מען אויך מיטן מיקראָ־קלימאַט אין דער כאַזער־שטאַל. דער מיקראָ־קלימאַט — דאָס איז די טעמפּעראַטור, די פײַכטקייט, די באַלײַכטונג, די באַוועגונג פון דער לופט, אַלץ אינאיינעם. סלאַווין טראָגט אַרײַן זײַנע רעקאָמענדאַציעס. אין די באַדינגונגען פונעם סאָווירט „ווײַסע דאַטשע" דאַרף מען אין די כאַזער־שטאַלן אונטערהאַלטן אַ טעמפּעראַטור פון 18—21 גראַדוס און אין באַשטימטע אינטערוואַלן מעכאַניש רעגולירן די לופט מיט אַ ספּעציִעלן מעכאַניזם, דעמלט וואַקסט אויס טעגלעך די וואָג פון יעדן באַלעכײַ אַף 500 גראַם. דאָס איז אַ גלענצנדיקער צוּוווּקס.

סלאַווין שפּאַסט:

— אַף אופּציִען כאַזיירים פאָדערן זיך מענטשלעכע באַדינגונגען.

לעסאָף האָט ער מיר באַוויזן די קיך, ווו מע גרייט שפּײַז פאַר די כאַזיירים, מע רופט זי — דער שפּײַז־צעך.

אַלע שפּײַז־רעשטלעך, וועלכע עס ברענגען אין סאָווירט אווטאָמאָבילן־סאַמאָסוואַלן, לייגט מען אַרײַן אין קאַך־קעסלען, דאָרט, מיט דער הילף פון דאַמף, קאָכט מען די דאָזיקע רעשטלעך אין מעשעך פון אַ שאָ צײַט. דערנאָך גיט מען צו צום געקעכץ, לויט סלאַווינס רעצעפּטן, געוויסע קאָנצענטראַטן, מע פאַרמישט אַהין מינעראַלע און וויטאַמיניזירטע שטאָפן און ערשט דעמלט קומט די שפּײַז צו די כאַזיירים דורך ספּעציעלע רערן.

דער קאָלעקטיוו, אין וועלכן עס איז טעטיק סלאַווין, האָט אַ גוטן שעם אין דער מאָסקווער געגנט. דער רעוועך פונעם סאָווירט פאַרן נײַנטן פינפיאָר — דאָס איז אַ סומע פון 15 מיליאָן רובל. פאַר די ערשטע צוויי יאָר פונעם צענטן פינפיאָר האָט דער סאָווירט פאַרקויפט דער מעלוכע קימאַט צוועלף טויזנט טאָן פלייש. מע האָט אים צוגעאייגנט דעם טיטל „אונטערנעמונג פון סאָציאַליסטישער מי". ער איז באַלוינט מיטן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן.

סלאַווין איז אַ העלד פון סאָציאַליסטישער מי. די רעגירונג האָט אים אויך באַלוינט מיט אָן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. ער איז אַ פאַרדינסטפולער זאָאָטעכניקער פון דער רעפּובליק.

אַלעקסאַנדער סלאַווין איז געקומען פון דעם אַנטיהיטלערישן קריג מיט דרײַ אָרדענס פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע און מיט אַ מעדאַל „פאַר קריגס־פאַרדינסטן".

שיִע זינגער
וויניצע

אַן אלט מיַיסעלע

פון דעם וואלד א זאק מיט שפענער
איז דער אלטער טראָגן שווער,
ס׳ברעכן איר די אלטע ביינער,
און דער זאק ציט צו דער ערד.

פון די אויגן טרערן פליסן,
און עס זויגט דאָס הארץ און נאָגט,
אינעם מויל האָט זי קיין ביסן
ניט געהאט נאָך פון פארטאָג.

אין דער היים די קליינע קינדער,
זיצן הונגעריק אין קעלט.
וואס זשע דארף זי אזא לעבן,
אזא ביטערס אויף דער וועלט?

— גאָט מיַינער, דו האָב ראכמאָנעס,
בעט די אלטע, — ס׳איז מיר שווער.
שיק שוין צו דעם מאלכאמאָוועס,
כ׳קאָן ניט מוטשען זיך שוין מער.

פלוצעם זעט זי: דאָ דערנעבן —
אָנגעשפּארט באַם הויכן פלויט,
דאר און קווער, גליַיך ווי איר לעבן,
שמייכלט קאלט צו איר דער טויט.

— האָסט גערופן, — זאָגט דער זאָקן, —
כ׳בין געקומען, ליבע פרוי.
האָט די אלטע זיך דערשראָקן
און געענטפערט אים אזוי:

— יאָ, גערופן, שטארקער זאָקן,
דו זאָלסט קומען גראד אהער —
העלפן מיר די שפענער טראָגן,
וויַל דו זעסט? — עס איז מיר שווער.

א שפּאַס

ווען מע פלעגט דעם זיידן זיך פארקלאָגן,
אז עמעצן איך האָב געשלאָגן,
ער פלעגט אזוי צו מיר דאן טיַינען:
— איך דארף דיר זאָגן, כ׳האָב א טיַינע,
וואָס שלאָגסט גאָר, באָכער, מיט די הענט.
א פאטש פארגייט, ווי אלץ אין לעבן,
א וואָרט וועט קיינמאָל ניט פארשוועבן.
דערביַי א פאטש פלעגט ער מיר געבן,
אז ביז אצינד די באק מיר ברענט.

●

הערשל באַראַז
ראָסטאָוו-אַפּן-דאָן

פאַר די קינדערסוועגן

בראָכעלע דאָס רוכעלע

אָן א סיבע, אָן א מיין
אונדזער בראָכעלעס געוויין.
וואָס מע זאָל ניט זאָגן,
הייבט זי אָן צו קלאָגן.

צײַט אין קינדערגאָרטן גיין,
לאָזט זיך הערן איר געוויין.
קומט מען נעמען זי אהיים,
הערט זיך ווידער איר געוויין.
פרעגט די באָבע: בראָכעלע,
מיַין טיַיער ליב רוכעלע,
היַינט געוועזן דו ביסט אליין,
ניט געהערט מ׳האָט דיַין געוויין.
ווײַסטו עפּשער זאָגן,
פארוואָס דו טוסט ניט קלאָגן?

ענטפערט בראָכעלע, און טאקע
אויכעט מיט א פראַגע:
צו וואָס איז דאָס געוויין,
אז ס׳האָט קיינער ניט געזען?

פירן פישער פיש

ווי דאָס וואַסער וואַלט געזאָטן
אפן דאָן דעם טיפן:
פול מיט זילבער־פיש באַלאָדן
שווימען שווערע שיפן.

פונעם פיש־קאָלווירט דעם דאָנער
פאַר שאַכטיאָרן פיש,
פירן פישער א מאַטאַנע
צו דעם יאָמטעוו־טיש.

א רעטעניש

גייט באַטאָג, גייט באַנאַכט,
אינדערפרי און אפדערנאַכט,
אויב ער וויל ניט גיין, ניט שלאָגן,
דארף מען אים צום מײַסטער טראָגן.

אפן טיש און אף דער וואַנט,
אין דער קעשענע, אף דער האַנט.
ווער איז דאָס, אשטייגער?
— נו, געוויס, א זייגער!

קווייטן אף די שויבן

אף מײַנע ווינטערדיקע שויבן —
ווילדע כּײַעס, ווײַסע טויבן,
הויכע און געדיכטע וועלדער,
ברייטע און פאַרשנייטע פעלדער.
אף צעקעסטלט־ברייטע בייטן
גרויסע, ווײַסע שיינע קווייטן.
האָב איך זיך פאַרטראַכט נאָך נעכטן —
כ'וועל פון זיי א קראַנץ פאַרפלעכטן,
האָבן פלוצעם זיי באַפאַלן
פון באַגינען זונען־שטראַלן,
זיי געוואָרעמט און געגלעט...
איז געווען שוין פלעכטן שפּעט:
ס'האָבן זיך צעוויינט די שויבן —
ניט קיין קווייטן, ניט קיין טויבן...

• • •

שמועל גערזאָן

טעג, וואָס פארגעסן זיך ניט

בישכײַנעס מיט דער לעגענדארער וואָלאָטשײַעווקע

1932 יאָר.

אונדזער קאָמונע „איקאָר” געפינט זיך קארגע דרײַ קילאָמעטער פון דעזשניאָווקע און צוועלף — פון וואָלאָטשײַעווקע, און דאָס הייבט בא אונדז שטארק די שטימונג. א קלייניקײַט, לעבן און ארבעטן בישכײַנעס מיט דער לעגענדארער וואָלאָטשײַעווקע!

א קילאָמעטער פינף פון דעם טײַך טונגוסקע געפינט זיך דער ייִשעוו „סאַצגאַראַדאָק”, נאָר ארום און ארום רוישט א ווילדע טײַגע. עס שפרייטן זיך טיפע זומפּן, און איבער זיי קנוילן זיך מיריאַדן פארשיידנערליי מוקן און מאָשקארא, און סליעפּניעס, און אלץ זויגט דאָס בלוט אפן סאמע אומראכמאָנעסדיקן אויפן. עמעס, באנאכט פלאַטערן ארום פאנטאסטיש־פארביקע שמעטערלינגען, די גרינע ראכוועסן זײַנען מיט קווייטן, וואָס אזעלכע האָבן מיר אין אונדזערע מעקוימעס, אף אוקראַיִנע און אין ווײַסרוסלאנד, ניט געזען.

די קאָמונארן זײַנען מערסטנטייל יונגע כעוורע, וועלכע דער קאָמיוג האָט געשיקט אפן ווײַטן מיזרעך באהערשן זײַנע ראכוועסן און רײַכטימער. פאראן אויך מישפּאָכעס. אלעמען איז שווער צו פארגעסן די ערשט פארלאָזטע אײַנגעזעסענע היימען, די ערד, אף וועלכער מע איז געבוירן געוואָרן, די „באטקאָווּשטשינע”.

אווראָם טערנאָווסקי, א שיינער ברייטפּלייציקער יונגאטש, איז זיך מודע:

— דערזע איך אף דער סטאנציע דעם פּאַסאזשיר־צוג און דערהער דעם פּײַף פונעם לאָקאָמאָטיוו, גייט מיר אויס דאָס כּיעס. סע ציט אהיים!

די נײַע איבערוואנדערער איז טאקע ניט לײַכט זיך צוגעווינען צו די היגע באדינגונגען. די מערהײַט פון זיי — שנײַדער, שוסטערס, סטאָליערס אָדער גאָר מענטשן אָן פּראָפעסיעס, האָבן קיינמאָל ניט געהאט קיין שײַכעס צו ערדארבעט, נאָר אלע נעמען מיר זיך מיט גרויס פלײַס באהערשן די נײַע ערד — מע קאָרטשעוועט די טײַגע, מע הייבט אוף רויערד. פון קאַיאָר ביז שפּעט אין דער נאכט רוישט אף די פעלדער מיט העק, מיט קירקעס און לאָפּעטעס.

אונדזער בריגאדע באשטייט פון עלף מענטשן. מיט איר פירט אָן ארן ליטוִעווסקי — אָן ענערגישער באָכער פון פּוילן. ווינטער זײַנען מיר ארויסגעפאָרן אף וואלד־פארגרייטונגען, און דאָרט האָט ליטוִעווסקי ארויסגעוויזן זײַן בעריעשאפט און אָרגאניזאטאָרישע פייִקײַטן. מע האָט אים געשיקט קיין מאָסקווע אלס אָנטיילנעמער אף דער אויסשטעלונג, באלוינט מיט א גראמאָטע און א מעדאל.

מוישע־ארן פּישטשיץ און זײַנע זין

1933 יאָר.

גוט האָט האיאָר געראָטן די טוווּע. מיר טרעטן צו צום אראָפּנעם. עס ארבעט א קאָסילקע, אָבער כוץ איר דארף מען שטעלן מענטשן מיט קאָסעס. ווּעמען שטעלט מען? קיינער האָט דאָך קיין קאָסע אין די הענט קיינמאָל ניט געהאלטן! און דאָ ווײַזט ארויס איניציִאטיוו מוישע־ארן פּישטשיץ. ער שטעלט זיך דער ערשטער באם אָנהייב פעלד, נאָך איםביידע זין זײַנע — יודל און אווראָם.

אָנגעהויבן. די קאָסעס גיבן א שנײַדנדיקן פּײַף אין דער לופט.

— עס גייט, ווי בא טאָלסטאָיס לעווין אין „אנא קארענינא”. — שרײַט אויס דער ווילגע-

לערנטער מוישע סוכאָי און נעמט זיך אויך פאר א קאָסע. אַף זיי קוקנדיק, שטעלן זיך באנאנד נאָך קאָמונארן. ס'גייט ניט וואזשנע. די קאָסעס ווילן ניט שנײַדן. דאָס גראָז וויל זיך ניט אויסלייגן אין גלײַכע רייען.

— ס'איז דערווײַל טארגום־לאָשן! — שרײַט סוכאָי.

נאָר ביסלעכווײַז לאדעט מען זיך צו. ס'הייבט אָן גיין.

א נײַע אופגאבע: ווי אופשטעלן און אויספּרעמען א סטויג, אָבער אזוי, ער זאָל טאקע שטיין! ווער קאָן עס טאָן?

אַף דעם איז אויך, ווײַזט זיך ארויס, א מײַדעם ווידער טאקע מוישע־ארן פּישטשיץ. ער הייבט אָן מאכן סוסלאָנעס, קאָפּנעס. סטויגן — מאמעש אן אנטיק! מיר גאפן: פונוואנען נעמט זיך עס בא א שטעטלשן ייִדן אזא מײַסטערשאפט? וואָס דארף מען מער: זײַנע סטויגן האָט געזען אליין מיקאָלע זבאנטשוק, אן אלטער טוישעוו פון א שכייניש קאָלווירט, האָט ער לאנג גערייכערט די ליולקע און ענדלעך ארויסגעזאָגט:

— אָ צע הארנאָ! דילאָ בודע! אָט אָ־דער מענטש איז א געבוירענער סקירדאָפּראוו!

א דרעשמאשין האָט אונדז געגעבן די מטס. אָבער ווי טרעט מען צו איר צו? ווער פון אונדז קאָן זי באדינען? מוישע־ארן פּישטשיץ!

ביכלאל איז ער א קאלטער לונג־און־לעבער. אין די סאמע שווערע מינוטן נעמט ער א שטיק צײַטונג, מאכט א גרויסן ציגאַרע, א פינגער די גרעב, און רייכערט. נאָר מיר ווייסן שוין: טאקע בייס אָט דעם פילבאדײַטנדיקן רייכערן ווערן בא אים געבוירן די סאמע פרוכטבארע אידייען.

— ערגערט זיך ניט, — זאָגט ער, — ס'וועט זײַן רעכט!

א קלייניקע בארעטונג, אין וועלכער עס נעמען אָנטייל פאָרער, סוכאָי, ספּאָלסקי, פּישטשיץ און אנדערע, און עס ווערט באשטימט: מוישע־ארן וועט זײַן דער בארעבאנשטשיק, ווײַל צו דעם דארף מען האָבן גענִיטקײַט און פאָרזיכטיקײַט. צום בארעבאן האָט מען צוגעשטעלט די מער פלינקערע. מיר דערלאנגען די קאָפּנעס פונעם סטויג.

אין יעדער זאך פאָדערט זיך בעריעשאפט. גאָר אינגיכן ווײַזן זיך ארויס אלס אויסגעצייכנטע בארעבאנשטשיקעס אויך כאָניע שאַפּיראָ און ארן ליטוועסקי, אָבער אַף אזויפיל אויסגעצייכנט, אז די שכיינישע רוסישע און אוקראַינישע קאָלווירטן פארבעטן זיי קומען צוהילף באם דרעשן זייער טוווע...

ביכלאל האלט עס אָבער ניט וואזשנע...

פּונקט צום אראָפּנעמען די גערעטעניש הייבן זיך אָן גוס־רעגנס. עס גיט זיך א הייב די טונגוסקע און פארטרינקט אלץ ביזן ייִשעוו. די טוווע, אַף וועלכער מע האָט ארויסגעקוקט דעם גאנצן זומער, איז אונטערן וואסער. באנאכט הייבט זיך אוף א ליארעם: די סטאדע טרינקט זיך... דער גאנצער ייִשעוו גיט זיך א לאָז מיט שטריק און ברעטער ראטעווען דאָס פארמעגן. די מעלוכע טיילט אויס מעל און אנדערע פּראָדוקטן. פּרוּווט עס אָבער ברענגען פון וואָלאָטשײַעווקע אין דער קאָמונע, אז אלץ איז אונטערן וואסער אַף צענדליקער קילאָמעטער.

מיר זײַנען געזעסן אין פארוואלטונג און זיך געמויעכט, וואָס טוט מען, ביז די וואסער וועט אראָפּ. מוישע־ארן פּישטשיץ האָט ארויסגענומען, ווי זײַן שטייגער איז, א שטיקל צײַטונג, געמאכט א ציגאַרע א פינגער די גרעב. מיר האָבן שוין געוווּסט: עס קאָכט זיך א נײַע אידיי, און באלד וועט זי מוישע־ארן ארויסגעבן נא גאָרא!

קאכאווע. ער זיצט און רייכערט, קוקט אַף אונדז מיט אן אָפּשאצערישן בליק און שווײַגט. ווען מיר האָבן זיך שוין מעיאיעש געווען צו דערהערן פון אים א לעבעדיק וואָרט, האָט ער ארויסגערעדט:

— מע וווינט באם פּאָטערל אמור, דארף מען כאפּן פיש...

— און אז מע כאפּט פיש, — כאפּט אונטער סוכאָי, — איז וואָלוול פיש. נאָר מיט וואָס? מיט דעם רעבנס שטרײַמל?

— מיט די הענט.

דער פארוואלטונג פון דער קאָמונע איז געפעלן געוואָרן דער געדאנק. מע האָט גלײַך אָפּן אָרט געשאפן א פישער־בריגאדע פון די סאמע קרעפּטיקע יונגען: יודל פּישטשיץ, ליטװעוסקי, פּעוזנער, גערזאָן און הילע בלעכערמאן — בריגאדיר.

פיש, ווי באוווּסט, כאפּט מען מיט נעצן, אָבער ווּ נעמט מען זיי?

אין דער פארוואלטונג וויל מען אונדז ניט הערן:

— כאפּט מיט וואָס איר ווילט, נאָר אָן פיש קערט זיך ניט אום!

עס איז גרינג צו זאָגן: כאפּט!

די טונגוסקע איז ארויס פון די ברעגן, און עס האָט זיך געשאפן א היפּשער וואסער־רעזערוואר, וווּהין די פיש פון טײַך פלעגן ארײַנשווימען, א פּיטער טאָן זיך אַף די פארגאָסענע גראָזן. טאקע אין אָט דעם אָרט אַף א שעטעך פון פופציק מעטער האָבן מיר באשטימט מאכן א „זאיעזדקע", דאָס הייסט שטעלן א צוים פון מעכטיקע סטויפּעס, צווישן וועלכע דאָס וואסער פון דער טונגוסקע האָט פרײַ געפלייצט, איבערלאָזנדיק צווישן זיי גאנצע קאָסיאקעס מיט פיש.

אונדזער אופגאַבע איז געווען — טאָג און נאַכט טשאַטעווען, ניט דורכלאָזן דעם מאָמענט, ווען דאָס וואַסער וועט אַראָפּ. מיר האָבן אַרופגעוואָרפן אַף די סטויפּעס אײַזערנע נעצן מיט שווערע האָקנס, די פיש זאָלן פון אונטער זיי ניט קענען אַרויסשווימען.

ווען דאָס וואַסער איז אַראָפּגעפאַלן אַף דרײַסיק־פערציק סאַנטימעטער, האָבן מיר דערזען אַן א שיר טאַנצנדיקע בלעזלעך, פונקט ווי דאָס וואַסער זאָל זידן, און אין א פאָר שאָ אַרום האָבן זיך א ווײַז געטאָן ריזיקע אַמורן, סאַזאַנען און קעטינעס, וועלכע זײַנען אַרײַנגעגאַרט געוואָרן אין דער „זאַיעזדקע". זיי האָבן זיך גענומען אַרומטראָגן פון איין עק רעזערוואואַר ביזן צווייטן, געוואָלט אַריבערשפּרינגען די צוים, וואָס איז געווען צוויי מיט א האַלבן מעטער העכער פונעם וואַסער, געזוכט א רעטונג. אײַנגעגעבן האָט זיך עס נאָר אייניקע — די סאַמע גיבורים.

מאַזלטאָוו, מיר האָבן שוין נעצן אויך. עמעסע נעצן, וועלכע די פאַרוואַלטונג האָט אײַנגעהאַנדלט אין כאַבאַראָווסק. מיר ציִען די ערשטע „טאָניע" צום ברעג און גלייבן ניט די אייגענע אויגן: הונדערטער פיש, מעכטיקע, צו 8—10 קילאָגראַם, סאַזאַנען מיט זילבערפאַרביקער ליסקע, סאָמען מיט כאַזערשע פאַרצעפּס און העכט, וואָס אפילע שוין אין דער נעץ זײַנען זיי באַלאַנים אײַנשלינגען א פיש!...

כאַפּן פיש אַף א וויטמיזערעכדיקן טײַך איז טאַקע א ראָמאַנטישער איניען, אָבער ווײַט ניט קיין לײַכטער. ערשטנס, איז עס פּאַשעט פיזיש שווער — שלעפּן די נעץ מיט 20—30 קעטינעס אַפּאַמאָל. דו שלעפּסט די נעץ, און זי שלעפּט דיך... די פיס זײַנען אַריבער די קני אין וואַסער. די מאַשקאַרא פרעסט, נאָר מיר האַלטן זיך. דער בריגאַדיר אונדזערער, הילייע בלעכערמאַן, מונטערט:

— ניט געדרייפּעט, כעווורע! פיש איז פיש, און טײַך איז טײַך, און מיר זײַנען פישער!

דער רום וועגן אונדזער בריגאַדע האָט אײַנגיכן דערגרייכט ביז כאַבאַראָווסק און אַפילע ביז מאָסקווע. אין דער צײַטונג „דער עמעס" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אן אַרטיקל, געווידמעט דער ערשטער ייִדישער פישער־בריגאַדע אין ביראָבידזשאַן.

די העכסטע אַטעסטאַציע

מיר גרייטן זיך צו דער האַרבסטיקער „פּוטינע". אין ראַיִיספּירקאָם האָט מען אונדז אויסגעטיילט א באַצירק אַף צו כאַפּן פיש אין דער טונגוסקע. ער טראָגט דעם נאָמען „קאַסאַ". אַף העכער א קילאָמעטער די לענג האָט מען געדאַרפט מיט א שטאָלענעם טראָס דורכרײַניקן דעם טײַך־דעק פון אַלע פאַרטרונקענע געהילצן און קאַריאַגעס, וועלכע זײַנען פאַרטראָגן געוואָרן אהער פון די טײַכן איקורא און אורמיי, מע זאָל ניט צעשעדיקן די נעצן. און שוין נאָכן אָפּרײַניקן האָט מען ערשט געדאַרפט שפּירן, אַז דער באַצירק זאָל ניט פאַרמיסטיקט ווערן מיט קלעצער און צווײַגן, מיט אונטערגעשווענקטע ביימער. מיר וואַרפן אָפּט אַרײַן די נעצן, קעדייִ פעסטשטעלן, צי ס'וועט ניט אַרײַנפאַלן קיין קעטינע. מע מוז זייער שטרענג נאָכקוקן — ניט דורכלאָזן דעם פרײַזיקן פישפאַנג, ווען די קעטאַ גייט מיט גאַנצע קאַסיאַקעס. פאַרשפּילן אָט די טעג — הייסט פאַרשפּילן די פּוטינע!

דער וועטער האָט זיך געביטן. ס'האָבן אָנגעהויבן גיין רעגנס. ס'איז געוואָרן קיל. דער טײַך ווערט פון טאָג צו טאָג מער אופגעבלאָזן. די וואַסער שטראָמט האַסטיקער, זיך אופגעהויבן אַף דרײַ־פיר מעטער.

מיר מאַכן א פּרווו און כאַפּן אײַנגאַנצן צוויי קעטינעס — „שעליכים". דאָס זײַנען געווײַנלעך די שטאַרקסטע פיש, וועלכע זײַנען פון די ערשטע געשווומען צו דעם נערעסט און געוואָלט זיך דערשלאָגן צו די באַרג־טײַכן. אַזעלכע געסט וואָרענען אונדז, אַז מאָרגן וועט זײַן א טאָג, אַן אָנגעלאָדענער מיט שווערער אַרבעט!

— זאָל זײַן מיט מאַזל! — ווענדט זיך צו אונדז דער בריגאַדיר בלעכערמאַן, — צעלייגט, כעווורע, א שײַטער, טריקנט זיך א ביסל אָפּ און — צו דער אוווידע! די דעזשורנע וועלן זיך בײַטן יעדע דרײַ שאָ. מע טאָר פון דעם וואַסער ניט אַראָפּנעמען קיין אויג!

קאַיאַר זײַנען מיר שוין אַלע געווען אַף די פיס. די „טאָניעס" זײַנען אוועק איינע נאָך דער צווייטער. צוואַנציק־דרײַסיק קעטינעס יעדעס מאָל — דאָס איז אַריבער א צענטנער פיש!

ס'האָט זיך אופגעהויבן א ווינט. דער רעגן איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. נאָר מיר גייען ניט אוועק פון טײַך. מיר פאַרוואַרפן די נעץ, וואָס האַלט אַריבער 250 מעטער די לענג. מיר ציִען זי צום ברעג, נאָר דאָס וואַסער לאָזט ניט אָפּ, פאַרקערט, די נעץ שלעפּט אונדז. מיר שטייען ביז די לענדן אין וואַסער. פון די פאַרנעמער רינט שוויס, די מאַשקאַרא פרעסט, די אויערן ברענען, נאָר מיר ציִען די נעץ. מיטאַמאָל דערפילן מיר שווערע קלעפּ איבער די פיס, ווי מיט שטעקנס. דאָס האָבן די קעטינעס דערזען דעם ברעג און זיך א וואָרף געטאָן צו אים.

מיר האָבן דעמלט אַרויסגעשלעפּט אַריבער אָנדערהאַלבן מייעס ריזיקע פיש. אונדזער פרייד איז געווען ניט צו באַשרײַבן.

פלוצעם האָבן מיר דערהערט א גוטמוטיקן אויסגעשריי:

— ווײַזט אָקאָרשט אײַער דערלויבעניש אָף פּישפּאַנג!

לעם אונדז איז געשטאַנען א קרעפּטיקער מאַנצבל פון א יאָר פופציק, מיט א שוואַרצער באָרד — דער אינספּעקטאָר פון „ריבנאַדזאָר", א באַוווּסטער איבערן גאַנצן ווײַטן מיזרעך ספּעציאַליסט פון פּישפּאַנג, אַפּאַנאַסי אַלעק־סײעוויטש מיכײַלאָוו.

— אַך, קאַקיִע מאַלאַדצי! — האָט ער אויסגע־רופן. — איך שווים אָף מײַן אַמאָראַטשקע אין אַזאַ וויסטן וועטער און זע: עטלעכע סמעל־טשאַקעס שטייען און ראַנגלען זיך מיטן צע־ווילדעוועטן טײַך. נו, טראַכט איך מיר, דער ניעוואָד איז שוין ניט אײַערער. אָבער זיי לאָזן אים ניט אָפּ, מאַלאַדצי! לאָמיך א קוק טאָן אין דער נעץ!

ער האָט אָנגעציילט 163 קעטינעס.

— ריבאַקי! — האָט ער היספּײַלעסדיק אויס־גערופן, — פּערוואָוואָ קלאַסאַ! אײַך קומט מאָ־האָריטש!

דאָס איז פאַר אונדז געווען די העכסטע אַטעסטאַציע...

א פאָטאָגראַפיע

נישטערנדיק אנומלטן אין מײַנע אַלטע, שוין היפּש פאַרגעלטע פּאַפּירן, וואָס האָבן זיך בא מיר פאַרהיט נאָך פון די „איקאָר"־יאָרן, האָב איך געפונען א פאָטאָגראַפיע פון א... פערד. דאָס פערד האָט פאַרנומען דעם גאַנצן פאָדערשטן פּלאַן פון דער פאָטאָגראַפיע, און הינטער אים האָט זיך קוים געמערקט עמעצנס א מעטושטשע־שער סילועט.

וואָס איז דאָס פאַר א פערד און מיט וואָס האָט ער זויכע געווען, אז אונדזער פאָטאָגראַף, דער געוועזענער כמעלניקער זייגערמאַכער, דער כעזשבנפירער פון דער קאָמונע, דער שטענדיק ערנסטער יאשע ליפשיץ זאָל אים פאַרייביקן לעדוירעס?

און איך האָב זיך דערמאָנט.

...יאָר 1933. קאָמונע „איקאָר". אונדזער טעס־לער־בריגאַדע האָט דעמלט אויסגעבויט א גע־ראַמע שטאַל פאַר די פערד (ביז דעמלט האָט מען זיי געהאַלטן אין פאַרשיידענע ערטער), און באַלעבאָס איבער די קאָניושניעס האָט מען געמאַכט יויסעף איטקינען, וועלכן מיר האָבן אָף קאַטאָוועס גערופן „דער פערדישער קיניג" און זיך אָפּט געווענדט צו אים אזוי: „אײַער פערדישע מאַיעסטעט!" מיר זײַנען דאַן געווען יונג...

יויסעף איטקין, א באָכער פון א יאָר צוואַנ־ציק, איז געקומען אַפּן ווײַטן מיזרעך לויט א קאָמיוגישער פּוטיאָווקע פון ווײַסרוסלאַנד. גע־ווען איז ער א וווּקסיקער, א ביסל א דאַרלע־כער, דאָס קײַלעכיק אָפּגעברענט פּאָנעם באַ־שפּריצט מיט גאַנץ סימפּאַטישע קלײַענדלעך, וואָס האָבן זיך ארויסגעזען נאָר אין די שטאַרק זוניקע טעג. געהאַט האָט ער א פּאָר שוואַרצע מאַמזעריש־קלוגע אויגן, געווען פלינק, בייגעוו־דיק — א ספּאָרטסמען, געקאָנט גיין אָף די הענט בעסער, איידער אַן אַנדערער אָף די פיס. דערצו א פריילעכער יונג, א לעצ, און דערי־קער א האָרעפּאַשניק, איינער פון די ענטוזי־אַסטן, אָף וועלכע די קאָמונע האָט זיך געהאַלטן אין יענע ניט לײַכטע יאָרן.

געווען איז בא יויסעפן א לײַדנשאַפט — פערד (מיסטאָמע בעירושע פון דעם טאַטן דעם באַ־לעגאָלע), און אין זײַן באַציִונג צו זיי איז גע־ווען עפּעס אַרטיסטישס, וואָלט איך געזאָגט. בא די קאָמונאַרן, וואָס זײַנען באַשעפטיקט געווען אין דער קאָניושניע, איז עס געווען א מיפּולע אַרבעט, און בא אייניקע, וועלכע האָבן אין שטעטל מיט אזעלכע באַלעכאַיִם ניט איבעריקס געהאַט צו טאָן — אפילו א גרויסע אָפּקומעניש.

און בא אים, בא יויסעפן, איז גיין אָף דער קאָניושניע געווען א גאַנצער יאָמטעוו. מע האָט עס געפילט שוין פון דעם פּנים אליין, וועלכן ער פלעגט אַרויסבערענגען דורך די צוויי פינ־גער, לאָזנדיק וויסן די פערד, אז ער גייט, עס גייט דער באַלעבאָס! און די פערד פלעגן זיך אַלע געבן א דריי אויס צו אים מיט די קעפּ. זיי האָבן געהאַט אָפּשײַ פאַר אים, געוווּסט, אז ער קען אײַנהאַלטן, אײַנצוימען, אײַנשפּאַנען.

איין פערד פלעגט גאָר מאָדנע רעאַגירן אָף איטקינס אַרײַנקום. ביז דעם פלעגט עס גלײַכ־גילטיק און לאַנגזאַם כרופּקען מיט די ציין דאָס ביסל היי, אָדער סטאַם שטיין אָפּגעפרעמדט, פאַרזונקען אין זײַנע פערדישע מאַכשאָווע. נאָר דערזען איטקינען, פלעגט זיך אָף דעם אָנטאָן א נײַע הויט — געקומען דער בעסטער גוטערפרײַנט!

געהייסן האָט דאָס פערד „וואַליאַק". פאַרוואָס „וואַליאַק" און פונוואַנען האָט ער זיך גענומען בא אונדז אין דער קאָמונע, ווייס איך אדהײַעם ניט. דאָס איז געווען א ראָב־שוואַרצער שלאַנ־קער קראַסאַוועץ מיט א שוואַנען־האַלדז. מע־ווינים האָבן געזאָגט, אז ווען ניט די ווײַסע שקאַרפּעטקעס בא די טלאָען, וואָלט מען אים געוויס צוגענומען אין צירק. הײַנט אויגן האָט ער געהאַט — שוואַרצע, ברענענדיקע, וווּנדער־לעכע.

ניט יעדן האָט ער צוגעלאָזט צו זיך. עמעס, א מײַלע האָט „וואַליאַק" געהאַט — עס פלעגט זיך ניט בײַסן, ווי אַנדערע נאַראָוויסטע פערד, ניט בריקען, אָבער שפּאַנען אין וואָגן האָט ער זיך אויך ניט געלאָזט. אז עס פלעגט שוין יאָ געלינגען אים אַרײַנאַרן אין די האָלאָבליעס, האָט עס געוויסנהאַפט געשלעפּט די שווערסטע

מאסעס. דעריבער טאַקע האָבן די קאָמונאַרן ניט ליב געהאַט מיט אים האָבן צו טאָן.

— א פערד א יאַכסן, — האָבן זיי געזאָגט. — כאַטש מאַך אים פאַר א גאַבע!

און נאָר צו איין מענטשן, צו יוסף איטקינען, איז „וואַליאַק" געווען ניט גלײַכגילטיק. זײַנע באַפעלן האָט ער אויסגעפילט. אים האָט ער געדולדיק זיך געלאָזט שפּאַנען אָדער זעצן רײַטנדיק. נאָך פונדערווײַטנס דערהערט זײַן פײַף, פלעגט דאָס פערד אים ענטפערן מיט א גליקלעכער הירזשערײַ. און וואָס פאַר א פרייד איז געווען בא דער באַגעגעניש! „וואַליאַק" פלעגט אויסצײַען צו איטקינען דעם לאַנגן שוואַנען־האַלדז, ארומשמעקן אים פון אלע זײַטן, קיצלען פּאַרזיכטיק זײַן פּאָנעם מיט די ווייכע צאַפּלענדיקע ליפּן, באַהויכנדיק אים מיט א מעכײַעדיק־אָנגענעמען גראָז־רייעך.

אַף די גאָסן פונעם יישעוו פלעגט מען אין די אוונטן זען איטקינען מיט „וואַליאַקן", וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען אַף א צײַמל. זיי זײַנען געגאַנגען צו דער טונגוסקע זיך באָדן. איטקין פלעגט אים הייסן זיך שטעלן אַף די הינטערשטע פיס און מעסאַמייעך זײַן דעם ארומיקן אוילעם מיט א טענצל. „וואַליאַק" פלעגט עס מאַכן זייער קונציק, ווי אן עמעסער צירקאַטש, און איטקין פלעגט צעשמאָלצן ווערן פאַר נאַכעס. מוישע־אַרן פישטשיץ — ער האָט ביכלאַל געהאַט א נעטיע צו קירע, צו פילאָסאָפישער פאַראַלגעמיינערונג פון דערשײַנונגען — האָט איינמאָל געזאָגט:

— דערפון איז צו זען, אז א פערד קאָן אויך זײַן א כאָכעם. אן אנדערש מאָל קליגער פון זײַן באַלעבאָס...

נאָר אָט איז געקומען די צײַט, ווען יוסף איטקין האָט געדאַרפט פאָרן קיין ביראָבידזשאַן אין וואָיענקאָמאַט, זיך שטעלן צום פּריזיוו. אין ביראָבידזשאַן איז ער אָפּגעווען עטלעכע טעג, און אז ער האָט זיך אומגעקערט, האָט ער דאָס פערד ניט דערקענט. „וואַליאַק" איז געשטאַנען אין די אָהאַלאָבליעס פון א גרויסער דראַבינע, א הויך־געלאָדענער מיט שווערע זעק און פעסער, געשטאַנען א דערשלאָגענער, א פאַרכמורעטער מיט אן אויסדרוק פון גרויס צאַר אין די אויגן. ער האָט געבענקט נאָך יוסיפן, ער האָט אופגעהערט עסן און מיט דער גרעסטער גלײַכגילטיקײַט זיך געלאָזט שפּאַנען אין די שווערסטע וועגענער.

דערזען זײַן ליבלינג אין אזא יאַרדישן צושטאַנד, האָט זיך יוסף שיר ניט צעוויינט. ער האָט גלײַך אראָפּגעטריבן דעם פורמאַן פונעם וואָגן, ארומגענומען דעם פערדס קאָפּ און ארײַנגערוימט אים אפן אויער א סאַך גוטע רייד, וועלכע ער האָט אין יענער רעגע געקאָנט צוטראַכטן. נאָכדעם האָט יוסף זיך אײַנגעשפּאַנט צוזאַמען מיט „וואַליאַקן" אין די אָהאַלאָבליעס און אוועקגעפירט די פראַכט צו די שפּײַכלערס — בא א קילאָמעטער אָנדערהאַלבן.

„וואַליאַק" איז גלײַך אופגעריכט געוואָרן, גענומען עסן אַף ביידע באַקן, ווי וועלנדיק נעמען רעוואַנש פאַר יענע טעג, וואָס ער האָט, נעבעך, געפאַסט פאַר צאַרעס. טאַקע דאָרט, בא די שפּײַכלערס, האָט אים, אַפּאָנעם, יאַשע ליפּשיץ פאָטאָגראַפירט. ווי אזוי האָט זיך די פאָטאָגראַפיע פאַרוואַלגערט אין מײַנע פאַפּירן, ווייס איך ניט.

יוסף איטקין איז אוועק דינען אין ארמיי. מיר האָבן געהערט, אז מע האָט אים געשיקט, אין א קאַוואַלעריע־שול. נאָכדעם איז ער, ווי א סאַך אונדזערע קאָמונאַרן, פון די ערשטע טעג פון דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע אוועק אַפן פראָנט. זײַן ווײַטערדיקער גוירל איז מיר ניט באַוווּסט.

יוסף איטקין, ווו ביסטו?

פ י ש

יאָ, נאָכאַמאָל וועגן פיש.

די ערשטע צײַט האָבן די קאָמונאַרן פון דער נײַגעשאַפענער קאָמונע „איקאָר" קיין האָניק ניט געלעקט. עס האָט זיך געלעבט גאַנץ שווער מאַכמעס די אומוועגן ארום און ארום. כאָדאָשימלאַנג איז אוממעגלעך געווען צוקומען פון אונדז צו דער שכיינישער סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע, ברענגען פונדאָרטן די נייטיקע פראָדוקטן. זייער אָפט האָט מען געקאָנט זען א „קאַראַוואַן" פוסגייער שפּאַנען איבער די שפּאַלעס פון דער אײַזנבאַן־ליניע מיט קלומקעס מעל אַף די רוקנס, מיט אנדערע זאַכן, און פון ביידע זײַטן א צעגאָסענער יאַם. קורץ, מיט דער אכילע איז אין דער קאָמונע געווען ניט איבעריקס פויגלדיק. דעריבער האָט מען זיך דעמלט אָנגעכאַפּט פאַרן געדאַנק — פיש! מע וווינט דאָך אפן ברעג פון דעם טײַך טונגוסקע, אין וועלכן עס שווימען אום אזויפיל פיש, זיי בעטן זיך מאַמעש: נעמט אונדז, וועט בא אײַך ווערן גאָר אן אנדערער ראַציאָן!...

שטייענדיק באַם קאָסטיאַל־אײַנגוס, האָט מען געקאָנט זען, ווי פאַרבײַ דעם ברעג שווימען דורך ווײַסע, ברייטע, ווי לאָפּעטעס, קאַרעסן, סאָמען מיט גרויסע וואָנצעס, קאַסאַטקעס מיט

1

אף דער בירער ערד אין די 30־ער יאָרן

1. דער נײַער דאָר ביראָבידזשאַנצעס.
2. איינער פון די ערשטע טראַקטאָריסטן.
3. א מיטיק אין פעלד.

2

3

שפּיציק־שטעכיקע מײַלער, אמורן, סאַזאַנעם, און נאָך אָט דעם שווימענדיקן האַמויִן טראָגט זיך פּײַל־אויסן־בויגן דער טײַך־וואָלף — א העכט!

אין א שטילער נאַכט, שטייענדיק אויפן ברעג פון דער רויִק באַדאַכטער טונגוסקע, קאָן מען הערן, ווי א פיש טוט א שפּרונג פונעם וואַסער און גיט הילכיק א פּליעסקע צוריק אין טײַך, וועלכער איז אין אַלע צײַטן פונעם מעסלעס פול מיט לעבן.

אַלזאָ, פיש.

אַלע קאָמונאַרן האָבן געדענקט דעם טאַם פון די געפילטע שאַבעסדיקע פיש, וואָס די מאַמעס פלעגן אין דער קינדהײַט צוגרייטן, אָבער כאַפּן פיש, זאַלצן פיש, פאַרהיטן פון קאַליע ווערן — וועגן דעם האָט קיינער פון אונדז קיין אַנונג ניט געהאַט, אויסער יאַנקל פּענזור, וועלכער איז געקומען אויפן ווײַטן מיזרעך פון סמאָלענסק. ער האָט מאַשמאָעס יאָ געכאַפּט פיש אויפן דניעפּער, געהאַט א שטיקל אַנונג, ווי מע פלעכט א נעץ, וויִאַזוי אָנהענגען א גרוזילע, מאַכן א ווענטקע. איך אַליין האָב געוווינט אין וויניצע אויפן טײַך בוג, נאָכדעם אין קיִעוו אויפן דניעפּער, אָבער וועגן כאַפּן פיש האָב איך געהאַט א גאַנץ מעטושטעשע פאַרשטעלונג. און דאַפקע דאָ, אין דער קאָמונע „איקאָר” אויפן ברעג פון דער טונגוסקע, איז מיר אַרײַן א געדאַנק א פּרוּוו טאָן זיך נעמען פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט.

גענומען א קאָנסולטאַציע בײַ יאַנקל פּענזור, בין איך אין איינעם א הייסן זומער־טאָג נאָך שווערער אַרבעט אויפן פעלד אַוועק צו דער פּראָטאָקע, א מינוט פינף גאַנג פון מײַן וווינונג. פאַרכאַפּט מיט זיך צוויי ווענטקעס, א פּודעלע מיט רויטע, גרויסע, ווי בײַטשן, ערד־ווערעם, האָב איך זיך געלאָזט צו מײַן אַפּאַראַטשקע, וואָס איז געשטאַנען צוגעקייטלט צום בוים בײַם סאַמע ברעג. איך האָב ליב געהאַט אָט דאָס דאָזיקע שיפל. א שטויס די וועסלע אינעם וואַסער — און עס פליט פּײַל־אויסן־בויגן, האַלט נאָר גלײַכגעוויכט.

די פּראָטאָקע איז געווען א גאַנץ שמאָלע. פון בײדע זײַטן האָבן זיך געהויבן הויכע ווערבעס. זייערע איבערגעפלאָכטענע געדיכטע צווײַגן האָבן געבילדעט א טונקעלן קאָרידאָר. עס איז שוין געווען בײַ נײַן אַזייגער אין אָוונט, נאָר נאָך גוט ליכטיק, פּונקט די צײַט, ווען פיש „נעמט זיך”. איך האָב פאַרוואָרפן מײַנע ווענטקעס אינעם וואַסער אָן איבעריקע האַפּענונגען, אַז עפּעס וועט דערפון אַרויס. נאָר מיטאַמאָל האָט זיי ביידן גלײַך א שלעפּ געטאָן אויף אַראָפּ אין דער טיפעניש. זיי האָבן זיך אָנגעצויגן, ווי סטרונעס, קוים אײַנצוהאַלטן. א רוקן פון א גרויסן סאַזאַן (בײַ א 6־7 קילאָ אַוואַדע) האָט א שעמעריר געטאָן מיט זײַן גאָלדפאַרביקער ליסקע. „אָט דאָס איז א באָכער! — האָב איך א טראַכט געטאָן, — מיט אים דאַרף מען זײַן פאָרזיכטיק, אַניט קאָן ער צעברעכן די ווענטקע און נעלעם ווערן”. איך האָב אים א ביסל אויסגעמאַטערט, אַרומשלעפּנדיק איבער דער פּראָטאָקע, און ערשט נאָכדעם קוים מיט צאָרעס אַרײַנגענאַרט אין דער אַמאַראַטשקע, אַרײַנגעשטופּט אין א קאַלאָש פון די הויזן און צוגעדריקט מיט א פּלאָקן, ער זאָל ניט קענען מאַכן קיין סאַלטאָ־מאָרטאַלע צוריק אין טײַך. אויף דער צווייטער ווענטקע האָט זיך געפאַנגען א קאַראַליעווסקע קאָרעס מער פון אַנדערהאַלבן קילאָ די וואָג.

און עס האָט זיך אָנגעהויבן.

די קאָרעסן און די קאַסאַטקעס מיט די שאַרפשפּיזיקע וואָנצעס, מיט וועלכע זיי צערײַסן די פאַרצוקער, וואָס זיי שלינגען זיי אײַן, זײַנען אַליין גאַנצע קאָסיאַקעס געפלויגן אויף די האַטשיקעס, שלאָגנדיק זיך אויף טויט פאַר א שטיקל ווערעם־פלייש — נעם לייג זיי, ווי שײַטלעך האָלץ, אויפן דעק פון דער אַמאַראַטשקע. נאָר וואָס איז דאָס? עמעצער אונטערן וואַסער שלעפּט בײַ מיר די ווענטקע מיט גרויס קויעך, רײַסט מאַמעש פון די הענט. פּאַוואָלינקע, לאַנגזאַם ציִ איך אונטער די אַמאַראַטשקע — אַהאַ, א מעכטיקער קאָרעס האָט אויף מיר א גלאָץ געטאָן מיט זײַנע קײַלעכדיקע פאַריאָגטע אויגן. איך טו א ציִ די ליעסקע נאָך נעענטער. דער ווידערשטאַנד ווערט אַלץ שטאַרקער פון זײַן זײַט. איך טו א שלעפּ מיטן גאַנצן קויעך און א שלײַדער דעם קאָרעס אין שיפל. נאָר וואָס זאָגט איר אויף אַזאַ כוצפּע, אַזאַ זוילעל־וועסויוועניק! א ריזיקער העכט, אַוואַדע פון א קילאָ אַכט, ניט ווייניקער, האָט אין גרויסן וועלפישן פּיסק מיט די צײַין־נאָדלען ביז האַלב געהאַלטן דעם גוף פונעם שלימאַזלדיקן קאָרעס און בעשום־אויפן ניט געוואָלט אים אָפּלאָזן. פאַר זײַן זשעדנעקײַט און אַכזאָריעס איז דער העכט באַשטראָפט געוואָרן — ער איז אויך אַרײַנגעפאַלן אין אַמאַראַטשקע בישכיינעס מיט זײַן קאָרבן...

איך האָב פּאָשעט ניט באַוויזן אַראָפּנעמען די פיש פון די האַטשיקעס און אָנטאָן אויף זיי ווערעם. אַהיים בין איך געגאַנגען — עס איז שוין געווען פאַרנאַכטיק טונקל — א באַלאָדענער מיט פיש ניט ווייניקער פון דרײַסיק קילאָגראַם. קוים דערשלעפּט זיך. און אַלץ פאַר אַזאַ קורצער צײַט!

וואָס זשע טוט מען מיט אַזויפיל פיש אין אַזאַ הייסן זומער־טאָג?

אין „איקאָר” זײַנען געווען עטלעכע מישפּאָכעס, מעטופּעלע מיט קינדער, וואָס האָבן געדאַרפט און געקאָנט גוט פּיקן, אַזעלכע ווי דעם שמידס הויכמאַנס, דעם פערד־אָנטרײַבער

פינקלבערגס און אנדערע. זיי האָב איך גלײַך צעטיילט א היפּשן כיילעק פונעם געפאנג. ס'איז געוואָרן א גרויסע סימכע. אין א האלבער שאָ ארום האָבן זיך פון די אָפענע שכיינישע פענצ־טער גענומען הערן אײַנלאדונגען:

— כאווער סאמויל! כאווער גערזאָן! קומט עסן געפּרעגלטע פיש!

— א דאנק, — האָב איך זיי געענטפערט, — איך האָב נאָך מײַנע ניט באוויזן אופצועסן...

דאָס איבערגעבליבענע ביסל פיש האָב איך געהאלטן אין א וואנע מיט וואסער אלס אומבאַ־רירלעכער רעזערוו. דאָס וואסער האָט צוגעגעבן פרישקײַט דער לופט אינעם אָנגעגליטן פון דער זומערדיקער זון צימער, און די פליעסקענדיקע פיש זײַנען געווען א פאַרווײַלונג פאר די שכיי־נישע קינדער, וואָס פלעגן צו מיר פארלויפן.

איך בין נאָך אלץ געווען אונטערן אײַנדרוק פון מײַן ערשטן געראָטענעם פישפאנג. אזויפיל פיש! אזא רויקער טײַך! קיין מאָטאָר־שיפל רײַסט דאָ ניט אוף די שטילקײַט. די נערעסט־ערטער זײַנען געווען ריין און לויטער. קיין איין טראָפּן בענזין. עס איז דאָ דעמלט אין דעם גאנצן ארום ניט געווען צו זען אויך קיין פיש־כאפּער, און בא מיר איז אופגעקומען א גע־דאנק: פאַרלייגן דער פארוואלטונג און דעם אַק־טיוו פון דער קאָמונע שאפן א פישער־בריגאַ־דע. די פראגע פון דערנערונג איז אין יענער צײַט אין דער קאָמונע, ווי געזאָגט, געשטאנען זייער שאַרף, און כאָטש אלע קאָמונארן זײַנען פאַרנומען געווען יעדערער מיט זײַן ארבעט, האָט מען דאָך געמוזט אנערקענען, אז עס איז א געדאנק. יאָ, מע מוז כאפּן פיש!

עס איז גלײַך געשאפן געוואָרן א בריגאַדע פון פיר מענטשן. אין איר זײַנען אַרײַן דער אלטער געניטער פישער פענזור, ליטיִעווסקי, בלעכערמאַן און גערזאָן. בלעכערמאַן איז פאר זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פייִקײַטן באשטימט געוואָרן פאר א בריגאַדיר. אלס רעזערוו־לײַט זײַנען צוגעגעבן געוואָרן צו דער בריגאַדע יודל פישטשיק און דער ניט לאנג געקומענער פון בערדיטשעוו, דער קאָמיוגיסט יאנקל גאבײַ. דערבײַ האָט מען אונדז פאַרזיכערט, אז טאָמער וועט מען דאַרפן, וועלן אלע קאָמונארן קומען צו הילף.

עטלעכע מענטשן זײַנען קאָמאנדירט געוואָרן קיין כאבאראָווסק, פונוואנען מע האָט מיט גרויסע שוועריקײַטן אַראָפּגעבראַכט א נעץ, צוויי הונדערט מעטער די לענג, ווי פאר גע־שוואָרענע פישער. מיר דאָ האָבן פאַרגרייט זאלץ און פעסער, און זאלבעפערט האָבן מיר, די „פישער", זיך אוועקגעלאָזט אויסשפּירן די ערטער, ווו מע האָט, לויט אונדזער פאַרשטע־לונג, זיך געקאָנט נעמען כאפּן פיש אין אַן „אינדוסטריעלן מאסשטאב". ווען די טונגוסקע פלעגט זיך צעגיסן פון די זומערדיקע שלאַקס־רעגנס, פלעגט דאָס וואסער דערגרייכן ביז דער סטאנציע וואָלאָטשײַעווקע — ניט גיין, ניט פאָרן. נאָר דאָרט, ווו זי גיסט זיך אַרײַן אינעם אמור, איז געווען א שמאָל אָרט — אַן ארבל צווישן הויכע ברעגן. טאָקע דאָרט האָבן מיר באשלאָסן מאכן א „זאיעזדקע", דאָס הייסט איבערצוימען דאָס שמאָלע אָרט מיט פירמעטערדיקע פלע־קער, טיף און געדיכט אַרײַנגעקלאַפּטע אין דער ערד.

איך געדענק: עס איז דעמלט געווען בא אונדז איינע פון די שטורמישסטע פאַרזאמלונגען אין דער קאָמונע. די אידיי איז אלעמען געפעלן גע־וואָרן, אָבער קעדיי מאכן די זאיעזדקע, דאַרף מען צײַט און מענטשן, און ווו איז די גאראַנ־טיע, אז עס וועט זיך כאפּן פיש?

בלעכערמאַן און ליטיִעווסקי, די „אַרגענטי־נער" — זיי זײַנען געקומען פון בוענאָס־אײַ־רעס — האָבן זיך דורכגערעדט צווישן זיך אף שפּאניש, א קלאַפּ געטאָן איינער דעם אנדערן איבער די אקסלען, א שמייכל געטאָן — זיי זײַ־נען געווען אָפּטימיסטן — און געמאָלדן: עס וועט שוין זײַן רעכט! די פישער־בריגאַדע האָט זיך גלײַך א נעם געטאָן פאר דער ארבעט, פאַר־גרייט געהילץ, און אין א קורצער צײַט ארום האָבן מיר געקאָנט ראַפּאָרטירן דער פארוואל־טונג פון דער קאָמונע, אז די זאיעזדקע איז גרייט. איצט דאַרף מען, אז די טונגוסקע זאָל זיך צעגיסן, מיר זאָלן קאָנען זען, צי אונדזער אידיי איז אָן אידיי. לאנג ווארטן אף דעם האָט מען ניט געדאַרפט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די מאַבל־רעגנס. אין דער אָפּגעצוימטער זאיעזדקע האָבן מיר איבערגעלאָזט ברייטע אָפענע ער־טער, די פיש זאָלן קאָנען פרײַ דורכשווימען, אז עס וועט זיך הייבן דאָס וואסער, ניט שרעקן זיך פאר דער פאַרצוימונג. דאָס וואסער אין דער טונגוסקע האָט זיך אופגעהויבן אף צוויי מעטער און פאַרגאָסן א גרויסן שטעטך ביז דער סטאנציע וואָלאָטשײַעווקע. די פיש האָבן זיך א לאָז געטאָן קאָסיאַקעס אין דער פאַרוואַקסענער מיט ווייכן גראָז קאַטשקאַ און אונטערן וואַ־סער־דעק.

גאנצענע טעג און נעכט האָבן מיר שוין ניט ארויסגעלאָזט דאָס צוקומענדיקע וואסער פונעם אויג, ווײַל טאָמער שטעלט זיך עס אָפּ און בלײַבט אף איין ניוואָ, מוז מען גלײַך פאַרמאכן די זאיעזדקע, באוואָרענען אלע ערטער, די פיש זאָלן דורך זיי ניט קאָנען ארויס אין טײַך. אף דער זאיעזדקע האָט מען געדאַרפט אָנטאָן דראָטענע נעצן מיט געוויכט פון אונטן, ווײַל אנדערש קאָנען די פיש זיך אונטערגראָבן אונ־טער איר און ארויסשווימען.

עטלעכע טעג האָט זיך נאָך דאָס וואסער גע־האלטן אף איין ניוואָ. די פיש האָבן עס גלײַך

דערפילט און זײַנען צוגעשוואומען צו די ראַנדן פון דער נעץ, געפּרוּווט מיטן פּיסקל, צי קאָן מען זיך ראַטעווען. נאָר נעכטיקע טעג! אַלע שפּאַרונקעס זײַנען געווען פאַרמאַכט. דאָס וואַסער־שפּיגל איז געווען פּופּציק קוואַדראַטע קילאָמעטער. איך האָב געמאַכט אַ פּאָשעטן כעשבן: אויב אַ העקטאַר וואַסער וועט געבן נאָר איין קילאָגראַם פיש, וועט מען פון דעם גרויסן צעגאָסענעם וואַסער־שעטעך נעמען ניט ווייניקער פון פינף טאָן פיש. נו, אַ צוויי־דרײַ טאָן געוויס!

פיש איז טאַקע געווען אַ סאַך. ווען מיר האָבן גענומען קאָנטראָלירן די גרוזילעס, האָבן זיך די פיש אַ וואָרף געטאָן אין אַלע זײַטן, געקיצלט די הענט, די פיס. מיר האָבן דערזען: מיט די קויכעס פון דער בריגאַדע וועלן מיר זיך ניט ספּראַווען. בלעכערמאַן האָט אַ געשריי געטאָן:

— פּאָלונדראַ! מע דאַרף מאָביליזירן וואָס מער מענטשן!

מיר זײַנען צוגעטראָטן מאַכן די ערשטע „טאָניע". די נעץ איז געווען שווער, זיך קוים גערירט. די פיש האָבן אונדז געשלעפּט מיט גרויס אימפּעטפולער קראַפט צוריק אין טײַך. קוילעס זײַנען געשטאַנען ביזן הימל. אַלע שרײַען, אַלע העלפן: אַזויפיל פיש! ריזיקע, מעכטיקע, פון די ערשטע, וואָס זײַנען צוגעשוואומען צו דער זאַיעזדקע, אַמורן, סאַזאַנען פון אַכטצען קילאָגראַם. זיי דאַרפן האָבן מער וואַסער, נאָר דאָס וואַסער ווערט אַלץ נידעריקער. די פיש לאָזן זיך שווימען מיט נאָך אַ גרעסערער שנעלקײַט, פּרוּוון אַריבערשפּרינגען די פאַרצוימונגען. אייניקע גיט זיך עס אײַן — אַזאַ איז דער קויעך פון וועלן לעבן! מיר נעמען אָן גלײַך מיטלען קעגן אַזאַ „כוצפּע". די קאָמונאַרן באַאַרבעטן די געפאַנגענע פיש, זאַלצן, סאָרטירן און לייגן זיי אײַן אין פעסער אונטער פענזורס אויפזיכט — ער איז אַף דעם אַ מײַדעם. די אינגעווײדן גייען אַף דער כאַזערפערמע צו אַבראַמסקין, וועלכער שטייט און קוועלט אָן דערפון, וואָס פאַר זײַנע קוויטשערס וועט אויך איבערפאַלן אַ געשמאַקער ביסן.

די זון ברענט אָן ראַכמאָנעס. אַלע זײַנען פאַרשוויצט. מע אַרבעט אָן איבעררײַס. דער געפאַנג דאַרף גלײַך באַאַרבעט ווערן, עלע ניט — וועט ער קאַליע ווערן. אין צוויי קעסלעך אויפן ברעג קאָכן זיך די בעסטע פיש. ספּאָלסקיס פרוי ציפּוירע ווערביצקאַיאַ קען די מעלאָכע. די פיש־יויך איז פאַרפּראַוועט מיט יונגע קאַרטאָפל און מיט נייטיקע געווירצן. דער געשמאַקער רייעך לאָזט זיך ווײַט פילן און רייצט דעם אַפּעטיט. די פּאָרציעס זײַנען ריזיקע. אַפילע אין דעם גרעסטן רעסטאָראַן האָט מען אַזעלכע ניט געקאָנט באַשטעלן. יעדער פּאָרציע ניט ווייניקער פון אַ האַלבן קילאָ און עפּשער נאָך מער... די קאָמונאַרן האָבן זיך צום ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צײַט געקוויקט מיט די פעטע געשמאַקע פיש און פיש־יויך.

אָפּגעפּראַוועט דעם מאָלצײַט, האָט מען זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט. וואָס ווײַטער — אַלץ מער פיש. פיש קעכויל האַיאָם, ווי זאַמד אויפן ברעג יאַם. דאָס וואַסער פליסט שטיל־באַדאַכט, די פיש שווימען צו אימפּעטפול צו דער זאַיעזדקע און פּרוּוון זיך אַריבערפּעקלען אין דער טיפער טונגוסקע, נאָר מיר לאָזן ניט. מיר פאַרוואַרפן דעם ניעוואָד אַ צווייט מאָל. ער איז ווידער פאַרפולט, קוים וואָס מע קאָן אים אַ ריר טאָן. מע מוז אַזש אַז עפּן טאָן פון איין זײַט און אַרויסלאָזן אַ ביסל פיש, אַניט קאָנען זיי אים צערײַסן. קימאַט אַלע קאָמונאַרן פון קליין ביז גרויס זײַנען געווען פאַרטיפט אין דער ניטגעוויינלעכער פאַר זיי אַרבעט. מע האָט געטראָגן קוישן מיט פיש פון דעם ניעוואָד צו די באַאַרבעטונגס־טישן. מע האָט ניט געטאָרט דערלאָזן, עס זאָל פאַרפאַלן ווערן כאָטש איין פישעלע.

אין יענעם יאָר האָבן זיך די קאָמונאַרן אָנגעזעטיקט מיט די בעסטע פיש־מאַכאָלים, פאַרגרייט אינעם אײַזקעלטער זאַפּאַסן אַף ווינטער, און עס איז נאָך איבערגעבליבן היפּש אַף צו פאַרקויפן אין שטאָט.

פאַר אונדזער פירלינג — ליטיעווסקי, בלעכערמאַן, פענזור און גערזאָן האָט זיך אין קאָמונע פאַרפעסטיקט דער צונעמעניש „פישער". די פאַרוואַלטונג האָט זיך איבערצײַגט אין אונדזער „קוואַליפיקאַציע" און דערפאַרונג און באַשלאָסן שאַפן פון אונדז אַ סטאַבילע בריגאַדע, וועלכע זאָל גרייטן צום האַרבסטיקן פישפאַנג ניט נאָר אינעם דורכפלוס, נאָר גופע אויפן טײַך טונגוסקע, און שוין גאָר אין אַ ברייטן פאַרנעם.

קאַרטאָפל

דאָס איז געווען אין 1931.

קומענדיק אהיים קיין „איקאַר״ פון סמידאָוויטש, ווו איך בין געווען אַף א בעראַטונג פונעם ראַיאָנעם אַקטיוו וועגן דער פאַרזיי־קאַמפּאַניע, האָב איך געטראָפן א טעלעגראַמע אַף מײַן נאָמען, אין דעם דריטן יון דאַרף איך זײַן אין ביראָבידזשאַן באַם פאָרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם...

„וואָס פאַר א איניאַנים האָב איך מיט אַזעלכע הויכע פענצטער?״ — האָב איך פאַרכידעשט א טראַכט געטאָן, — לויט דער באַשיידענער שטעלע, וואָס איך האָב דעמלט פאַרנומען — פאָרזיצער פון דער געבראָויך־קאָאָפּעראַציע פון וואָלאָטשײַעווקער קוסט, — איז פאַר מיר גענוג געווען האָבן צו טאָן מיט די טוער פון סמידאָוויטשער־וואָלאָטשײַעווקער ראַיויספירקאָם. נאָר א באַפעל איז א באַפעל. צו דער אָנגעוויזענער צײַט בין איך שוין געווען אינעם אופנעם־צימער פונעם פאָרזיצער פון געגנט־אויספירקאָם ליבערבערג. דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַרויסגערופן האָט מיך דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון פּאַרטיי כאַווקין...

אין קאַבינעט בא כאַווקינען זײַנען שוין געזעסן ליבערבערג, זײַן פאַרטרעטער פעוזנער, דער פאַרוואַלטער מיט דער געגנטלעכער געבראָויך־קאָאָפּעראַציע קעסלער און נאָך עמעצער. איך האָב זיי אַלעמען געקענט, און אויך פאַר זיי בין איך ניט געווען קיין פּאַנעם־כאַדאָשעס. בא מײַן אַרײַנקום האָט מען גלײַך איבערגעריסן דעם שמועס און זיך א קער געטאָן צו מיר.

— איז אָט דאָס איז ער, דער באַלדאָוואָר אַליין? — האָט כאַווקין געזאָגט, באַטראַכטנדיק מיך, — ביסט שוין א באַווײַבטער?

איך האָב געהערט וועגן כאַווקינס טעווע אָנהייבן א שמועס פון עפּעס א מאָדנער אומדערוואַרטער זײַט, נאָר אַף אַזא פראַגע האָב איך זיך ניט געריכט.

— דערווײַל ניין.

כאַווקין האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— הערט א מײַסע! — האָט ער זיך געווענדט צו די אַרומיקע, — דער מענטש איז נאָך א באָכער!

דעם „מענטשן״ איז דעמלט געווען קוים צוואַנציק יאָר. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און זיך א כאַכמע געטאָן:

— איז וואָס, האָט מען מיך, הייסט עס, אַרויסגערופן ריידן א שידעך?

אַלע האָבן א שמייכל געטאָן, נאָר באַלד זײַנען זייערע פּענעמער געוואָרן ערנסט.

— האָסט געטראָפן, — האָט ליבערבערג געזאָגט. דאָס איז געווען א מאַנצבל אין די פערציקער, א הויכער, שלאַנקער, מיליטעריש אויסגעפּראַווועטער, מיט איין וואָרט — א קראַסאַוועץ. איך האָב געוווּסט, אַז גאַר ניט לאַנג איז ער געווען א פּראָפעסאָר פון געשיכטע און האָט אָנגעפירט מיט א וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין קיִעוו. — האָסט געטראָפן: מיר קלײַבן זיך טאַקע דיר ריידן א שידעך. דו מוזסט פאַרגרייטן פּופציק טאָן קאַרטאָפל אַף זריִע פאַר די ביראָבידזשאַנער בײַשטאָט־ווירטשאַפטן. דאָ, אין אונדזער ראַיאָן, איז קיין קאַרטאָפל ניטאָ, איז די איינציקע האָפענונג אַף אײַער ראַיאָן.

בא מיר האָט א טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: „נישקאָשע פון א שידעך!״ ווער־ווער, נאָר איך האָב געוווּסט, וואָס פאַר א שטיקל אַרבעט דאָס איז אין אַזא שווער יאָר, ווי דעמלט.

ליבערבערג האָט פאַרגעזעצט:

— גענוי וועגן דעם וועט איר זיך דערריידן מיטן כאַווער פעוזנער. — דערמיט האָט ער מיר געגעבן אָן אָנצוהערעניש, אַז דער שמועס איז פאַרענדיקט.

פעוזנער, א מענטש מיט א גרויסן געקרײַזלטן קאָפּ, אין פּענסנע, האָט מיך אַרײַנגעפירט צו זיך אין קאַבינעט אַפן צווייטן שטאָק. נאָך אונדז זײַנען אַהין אַרײַן קעסלער און דער פאַרוואַלטער מיטן געגנטלעכן פינאַנץ־טייל טאַרגאָווניקאָוו. פעוזנער האָט אויך גענומען ריידן וועגן דער וויכטיקײַט פון אָט דער אָפּעראַציע — פאַרגרייטן זריִע־קאַרטאָפל פאַרן ביראָבידזשאַנער ראַיאָן.

— מיר ווייסן, — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אַף מיר דורך זײַנע פּענסנע־גלעזלעך, — אַז אײַער וואָלאָטשײַעווקער קוסט האָט אויסגעפילט זײַנע היסכײַוועסן פאַר דער מעלוכע, פאַר דער מטס. קיינער קאָן ניט צווינגען די קאָמונאַרן און די קאָלווירטניקעס פאַרקויפן זייערע קאַרטאָפל־מויסרעס צו פּופציק קאָפּעקעס א קילאָגראַם, ווען זיי קאָנען נעמען א העכערע פּרײַז אין כאַבאַראָווסק.

— ווייסט איר דאָך אַליין, — האָט זיך בא מיר אַרויסגעכאַפּט.

— יאָ, מיר ווייסן. מיר ווייסן אַבער אויך, — דאָ האָבן זיך זײַנע ליפּן צעצויגן אין א ברייטן שמייכל. — מיר ווייסן, אַז די קאָמונאַרן און די קאָלווירטניקעס פון וואָלאָטשײַעווקער קוסט האַלטן פון אײַך אַן אוילעם־אומלויע. איר זײַט בא זיי א גרויסער כאָשעוו. דעריבער טאַקע האָבן מיר זיך צו אײַך געווענדט. נעמט עס ניט

אויף ווי א באַפעל, נאָר ווי א ביטע, וועלכע מע מוז אומבאַדינגט אויספילן...

— וואָס זשע וועלן פאַר דעם האָבן די קאָלווירטניקעס? — האָב איך געפרעגט. — זיי דאַרפן דאָך אויך מיט עפּעס באַלוינט ווערן פאַר זייער הילף דער שטאָט?

— דאָס איז עפּעס אַנדערש. אָט זיצט דער כאָווער קעסלער, — פּעווזנער האָט א ווונק געטאָן אויף אים מיט א פּענסנע־גלעזל, — דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, וואָס ער פאַרמאָגט בא זיך אויף דער באַזע, וועט זיי פאַרקויפט ווערן פאַר מעזומען.

קעסלער, נאָך א יונגער מאַנצבאַל אין אויסגעפּוצטע כראָמאָווע שטיוול, אין א האַלב מיליטערישן קיטעל, וואָס איז אויף אים פּראַנטעוואַטע געזעסן און צוגעגעבן אים אַן אויסזען פון א שטרענגן מעלוכע־טוער פון יענער צייט, האָט אַנטשיידן א פּיר געטאָן מיט דער קינבאַק, געמאַכט עטלעכע באַוועגונגען מיט דער האַנט אויף „ניין”:

— דאָס קאָן מען ניט. מע טאָר ניט. דאָס, וואָס עס איז דאָ אויף דער באַזע, איז שטרענג לויט לימיטן.

— פאַר די קאָמונאַרן און קאָלווירטניקעס וועלן קיין לימיטן ניט זיין, — האָט פּעווזנער געזאָגט, — אַבי ס'זאָל נאָר זיין קאַרטאָפל, — האָט ער איבערגעכאַזערט, געבנדיק צו פאַרשטיין, ווי וויכטיק דער דאָזיקער איניען איז.

א שווער שטיקל צייט האָט זיך בא מיר אָנגעהויבן. כ'האָב געמוזט אָפּלייגן אַן א זייט אַלע מיינע איניאָנים און נעמען אַרומפאָרן איבער די ישוווים פון אונדזער קוסט, צונויפרופן פאַרזאַמלונגען פון די קאָלווירטניקעס.

און די קאָמונאַרן, די קאָלווירטניקעס האָבן זיך אָפּגערופן. מיסטאָמע האָט בא עמעצן געשפּילט אויך א ראָל דער צוזאָג צו באַקומען פאַר מעזומען דעפיציטע סכוירעס פון דער באַזע. אַזוי צי אַזוי, נאָר אין מעשעך פון עטלעכע טעג זיינען אויפן אָראַפּשיט־פונקט שוין געווען די פאַרפּלאַנירטע פופציק טאָן קאַרטאָפל, נאָך מיט א סמיטשיק. געצאָלט האָב איך דערווייל מיט קוויטאַנציעס, ווייל קיין געלט האָט מען נאָך ניט באַוויזן מיר אַריבערצופירן. נאָר דער אוילעם האָט מיר געגלייבט. דאָ איז מיר צוניץ געקומען דאָס, וואָס די קאָלווירטניקעס האָבן מיך געקענט פאַר אַן ערלעכן מענטשן, וועמענס וואָרט איז א וואָרט און וועלכער האָט זיך אין יענער ניט לייכטער צייט ווי ווייט מעגלעך געסטאַרעט צו באַפרידיקן זייערע באַדערפענישן אין סכוירעס פון מאַסן־געברויך.

אַלזאָ, אויפן אָראַפּשיט־פונקט ליגן שוין שטאַבעלן זעק מיט קאַרטאָפל, אָפּגעקליבענע פופציק טאָן מיט עפּעס. פון זיי האָט מאַמעש געווייעט מיט זיכערער קומענדיקער זאַטקייט. בא מיר אָבער, בא דעם „באַלסימכע”, וועמען ס'איז געלונגען מיט דערפאָלג דורכפירן אַזאַ אָפּעראַציע, איז געווען גאָר ניט פויגלדיק אויף דער נעשאָמע: ווי אַזוי פּעקלט מען אַריבער אָט דעם אויצער קיין ביראָבידזשאַן? פירן דעם קאַרטאָפל ביז וואָלאָטשייעווקע אויף דער סטאַנציע איז געווען אוממעגלעך: דער אַמור האָט זיך אין יענעם פרילינג, מער ווי אין די פריערדיקע יאָרן, שטורמיש א הייב געטאָן און אויף וויפל דאָס אויג האָט געכאַפּט פאַרגאָסן אַלץ מיט א יאַם וואַסער.

נאָר ווי מע זאָגט: „נויט ברעכט אייזן”. ס'איז מיר אַריין א געדאַנק, וואָס האָט געקאָנט אויפקומען נאָר בא מיין אומויסגאַנגלאָזער לאַגע — זיך ווענדן צום „קויליאַכלדיקן” אַרדאַטיעוון, דעם שעף פון דעם דעמלטיקן באמ אויפן באַצירק כאַבאַראָווסק—קאָמסאָמאָלסק. אין יענער צייט האָט מען דאָ געבויט די צווייטע אייזנבאַןליניע צו דער יונגער שטאָט אויפן אַמור. דורכרייסן זיך צו אַרדאַטיעוון איז געווען קימאַט ווי אוממעגלעך. ער איז שטענדיק געווען פאַרנומען אויף באַראַטונגען און זיצונגען, אַרויסגעפאָרן אויף פאַרשיידענע בוי־באַצירקן. זיין אויפנעם־צימער איז שטענדיק געווען באַלאַגערט מיט אַרויסגערופענע מענטשן. מיט גרויס מי האָב איך זיך דאָך דערשלאָגן צו אים אין קאַבינעט. מיר אַנטקעגן האָט זיך אויפגעהויבן א הויכער מיליטערמאַן מיט אַן אימפּאָזאַנטן אויסזען. אויפן קאָלנער פון זיין גימנאַסטיאָרקע זיינען בא אים געווען צוויי ראָמבן — א קאָמבריג אָדער א קאָמדיוו. ער האָט מיך פרייליך־פאַרכידעשט אָנגעקוקט, וואַרטנדיק, וואָס וועל איך אים זאָגן. האָב איך אים קורץ־עמקאָל באַוויזן מיינע דאָקומענטן. ער האָט מיך געבעטן זיצן און אויפמערקזאַם אויסגעהערט. איך האָב אים דערציילט וועגן דעם קאַרטאָפל, וואָס מע דאַרף אַריבערליפערן קיין ביראָבידזשאַן, וואָס דאָס איז פאַר א קאַרטאָפל און וועגן דעם וועג, וואָס איז פאַרגאָסן מיט וואַסער.

— יאָ, — האָט ער מיטפילנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, — מיט וואָס זשע קאָן איך אייך העלפן?

איך האָב געוווּסט, אַז ער האָט אין זיין ווירטשאַפט עטלעכע דאַמפּערס.

— גיט אונדז א דאַמפּער מיט א קאָמאַנדע, וועלן מיר אַריבערפירן די קאַרטאָפל פונעם סאַצשטעטל קיין ניקאָלאַייעווקע מיט דער טונגוסקע, און פונדאָרטן וועלן מיר זיך שוין געבן אַן אייצע מיט דער באַן...

— איך וואָלט אייך בעפּייִרעש געגעבן, — האָט ער געזאָגט, — נאָר ביידע מיינע דאַמפּערס זיינען אַוועק מיט פּראָדוקטן קיין קורא און אורמיי (ביי־טייכן פון דער טונגוסקע) פאַר

די ארבעטער, וואָס פארגרייטן דאָרט געהילץ און זײַנען פארנומען אפן ספּלאַוו. אומקערן זיך פונדאָרטן וועלן זיי ניט פריִער ווי אין א וואָכן דרײַ ארום...

— וואָס זשע טוט מען! — האָב איך מיט פארצווייפלונג אויסגערופן. — עס וועט דאָך פארפאלן ווערן די מי פון אזויפיל מענטשן!

נאָר דאָ איז בא מיר דורכגעלאָפן א גליקלעכער געדאנק: באם ברעג האָב איך געזען צוויי בארזשעס — איינע א גאנץ גרויסע, די צווייטע א קלענערע. אין דער גרויסער וואָלט ארײַן אונדזער גאנצער קארטאָפל, מע האָט נאָר געדארפט דורכקאָנטראָלירן איר וואסערשטאנדהאפטיקײַט. איך האָב וועגן דעם געזאָגט ארדאטיעוון.

— און מענטשן אף טרײַבן די בארזשע?

— טײַך־אראָפּ בא א געוויסער וועט דאָס וואסער אליין זי פירן.

ארדאטיעוון איז דער געדאנק געפעלן געוואָרן.

— גוט, — האָט ער צוגעשטימט, — פאר דער בארזשע וועסטו זײַן פאראנטוואָרטלעך. ווער וועט אָבער זײַן פאראנטוואָרטלעך, אויב מיט אײַך וועט עפּעס טרעפן?

איך האָב א הייב געטאָן די הענט צום הימל:

— גאָט און אונדזער אייגענער מאזל...

ארדאטיעוו האָט א שמייכל געטאָן און אָנגעשריבן א פאראָרדענונג, מע זאָל אונדז ארויסגעבן די בארזשע. איך האָב זיך צעשריבן אפן בלאנק מיטן שטעמפּל, אז אין מײַן רעשוס גייט אריבער א בארזשע פון זײַן ווירטשאפט אף באדינען די פארזיי־קאמפּאניע.

— מאָרגן, — האָט ארדאטיעוו געזאָגט, — וועט מען דײַן בארזשע ארומקוקן, ברענגען אין אָרדענונג און צופירן אין דעם אָרט, ווו איר וועט אָנווײַזן.

איך האָב גלײַך געגעבן א טעלעגראם פּעוונערן, ער זאָל ארויסשיקן מענטשן פון די אנשטאלטן, וועלכע זײַנען פארינטערעסירט אין באקומען זריִע, און טאקע אף מאָרגן גאנצפרי זײַנען בא מיר אין צימער געשטאנען צוויי מענטשן — דער דירעקטאָר פון דער בירָאָבידזשאנער ניי־פאבריק לאָשאק און דער מיטגליד פון דעם געגנטלעכן געווערב־פארבאנד בען.

אינגיכן האָט מען מיר אָנגעזאָגט, אז די בארזשע שטייט שוין אפן קאָסטיאָל־דורכפלוס און ווארט אף אונדז. מע האָט געדארפט זיך גלײַך נעמען לאָדן דעם קארטאָפל. איך האָב מאָביליזירט אלעמען, ווער ס'האָט נאָר געקאָנט שלעפּן זעק, דערבײַ אכטונג געגעבן, אז דער פראכט זאָל גלײַכמעסיק פאנאנדערגעלייגט ווערן אין טריום, די בארזשע זאָל זיך ניט געבן קיין נויג. פון דער וואקסנדיקער שווערקײַט האָט זי זיך אלץ טיפער געזעצט אינעם וואסער. עס האָט זיך געדוכט: אָט־אָט וועט דאָס וואסער דערגרייכן ביז די ראנדן, נאָר די בארזשע האָט זיך פעסט געהאלטן איבער אים. איך האָב זיך געזעצט באם רודער, די צוויי געקומענע פון שטאָט האָבן זיך אף דער פּאלובע געשטעלט פון ביידע זײַטן מיט אכטמעטערדיקע שווערע פלעקער און געפּרוּווט אָפּשטופּן די „קיילע" פונעם ברעג. די בארזשע האָט זיך לײַכט א וויג געטאָן, ווי זי וואָלט אונדז געטאָן א טויווע, און... געבליבן רויִק שטיין אף איר אָרט.

לאָשאק, א ברייטפּלייציקער, מיט וואָנצעס פון א מאָרזש און מיט קרומלעכע פיס אין קערזאָווע שטיוול — פיס פון א געוועזענעם קאוואלעריסט — האָט באקומען א פארביטערטן, פארצאָרנטן אויסזען, דערקלערט, אז דערפון וועט גאָרנישט ארויס און אז ער האָט זיך ביכלאל ניט געטאָרט לאָזן אף אזא אוואנטיור, ניט געטאָרט איצטער איבערלאָזן די פאבריק. דערפאר האָט בען, א רויִקער מענטש, א געוועזענער סטאָליער און שפּעטער א ווידוויזשענעץ, אײַנגעטײַנעט מיט לאָשאקן, אז קיין אומויסגאנגלאָזע לאגעס זײַנען ביכלאל ניטאָ. דערבײַ האָט ער דערציילט, ווי זײַן שטייגער איז, עטלעכע לעגענדארע עפּיזאָדן, וויאזוי ער האָט מילכאָמע געהאלטן קעגן די ווראנגעלעווצעס אפן סיוואש, און דאָרט זײַנען געווען לאגעס ניט צו פארגלײַכן מיט דער... און ווי א באשטעטיקונג צו בענס ארויסזאָגונג, אז קיין אומויסגאנגלאָזע לאגעס זײַנען ניטאָ, האָט זיך אפן ברעג באוויזן מײַנער אן אלטער באקאנטער, דער פאָרזיצער פון דאנילאָווקער קאָלווירט קאָסטיאָל, א ברייטפּלייציקער גראָוולעכער ריז מיט א רויט אָפּגעברענט אף די טײַגע־ווינטן פּאָנעם. אן אָנטיילנעמער אין בירגערקריג אפן ווײַטן מיזרעך, איז ער געווען צווישן די, וואָס האָבן געשטורעמט די סאָפּקע יון־קאָראן בא וואָלאָטשײַעווקע. מיט זײַן נאָמען האָט מען עס אָנגערופן דעם טײַך־דורכפלוס „קאָסטיאָלס דורכפלוס". ער האָט מיט א געניט אויג א קוק געטאָן אף אונדזער „קיילע", אפן „עקיפּאַזש" מיט די לאנגע שווערע דראָנגען אין די הענט און מיט פארקאטשעטע פליודערן אריבער די קני.

— זדראָוואָ, בעסטראשניִע מאָרסקיִע וואָלקי! — האָט ער אונדז באגריסט.

בען האָט צוגעלייגט א האנט צום היטל און אויסגעשריִען:

— פּאָלונדרא!

— יאָ, — האָט קאָסטיאָל געזאָגט, — בעסער „פּאָלונדרא", איידער „סאָס"!

ער האָט גלײַך געשיקט נאָך א טראקטאָר מיט טראָסן און א לעביאָדקע, אויסער דעם האָט ער נאָך צונויפגעשלעפּט א מענטשן צוואנציק, באוואָפנט זיי מיט לאנגע פלעקער. דער טראקטאָר האָט מיט גרויס גרימצאָרן גענומען פאר־

טויבנדיק גראגערן, ווי ער וואָלט זיך געבייזערט אף דער אײַנגעאקשנטער בארזשע. א ריס. נאָך א ריס. הורא! די בארזשע האָט זיך גערירט פון אָרט און גרויסארטיק לאנגזאם אוועקגעשווומען צו דער טונגוסקע. דערפילט דעם פארוואטער, האָט זי זיך לײַכט א וואקל געטאָן, אף אן אויגנבליק זיך אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט זיך געזעגנט מיטן אוילעם אפן ברעג, און איז אוועק. מענטשן אפן ברעג האָבן אונדז באגלייט מיט פריילעכע אויסגעשרייען, געוואָרפן די היטלען אין דער הייך, געווונטשן אונדז א גליקלעכע נאוויגאציע איבער די צע־בושעוועטע וואסערן...

ס'איז צוויי אזייגער באטאָג. די זון שטייט אין זעניט און סארפּעט אָן ראכמאָנעס, אָבער נאס זײַנען מיר ניט פון דער היץ, נאָר פון דער גרויסער אָנשטרענגונג. איך, דער „קאפּיטאן", זיץ באם רודער. מײַנע „מאטראָסן" מיט זייערע פלעקער קאָנטראָלירן די טיפקײַט פונעם וואַ־סער, מע זאָל ניט אָפּגיין פונעם פארוואטער און זיך ניט זעצן אף א זאמד־באנק. פארלירן דעם פארוואטער איז געווען זייער לײַכט, ווײַל ארום און ארום איז אלץ געווען פארפלייצט מיטן גע־וויסער. ווו־ניט־ווו נאָר האָבן געסטארטשעט ווערבעס, ביזן האלדז אין וואסער. פארבײַ אונדז זײַנען דורכגעשווומען הויכע יארן מיט געדיכ־טע טײַגע־מאסיוון. קיין סימען פון א יִשעוו. די בארזשע האָט זיך באוועגט לאנגזאם בא צוויי־דרײַ קילאָמעטער א שאָ.

שיין זײַנען די זון־שקיִעס אפן אמור, אף דער טונגוסקע. זיי דויערן ניט לאנג, נאָר פאר־גיסן דעם הימל־ראנד און דעם אויבערפלאך פונעם טײַך מיט א שלאל רײַכסטע פארבן, פון וועלכע די אויגן ווערן איבערגעזעטיקט מיד. דער צעגליטער זון־קײַלעך בלײַבט שטיין אף א ווײַל איבערן טײַך, ווי ער וואָלט מיט א געזעגענונגס־בליק א לעצט מאָל באטראכט די וועלט און הייבט אָן פײַערלעך לאנגזאם זינקען אינעם וואסער. און באלד דערהערט זיך א פּילד־שטימיקע צוויטשערײַ, א גערויש פון פייגלען אין דער טונקעלער לופט. דאָס אײַלן די פייג־לען צו זייערע נעסטן, ביזוואנען ס'איז נאָך ניט אויסגערונען דער לעצטער טראָפּן שײַן.

זייער גיך איז אפן טײַך צוגעפאלן די נאכט־כאשכעס, א געדיכטע, מע זעט ניט איינער דעם אנדערן. דערצו נאָך האָט זיך איבער דער טונ־גוסקע גענומען שפרייטן א קילבלעכער נעפּל. די לופט איז זייער גיך אָנגעזעטיקט געוואָרן מיט פײַכטקײַט, וועלכע האָט אונדז דורכגענו־מען אף דורך און דורך. מיר האָבן געמוזט ארופציִען אף זיך די רעגנמאנטלען — גוט, וואָס מיר האָבן זיי אף יעדן פאל פארכאפּט, לאָזנ־דיק זיך אין אזא רײַזע. שלעכט איז אויך גע־ווען, וואָס די שוועבעלעך זײַנען אָפּגענעצט גע־וואָרן, זיך ניט געצונדן, און מע האָט ניט גע־קאָנט פאררייכערן... נאָר אונדזער בארזשע, וועלכע מיר האָבן א נאָמען געגעבן „מעווע", האָט זיך געטראָגן איבער די כוואליעס פון דער טונגוסקע.

באנאכט איז אָבער אופגעקומען גאָר אן אומ־דערווארטע געפאר: דאָס געהילץ — גראָבע לאנגע קלעצער, וועלכע מע האָט פארגרייט אף די ברעגן פון די טײַכן קורא און אורמיי, — האָט מען מיטן ספּלאוו געלאָזט איבער דער טונגוס־קע. מיר האָבן געזען, ווי ריזיקע בערווענעס טראָגן זיך מיט ווילדן אימפּעט איבערן טײַך, יאָגן אריבער אונדזער לאנגזאם שווימענדיקע בארזשע. אָט דערלאנגען זיי איר מיט די מעכ־טיקע טארצן א טויט־קלאפּ, פון וועלכן זי וועט צעשאָטן ווערן. באטאָג האָבן מיר זי געקאָנט אָפּטרײַבן מיט די לאנגע דראָנגען, אינדערפינצ־טער איז עס אָבער געווען אומעגלעך. מיר האָבן נאָר געהערט, ווי די בערווענעס רײַבן זיך מיט א דראָענדיקער פײַפערײַ פון ביידע זײַטן בא די באָרטן, ווי דאָס שווימענדיקע וואסער אונטן און ארום רוישט שטארקער, פארטויבנדיקער. די געפאר איז גרויס, נאָר מיר זעען זי ניט אין דער כאשכעס.

איך רודער אינדערבלינד. מײַנע „מאטראָסן", דער געוועזענער קאָמבאט און איצט דירעקטאָר פון דער ניי־פאבריק לאָשאק און דער אמאָלי־קער „טשאנאָוועץ" בען, שטייען אף דער וואך. מיר זײַנען שטארק אויסגעמאטערט פון דער נעסיע, הונגעריקע, קוים וואָס מיר האלטן זיך אף די פיס. די „מאטראָסן" זעצן פּאָר אָרודעוועץ מיט זייערע לאנגע שווערע דראָנגען, שטופּן זיי אינעם וואסער. „פּראוואָ!" „יעסט"! „ליעוואָ"! „יעסט!" — הערן זיך זייערע שטימען. דאָס הייסט, די טיפקײַט איז א גענוגנדיקע, נאָר פּלו־צעם — וואָס איז געשען? די בארזשע האָט זיך מיטאמאָל אָפּגעשטעלט אפן פולן גאנג, מיר האָבן זיך א וואקל געטאָן, שיר ניט אומגעפאלן.

— פּרוווט די טיפקײַט! — האָב איך א גע־שריי געטאָן.

— עס טאפּט זיך ניט אָן דער דעק, — האָט מען מיר געענטפערט.

— דאנקען גאָט. הייסט עס, מיר זיצן ניט אף קיין זאמד־באנק, וואָס זשע איז די סיבע פונעם פּלוצעמדיקן אָפּשטעלן זיך?

די בארזשע טוט זיך א טרייסל, ווי אין קא־דאכעס, און הייבט זיך אָן לאנגזאם דרייען אף איין און דעם זעלבן אָרט אינעם ווירבלדיקן ארום איר אָפּגרונט. בא א שאָ אנדערהאלבן אן ערעך האָבן מיר אָפּגעפראוועט אזעלכע „האָקא־פעס", ביז די בארזשע איז ענדלעך ארויס פון דער פאסטקע. מיר האָבן זיך גערירט פון אָרט,

און ווידער האָבן זיך אַף אונדז גענומען רוקן ראַצכיש צעיושעטע בערווענעס, איינצלנע און גאַנצע האַרדעס, אַריבעריאָגן, דראָענדיק יעדע רעגע באַגראָבן אונדז אינעם זידנדיקן אַפּגרונט. עמעס, לויטן גאַנג פון די קלעצער האָבן מיר געפילט, אַז מיר טרעטן ניט אַף פּונעם פּאַרוואַ־טער. דאָס איז שוין אויך געווען אַ שטיקל טרייסט.

איך געדענק ניט, ווי לאַנג אונדזער באַרזשע האָט זיך געשלעפּט, נאָר אַט האָבן מיר דער־פילט אַ טעמפּן קלאַפּ, פון וועלכן די באַרזשע האָט אַ ציטער געטאָן מיט אַלע אירע איינוורים. מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַפן באָן פון ניקאָלײַעווקער־טונ־גוסקער געהילץ־זאַוואָד, אַן איבערגעצוימטן מיט טראָסן, קעדייִ פאַרהאַלטן דאָס געהילץ, וואָס גייט מיטן ספּלאַוו פון קור־אורמייער ראַיאָן. ערשט איצט האָבן מיר פאַרשטאַנען, אין וואָס פאַר אַן אומגליק מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן. דאָס שווימענדיקע געהילץ קאָן אונדז אַזוי פאַרוואַל־גערן, אַז מיר זאָלן אַראָפּ צום גרונט. אין בעסטן פאַל קאָנען מיר דאָ אַף לאַנג בלײַבן שטעקן מיט אונדזערע פּופּציק טאָן קאַרטאָפל. מיר האָבן אויפגעהויבן אַ רויטע פאָן, ס׳הייסט, מיר געפינען זיך אין אַ גרויסער סאַקאָנע! נאָר ווער וועט אונדז אין דעם געדיכטן פינצטערן נעפל דערזען!

ענדלעך, האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג. דער הימל איבער די ווײַטע סאָפּקעס האָט זיך גענומען אָנגיסן מיט ראָזקײַט. קיינמאָל האָבן מיר נאָך מיט אַזאַ פרייד ניט באַגעגנט דעם קאַיאָר. די ערשטע וואַרעמע זון־שטראַלן נאָך אַ קאַלטער נעפּלדיקער נאַכט מיט אַזויפיל גע־פאַרן!

דער ערשטער האָט אונדזער סיגנאַל באַמערקט דער דעזשורנער אַף דער קאַלאַנטשאַ פון דער פײַערלעשער־קאָמאַנדע, און גאָר אײַנגיכן איז צו אונדז מיט גרויסע שווערקײַטן צוגעשווו־מען אַן אַמאָראַטשקע מיט צוויי פײַערלעשער. מיר האָבן זיי געבעטן איבערגעבן דעם דירעק־טאָר פונעם געהילץ־זאַוואָד קאַץ, ער זאָל אונדז העלפן ברענגען די באַרזשע צום האַפן, צו וועלכער עס גייען צו וואַגאָנען.

אַן ערעך אין אַ האַלבער שאָ אַרום זײַנען אונטערגעקומען די פײַערלעשער, געקומען צו דער צײַט, ווײַל אונדז האָבן שוין גענומען אַרומרינגלען האַסטיק יאָגנדיקע בערווענעס. מיט באַגאָרן האָבן זיי זיי פּאַנאַנדערגעשלעפּט, צוגעקייטלט צו דער באַרזשע אַ טראָס און מיט אַ הייבקראַן צוגעשלעפּט אונדז צום האַפן. דער שעף פון ניקאָלײַעווקער אײַזנבאַן־סטאַנ־ציע סודייקין האָט צוגעשיקט פיר צווייאַקסיקע וואַגאָנען אַף איבערלאָדן דעם קאַרטאָפל. די זעלבע פײַערלעשער האָבן געשאַפן אַ בריגאַדע און האָבן זיך אַ נעם געטאָן, פאַרשטייט זיך, ניט אומזיסט, אַריבערטראָגן די זעק פון דער באַרזשע אין די וואַגאָנען. נאָך דער אַרבעט האָבן מיר זיי געשטעלט לעקעך און בראָנפן. אַליין זײַנען מיר געווען טויט־מיד, נאָר אַפן זיבעטן הימל...

און אַז עס הייבט אָן גיין, גייט! סודייקין האָט אויסגעפּורעמט די דאָקומענטן אַף אונדזער קאַר־טאָפל, ווי אַף פאַרזיי־פראַכט, וואָס דאַרף טראַנספּאָרטירט ווערן אין דער ערשטער ריי. דער דיספּעטשער האָט צוגעקייטלט אונדזערע וואַגאָנען צום ערשטן דורכגייענדיקן פּאַסאַזשיר־צוג כאַבאַראָווסק—אירקוטסק, וואָס האָט גע־הייסן „מאַקסים”. ער האָט זיך געשלעפּט זייער לאַנגזאַם, אָפּשטעלנדיק זיך אַף יעדן ראַזיעזד, דאָך זײַנען מיר געווען צופרידן — מיר פאָרן!

איך האָב גלײַך געגעבן אַ טעלעגראַם פּעוויז־נערן אין אויספּירקאָם, אַז מיר פאָרן אַרויס פון ניקאָלײַעווקע עלף אַזייגער מיטן פּאַסאַזשיר־צוג און פירן מיט זיך פיר וואַגאָנען קאַרטאָפל!

אַן ערעך אין אַ שאָ פינף אַרום איז אונדזער צוג מיט גרויס טראַסק און פײַפערײַ צוגעגאַנ־גען צום בירעבידזשאַנער פּעראָן. דער לאָקאָמאָ־טיוו האָט אימפּעטפול היציק, אומגעדולדיק גע־עטעמט, ווי ער וואָלט געווען אַ גאָר געהויבע־נער שנעלצוג. אַפן פּעראָן זײַנען שוין געווען אַלע טוער פון געגנט־אויספּירקאָם, פאַרשטייער פון די שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אונדז באַגעגנט מיט גרויס סימכע, ווי העלדן. לאַשאַק און בען זײַנען געשטאַנען מיליטעריש אויסגעצויגענע, די ברוסטן פאָרויס, מײַסע קריגסלײַט, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון שלאַכט אַלס זיגער.

וואָס איז געוואָרן מיט אונדזער באַרזשע, וועלכע האָט אונדז טרײַ געדינט אין אונדזער ניט גאָר געוויינלעכער רײַזע? מיר האָבן זי לויט אַן אַקט איבערגעגעבן דעם שעף פון דער פײַערלעשער־קאָמאַנדע. מיר האָבן זי אָפּגע־פאַרבט, און אין צוויי טעג אַרום האָט אַ פּאַר־בײַגייענדיקער דאַמפער לויט אַרדאַטיעווס באַ־פעל זי גענומען אַפן בוקסיר, און מיר האָבן זיך מיט איר צעזעגנט ווי מיט אַ לעבעדיקן וועזן, אָפּגעגעבן איר אַ סאַליוט.

אַף דעם האָט זיך פאַרענדיקט אונדזער קאַר־טאָפל־עפּאָפּיי.

אָבער יענע אָנגעשטרענגטע עטלעכע טעג און נעכט פון מײַנע ווײַטע יונגע יאָרן לעבן נאָך ביז איצט מיט אַלע פּראָטים אין זיקאָרן, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פאָרגעקומען.

עטלעכע ווערטער וועגן פעליקס לוואָוויטש שאפּיראָ

(צו זײַן 100־יאָריקן געבורטסטאָג)

זײַענדיק א ליבהאָבער פון דער ייִדישער ליטעראטור, פלעגט פ. ל. שאפּיראָ אָפּט באזוכן דעם דיכטער ש. האלקין און די מישפּאָכע פונעם איבערזעצער י. סלאָנים.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען צוגאסט צו י. א. סלאָנימען, האָב איך בא אים געטראָפן א סימפּאטישן, ענערגישן, עלעגאנט געקליידטן אלטיטשקן — פעליקס לוואָוויטש שאפּיראָ. סלאָנימס פרוי, פרידע דאווידאָוונא, האָט מיך פאָרגעשטעלט: „רובינשטיין איז געווען א ייִדישער אקטיאָר, כ׳האָב צוזאמען מיט אים געארבעט אין טעאטער „פּרײַ־קונסט״... אין דער יוגנט האָט רובינשטיין געשפּילט אין „האבימאָ״. דאָס לעצטע האָט מײַן נײַעם באקאנטן זייער פאראינטערעסירט. ער האָט מיך פארוואָרפן מיט פראגן: צי געדענק איך נאָך העברעיִש? וואָס פאר אן אויסשפּראך איז בא מיר — אן אשקענאזישע, צי א ספּארדישע? אונדזער שמועס איז מער ענלעך געווען אף אן עקזאמען אין א לערן־אנשטאלט.

אין יענע יאָרן, ניט געקוקט אף זײַן 74־יאָריקן עלטער, איז פעליקס לוואָוויטש געווען דער איינציקער פּראָפעסיאָנעל געשולטער לערער פון איוורית, וועלכן כ׳האָב געוווּסט. ער האָט געארבעט אין מג״מא (מאָסקווער מעלוכישער אינסטיטוט פון צווישנפעלקערלעכע באציִונגען), אין אינסטיטוט פון מיזרעך־קענטעניש און אנד. אין דער זעלבער צײַט איז ער צוגעטראָטן צו זײַן פונדאמענטאלער ארבעט אף צונויפשטעלן אן איוורית־רוסישן ווערטערבוך. ווען מיר האָבן זיך באקאנט, האָט ער מיר פאָרגעלייגט מיטהעלפן אים. פארשטייט זיך, אז איך האָב דעם פאָרשלאָג אָנגענומען מיט פרייד.

מײַן ארבעט איז פריִער געווען א ריין טעכנישע: צונויפשטעלן העברעיִש־רוסישע קארטלעך אף יעדן וואָרט באזונדער. שפּעטער האָט שאפּיראָ מיר פארטרויט אונטערקלײַבן באוווּסטע שפּריכווערטלעך, קאָרעקטירן די געדרוקטע טעקסטן אאוו. אונדזער צוזאמענארבעט האָט אונדז באפרײַנדעט און מיטגעהאָלפן מיר צו העכערן מײַנע קענטענישן פון דער שפּראך איוורית. מע דארף נעמען אין אכט, אז אין די פופציקער יאָרן איז איוורית שוין ניט געווען די אמאָליקע לאָשנקוידעש־שפּראך פון טאנאך און טאלמוד, נאָר א לעבעדיקע, פארצווײַגטע מעלוכע־שפּראך, וואָס אנטוויקלט זיך פון יאָר צו יאָר.

פעליקס שאפּיראָ

פעליקס לוואָוויטש (פײַטל לייבאָוויטש) איז געבוירן געוואָרן אין א ווײַסרוסיש שטעטל כאָלוי דעם 17 אפּרעל 1879 אין דער פאמיליע פון אן אָרעמען מעלאמעד. אינגיכן פאָרט די מישפּאָכע אריבער קיין באָברויסק, ווו פײַטל באקומט א טראדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג, פריִער באם אייגענעם טאטן אין כיידער און שפּעטער אין א יעשיווע. דער יונגער פײַטל ווײַזט ארויס גרויסע פייִקײַטן אין אלע לימודים. צו 18 יאָר האָט ער שוין באקומען סמיכעס אף ראבאָנעס. די עלטערן האָבן געהאָפט, אז ער וועט זײַן א ראָוו, נאָר דער יונגערמאן שטרעבט צו אלגעמיינער בילדונג. ער שטודירט גרינטלעך די רוסישע שפּראך און די רוסישע ליטעראטור און איז אויך באָקי אין דער ייִדישער און העברעיִשער ליטעראטור. ער שטרעבט וואָס גיכער ארויס „אין דער גרויסער וועלט״.

אין 1906 איז שוין שאַפּיראָ אין פּעטערבורג. ער פאַרדינט אַפּן לעבן מיט פּריוואַטע אוראָקן פון איווריט און איז אויך אַ רעפּעטיטאָר. אײַנגיכן באַקומט ער אַ שטעלע פון אַ לערער אין אַ ייִדישער שול בּאַ דער „געזעלשאַפט פון פאַרשפּרייטן קענטענישן צווישן ייִדן". פיל מי און צײַט גיט אָפּ פעליקס לוואָוויטש אָף צו שטודירן די מעטאָדיק פון פּעדאַגאָגישער וויסנשאַפט. ער שרײַבט קריטישע אַרטיקלען, רעצענזיעס, וועלכע ס'פאַרעפנטלעכן רוסיש־ייִדישע זשורנאַלן.

זײַן טרוים איז — באַקומען העכערע בילדונג. ערשט אין 1911 ווערט ער אָנגענומען אין יורידישן פאַקולטעט פונעם אימפּעראַטאָרישן אוניווערסיטעט.

אין 1913 פאָרט ער אַריבער קיין באַקו, ווו ער באַקומט לויטן קאָנקורס דאָס אָרט פון אַ פאַרוואַלטער פון דער דאָרטיקער טאַלמעטוירע, אין וועלכער ער אַרבעט ביזן סאָף פון איר עקזיסטענץ (1920). פּונקט ווי אין פּעטערבורג, שרײַבט ער אַ סאַך און דרוקט דערציילונגען, פעליעטאָנען, אַרטיקלען וועגן די קלאַסיקער פון ייִדישער ליטעראַטור.

אין 1914—1916 שטייט פעליקס לוואָוויטש בעראָש פון אַן עקספּעדיציע, וועלכע דערלערנט דעם שטייגער פון די באַרג־ייִדן (טאַטן). די עקספּעדיציע האָט באַזוכט די שטעט דערבענט, מאַכאַטש־קאַלאַ, נאַלטשיק און אויך פיל אַאולן. ס'איז אָנגעזאַמלט געוואָרן אַ גרויסער עטנאָגראַפישער מאַטעריאַל — גלײַכווערטלעך, לידער, פאָטאָגראַפיעס. אַ טייל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „קאַווקאַזסקי יעזשעניעדיעלניק" (באַקו) אין 1917—1919.

נאָך דעם, ווי די טאַלמעטוירע אין באַקו איז פאַרמאַכט געוואָרן, שוין אין עלטער פון 40 יאָר, זײַענדיק אַ פאָטער פון דרײַ טעכטער, קומט שאַפּיראָ אָן אין אָרטיקן אוניווערסיטעט און פאַרנעמט זיך ערנסט מיט פּראָבלעמען פון פּעדאַגאָגיק אין דער נײַער סאָוועטישער שול. אין אַ צײַט אַרום ווערט לויט זײַן איניציאַטיוו אָרגאַניזירט אַ קינדער־הויז, אין וועלכן מע דערציט דאָס קליינוואַרג לויט אַ נײַער סיסטעם. דער אַנשטאַלט ווערט אָנגערופן „קאָמונע־הויז". די אַרבעט איז שאַפּיראָן, אַלס דערפאַרענעם פּעדאַגאָג, ליב און טײַער, און ער גיט זיך איר איבער מיט לײַב־און־לעבן. ער ווײַזט אַרויס פיל דערפינדערישקײַט אין זײַן טעטיקײַט. אין אַ געוויסן זין איז זײַן מעטאָדיק ענלעך, אַדאַנק אירע ספּעציפישע אייגנשאַפטן, צו דער אַרבעט פונעם באַוווסטן פּעדאַגאָג מאַקאַרענקאָ. אינעם זעלבן אַנשטאַלט אָרגאַניזירט שאַפּיראָ אויך אַ גרויסן ווארשטאַט, וועלכער גרייט ספּעציעלע געצײַג־אויסשטאַטונג (לערנבילדער, גלאָבוסן און אַנד.) אָף פאַרבעסערן דעם לערן־פּראָצעס. אָף אַן אַלרוסלענדישער אויסשטעלונג האָבן די עקספּאָנאַטן פון אָט דעם ווארשטאַט צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקײַט פון נ. ק. קרופּסקאַיאַ, און שאַפּיראָ איז אַרויסגערופן געוואָרן קיין מאָסקווע אָף צו אָרגאַניזירן ענלעכע לערן־אַגרעגאַטן.

לויט דער אײַנלאַדונג פונעם פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר בילדונג איז פעליקס לוואָוויטש אין 1924 יאָר צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע אַריבערגעפאָרן קיין מאָסקווע. ער אַרבעט דאָ ביזן 1945 אין פאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַ שײַכעס צו פּאָליטעכניזאַציע פון די שולן.

פ. ל. שאַפּיראָס וויכטיקסטער אופּטו אין דער סאָוועטישער ייִדישער קולטור איז דער „איוריט־רוסישער ווערטערבוך" (Иврит-русский словарь, מלון עברי־רוס, מאָסקווע, 1963). שאַפּיראָ האָט צונויפגעשטעלט דעם ווערטערבוך אָפּן סמאַך פון די דערשינענע אין ייִסראָעל אויסגאַבעס פון זעלבן מין, וועלכע ס'האָבן געשאַפן עווען־שאָשאַן, מעיר מעדאַן, פון דעם רוסיש־העברעיִשן ווערטערבוך פון י. קערען און אַנדערע. שאַפּיראָס אופּטו איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט ניט בלויז באַטרעפלעך פאַרטײַטשט די איווריט־ווערטער, נאָר איבערגעגעבן אין דער רוסישער איבערזעצונג זייער פּינקטלעכן עקוויוואַלענט און די אומגאַנגס־באַדײַטונג פאַר די, וועלכע וועלן זיך באַנוצן מיטן איווריט־רוסישן ווערטערבוך.

ווען אין 1959 האָט מען אין מאָסקווער אוניווערסיטעט אָף לאָמאָנאָסאָווס נאָמען אָנגעהויבן לערנען איווריט, איז די אָנפירונג מיט דער אַרבעט פאַרטרויט געוואָרן דעם עלטסטן פּעדאַגאָג פ. ל. שאַפּיראָ. ער, פון זײַן זײַט, האָט מיר פאָרגעלייגט ווערן זײַן אַסיסטענט. די אַרבעט איז געווען אַ שווערע, נאָר זייער אַן אינטערעסאַנטע. פעליקס לוואָוויטשעס אַרבעטספעיִקײַט, ניט געקוקט אָף זײַן 80־יאָריקן עלטער, איז געווען אַ דערשטוינענדיקע. דער קורס, וועלכן ער האָט געפירט, מיט ליבע צו דער יוגנט, האָט אים, ווײַזט אויס, צוגעגעבן מוט און קויעך. אונדזערע טאַלמידים זײַנען געווען מענטשן, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צוגרייטונג צו לערנען די שפּראַך. קיין נײַע לערנביכער און ווערטערביכער זײַנען ניט געווען. די אַלטע לערנביכער, וועלכע זײַנען דערשינען פאַר דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, האָבן קיין גרויסע נוץ ניט געבראַכט. פעליקס לוואָוויטש פלעגט אַליין גרייטן, לויט זײַן צונויפגעשטעלטער פּראָגראַם, פאַרשיידענע לערן־מאַטעריאַלן פאַר די סטודענטן. איינצײַטיק איז פאָרגעזעצט געוואָרן די אַרבעט איבערן ווערטערבוך, וועלכן עס האָט שוין רעדאַגירט דער פּראָפעסאָר בענציאָן גראַנדע.

פעליקס לוואָוויטש האָט שטענדיק געווידמעט זײַן פרײַע צײַט אַ געוויסער פּראָבלעם. ער האָט מיטגעאַרבעט אינעם פאַרלאַג „סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע", געשריבן אַרטיקלען פאַרן זשורנאַל „אויסלענדישע ליטעראַטור". אַ באַזונדערס וויסנשאַפטלעכע ווערט האָט זײַן אַרטיקל אין דער אויסגאַבע „סאָוועטישע שפּראַכן" — „אייניקע וועגן און מעקוירעס אָף צו פאַרפּילן דעם ווערטער־באַשטאַנד פונעם הײַנטיקן איווריט". לויט דער באַקאַשע פונעם אינסטיטוט פון מיז־

רעך־קענטעניש האָט ער איבערגעזעצט א זאַמ־
לונג פון העברעיִשע מעשׂאָלים און גלײַכווערט־
לעך פאַר אַן אויסגאַבע „גלײַכווערטלעך פון
די מיזרעך־פעלקער". גראָד די לעצטע יאָרן פון
זײַן לעבן זײַנען געווען די סאַמע שעפערישע
און פּרוכטבאַרע. ניט געקוקט אָף זײַן שוואַך
געזונט, איז ער שטענדיק געווען מונטער,
שאַרפזיניק, פול מיט נײַע פּלענער.

געשטאָרבן איז פעליקס לוואָוויטש שאַפּיראָ
אין דער צײַט פון די זומער־קאַניקולן דעם 17
אווגוסט 1961. ניט געקוקט אָף זײַן טיפן על־
טער, איז זײַן פּלוצעמדיקער טויט געווען אַן
אומדערוואַרטער. באַזונדערס ווייטעקלעך איז
געווען, וואָס שאַפּיראָס טרוים ארויסלאָזן דעם
ווערטערבוך איז ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן
בא זײַן לעבן. די ווערטפולע אויסגאַבע איז
דערשינען אין 1963 אין א טיראַזש פון 25000
עקזעמפּליאַרן. זי האָט געהאַט א ברייטן אָפּ־
קלאַנג בא אונדז אין ראַטנפאַרבאַנד און אין
דער אויסלענדישער ייִדישער פּרעסע. אַלע גע־
דרוקטע אַרטיקלען האָבן געגעבן א הויכע אָפּ־
שאַצונג דעם נײַעם ווערטערבוך, וועלכער איז
א הילפס־מיטל פאַר אַלע די, וואָס לערנען איווי־
ריט, פאַר סעמיטאָלאָגן ביכלאַל.

א. רובינשטיין
מאָסקווע

פּינכאָס סאַבסײַ — א באַדײַטנדיקער סקולפּטאָר



פּינכאָס סאַבסײַ

פּינכאָס סאַבסײַ איז איינער פון די ערשטע
פּראָפעסיאָנעלע סקולפּטאָרן פון דער אַזערבײַ־
דזשאַנער סאָוועטן־רעפּובליק. זײַן טעטיקײַט
איז א פּרוכטבאַרע, די שאַפונג — א פילזײַטיקע.
ער איז טיף פאַרבונדן מיטן לעבן פון זײַן צווײ־
טער היים. יאָ, אַזערבײַדזשאַן איז געוואָרן די
צווייטע היים פונעם אָדעסער סקולפּטאָר.

פּינכאָס סאַבסײַ שטאַמט פון אַן אָרעמער מיש־
פּאָכע. צו פופצן יאָר האַלט ער עקזאַמען אין
דער אָדעסער קונסט־שול און קומט אָן גלײַך
אָפן צווייטן קורס. דאָס איז געווען א גרויסער
דערפּאָלג. אין דער שול האָבן געהערשט פעסטע
דעמאָקראַטישע טראַדיציעס, דער גײַסט פון די
אַזויגערופענע „פּערעדוויזשניקעס" — רוסישע
פּאָרגעשריטענע קינסטלער.

פרי אַנטפּלעקט זיך בא פּינכאָסן דער באַ־
רוף צו סקולפּטור, מיט באַגײַסטערונג אַרבעט
ער אין די מאָדעליר־וואַרשטאַטן פון דער שול,
ער באַקומט די נייטיקע פּראָפעסיאָנעלע דער־
פאַרונג, לערנט זיך בא די פּראָפעסאָרן ד. מאַר־
מאָנע און ל. יאַריני — גרויסע קענער פון דער
קלאַסיק.

אין 1915 פאַרענדיקט פּינכאָס סאַבסײַ די שול,
באַקומט א דיפּלאָם פון דער ערשטער שטופע
און די רעכט אַרײַנצוטרעטן אויסערן קאָנקורס
אין דער פּעטראָגראַדער קונסט־אַקאַדעמיע. ער
קומט אָן אין קלאַס פונעם פּראָפעסאָר ג. זאַ־
לעמאַן.

אָט דער שטרענגער לערער טוט אַלץ, קעדײ
זײַן טאַלמיד זאָל ווערן א מײַסטער. ניט ווייני־
קער קויכעס לייגט אַרײַן אין סאַבסײַס דער־
ציִונג דער אָנגעזעענער סקולפּטאָר א. מאַט־
ווייעוו.

פּינכאָס סאַבסײַ האַלט, אַז זײַן שעפערישער
וועג הייבט זיך אָן נאָך דעם גרויסן אָקטיאַבער.
אין 1918 — מיט די סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון
ק. מאַרקס און וו. אי. לענין.

אָנהייבנדיק פונעם 1926 יאָר, לעבט פ. סאַב־
סײַ אין באַקו. זײַן ערשטע אַרבעט דאָ איז גע־
ווען ס. מ. קיראָווס ביוסט. צום צענטן יאָרצײַט
פון דער באַקינער קאָמונע שאַפט ער פּאָרטרעטן
פון די העלדן־קאָמיסאַרן מ. אַזיזבעקאָוו און
א. דזשאַפּאַרידזע. די דאָזיקע דענקמעלער
זײַנען אופגעשטעלט געוואָרן אָף דעם פרײַ־
הײַטס־פּלאַץ, דאָרט, ווו מע האָט געבראַכט צו
ערן־קוורע די 26 באַקינער קאָמיסאַרן. שפּע־
טער (אין 1943) פאַרפולקומט סאַבסײַ אָט די
ווערק זײַנע. כוץ דעם, שאַפט ער דענקמעלער
אי. פּיאַלעטאָוון און ס. שאַומיאַנען. אַלע פיר

ביוסטן איניינעם שטעלן מיט זיך פאָר איין מעמאָריאל־אנסאמבל. דעם קינסטלער אינטערעסירט אויך דאָס געשטאלט פונעם באקינער אויסעראָרדנטלעכן מיליטערישן קאָמיסאר ג. פּעטראָוו, מיט וועמענס נאָמען עס איז פארבונדן די העלדישע באשיצונג פון דער שטאָט בייס דער אינוואזיע פון די אינטערווענטן. דער דענקמאָל ג. פּעטראָוון באקומט בא סאבסײַען אן אויסזען פון א גאנצער סקולפּטור־גרופּע.

ניט צופעליק ווענדעט זיך פּינכאָס סאבסײַ צו דעם געשטאלט פונעם באדײַטנדיקן אזערבײַדזשאנער שרײַבער, פילאָסאָף און אופקלערער מירזאָ פאטאלי אכונדאָוו. דער דאָזיקער אויסשליסלעכער טוער פון דער אזערבײַדזשאנער קולטור איז געווען א פרײַנט פון די דעקאבריסטן, וועלכע די צארישע מאכט האָט פארשיקט אף קאווקאז, ער איז ניט איין מאָל ארויסגעטראָטן ווי פּושקינס לײַדנשאפטלעכער פארערער.

דער דענקמאָל מ. פ. אכונדאָוון איז אנטהילט געוואָרן אין 1930, ווען די רעפּובליק האָט געפײַערט דעם ערשטן יאָרצענדליק פון איר עקזיסטענץ. אין אזערבײַדזשאן איז דאָס געווען דער ערשטער מאָנומענט, געמאכט פון בראָנזע, באם סקולפּטאָר — די ערשטע ערנסטע מאָנומענטאלע ארבעט. א פּאָשעטע לויט דער פאָרם, איז די סקולפּטור אייגנארטיק, אָריגינעל און איינצײַטיק באשיידן. זי איז פּלאסטיש, ווייך, דינאמיש, גלײַך ווי דאָס געשטאלט וואָלט זײַן א לעבעדיקס. אָט איז זי, די פארייביקטע אין בראָנזע קורצע רעגע פונעם שרײַבערס לעבן: ער זיצט פארטראכט, ניט פארכאָלעמט, ניין, ער קלערט פײַנלעך, אָנגעשטרענגט, אנטשיידן, אף זײַנע קני — א צעעפנטער בוך, ווײַזט אויס פּושקינס. ס׳קאָן זײַן, אז די טראגעדיע פונעם גרויסן רוסישן שרײַבער לאָזט ניט צורו אכונדאָווס נעשאָמע, און ער, אכונדאָוו, פילט, אז מע מוז עפּעס טאָן, זײַן פליכט איז ענטפערן אף דעם פארברעכן פונעם צאריזם. עפשער טאקע אין אָט דער רעגע פּויעלט בא זיך אכונדאָוו אָנצושרײַבן די פּאָעמע קעגן די אונטערדריקער, וועלכע וועט שפּעטער ווערן בארימט. דער דענקמאָל איז פול מיט אינערלעכן צויבער.

דערנאָך וועט זיך פּ. סאבסײַ ווידעראמאָל באגעגענען מיט אכונדאָווס געשטאלט: דער ליטעראַרישער מוזיי אפן נאָמען פון ניזאמי באשטעלט באם סקולפּטאָר אכונדאָווס סטאטוע, קעדיי מיט איר באצירן די לאָדזשיע פון דער מוזיי־געבײַדע. צוזאמען מיט אכונדאָווס סטאטוע וועלן דאָרט שטיין נאָך פינף סקולפּטור־פּאָרטרעטן פון בארימטע אזערבײַדזשאנער שרײַבער און דיכטער. דערעכאגעוו דארף געזאָגט ווערן, אז דאָס איז געווען א נאָוואטאָרישער גאנג: דאָס ערשטע מאָל אין דער ארכיטעקטור פון אזערבײַדזשאן האָט מען ארײַנגעפירט אינווייניק אינעם רוים פון א הויז סקולפּטורן, וועלכע האָבן בעליסאָפּעק פארשטארקט די קינסטלערישע באדײַטונג פונעם גאנצן אנסאמבל.

די טוער פון דער אזערבײַדזשאנער נאציִאָנאלער קולטור פארנעמען א באדײַטנדיק אָרט אין פּ. סאבסײַס שאפונג פון די דרײַסיקער יאָרן. אין 1933 פארענדיקט ער די ארבעט איבערן דענקמאָל דעם אָנגעזעענעם אזערבײַדזשאנער דיכטער־סאטיריק מ. א. סאביר. דער דענקמאָל איז אופגעשטעלט געוואָרן אין שעמאכע, ווו דער פּאָעט איז געבוירן. דאָס איז געווען דער ערשטער דענקמאָל א נאציִאָנאלן שרײַבער אף דער פּעריפעריִע פון דער רעפּובליק. דירעקט פאר דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע באטייליקט זיך פּ. סאבסײַ אינעם קאָנקורס אף צו שאפן א מאָנומענט דעם דיכטער ניזאמי גיאנדזשעווי. די שוועריקײַט פון דער דאָזיקער ארבעט איז באשטאנען אין דעם, וואָס צו אונדז איז ניזאמי גיאנדזשעוויס בילד ניט דערגאנגען, און זײַן געשטאלט האָט דער סקולפּטאָר געדארפט זיך פאָרשטעלן אפן סמאך פון זײַן שאפונג. אליין דער פּאָעט האָט אין דער פּאָעמע „כאָסראָוו און שירין” אָנגעוויזן: „ווילסטו מיך זען, קוק ארײַן אין מײַן ווערק”.

פּ. סאבסײַס באדײַטנדיקסטע דערגרייכונג איז, אומבאשטרײַטבאר, דער מערקווירדיקער דענקמאָל ס. מ. קיראָוון. מיט קיראָווס נאָמען איז פארבונדן דער זיג פון דער סאָוועטנמאכט אין אזערבײַדזשאן. אָט דער באָלשעוויק־לענינעץ האָט פיל אופגעטאָן פאר דער אנטוויקלונג פון דער ווירטשאפט און פון דער נאציִאָנאלער קולטור אין דער רעפּובליק.

דער מאָנומענט שטייט ניט ווײַט פונעם יאם, לעם דער באקינער בוכטע, פונדאנען עפנט זיך אוף די פּאנאָראמע פון באקו. די גאנצע שטאָט זעט דעם דענקמאָל. ווען איך קוק אף אים, דוכט זיך מיר, אז קיראָוו, דער פלאמיקער טריבון פון דער רעוואָליוציע, וועט באלד אָנהייבן ריידן. זײַן האנט איז זיכער אופגעהויבן — און איך בין, כ׳ווייס אליין ניט פארוואָס, איבערצײַגט, אז אָט־אָט וועט זיך ארויסרײַסן פון זײַנע ליפּן: „זעט, סארא גרויסארטיקע שטאָט מיר האָבן אײַך אויסגעבויט!”

די סטאטוע איז אופגעשטעלט אף א הויכן פּילפּלאכיקן פּאָסטאמענט. אפן צאָקאָל זײַנען אויסגעשניצט סוזשעטישע גאָרעליעפן: די רויטע ארמיי, בעראָש מיט ס. מ. קיראָוון און ג. ק. אָרדזשאָניקידזע, טרעט ארײַן אין באקו דעם 28 אפּרעל 1920; קיראָוו צווישן נאפטלער; קיראָוו צווישן בוימוואָלציכטלער. אלע צוזאמען, מאכן די גאָרעליעפן א פּראכטפולן אײַנדרוק. באם צופוסנס פונעם מאָנומענט שטייען אין אייביקן ערן־קאראול א רויטארמייער און אן ארבעטער־רויטגווארדייער.

פארן דענקמאָל ס. מ. קיראָוון, איינעם פון די בעסטע אין דער סאָוועטישער סקולפּטור, איז פּינכאָס סאבסײַ באלוינט געוואָרן אין 1942 מיט א מעלוכע־פּרעמיע פון דער ערשטער שטופע.

אין 1932 הייבט אָן פּ. סאבסײַ זײַן ארבעט איבער די פּאָרטרעטן פון די אזערבײַדזשאנער נאפט־ארבעטער. דער סקולפּטאָר באגעגנט זיך אָפט מיט זײַנע העלדן, ער זוכט בא זיי כאראק־

טעריסטישע שטריכן, שטרעבט אַרײַנצודרינגען אין זייער נעשאָמע. „קוידעמקאָל גלוסט זיך מיר אָפּזוכן דאָס פּאָנעם פונעם מענטשן, זײַן אייגנאַליקײַט, אייגנאַרטיקײַט", — איז זיך מוידע דער סקולפּטאָר. אין זײַן שלאָגלער־גאַלעריי פאַרנעמט אַ בעקאָוועדיק אָרט דער טיף עמאָציאָנעלער, לאַקאָנישער לויט דער פאָרם סקולפּטור־פּאָרטרעט פונעם באָר־מײַסטער מ. פּ. קאָווראָטשקין, דעם העלד פון סאָציאַליסטישער מי, וועלכער איז טראַגיש אומגעקומען בײַם אַנוואַריע אויפן געוועלב „נאַפט־שטיינער". די דאָזיקע סקולפּטור איז אויפגעשטעלט אויף דעם אָרט, וווּ מ. פּ. קאָווראָטשקין האָט אויסגעבויערט זײַן ערשטן נאַפט־קוואַל.

אייגנאַרטיק איז פּ. סאַבסײַס לעניניאַנע. אין יעדן ביוסט, אין יעדער סטאַטוע פילט זיך אַ נײַע ליזונג. דער סקולפּטאָר סטאַרעט זיך אַלעמאָל אַנטדעקן און באַווײַזן דעם פירערס אַן אומבאַוווּסטן שטריך.

דאָס געשטאַלט פון וו. אי. לענינען איז באַזונדערס אינטערעסאַנט איבערגעגעבן אינעם ביוסט פון מירמלשטיין, וועלכן פּ. סאַבסײַ האָט געשאַפן אין 1957. לענין איז דאָ פאַרקערפּערט אי ווי אַ גענאַלער מעלוכע־טוער און דענקער, אי ווי אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן ווילן — און דערבײַ אַן ענערגישער, צאַפּלדיק לעבעדיקער.

אויפן גרונט פון דעם דאָזיקן ביוסט איז אין קראַסנאָדאַר אויפגעשטעלט געוואָרן אַ בראָנזענער מאָנומענטאַלער דענקמאָל לענינען.

אין דעם עלטסטן אַרבעטער־ראַיאָן פון באַקו — אין דער אַזויגערופענער שוואַרצער שטאָט איז אַנטהילט געוואָרן פּ. סאַבסײַס נײַע אַרבעט — אַ דענקמאָל דעם רעוואָלוציאָנער ס. ג. שאַומיאַן. אויף אונדז קוקט אַ מענטש, וועלכער וועט ניט אײַנגיין אויף קיין שום קאָמפּראָמיסן — אַזאַ טאַקע איז געווען דער אויסעראָרדנטלעכער קאָמיסאַר, לענינס שאָליעך ס. ג. שאַומיאַן. דער דענקמאָל איבערצײַגט אונדז, אַז פּ. סאַבסײַ, האָגאָם ער איז שוין איצט אַן עלטערער מענטש, פאַרמאָגט נאָך גענוג שעפערישע קויכעס.

אין 1940 אייגנט מען צו פּינכאָס סאַבסײַען דעם טיטל פאַרדינסטפולער טוער פון קונסט פון דער אַזערבײַדזשאַנער ססר. אין 1946 ווערט ער באַלוינט מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן. אין 1947 ווײַלט מען אים אויס פאַר אַ ווירקלעכן מיטגליד פון דער קונסט־אַקאַדעמיע פון ססר. אין 1973 באַקומט ער דעם ערן־טיטל פאָלקס־קינסטלער פון ססר.

ג. קיזעל
באַקו

צו דער געשיכטע פון טשופוט־קאַלע

יעדע עקסקורסיע אין דער שטאָט באַכטשיסאַרײַ און אין איר אומגעגנט פאַרשאַפט עכטן פאַרגעניגן סײַ די טוישוווים פון קרים, סײַ, הויפּטזאַכלעך, די קרימער געסט. מיט היספּײַלעס און באַוווּנדערונג באַטראַכט מען די ריזיקע פעלדזן פונעם אויספּענסקער הוילן־מאָנאַסטיר, די פּרעכטיקע מאַריִאַם־דערע, דעם אַזויגערופענעם יאָסאַפאַטס טאָל, די רויִנען פון דער צעשטערטער פעסטונג־שטאָט — עטלעכע פאַרהיטע ביז אַדהײַנטיקע הײַזער אויף די אָפּהאַנגען פון טשופוט־קאַלע, און דערנעבן די מיט וואַלד פאַרוואַקסענע דענקמעלער פון אַ פאַרצײַטיקן בעסוילעם.

„טשופוט־קאַלע" איז אַ טאָטעריש וואָרט און באַטײַט „ייִדישע פעסטונג". די דאָזיקע פעסטונג איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַן אומצוטריטלעכן פעלדז און האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ שטאַרקן באַסטיאָן. דאָרט פלעגן זיך אָפּט ראַטעווען די געיאָגטע בײַם די אינערלעכע אומרוען אינעם פירשטנטום פון די קרימער כאַנעס. אַלס באַסטיאָן אָבער האָט מען טשופוט־קאַלע אַנולירט נאָך איידער דאָס קרימער פירשטנטום איז איבערגעגאַנגען אונטער דער מאַכט פונעם רוסישן קייסער אין 1783. צו יענער צײַט איז די מיליטערישע פעסטונג געוואָרן אַ מאָקעם, וווּ די כאַנישע פאַרוואַלטונג פלעגט דערלויבן זיך באַזעצן און וווינען די

טשופוט־קאַלע. דאָס הויז, אין וועלכן עס האָט געוווינט די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן אַווראָם פירקאָוויטש.

קאראימער. טשופוט־קאלע איז, אייגנטלעך, פארוואנדלט געוואָרן אין א ייִדישער געטאָ.

דערלויבנדיק די קאראימער האנדלען און זיך פארנעמען מיט האנטווערקעריי אין דער הויפטשטאָט, דאָס הייסט אין באכטשיסאריי, האָבן די טאָטערשע כאנעס זיי פארבאָטן דאָרטן לעבן, און די קאראימער זײַנען געווען געצוווּנגען טאָגטעגלעך נאָך דער ארבעט אומקערן זיך אַף זייער פעלדז, אין טשופוט־קאלע, צו זייערע מישפּאָכעס, צו זייערע באָטעמעדראָשים. אַף מאָרגן האָבן זיי ווידער געדארפט דורכמאכן פיר וויאָרסט צוריק אין שטאָט ארײַן צו זייערע געשעפטן. און אזוי יאָר נאָך יאָר. ביז באכטשיסאריי האָבן די קאראימער געמעגט רײַטן אַף פערד, נאָר אינווייניק אין דער שטאָט האָבן זיי געהאט דאָס רעכט בלויז גיין צופוס און פירן נאָך זיך דאָס פערדל פארן צוים.

די טוישווים פון טשופוט־קאלע האָבן געלעבט ניט בלויז אין שווערע סאָציאלע, נאָר אויך אין אומדערטרעגלעכע שטייגער־באדינגונגען. קעדיי־ פארשטיין, וועגן וואָס עס גייט א רייד, וואָלט זײַן גענוג באמערקן, אז אפילו קיין וואסער איז אין דער פעסטונג ניט געווען, מע פלעגט עס ברענגען צו פירן אַף אייזלען.

נאָכן 1783 זײַנען די רעכט פון די קאראימער א ביסל פארברייטערט געוואָרן. די אײַנוווינער פון טשופוט־קאלע האָבן באקומען בא די רוסישע מאכטן א דערלויבעניש זיך איבערצוציִען אין אנדערע שטעט און יישווים. די מערהײַט קאראימער איז איבערגעפאָרן קיין יעווּפּאטאָריע. דערנאָך האָבן פיל פון זיי איבערגעוואנדערט אין אנדערע ערטער פונעם דאָרעמדיקן קאנט.

אינעם קרימער געגנטלעכן מעלוכישן ארכיוו זײַנען פאראן אינטערעסאנטע דאָקומענטן וועגן טשופוט־קאלע. אָט, אשטייגער, שרײַבט אין 1848 דער רעגירער פונעם נאָוואָראָסיִיסקער קאנט דער פירשט מיכאיל סעמיאָנאָוויטש וואָראָנצאָוו דעם גאכאם — דאָס הייסט, דעם לײַטער פון דער פארוואלטונג פאר גײַסטלעכע איניאָנים בא די קאראימער.

„דערבארעמדיקער הער סמא באָבאָוויטש! מיט גרויס באדויערן האָב איך זיך דערוווּסט, אז די טוישווים פון טשופוט־קאלע פארלאָזן די וווינונגען פון זייערע אָוועס און וואנדערן איבער אין אנדערע שטעט, ווו זיי באקומען א מעגלעכקײַט בעסער צו לעבן ביכלאל און דערציִען די קינדער.

איך בין איבערצײַגט, אז איר זײַנט שטענדיק גרייט מיר מיטצוהעלפן פארווירקלעכן מײַנע פאָרשלאָגן, איך האָף, אז אויך דאָס מאָל וועט איר דרינגענד אויספילן מײַן באגער און איר וועט אײַנלאדן אלע קאראימער, זיי זאָלן גרינדן אין טשופוט־קאלע א לערן־אנשטאלט.

קעדיי אופהאלטן די קאראימער אין טשופוט־קאלע האָבן מיר בעדייע אויך שענקען די אײַנוווינער פון אָט דער שטאָט א וואָסער־ניט־איז פריווילעגיע".

אָבער ניט דער גאכאם, ניט דער טאווּרישער גובערנאטאָר, ניט דער רעגירער וואָראָנצאָוו זײַנען ניט געווען אימשטאנד איבערצואנדערשן די לעבנס־באדינגונגען אין טשופוט־קאלע, און די קאראימער זײַנען אוועק פון דער שטאָט.

איינער פון די לעצטע אײַנוווינער אין טשופוט־קאלע, וועלכער האָט דערלעבט צום זקיינישן עלטער און איז געשטאָרבן טאקע דאָרט, אַפן אומצוטריטלעכן פעלדז, איז געווען דער זאמלער פון קאראימישע אלטערטימלעכקײַטן אווראָם פירקאָוויטש.

ל. קאיא
סימפעראָפּאָל

פון רעדאקציע.

איבערן מאנגל אין אָרט האָט ניט די רעדאקציע קיין מעגלעכקײַט צו פארעפנטלעכן אין אָט דעם נומער א נאָך גרעסערע צאָל ווערק פון די לייענער.

אין די נאָענטסטע נומערן וועלן אזעלכע פובליקאציעס פארגעזעצט ווערן.

פונעם בוך „אין לאַנד פון זיקאָרן"

קאַיאָר

פאָרטרעט־שטיל איז אין באגין
דער יאם, דער גיבער,
ווי אויסגעשמאָלצן פון בורשטין —
כאָטש שפּאַן אים איבער.

דער הימל איז געוואָרן בלוי,
מיט ראָז פארפאַליעט.
דער יאם פּאַמעלעך, גלאַט אזוי,
האָט זיך צעכוואַליעט.

באם ברעג א ווײַסע מעווע זיצט
פארהילט אין דרעמל.
א שטראל פון הייך האָט זי באשפּריצט —
מיט גאָלד בארעמלט.

די מעווע האָט א בלענד געטאָן,
די לופט צעשניטן.
און אומגעריכט האָט מיטאמאָל
זיך אַלץ געביטן.

דערנאָך א סטעזשקע אויסגעשפּרייט
פון ראנד צום צווייטן,
פון גינען־גאָלד געשטריקט־גענייט
מיט דריבנע קווייטן.

ווי פון א כאָלעם אופגעוואַכט
איך האָב פארגאַפט די וועלט באטראַכט.
און ס'האָט א טרער פון פרייד און גליק
פּאַמעלעכקע אין האלדז געשטיקט.

בלויקייט

דער הימל איז אינגאנצן נאקעט —
די וועלט פארגאָסן איז מיט בלוי.
די בלויקייט האָט דעם יאם צעאקערט,
מיט בלויקייט שפּריצט דער מאָרגן־טוי.

מיט בלויקייט זײַנען פול די אויגן,
אונטער דער הויט די בלויקייט פליסט...
אָט פליט, אָט פליט מײַן בלויער פויגל!
איך וועל אים פאנגען הײַנט געוויס...

הײַנט, נאָך הײַנט

כ'וויל הײַנט קיינעם ניט באגעגענען,
זיך מיט קיינעם ניט געזעגענען —
זײַן מיט זיך אליין.
זאָל די ווערבע גרינג זיך הוידען,
מיט דער סאזשלקע זיך סוידען
שטיל, געהיים.

אָט־אָ נעמט שוין דער באגינען
מישן בלוי און ראָז מיט גרינעם.
עס שאַרײַעט.
ס'האָט א שטראל ארופגעקלעטערט
אף א דעמב, און האָט די בלעטער
אָפּגעבריט.

אפן פײַכטן גראָז דעם טיפן —
פונעם ווינט געשלײַפט, געשליפן, —
ליגט א טוי.
וועל איך אין דער ראָסע בלאָנקען
באָרוועס אף דער קילער לאָנקע,
גלאַט אזוי?

איז א פונק מיר אין די אויגן
פון קאַיאָר ארײַנגעפלויגן,
מיך באַשײַנט.
זאָל מיר קיינער נאָר ניט שטערן
קליגער, שענער, בעסער ווערן —
הײַנט, נאָך הײַנט...

בערעזעס

אין שווארצע שטיוועלעך מיט ווײַסע זאָקן
עס שפּאַנען צוויי בערעזעס אינעם פּעלד.
עס האָט דער ווינט צעפּאַטלט זיי די לאָקן,
האָבן ביידע זיך פאַרשעמט, דערשראָקן
באַם שפּיגלדיקן טײַך זיך אָפּגעשטעלט.

די ווײַסע העלדזער צו דעם טײַך פאַרבויגן
און מיט די פלינקע רירעוודיקע הענט
די קוטשערן ארומגעצויגן,
פאַרפלאָכטן שטײַף און שיין פאַרקעמט.
צוויי שוועלבעלעך עס זײַנען אָנגעפלויגן
און אף די קעפ בא זיי זיך אָפּגעשטעלט.

פאַרליבט זיי שטייען בא דעם ברעג דעם שטאַלן.
אַ, איך געדענק זיי לאַנג, שוין לאַנג.
אין שניי, אין רעגן, אין געפלעכט פון שטראַלן
זיי ציען צו דער הייך זיך שלאַנק.

אין שטילע אָוונטן, אין שקיִע בלוטיק־ראָזער,
ווען ס'נאָגט א בענקעניש און ווייסט גאָרניט פאַרוואָס,
עס קומען פאַר די אויגן די בערעזעס,
וואָס שפּאַנען אינעם ראַסעדיקן גראָז
אין שווארצע שטיוועלעך מיט ווײַסע זאָקן,
און ס'פּאַטלט זיי דער ווינט די גרינגע לאָקן.

דערוואַרטונג

אין גרויסן צימער טונקל ברענט די שײַן,
א דריבנער רעגן זיפּט זיך, כליפּעט.
באַם פענצטער שטייט די אלטע ליפּע
און לאָזט די זון אהערצו ניט אריין.

פון טיר צום פענצטער שפּאַנט א פרוי אפגיך,
זי קוקט ארײַן אין שויב,
ווי עפּעס וואָלט זי שרעקן,
און דריבנע־דריבנע צאָקען אירע שיך.
זי שטעלט זיך אָפּ
און וואַרט, עס זאָל זיך אָפּרופן דאָס גלעקל.

און אף די ליפּן איז דאָס וואָרט שוין גרייט,
זי וועט אים זאָגן אַלץ.
ביזוואַנען קאָן מען שווײַגן?..
פאַרבײַ דער טיר א מאַנצבל הילכיק גייט.—
אין אנגסטן זיך דאָס האַרץ פאַרגייט
אין האַרטן קנויל פון לײַגן.

שוין שפּעט. ווײַזט אויס, אַז דאָס איז אַלץ.
זי וועט אים גאָרניט, גאָרניט זאָגן.
די הענט זי וועט פאַרוואַרפן אף זײַן האַלדז
און, ווי א פויגל, זאָל דאָס האַרץ זיך שלאָגן.

א גוטמאָרגן

די ליפּעס, פּונקט ווי פּאַראיאָרן,
אין הויכן פענצטער קלאַפּן פרייליך אָן:
— דו ביסט געקומען נאָכאַמאָל צו פאָרן?
איז א גוטמאָרגן דיר, אוראַם!

— צו אײַך, צו אײַך האָט מיך געצויגן,
כ׳האָב פאַרגעדענקט אײַך און געבענקט אַזוי!
דער פראָסט פלעגט אויסמאָלן אַף מײַנע מאָסקווער שויבן
די בלעטער אײַערע מיט ווײַסן טוי.

באַשיידענע, געטרײַע שטומע היטער
און איידעס פון מײַן זיג און מײַן פאַרלוסט,
דעם מינדסטן שאָרך, דעם שטילסטן ציטער
פון מײַן געזאַנג איז אײַך באַוווּסט.

אין טונקלעניש פון לינדע אָפּדערנאַכטן
א שטערן פלעגט פאַרבלאָנדזשען אין א קרוין,
פאַרפּלאָנטערן די וואָר מיטן געדאַכטן,
די ניכטערקײַט, די בענקשאַפט און דעם טרוים.

איז א גוטמאָרגן אײַך! איר האָט געבענקט, מיסטאָמע,
איך ווייס, איך ווייס, איר האָט אַף מיר געוואַרט.
צוויי נײַע קרײַזן אין די איידלע שטאַמען,
אין אײַער לײַב עס האָבן זיך פאַרקאַרבט.

פּונקט ווי די קווערע קאַרבן אַף מײַן שטערן,
די כוצפּעדיקע איידעס פון מײַן זײַן.
ביז עפּעס־וואָס, זאָל קיינער מיר ניט שטערן
זיך אָנטרינקען מיט אײַער גרינער שײַן.

* * *

ווי א ניגן, וואָס קלינגט אין דיר שטענדיק
און אויסזינגען קאָנסטו אים ניט,
האָט מײַן אומרו זיך אַלץ ניט פאַרענדיקט
און ער נאָגט אינדערטיף פון געמיט.

און איך ווײס ניט, צי איך בין דאָ שולדיק,
צי דו ביסט גאָר שולדיק דערין.
כ׳הער דעם ניגן פאַרליבט און געדולדיק,
וואָס שפּינט אַזוי איידל און דין.

אָט־אָ זינגט ער מיר אויס דײַנע אויגן,
דײַנע דינע צעפלויגענע האָר.
דײַנע ברעמען, וואָס זײַנען געבויגן,
ווי שוועלבעלעך שוואַרצע א פּאָר.

אָט־אָ קומט ער צו מיר א דערפרייטער
און דערמאָנט, און דערמאָנט און דערמאָנט.
ווי א זיכערער, קלוגער באַגלייטער
פירט אַוועק אין א וווּנדערלעך לאַנד.

צו דעם טײַך, ווו כ׳האָב קינדוויַיז געשווענקען
די באָרוועס־צענעריקטע פיס.
אַף די ווערבעס מוז איצטער נאָך הענגען
מײַן לײַוונט העמדל, געוויס.

אָט דער אומרו, וואָס פירט מיך באַשטענדיק
נאָגט און נאָגט אין דער טיף פון געמיט
ס׳האָט, אוודאי, א סאַך זיך פאַרענדיקט,
נאָר דעם אומרו אין הארץ כ׳האָב פאַרהיט.

* * *

מיט פלאַטערניש איך ווארט אַפן געגארטן,
כאָטש ליב איז מיר נאָך אַלץ, וואָס איז אוועק:
די בענקענדיקע סומנע אָפדערנאַכטן,
דער ווײַסער טישטעך מיטן ברויגעם פלעק.

דער צוועלפער לאָמפּ, וואָס בלינצלט אונטער,
פון ניי־מאשין דאָס פלינקע שטעפערײַ,
דער מאַמעס פינגער, וואָס באַוויַיזן וווּנדער —
די אַלטע טראַנטעס מאַכט זי שפּאָגל־נײַ.

מיט ציטערניש איך ווארט אַפן באַשערטן,
כאָטש ס׳איז גענוג מיר דאָס, וואָס איך פאַרמאָג.
איך ווייס, אַז אײַנגעקנאָטן איז דער נעכטן
אין מאָרגנדיקן, קומענדיקן טאָג.

די צוקונפט קוקט דעם אָווער אין די אויגן —
שוין יאָרנלאַנג זיי זײַנען גוט באַקענט,
און גוטוויליק זיי האָבן אויסגעצויגן
און מיט געטרײַשאַפט זיך דערלאַנגט די הענט.

* * *

איך האָב אַף גאָרניט קיין כאַראָטע,
די פרייד, די ליבע און דער וויי
אין איין געמיש זײַנען פאַרקנאָטן,
אין איין געהויך, אין איין געשריי.

אַט דאָס, וואָס כ׳האָב בא דיר דערוואָרבן
און האָב געשאָנקען דיר צוריק,
איז קיין פאַרלוסט געווען, קיין קאָרבן —
ס׳איז, מעגלעך, גאָר געווען גליק.

עס ציטערט נאָך אָט יענער ציטער,
אין בליק אָט יענער פונק נאָך גליט,
וואָס לײַכט אין כאשכעס, אין געוויטער,
און לעבט אין לוסט פונעם געמיט.

דער שטרענגער טאָג

ער קומט, ער קומט דער שטרענגער טאָג —
דאָס לעצטע מאָל דײַן האנט כ׳וועל דריקן.
און אַלץ, וואָס דו פאַרמאָגסט,

און אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג
וועט אויסזאָגן דער צאַפּל פון די בליקן.

ווי ס׳זאָל ניט זײַן, דאָך ווייס איך גוט,
אַז כ׳וועל זיך ניט אַנטווישן —
באביידן פלעגט דער זאָד פון בלוט
אין איינקלאַנג רוישן.

ביסט אָפט דערשטוינט געווען פון פלאַם,
פון ניט געצוימטן ציטער.
די הייליקײַט פון זײַן א מאַן
געיאַרשנט כ׳האָב פון אָדעם־שטאַם,
און האָב געוווּסט דעם שאַרפן טאַם
פון זיס און ביטער...

ער קומט, ער קומט דער שטרענגער טאָג —
איך וועל אים טרעפן ניכטער.
כ׳וועל שענקען אַלץ, וואָס איך פאַרמאָג,
נאָר וואָס פאַרמאָגט א דיכטער?

כאַלוימעס

דו שלאָפסט און זעסט אין די כאַלוימעס
א ווײַסן וואלד, וואָס שטייט אין ווייכן שניי,
און ווו א קוסט, און ווו א בוים איז —
געשטריַיפטע שרעטעלעך עס טאנצן ארום זיי.

אין כמארעס שווימט דער מוילעד, ווי א שיפל,
און פלוצעם שטעלט ער אָפּ דעם גרינגן גאנג,
באטראכט די שרעטעלעך, וואָס פילדערן און שטיפן,
און הערט זיך איַין אין יעדן מינדסטן קלאנג.

פאמעלעך קלאפט ער אָן אין דיַינע שויבן,
א פאסמע שיַין עס לייגט זיך אפן דיל.
א גאָלדן העזעלע איז פלינק אדורכגעפלויגן
און ווידער איז געוואָרן שטיל.

דו שלאָפסט, דיר כאָלעמט זיך, מיסטאמע,
א ברויזנדיקער יאם, א שיף צום אָפּגרונט זינקט.
פארצווייפלט און דערשראָקן בעט א מאמע,
אז דו זאָלסט ראטעווען איר קינד.

דו וואַרפסט זיך אין די שוימענדיקע טיפן —
אין דיַינע הענט דער רודער דינט געטריַי.
דו פירסט די שיף דורך פעלדזן און דורך ריפן,
און די סאקאָנע איז פארביַי.

איך וועל דיַין זיסן כאָלעם ניט צעשטערן,
עס זאָלן דיַינע טרוימען ניט פארגיין.
מע קאָן אפילע קינדוויַיז הערן,
ווי ס׳סוידען זיך אין הייך די שטערן,
ווען דער געוויסן לויטער איז און ריין.





שמועל גאָרדאָן

די פּײַל און דער בויגן

I

עטלעכע מינוט פאַרן אָפּגיין פון צוג איז אַרײַנגעקומען אין וואַגאָן א יונג בלאָנד מיידל מיט א לאַקירטן, ערטערווײַז שוין אָפּגעריבענעם, טשעמאָדאַן און ניט זיכער אָנגעקלאַפּט אין דער צוגעמאַכטער טיר פון דער פאָרלעצטער קופּע.

די דרײַ מאַנצבלעך, וועלכע זי האָט דאָרט געטראָפן, — צוויי באַיאָרטע און איינעם א יונגן — האָבן שוין באַוויזן זיך איבערטאָן אין זייערע וועג־קליידער. די עלטערע — אין גע־שטרײַפטע פּיזשאַמעס און ווייכע שטעקשיך. דער יונגער — אין א בלויען ספּאָרטיוון קאָסטיום מיט ברייטע ווײַסע לאַמפּאַסן און אין לײַכטע ספּאָרטיווע טאַפּקעס. דערזען פאַר זיך דעם פרעמדן אײַנוווינער פון זייער קופּע, האָבן די דרײַ מאַנצבלעך, ווי צונויפגערעדט, זיך אופגעהויבן און

אַרויס אין קאָרידאָר, פעסט צומאַכנדיק נאָך זיך די טיר. פאַר דער אַרײַנגעקומענער האָט עס געדאַרפט באַטײַטן, אַז זי האָט זיך ניט וואָס צו אײַלן, זי קאָן זיך רויִק איבערטאָן. ביז זי וועט זיי אַליין ניט עפענען די טיר און ניט פאַרבעטן אין קופּע, וועלן זיי אַהין ניט אַרײַן.

דער צוג האָט שוין באַוויזן איבערלאָזן ווײַט הינטער זיך די לעצטע מויערן פון דער גרויסער שטאָט אַף ביידע זײַטן טײַך און זיך אויסבאַהאַלטן פון דער נאָכפּאָרנדיקער זון אין שאָטן פון די אָנלויפנדיקע וועלדלעך, נאָר דאָס מיידל איז פון קופּע נאָך ניט אַרויס. די טיר איז דאָרט נאָך אַלץ געווען צוגעמאַכט.

— עפּעס צו לאַנג טוט זי זיך איבער, — האָט זיך אָנגערופן דער מער עלטערער, אַ וווּקסי־קער מאַנצבל מיט פאַרהיטע סימאָנים פון אַן אויסגעשולטן מיליטערמאַן. — זי איז, קאָנטיק, פון די פרײַלנס, וואָס פירן מיט זיך אַף קוראָרט אַ גאַנצן גאַרדעראָב און ווייסן ניט, וואָס פריִער אָנצוטאָן, אַז זיי זאָלן אויסנעמען.

— אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, זײַנען אין די קאַנטן, וווּהין עס גייט אונדזער צוג, גאָר ניטאָ קיין קוראָרטן.

דער, וואָס האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר דעם מיידל, איז געווען אַן ערעך אינעם זעלבן עלטער, וואָס דער ערשטער, אויך נאָענט שוין צו זעכציק. אָבער אין אַלעם איבעריקן האָט ער זיך פון אים אונטערשיידט. ער איז געווען קימאַט אַף אַ קאָפּ נידעריקער פון יענעם און ניט אַזוי ברייט אין די אַקסלען.

— דאָס לײַדן מיר מיט אײַך, — האָט דער עלטערער זיך ווידער אָנגערופן, — צוליב אונד־זער יונגנמאַן.

דעם יונגנמאַן, וואָס איז געשטאַנען מיט זיי אין קאָרידאָר באַם פענצטערל, באַגעגענענדיק און אַרויסבאַגלייטנדיק די אָנלויפנדיקע וועלדלעך, איז אויסגעקומען מאָדנע, וואָס גראַדע באַ דעם, וועלכער האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַרן מיידל, זײַנען די אויגן געווען פריילעכע, זיי וועלן, דאַכט זיך, באַלד צעלאַכן זיך אַף אַ קאָל, בייס באַ דעם אַנדערן זײַנען די אויגן געווען פאַר־קלערטע, אומעטיקע, ווי באַ איינעם, וואָס איז דורכויס אַרײַנגעטאָן אין זיך.

— יאָ, יאָ, יונגערמאַן, — האָט דער מאַנצבל מיט די אומעטיקע פאַרקלערטע אויגן זיך געווענדט שוין איצט צו אים, — דאָס לײַדן מיר, מײַן טײַערער, צוליב אײַך. זי האָט דערזען אַ יונגן באָכער, וויל זי אים געפעלן. זי קאָן זיך אַזוי איבערטאָן נאָך אַ פאָר שאָ. אָט וועט איר זען. פרויען בלײַבן פרויען. אוי, דאַרף מען זיך פאַר זיי היטן!

— איר זײַנט, זע איך, שטאַרק אופגעבראַכט אַף זיי. דאָס נעמט זיך באַ אײַך, דוכט מיר, דערפון, וואָס איר קענט זיי שלעכט. זיי זײַנען גאָרניט אַזוי געפערלעך, ווי איר קלערט. ווי האַלט איר, יונגערמאַן?

דער יונגערמאַן האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט באַנעמען, צי ווענדן זיך צו אים די דאָזיקע צוויי באַיאָרטע לײַט, וואָס יעדער פון זיי פאַסט אים פאַר אַ טאַטן, אין אַ שפּאַס, צי ערנסט, האָט ער זיי אויך געענטפערט האַלב ערנסט, האַלב אין שפּאַס:

— אויב דאָס מיידל וויל שוין יאָ עמעצן פון אונדז געפעלן, איז פריִער פון אַלעמען וויל זי געפעלן אײַך, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דעם עלטערן, — איר זײַנט דאָך צווישן אונדז פאָרט דער איינציקער, וואָס איז ניט קיין באַווײַבטער, אָדער וואָס באַהאַלט אויס, אַז ער איז אַ באַווײַבטער. — דער יונגערמאַן האָט דערבײַ ווי אומגערן דורכגעפירט מיט דער רעכטער האַנט איבער דעם קוטשעראַווון קאָפּ האָר, מע זאָל דערזען באַ אים דאָס גאָלדענע פינגערל און אופהערן קוקן אַף אים ווי אַף אַ באָכערל.

— איר האָט שוין באַוויזן באַמערקן, אַז איך טראָג ניט קיין פינגערל? — אַפילע דער גאָלעכטער, מיט וועלכן דער וווּקסיקער מאַנצבל האָט זיך אָפּגערופן, איז געווען פון אַן אויס־געשולטן מיליטערמאַן: אַ הילכיקער און אַן אָפּגעהאַקטער. — איך געהער אָבער, יונגערמאַן, צו אַ דאָר, וואָס איז ניט געוווינט טראָגן גאָלדענע פינגערלעך, און אויב איר ווילט וויסן, זיך פּאָשעט געשעמט אָנטאָן אַ פינגערל אַף דער האַנט. באַ אײַך, זע איך, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם עטוואָס ייִנגערן פון זיך, — איז עס שוין אַדורך און איר שטייט שוין מער ניט אָפּ פונעם יונגן דאָר. און באַ מיר ציט זיך עס נאָך ביז איצט, כאָטש איך האָב אַ פינ־גערל. דאָס ווײַב האָט מיר עס אַנומלטן געקויפט. נאָר סײַווי טראָג איך עס ניט. הארגעט מיך, קאָן איך עס ניט אָנטאָן. אַ ווײַב בלײַבט אַ ווײַב. איך האָב איר איינמאָל נאָכגעגעבן און עס אָנגעטאָן, האָב איך דעם גאַנצן טאָג געהאַלטן די רעכטע האַנט אין דער קעשענע. הערט, פון ווען אָן ווי מיר שטייען דאָ מיט אײַך און האָבן זיך נאָך אַלץ ניט באַקאַנט. דערלויבט זיך פאָרשטעלן. סאַרין, געננאַדי לאַזאַרעוויטש.

— אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש סטרעלצאָוו.

— און מיך קאָנט איר רופן פּאָשעט וויטיע.

די רעדאַקציע און די רעדקאָלעגיע פֿון „סאַוועטיש היימלאַנד" באַגריסן הארציק דעם שרײַבער שמואל גאָרדאָן מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג און ווינטשן אים געזונט, אריכאַס־יאָמים און נײַע שעפֿערישע דערפֿאָלגן.

— אָט גראָדע פֿון דעם, מיט וואָס ס'איז געווען אָנגעשטעקט אונדזער דאָר, רופֿן אײַנער דעם צווייטן מיט די ייִנגלשע נעמען וויטקא, סאַשקא, פעטקא, בײַס מע איז שוין געווען ווײַט ניט קיין ייִנגעלעך, האָב איך זיך פֿון לאַנג שוין אָפּגעוווינט.— און שיר ניט מיליטעריש שטרענג: — דערלויבט פֿונדעסטוועגן וויסן אײַער פֿולן נאָמען און פֿאָטער־נאָמען.

— וויקטאָר וואַסיליעוויטש נעטשאַיעוו.

— איצט איז בלויז געבליבן זיך דערוויסן, ווי אַזוי רופֿט מען דעם פֿערטן אײַנוווינער פֿון אונדזער קופּע, און דאָס, וויקטאָר וואַסיליעוויטש, ווי איר פֿאַרשטייט, טרויען מיר שוין אָן אײַך. עפּשער האָט איר כּיישעק גיין עס אויסקלאָרן, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש? איז ביטע, איך דערווידער ניט. אָבער אונדזער יונגערמאַן, זע איך, וועט דערווידערן. איאָ, וויקטאָר וואַסיליעוויטש?

ווי סטרעלצאָוו האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן סאַרינען, דאָך האָט ער געמוזט זיך סאָפּקאָל־סאָף אונטערגעבן:

— עס הייבט טאָקע אָן ווערן מאָדנע. ס'קאָן דאָך ניט זײַן, זי זאָל זיך אַזוי לאַנג איבער־טאָן.

ווענלדיק פֿאַרט אויסהיטן דאָס מיידל פֿון סאַרינס כּשאַד, וואָס ער האָט געוואָרפֿן אַף איר, און מיטן דאַזיקן כּשאַד געוואָלט, זעט אויס, אָנשטעקן אויך אים און וויקטאָרן, האָט סטרעל־צאָוו זיך אָנגערופֿן צום יונגנמאַן:

— זײַט אַזויפֿיל גוט און קלאַפּט פֿונדעסטוועגן אָן. סע טרעפֿט צומאָל, אַז עס פֿאַרהאַקט זיך אַזוי דער שלאָס, אַז מע קאָן ניט עפֿענען די טיר. מיט מיר האָט עס שוין ניט איין מאָל געטראָפֿן.

— און מיט מיר אויך,— וויקטאָר האָט עס אַרויסגעבראַכט, ווי ער זאָל זיך דאַרפֿן פֿאַרענטפֿערן פֿאַר זיך אַליין, פֿאַרוואָס ער איז געגנויט באַאומרויִקן דאָס מיידל. ער, אַלנפֿאַלס, האָט ניט געהערט, אַז זי זאָל זיך געווען פֿון אײַנווייניק פֿאַרשליסן.

די טיר פֿון קופּע איז ווירקלעך געווען ניט פֿאַרשלאָסן, און די פֿראַגע, צי קאָן מען אַרײַן, האָט וויקטאָר פֿאַרגעבן, ווען ער איז שוין געווען אין קופּע.

דאָס מיידל האָט ער געטראָפֿן זיצן אַ פֿאַרטראַכטע באַם פֿענצטערל. דער טשעמאָדאַן איז געשטאַנען באַ אירע פֿיס, ווי באַ אַ פּאַסאַזשיר, וואָס דאַרף אַרויסשטײַגן אַף דער נאָענטסטער סטאַנציע.

דערווײַל האָבן די צוויי באַיאָרטע מאַנצבלען, וועלכע זײַנען נאָך אַלץ געשטאַנען אין קאָרידאָר באַם פֿענצטערל און נאָכגעפֿאָלגט נאָך די אָנלויפֿנדיקע און אָפּלויפֿנדיקע טעלעגראַ־פֿישע סטויפּן, נאָך די מיטשווימענדיקע פֿעלדער, פֿאַרפֿירט אַ רייד וועגן דעם, אַז סע וואָלט ביכלאַל געווען אַ געדאַנק, מע זאָל אָפּשאַפֿן אין די צוגן די געמישטע קופּע. פּונקט ווי עס זײַנען ניטאָ אין די האָטעלן קיין געמיינזאַמע צימערן פֿאַר פֿרויען און מענער, אַזוי דאַרפֿן אויך ניט זײַן אין די וואַגאָנען קיין געמיינזאַמע קופּע.

— ווען מען קאָן אײַנפאַלן ארײַנזעצן אין א צימער פון א האָטעל א פרעמדן מאַנצבל צו א פרעמדער פרוי? און א קופע איז דען ניט דאָס זעלבע, וואָס א צימער אין א האָטעל?

— אויב איר ווילט וויסן, איז עס צומאָל נאָך עפשער מער. אין א קופע איז מען דאָך א קײַלעכיקן מעסלעס צוזאַמען, און פאָרן קומט אָפט אויס עטוואָס לענגער פון א מעסלעס. וויפל מאָל וועט אונדז נאָך אויסקומען, אנדריי סטעפּאַנאָוויטש, שטיין מיט אײַך אזוי־אָ אין קאָרי־דאָר און וואַרטן, ביז זי וועט אונדז דערלויבן ארײַנגיין? דאָס וועט זי זיך אויסטאָן, דאָס וועט זי זיך אָנטאָן, דאָס איבערטאָן.

— דאָס זעלבע דערוואַרט דאָך אָבער אויך איר.

— צוגעגלײַכט. וויפל געדויערט בא א מאַנצבל זיך אָנטאָן? א מינוט, ניט מער. זײַט רויק, אונדזער וויקטאָרן וועט ניט אויסקומען שטיין אין קאָרידאָר הינטער דער טיר און וואַרטן. פאַר אים, מעגט איר זײַן זיכער, וועט זי זיך ניט שעמען. זי שעמט זיך שוין איצט ניט פאַר אים.

— פונוואַנען נעמט איר עס? — אנדריי סטעפּאַנאָוויטש סטרעלצאָוו האָט ניט געלאָזט זיך פאַרפירן פון סארינס כשאַד, וואָס ער האָט געוואָרפן אָפן מיידל, און זיך אלץ נאָך אײַנ־געשטעלט פאַר איר.

— פונוואַנען? און אליין פאַרשטייט איר ניט? וויפל איז שוין ווי דער באָכער איז דאָרט? ווען מיר זאָלן מיט אײַך מעגן ארײַן, וואָלט דער כעוורעמאַן אונדז ניט ארײַנגערופן?

— דאָס וואַרט איר, אז ער זאָל אײַך קומען רופן? און אליין קאָנט איר ניט ארײַנגיין? — סטרעלצאָוו, פונקט ווי דער באָכער פריִער, האָט אויך ניט געקאָנט קלאָר זיך פאַנאַנדערקלײַבן, ווען רעדט סארין ערנסט און ווען שפּאַסט ער. האָט ער אים אויך געענטפערט, ווי סע האָט אים געהאַט געענטפערט פריִער דער באָכער האַלב ערנסט און האַלב אין שפּאַס. — נאָר ווי־באַלד אײַך שטערט אזוי, וואָס צו אונדז אין נעסט איז פאַרפלויגן א „זי" און ניט קיין „ער", איז האָב איך פאַר אײַך אַן אייצע. לאָמיר זיך דורכגיין איבערן וואַגאָן. עפשער וועט זיך אָפּזוכן א קופע מיט דרײַ פרויען און איין מאַנצבל. מירן דעמלט אריבערנעמען דעם מאַנצבל צו זיך און דאָס מיידל אריבערפירן אהין.

— און אויב דער מאַנצבל האָט אַן אָרט אויף דער אונטערשטער פאָלקע און וועט ניט וועלן זיך בײַטן מיטן מיידל? איר אָרט איז דאָך אויף דער אייבערשטער פאָלקע.

— וועל איך אים אָפּטרעטן מײַן אָרט. בא מיר איז דאָך אויך אויף דער אונטערשטער פאָלקע.

— איך סאָפּעק אָבער, צי אונדזער וויקטאָר וועט זיך וועלן מיט איר צעשיידן, איר זעט דאָך, אז זי לאָזט אים ניט אָפּ פון זיך.

דורכגיין זיך איבערן וואַגאָן, עפשער וועלן זיי אָפּזוכן א קופע, אין וועלכן עס פאָרן דרײַ פרויען און איין מאַנצבל, איז זיי ניט אויסגעקומען. זיי האָבן ניט באַוויזן אָפּטרעטן פון פענצטערל, ווי ס'האָט זיך געעפנט די טיר פון זייער קופע און וויקטאָר האָט א ווונק געטאָן, אז זיי זאָלן צוואַרטן, ניט ארײַנגיין נאָך אהין. ער האָט זיי אָפּגערופן ביידן אָן א זײַט און שטיל, ווי פאַרטרויענדיק דעם גרעסטן סאָד, געזאָגט:

— זי איז א סטודענטקע.

— נו, איז וואָס? — האָבן ביידע, סארין און סטרעלצאָוו, אין איין קאָל געפרעגט.

— ניין, ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגן, — וויקטאָר האָט זיך אומגעקוקט צו דער פאַרמאַכטער טיר פון זייער קופע און נאָך שטילער, הייזעריקלעך אפילע, ארויסגעבראַכט: — איך האָב זי געטראָפן זיצן א פאַרוויינטע. וויפל כ'בין צו איר ניט צוגעשטאַנען, זי זאָל מיר זאָגן, וואָס האָט פאַסירט, איז איינמאָל ניין. זיצט און וויינט. ענדלעך האָט זיך בא איר ארויס־געכאַפּט, אז שוין דעם אנדערן טאָג, ווי זי האָט גאָרניט געגעסן. זי איז געווען אין א סטו־דענטישער בריגאַדע אויף א בויונג ערגעץ אין קאַזאַכסטאַן. דאָס פאָרט זי איצט פון דאָרט אויף קאַניקולן צוגאַסט אהיים צו דער מוטער. זי האָט זיך דאָ באַדאַרפט איבערזעצן אויף אַן אנ־דער צוג. איר איז אויסגעקומען וואַרטן אויף אים א גאַנצע נאַכט. זיצנדיק אָפּן וואָקזאַל, איז זי אנשלאָפן געוואָרן. ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי די פרוי, מיט וועלכער זי האָט זיך באַקאַנט, שוין לעבן זיך ניט געטראָפן. צוזאַמען מיט דער אומבאַקאַנטער איז פאַרשוווּנדן אויך דעם מיידלס רידיקיול, אין וועלכן זי האָט געהאַלטן דעם אײַזנבאַן־בילעט, דאָס געלט און אלע אירע דאָקומענטן. פאַרהיט האָט זיך בלויז דער טשעמאָדאַן. זי האָט אים געהאַלטן אינעם אויטאָמאַטישן באַגאַזש־קאַמער און צום גליק פאַרגעדענקט די פיר ציפער...

— איך שטויס מיך שוין אָן, — האָט זיך אָנגערופן סארין, — נו, דערציילט ווײַטער. ס'איז מיר פּאַשעט טשיקאַווע הערן, וואָס האָט דאָרט אײַער סטודענטקע נאָך צוגעטראַכט.

— מיר דוכט זיך, גענאַדי לאַזאַרעוויטש, אַז איר זײַנט פֿון די מענטשן, וואָס זיך אַליין גלייבן זיי אויך ניט. וואָס פֿאַר אַ גרונט האָט איר ניט גלייבן דעם מיידל?

— איך וועל אײַך דערנאָך אַף דעם ענטפֿערן, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש, דערנאָך. פּרוּװ לאָמיר אויסהערן, וואָס האָט דאָס מיידל נאָך דערציילט וועגן זיך אונדזער וויקטאָרן.

— איר זײַנט ווירקלעך אַ מאָדנער מענטש. איידער איר הערט נאָך אויס, מאַכט איר שוין אויספֿירן. — וויקטאָר האָט מיטן בליק זײַנעם, וואָס ער האָט געוואָרפֿן אַף סאַרינען, ניט אויסבאַהאַלטן, אַז ער האָט ניט קיין איבעריקן כּיישעק פֿאָרן מיט אים צוזאַמען אין איין קו־פּע. — ווי זאָל איך איר ניט גלייבן, אויב זי האָט מיר באַוויזן אַ פּאַפּירל פֿון דער מיליציע, ווו ס'איז שוואַרץ אַף ווײַס אָנגעשריבן, אַז מע האָט זי באַגאַנוועט.

— די מיליציע האָט איר ניט געקאָנט אַרויסגעבן אַזאַ פּאַפּירל.

די זיכערקײַט, מיט וועלכער סאַרין האָט עס געזאָגט, האָט אַרויסגעבראַכט פֿון געדולד אויך דעם געלאַסענעם סטרעלצאָוון:

— פֿאַרוואָס?

דערפֿון, ווי סטרעלצאָוו האָט עס אים געפֿרעגט, איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן, אַז ער איז אינגאַנצן אַף וויקטאָרס זײַט, אַז אויך בײַ אים רופֿט ניט אַרויס די געשיכטע, וואָס דאָס מיידל האָט דערציילט, דעם מינדסטן כּשד.

— די מיליציע קאָן ניט אַרויסגעבן קיין דאָקומענט אַפֿן סמאַך פֿון דעם, וואָס יענער דערציילט וועגן זיך. די מיליציע, ווי איך פֿאַרשטיי, האָט איר פּאַשעט געגעבן אַ פּאַפּירל, אַז ס'איז געקומען אַזאַ און אַזאַ און געמאָלדן, אַז מע האָט זי באַגאַנוועט.

— זאָל זײַן, ווי איר זאָגט, אַז ס'איז ניט קיין דאָקומענט, — האָט וויקטאָר נאָכגעגעבן סאַרינען, — אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז איך דאַרף איר ניט גלייבן. אָט האָט אַפֿן וואָקזאַל זיך דאָך געפֿונען אַ מענטש, וואָס האָט איר געגלייבט, אַז זי וועט אים אומקערן דאָס געלט און ער האָט איר געקויפֿט אַ בילעט, אָבער ניט אַהיים, צו דער מוטער. אַהינצו האָט אים אויס־געפֿעלט געלט, נאָר צו דער מומען אירער. אַהין קאָסט אַ בילעט אַ סאַך ביליקער. מיט אונד־זער צוג וועט זי אַהין ניט דערפֿאָרן. זי וועט נאָך דאַרפֿן זיך איבערזעצן אין אַן אַנדער צוג, און איר קאָן אויסקומען וואַרטן אַף אים ווער ווייסט וויפֿל. און פֿאָרן פֿאָרט זי אָן אַ גראָשן געלט. זי וואָלט געגעבן אַ טעלעגראַם אַהיים, מע זאָל איר אַרויסשיקן אַף הויצאָעס, וועט איר אָבער די פּאָסט אָן אַ דאָקומענט דאָס געלט ניט אויסצאָלן.

— איר האָט איר כאָטש געגעבן וואָס איבערצוכאַפּן? — האָט געפֿרעגט סטרעלצאָוו.

— און ווי קלערט איר? — וויקטאָר האָט זיך ווידער אומגעקוקט צו דער פֿאַרמאַכטער טיר פֿון זייער קופּע. — איך מיין, אַז מע דאַרף צונויפֿקלײַבן פֿאַר איר עטלעכע רובל. זי האָט דאָך נאָך צו פֿאָרן און פֿאָרן. אַ ראַכמאָנעס אַף איר.

סטרעלצאָוו האָט אַרויסגענומען אַ דרײַערל און דערלאַנגט וויקטאָרן.

— און מיט וויפֿל באַשטײַערט איר מיך? — האָט, אַרויסנעמענדיק דאָס טײַסטערל פֿון דער הינטערשטער הויזן־קעשענע, געפֿרעגט סאַרין.

— וויבאַלד איר גלייבט ניט...

— יאָ, איך גלייב ניט אין דער גאַנצער שפּיל. כ'בין שוין איינמאָל אַרײַנגעפֿאַלן אין אַן ענלעכער געשיכטע. אָבער כ'וויל ניט זײַן קיין אויסנאַם, איר זאָלט מיך דערנאָך באַריידן. איז וויפֿל פֿונדעסטוועגן קומט אַרויס פֿון מיר?

— איך קאָן אײַך בלויז זאָגן, גענאַדי לאַזאַרעוויטש, אַז ווען איך זאָל ניט זײַן אַזוי גע־ענגט אין געלט, ווי יעדער קאָמאַנדירטער, וואָס קערט זיך אום אַהיים, וואָלט איך זיך צו קיינעם ניט געווענדט, כ'וואָלט אַליין אויסגעלייגט, וויפֿל דאַרט וואָלט אויסגעמאַכט, אַז זי זאָל קאָנען דערפֿאָרן צו איר מומען און ניט דאַרפֿן פֿאַסטן דעם גאַנצן וועג. אַנדריי סטעפּאַ־נאָוויטש, גיין אַליין צונויפֿקלײַבן געלט איז מיר עפּעס ניט באַקוועם. עמעצער קאָן נאָך אַ קלער טאָן, כ'ווייס דאָרטן וואָס... לאָמיר זיך דורכגיין צוזאַמען איבער אַ דרײַ־פֿיר קופּע. וויפֿל מירן צונויפֿקלײַבן וועלן מיר צונויפֿקלײַבן. קיינער קלער איך, וועט זיך ניט אָפּזאָגן קומען צוהילף. מיט יעדן איינעם פֿון אונדז קאָן זיך דאָך פּאַסירן אַזעלכס. און אײַך, גענאַדי לאַזאַרעוויטש, וועלן מיר בעטן, אַז איר זאָלט איר איבערגעבן דאָס צונויפֿגעזאַמלטע געלט. גיי, און אויב אײַך וועט זיך אויסווײַזן, אַז זי האָט דאָס אַלץ אויסגעטראַכט, איז דעמלט...

— איך בין ניט קיין אויספֿאָרשער, טײַערער וויקטאָר וואַסיליעוויטש, און האָב ביכלאַל ניט דעם מינדסטן כּיישעק זיך דערמיט פֿאַרנעמען. זאָגט איר, אַז צו דער נאַכט וועט זי אונדז פֿאַרלאָזן? איז פֿאַרשפּאָרן מיר מיט אײַך, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש, אויב אַזוי, אַרומגיין איבער די קופּע און אויסזוכן דאָרט עמעצן, וואָס זאָל זיך וועלן בײַטן מיט איר מיט די ערטער.

— איר האָט מוירע, אַז זי קאָן אונדז באַנאַכט...

— גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט געהאַט אין זינען גאָר עפּעס אַנדערס, אומזיסט זײַנט איר אויף אים אַנגעפאַלן, וויקטאָר.

נאָר גענאַדי סאַרין, ווי ער זאָל וועלן אופשטעלן קעגן זיך אויך דעם געלאַסענעם און באַדאַכטן סטרעלצאָוון, וואָס האָט זיך אַנגענומען פאַר אים, האָט ניט געפרוווט זיך פאַרענט־פערן. פאַרקערט, ס'האָט געקאָנט הייסן: וויקטאָר האָט ניט געהאַט קיין טאָעס, אַז אויך דאָס, אין וואָס וויקטאָר איז אים כּוישעד, האָט ער געהאַט אין זינען.

— איך קלײַב זיך פון אײַך ניט אויסבאַהאַלטן, אַז מיט אַ מענטשן, צו וועמען איך האָב ניט איבעריקס קיין צוטרוי, איז מיר שווער זיך צו געפינען אונטער איין דאַך. — אומגעריכט פאַר סטרעלצאָוון און נאָך מער אומגעריכט פאַר וויקטאָרן האָט ער מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן: — ניין, מײַנע טײַערע, אַזוי טויג ניט. עס זעט אויס ווי אַ נעדאָווע. און דאָס דערנידעריקט אַ מענטשן. זי וועט זיך דערפון פילן געפאַלן אין אונדזער געגנוואַרט. מאַכט אַזוי, — האָט ער זיך געווענדט צו וויקטאָרן, — אַז דאָס געלט איז אײַערס, אַז איר האָט עס איר געגעבן, און אַז אויסער אײַך, ווייסט מער קיינער ניט דערפון. מיר מיט אַנדריי סטעפּאַנאָוויטשן וועלן דאָ צוווארטן, ניט אַרײַנגיין אין קופּע, ביז איר וועט אונדז ניט געבן קיין צייכן, אַז מע קאָן אַרײַן. יאָ, זאָגט איר, זי זאָל אונדז ניט באַגעגענען מיט קיין פּאַרווײַנטע אויגן. כ'קאָן ניט צו־זען, ווען עס ווײַנט אַ פרוי, זאָל זײַן אַפילע מיט פאַלשע טרערן. אָ, די קאָנדוקטאָרשע טראָגט שוין פאַנאַנדער טיי. אײַלט זיך צו, מײַנע ליבע אינקאַסירער.

דאָס געלט, וואָס סטרעלצאָוו מיט נעטשאַיעוון האָבן צונויפגעקליבן פאַרן מיידל, דורכ־גייענדיק זיך איבער די דרײַ שכיינעסדיקע קופּע, האָט איר איבערגעגעבן וויקטאָר. דאָס מיידל האָט אים צוגעזאָגט, אַז ווי נאָר זי וועט קומען צו פאָרן, אַזוי שיקט זי אים גלײַך אַרויס דעם כויוו. ער האָט איר געמוזט געבן זײַן אַדרעס. אָן דעם האָט זי זיך אָפּגעזאָגט נעמען בײַ אים דאָס געלט.

אין דער לעצטער מינוט, ווען וויקטאָר האָט שפּעט אין אָוונט זי אַרויסבאַגלייט פון וואָ־גאָן, האָט ער איר אַנטפּלעקט, אַז דאָס געלט איז ניט בלויז זײַנס און דעריבער דאַרף זי עס אים ניט אָפּשיקן. זאָל זי עס אָפּגעבן דעם, וואָס וועט זיך דערין נייטיקן. „מיר לעבן נאָך דער־ווײַל ניט באַם קאָמוניזם, — האָט ער איר געזאָגט, — און אַזעלכע געשיכטעס, ווי די, וואָס איז זיך מיט אײַך פאָרלאָפן, באַגעגענען זיך נאָך, צום באַדויערן, אין אונדזער לעבן".

אויסגעהערט עס, האָט דאָס מיידל גענומען פונעם צונויפגעקליבענעם געלט בלויז אַ דרײַערל, מיטן באַדינג, אַז זי וועט עס אים אָפּשיקן, און וויקטאָרן איז אויסגעקומען אומקערן דאָס געלט צוריק די, בא וועמען ער האָט גענומען.

— נו? — האָט סטרעלצאָוו געפרעגט סאַרינען, צוקוקנדיק זיך, ווי יענער לייגט אַרײַן דאָס אומגעקערטע געלט צו זיך אין בײַטעלע.

— מענטש וואָס איר זײַט! איר האָט ניט געזען, אַז זי האָט אויסגערעכנט גאָר אויף עפּעס אַנדערש?

— אשטייגער? — איז סטרעלצאָוו געוואָרן נײַגעריק הערן.

— נעמען אין געפאַנגענשאַפט אונדזער יונגנמאַן, אָט אויף וואָס זי האָט אויסגערעכנט. און מיט וואָס קאָן מען נעמען אַ באָכער אין געפאַנגענשאַפט, אויב ניט מיט אויסגעטראַכטע גע־שיכטעס און טרערן. אַזעלכע פרויען זײַנען מיר באַקאַנט. וויקטאָר, גיט דאָרט, זײַט מויכל, אַ קוק אין דער רעשימע אויף דער וואַנט, ווען האָבן מיר אַ רעכטע סטאַנציע. בא מיר זײַנען אויסגעגאַנגען די סיגאַרעטן, און אײַנעם רעסטאָראַן פון צוג זײַנען דאָ נאָר פּאַפּיראָסן.

נאָך דער גרויסער קנופּ־סטאַנציע, אויף וועלכער סאַרין האָט געקויפט אײַנעם בופעט פונעם טומלדיקן וואָקזאַל סיגאַרעטן, האָט דער צוג איבערגעלאָזט הינטער זיך נאָך עטלעכע גרויסע סטאַנציעס. ס'איז פון לאַנג צוגעפאַלן די נאַכט. בא די ביז האַלב פאַרהאַנגענע פענצטערלעך אין קאָרידאָר האָט מען פון אַ צײַט שוין קיינעם ניט געזען שטיין. בלויז די דרײַ פּאַסאַזשירן פון דער פאָרלעצטער קופּע האָבן זיך נאָך ניט געלייגט שלאָפן. די געשיכטע מיטן מיידל, וואָס איז צו דער נאַכט אַרויסגעשטיגן אויף אײנער פון די פאַרשווונדענע סטאַנציעס, האָט בא יעטווידן פון זיי איבערגעלאָזט אַ מאָדנעם געפיל.

— וועמען זוכט איר עס דאָרטן אַרום? — האָט זיך אַנגערופן סטרעלצאָוו צו דעם אַנט־קעגנזיצנדיקן סאַרינען, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אין פענצטערל, דעם קאָפּ אַרונטערגערוקט אונטערן פאַרהויבענעם פאָרהענגל.

— האַ? — גענאַדי האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס פאָרהענגל, נאָר פונעם פענצטערל זיך ניט אָפּגערוקט. — עפּעס ווילט זיך מיר הײַנט גאָר אײַנגאַנצן ניט שלאָפן. אויסער דעם זשורנאַל מיט די אַנגעפּיקעוועטע טאַבליצעס און סכעמעס האָט איר מער גאָרניט פאַרכאַפּט פון דער

היים אף צום לייענען? אָבער נאָר ניט קיין דעטעקטיוו, און אויך ניט וועגן דער מילכּאָמע. מיר איז עס שוין דערעסן.

סטרעלצאָוו האָט אים פאַרכידעשט אָנגעקוקט, ווי ער זאָל נעמען סאָפעקן, צי אָט דער מיליטערישער אויסגעשולטער מענטש איז געווען אויפן פראָנט.

— איך קאָן אײַך פאָרלייגן צום לייענען א פריילעכע מײַסע, א הומאָריסטיש ביכל. ס׳ליגט בא מיר אויבנוף אין טשעמאָדאַן.

— וואַרט צו, וויקטאָר, — האָט סטרעלצאָוו אָפּגעשטעלט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן ארופשפרינגען אף דער אייבערשטער פּאָלקע. — גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט געזאָגט, אַז מיט אים איז זיך פאַרלאָפן אַן ענלעכע געשיכטע. איז עפשער וועט איר זי אונדז דערציילן?

— דערציילט זי אונדז, גענאַדי לאַזאַרעוויטש, דערציילט. — און וויקטאָר נעטשאַיעוו, וואָס האָט זיך שוין געהאַט געקליבן מאַכן נאַכט, האָט זיך צוגעזעצט צו סטרעלצאָוון אַפן גלעלעגער און זיך צוגעגרייט הערן.

סאַרין האָט געקוקט אף זיי מיט עטוואָס פאַרזשמורעטע אויגן, ווי ער זאָל זיך דארפן דערמאָנען, וואָס פאַר אַן ענלעכע געשיכטע האָט ער זיי צו דערציילן און וויל דערבײַ אויסקלאָרן פאַר זיך, אין וואָס באַשטייט די ענלעכקײַט צווישן דעם, וואָס זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם בלאָנדן מיידל, און דער געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט אים, ווען ער איז געווען אין איינע יאָרן מיט וויקטאָרן, קאָן זײַן אפילע נאָך ייִנגער.

נאָר אומדערוואַרט האָט זיך געעפנט די טיר און אין קופּע איז אַרײַנגעקומען א נײַער פּאַסאַזשיר — א מיטלוווּקסיקער מאַנצבל מיט א גרויסן, ווי א טשעמאָדאַן, פּאָרטפעל אין דער האַנט און פאַרנומען דאָס אָרט פונעם מיידל. דער אַרײַנגעקומענער האָט פון דער ערשטער מינוט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון א מענטשן, וואָס איז אָפּט אונטערוועגנס און בייטיקט זיך ניט, מע זאָל אים אָנווײַזן, ווו אײַן און ווו אויס. ער טרעפט אליין, ווו־הין מע דאַרף, קאָטש דער אויפן, וו׳אַזוי צו קריגן א בילעט בא דער קאַסירשע, ווען אַנדערע ענטפערט זי, אַז אין צוג זײַנען ניטאָ קיין פרײַע ערטער, און זיך באַשטאָטן מיט אַן אָרט אין א האָטעל בעשאַס אַנדערע, פונקט אַזעלכע קאָמאַנדירטע, ווי ער, האָבן ניט ווו דעם קאָפּ צושפאַרן, איז אים ביז גאָר דערווידער. ער פאַרמאַכט אָבער אף דעם די אויגן. וואָס זאָל ער אַנדערש טאָן, אויב מע נויט אים דערצו. די ארבעט נויט אים דערצו, און קיין צײַט זיך איבעריקס פאַרטראַכטן דערוף האָט ער אויך ניט. דאָס געפינען זיך אָפּט אונטערוועגנס האָט אים אויסגעלערנט זיך גיך צונויפגיין מיט מענטשן. געטראָפן אין קופּע די דרײַ מאַנצבלען, האָט דער אַרײַנגעקומענער ניט געוואַרט, מע זאָל אים נעמען אויספרעגן, ווער ער איז און וואָס ער איז, נאָר אליין זיך פאָרגעשטעלט, אָנגעבנדיק אויך דעם פאַמיליע־נאָמען, ווי עס זײַנען געווינט זיך פאָרשטעלן קאָמאַנדירטע, וואָס האָבן אָפט צו טאָן מיט פאַרפילן אנקעטעס אין די האָטעלן און באַקומען דורכלאָז־שײַנען אף די זאַוואָדן.

— אָזאר באַריסאָוויטש עלקין. קיין פרויען, דאַנקען גאָט, זע איך דאָ ניט, איז קאָן איך הייסט עס, זיך פילן ווי אין דער היים. וווּנדערבאר.

א וואַרף געטאָן דעם פּאָרטפעל צו זיך אַפן געלעגער, האָט אויזער עלקין זיך אויסגעטאָן ביזן העמד און אַן א לייטערל, לײַכט און פלינק, ניט לויטן עלטער נאָך, זיך ארופגעכאַפּט אַף דער אייבערשטער פּאָלקע, אונטער וועלכער ס׳איז געווען סטרעלצאָווס פּלאַץ.

— ס׳ערשטע מאָל אין לעבן מאַכט זיך מיר אַזא קאָמאַנדירונג. קיין פרײַע מינוט ניט געהאַט. כ׳ווייס ניט, צי בין איך געשלאָפן צוויי־דרײַ שאָ אין מעסלעס. — ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן פון דער פּאָלקע. — איר וועט ניט דערווידערן, אויב איך וועל אויסשליסן די אייבערשטע שײַן? דער טיש־לאָמפּ שטערט מיר ניט. איך קאָן ניט פאַרטראָגן, ווען די שײַן קריכט מיר אין די אויגן. איך קריג זיך איבער דעם שטענדיק מיטן ווײַב. ווי מיד איך זאָל ניט זײַן, קאָן איך ניט אײַנשלאָפן, ווען ס׳ברענט די שײַן, און דאָס ווײַב האָט זיך געמאַכט א מאָדע לייענען ביז איינס־צוויי באַנאַכט, אַנדערש קאָן זי ניט אנשלאָפן ווערן. ריידן אָבער קאָנט איר וויפל איר ווילט; מע זאָל אפילע שיסן פון האַרמאַטן, וועל איך אויך ניט דערהערן. דאָס האָט מיך צוגעוווינט דער פראָנט. א גוטע נאַכט.

אין א קורצער ווײַלע ארום אין דער נײַער פּאַסאַזשיר אף דער אייבערשטער פּאָלקע שוין געשלאָפן.

2

— כ׳קלער, אַז אונדז איז שוין אויך צייַט מאַכן נאַכט, — האָט זיך אָנגערופן סאַרין, — מיר ׳האָבן נאָך מיט אייַך צו פֿאָרן ניט איין מעסלעס. איז וועלן מיר עס אָפּלייגן אױף אַן אַנדערס מאָל. פֿאַר איינע צוויי מינוט דערציילט זיך ניט אַזאַ געשיכטע.

— נו, איז וואָס? מיר דאַרפֿן דאָך ניט אופשטיין מאָרגן פֿרי צו דער אַרבעט. מירן באַווייַזן זיך אויסשלאָפֿן. ווי זאָגט איר, וויקטאָר?

— מיך איז אַוואַדע ניטאָ וואָס צו פֿרעגן. ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר אָפּשטימען. ווער איז דערפֿאַר, אַז מע זאָל ניט אָפּלייגן אױף אַן אַנדערס מאָל, נאָר אויסהערן די געשיכטע איצט, בעט איך אופהייבן די האַנט. די מערהייַט, געגנאַדי לאַזאַרעוויטש, ווי איר זעט, איז דערפֿאַר, אַז איר זאָלט זי אונדז איצטער דערציילן.

— וויבאַלד איר זאָגט, אַז די מערהייַט, — האָט סאַרין צעפּירט די הענט, — איז דאָך ניט שייַעך, כאָטש ניט שטענדיק איז די מאַכט באַ דער מערהייַט. — ער האָט זיך אָפּגערוקט פֿון פֿענצטערל, אַראָפּגעלאָזט נידעריקער דעם געלבלעכן אַבאַזשור אויפֿן טישל־לאָמפּ, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין עם ווענטל, אויסגעוואַרט אַ ווייַלע, ווי ער זאָל נאָך אַלץ ניט קאָנען באַשטימען באַ זיך, וואָס צו דערציילן און וואָס פֿאַרשווייַגן, אויסבאַהאַלטן פֿון די דאָזיקע צוויי מיטפֿאָרער זייַנע, וועלכע קוקן אױף אים מיט אומגעדולד, ווי קינדער, ווען מע דערציילט זיי אַ מייַסעלע, און ניט איבעריק גערן אָנגעהויבן:

— געווען איז עס אינעם ערשטן יאָר פֿון דער מילכאָמע, טיף אין ווינטער. באַרעכנט אַליין, וויפֿל יאָר איז שוין פֿון דעמלט דורך. איר, אַלנפֿאַלס, זייַנט נאָך דעמלט זיכער ניט געווען אױף דער וועלט.

נעטשאיעוו, צו וועמען סאַרין האָט זיך געווענדט, האָט אַ קוק געטאָן אױף אים, גלייַך ער וואָלט צום ערשטן מאָל אין לעבן געהאַט דערהערט, אַז ס׳איז געווען אַ צייַט, ווען ער, וויקטאָר, איז נאָך ניט געווען אױף דער וועלט און ער קאָן עס בעשום־אויפֿן ניט באַגרייַפֿן, כאָטש מיטן פֿאַרשטאַנד באַנעמט ער, אַז ער האָט נאָך ניט געקאָנט דעמלט זייַן, אויב פֿון יענער צייַט איז שוין דורך איבער דרייַסיק יאָר און אים גייט ערשט דאָס פֿינף־און־צוואַנציקסטע, האָט ער פֿון אָנפֿאַנג זיך באַציוגן צו דעם, וואָס עס האָט דערציילט סאַרין וועגן יענער צייַט, פּונקט אַזוי, ווי סאַרין וואָלט זיך, מיסטאָמע, באַציוגן צו דעם, וואָס עס וואָלט אים דערציילט אַ מענטש, וועלכער איז בייַגעווען באַם אופשטאַנד פֿון די דעקאַבריסטן אױפֿן סענאַט־פּלאַץ: אופגענומען עס מער מיטן פֿאַרשטאַנד, ווי מיטן געפֿיל.

— די מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן אין יוני, דעם צוויי־און־צוואַנציקסטן יוני, און דעם פֿערצנטן אויגוסט האָט מען שוין עוואַקויִרט דעם זאַוואָד, אױף וועלכן כ׳האָב געאַרבעט נאָכן פֿאַרענדיקן דעם אינסטיטוט. דער זאַוואָד איז געווען אַ מיליטערישער, און דעריבער וועט איר מיר מוזן אַנטשולדיקן, וואָס איך רוף ניט אָן ניט די שטאָט, פֿונוואַנען מיר האָבן זיך עוואַקויִרט, און ניט דעם נומער פֿונעם זאַוואָד, כאָטש דער זאַוואָד אַרבעט איצט אויס אויך סכוירע פֿון ברייטן געברויך, וועלכע מע קאָן באַגעגענען אין די קלייטן. אַרויסגעזעצט האָבן מיר זיך אױף אַ פּוסטן פֿעלד אַ קילאָמעטער צוואַנציק פֿון דער שטאָט „נ". אין יענעם יאָר, ווי איר געדענקט, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש, האָט זיך זייער פֿרי געשטעלט דער ווינטער. אין פֿעלד, וווּ מיר האָבן זיך אַרויסגעזעצט, איז אין אָקטיאַבער שוין געלעגן אַ טיפֿער שניי, און אין נאָיאַבער האָבן אַ זעץ געטאָן די פֿרעסט, וואָס זייַנען דערגאַנגען ביז פֿערציק גראַד, און ס׳האָבן אַ בלאָז געטאָן ווינטן, פֿון באַראַק ניט אַרויסצוגיין. אַנטשולדיקט, — האָט סאַרין אויסגעדרייט זיך צו סטרעלצאָוון, — וווּ זייַט איר דעמלט געווען?

— אױפֿן פֿראָנט.

— כ׳האָב טאַקע אַזוי געקלערט, כ׳ווייס ניט, לויט וועלכע סימאָנים, נאָר אַ פֿראָנטאָוויק, אַ מענטשן, וואָס איז געווען אױף דער מילכאָמע, וועל איך אייַך גלייַך דערקענען. איז וויבאַלד איר זייַט געווען אױפֿן פֿראָנט, האָט איר, מיסטאָמע, אויך געקאָנט קלערן וועגן אַזעלכע, ווי איך, אַז ווי ס׳איז אונדז ניט געווען שווער, ווי מיר האָבן ניט געליטן פֿון קעלט, פֿון ניט דערעסן און ניט דערשלאָפֿן, געפֿאַלן פֿון מידקייַט, איז אונדז דאָך געווען בעסער פֿון די, וואָס זייַנען געלעגן אין די טראַנשייען. מיר זייַנען פֿאָרט געווען מער זיכער מיטן לעבן. ווער קאָן עס אָפּלייקענען? אַוואַדע איז אונדז אין הינטערלאַנד געווען בעסער, איידער אייַך אױפֿן פֿראָנט. וויפֿל מעלדונגען אָבער פֿלעגט דער וואָיענקאָמאַט קריגן יעדן טאָג פֿון די אַרבעטער און אינזשענירן, וואָס האָבן זיך געבעטן, מע זאָל זיי שיקן אױפֿן פֿראָנט! איך זעלבסט האָב אין

יענעם שרעקלעכן ווינטער אָנגעגעבן פיר מעלדונגען, און אַלע פיר מאָל האָט מען מיר אָפּ־געזאָגט! ערשט נאָך דער פינפטער מעלדונג האָט מען מיך גענומען אין דער ארמיי. דעם וואָיענקאָמאַט איז פּאַשעט דערעסן געוואָרן האָבן צו טאָן מיט מיר. אינגיכן האָט מען מיך אוועקגעשיקט אַפן פראָנט. דאָס איז געווען סאָף הארבסט, אַפן אַנדערן יאָר פון דער מילכאָמע. פאַרענדיקט האָב איך די מילכאָמע ניט אין קעניגסבערג, וועלכן אונדזער טייל האָט באַפרײַט פון די פאַשיסטן, נאָר אַפן ווײַטן מיזרעך, אינעם ראַנג פון אַן אינזשעניער־מאַיאָר. ס׳זײַנען מיר צוניץ געקומען מײַנע אינזשעניערישע קענטעניש. נו, כ׳האָב זיך פאַר אײַך אַרויסגע־כאַפּט. פאַרפאַלן. יאָ, אונדזער וואָקזירטער זאַוואָד, וועלכן מיר האָבן פאַר געציילטע כאַדאָ־שים אופגעשטעלט אַף אַ פּוסטן פעלד, האָט אַרויסגעלאָזט טאַנקען. נאָר דאָס אַלץ, ווי כ׳האָב אײַך שוין געזאָגט, איז געשען אַפן אַנדערן יאָר פון דער מילכאָמע, און די געשיכטע, וועלכע איך וויל אײַך דערציילן, איז זיך פאַרלאָפן אינעם ערשטן ווינטער.

זײַן בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אַפן פּעקל סיגאַרעטן, וואָס איז געלעגן אַפן טיש. אַרויס־גענומען פון דאָרט אַ סיגאַרעט, האָט סאַרין צוגערוקט צו זיך דעם אַש־בעכער, נאָר צו די שוועבעלעך זיך ניט צוגערירט.

— רייכערט, רייכערט. מיר מאַכט עס ניט אויס. און וויקטאָרן אוואַדע ניט. ער האָט דאָך נאָך דערווײַל ניט געוואָרפן, אָט ווי איך, דאָס רייכערן.

נעמענדיק צוריק אין דער האַנט דעם סיגאַרעט, האָט סאַרין אַ ווונק געטאָן צו דער איי־בערשטער פּאָלקע, וווּ ס׳איז געלעגן דער פערטער פּאַסאַזשיר.

— ס׳מאַכט ניט אויס. מירן נאָכדעם דורכלופטערן די קופּע. — וויקטאָר האָט אָנגעריבן אַ שוועבעלע.

סאַרין האָט גענומען בא וויקטאָרן דאָס אָנגעצונדענע שוועבעלע, אויסגעוואַרט, ביז דאָס בלויע פֿײַערל האָט זיך דערקליבן צו זײַנע פינגער, און עס פאַרלאָשן. נאָר דעם סיגאַרעט האָט ער פון דער האַנט ניט אַרויסגעלאָזט, קאָנטיק, אַז אַזוי איז אים לײַכטער געווען פאַר־זעצן דערציילן.

— איז קערן מיר זיך אום צו די ווינטער־כאַדאָשים פונעם ערשטן יאָר פון דער מיל־כאָמע. אַפן זאַוואָד אונדזערן, וואָס מיר האָבן אופגעשטעלט און רעקאָנסטרויִרט, האָבן אויס־געפעלט אייניקע טיילן צו די מאַשינעס, וואָס אָן זיי האָט מען ניט געקאָנט לאָזן אין גאַנג אַ ביז גאָר נייטיקן און וויכטיקן צעך. ווײַל איך בין געווען דער פאַרטרעטער פונעם הויפּט־אינזשעניער, האָט מען מיט דער דאָזיקער באַשטעלונג באַשטימט שיקן מיך. דער אינדוסט־ריִעלער גיגאַנט, ווו כ׳האָב געדאַרפט איבערגעבן די באַשטעלונג און צוײַלן, מע זאָל זי וואָס גיכער אויספילן, האָט זיך געפונען זייער ווײַט, אזש אַף יענער זײַט באַיקאַל. אַ מענטשן, וואָס פאָרט אין אַזאַ קאָמאַנדירונג, רופט מען איצט, ווי איר ווייסט, „טאָלקאַטש". דעמלט אָבער האָט עס געהייסן אויספילן אַ מיליטערישן באַפעל, און פינקטלעך צו דער און דער דאַטע. אַזוי צי אַנדערש, נאָר די דעמלטיקע קאָמאַנדירונג מײַנע איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיקע. כ׳האָב געפירט מיט זיך צייכענונגען, נייטיקע פּאַפּירן. אויסער דעם, האָב איך אונ־טערוועגנס געדאַרפט דורכקאָנטראָלירן אייניקע ציפערן, גענויער דורכקוקן די צייכענונגען און אַזוי ווײַטער. אַז מע פירט מיט זיך מילכאָמע־צײַט אַזעלכע פּאַפּירן, דאַרף מען זײַן געהיט פון אַ פרעמד אויג. צוליב דעם האָט מען מיך באַזאָרגט מיט אַ באַזונדערער צווייאָרטיקער קופּע אין אַ צווישנפעלקערלעכן וואַגאָן. דאַן זײַנען אַזעלכע וואַגאָנען געווען קימאַט אין אַלע שנעלצוגן, כאָטש זיי זײַנען קיין אויסלאַנד ניט געגאַנגען און קיין אויסלענדער זײַנען אין זיי ניט אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד.

ווײַבאַלד איך האָב איינער אַליין פאַרנומען אַ צווייאָרטיקע קופּע, בעשאַס די צוגן זײַנען געגאַנגען איבערגעפּולטע, ס׳איז קימאַט אומעגלעך געווען קריגן אַ בילעט אַפילע אין אַן אַלגעמיינעם, ניט קיין פּלאַצקאַרטנעם וואַגאָן, האָט די קאָנדוקטאָרשע, און ניט נאָר די קאָנ־דוקטאָרשע, נאָר, מיסטאָמע, אויך די פּאַסאַזשירן פונעם וואַגאָן, געקוקט אַף מיר שיר ניט ווי אַף אַ פּאָלקס־קאָמיסאַר, ווי ס׳האָבן זיך דעמלט נאָך געהאַט גערופן די מיניסטאָרן. ווען איך פלעג אַרויסגיין פון קופּע, פלעגט די קאָנדוקטאָרשע מיך באַלד פרעגן, צי זאָל זי ניט פאַר־שליסן די טיר. צומאָל, בעשאַס איך פלעג זיך אַרויסכאַפּן אַף אַ סטאַנציע, ווו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַן אָטעם טאָן מיט פרישער לופט, פלעגט זי, ניט פרעגנדיק מיך אַפילע, טאַקע צושליסן אַף די עטלעכע מינוט די טיר.

אינמיטן האַלטן דערציילן איז סאַרין מיטאַמאָל אַנשוויגן געוואָרן, ווי ער זאָל ניט זײַן זיכער צי גייט זיי אָן, וואָס ער דערציילט און ער וואַרט, מע זאָל אים בעטן פאָרזעצן, אָדער ווי איינער, וואָס איז אָנגעקומען צו אַ באַרג, רוט ער זיך אָפּ פאַרן אַרופגיין. געוואָרפן אַ בליק

אויפֿן שלאָפֿנדיקן פּאַסאַזשיר פֿון דער אייבערשטער פּאָלקע, האָט גענאַדי פֿאַרגעזעצט עטוואָס שטילער:

— אויף איינער אַ סטאַנציע, איך געדענק שוין איצט ניט אויף וועלכער, ס'איז געווען אַ קאַלטער פֿראָסטיקער טאָג, האָב איך דורכן פֿענצטערל פֿון מײַן קופּע באַמערקט שטיין אויפֿן פּעראָן אַ פֿרוי, לויטן אויסזען שוין ניט קיין יונגע. זי האָט זיך מיט עפּעס אויסגעטיילט פֿון די אַנדערע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן באַלאַגערט אונדזער צוג, און געפּרוווט, ווער מיט אַ ביי־לעט, ווער אָן אַ בילעט, זיך אַרײַנרײַסן אין די וואַגאָנען. אַז די פֿרוי איז געווען ניט קיין אַר־טיקע, נאָר אַן עוואַקויִרטע, האָט מען גלײַך געקאָנט זען. איך דרויסן האָט מעסוקן געבערענט דער פֿראָסט, און זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לײַכטן האַרבסטיקן מאַנטל, אין שיך און מיט אַ בערעט אויפֿן קאָפּ. אין דער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קליין רעקנצעלע. זי איז געשטאַנען אויפֿן פּעראָן איינגאַנצן אין אַ זײַט, ווי איינער, וואָס האָט ניט אויף וואָס אויסצורעכענען און אַ מאָל געטאָן מיט דער האַנט אויף אָט דער שטופּעניש און שפּאַרעניש, אויף דעם אַמפּערן זיך מיט די קאָנדוקטאָרן, וואָס האַלטן אין איין טײַנען, אַז דער וואַגאָן איז ניט פֿון גומי. ניט נאָר די דורכגאַנגען, אַפֿילו די טאַמבורן זײַנען געווען אָנגעפּראָפּט, אַ פּוס ניט אַרײַנצושטעלן. דאָס, וואָס עס האָט זיך דאַן געטאָן אויף די וואָקזאַלן און סטאַנציעס, איז שווער זיך איצט פֿאָר־שטעלן. די עוואַקואַציע האָט זיך נאָך דעמלט ניט אָפּגעשטעלט. דער סוינע איז פֿאַרקראָכן אַלץ טיפֿער און טיפֿער. ס'איז דאָך געווען נאָך פֿאַר סטאַלינגראַד.

מיט וואָס האָט די דאָזיקע פֿרוי, ווען כ'האָב זי דערזען, אַרויסגערופֿן בײַ מיר מיטגעפֿיל צו זיך מער ווי אַנדערע, האָב איך אַליין ניט געוווּסט. מעגלעך, מיט איר פֿאַרלוירנקייט אין אָט דעם שרעקלעכן מענטשן־געווירבל, מיט דער גלײַכגילטיקייט צו זיך — וואָס ס'וועט זײַן, וועט זײַן — מיט איר אומבאַהאָלפֿנקייט.

— קאָנדוקטאָר, — האָב איך זיך אָנגערופֿן צו דעם אָנגעפּעלצטן מיידל, וואָס איז געשטאַ־נען בײַ דער טיר, — לאָזט אַרײַן אָן יענע פֿרוי. זעט, ווי לײַכט זי איז אָנגעטאָן.

— וווּהין זאָל איך זי אַרײַנלאָזן? — האָט די קאָנדוקטאָרשע מיך פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט. — איר ווייסט ניט, אַז דער וואַגאָן אונדזערער איז אַ צווישנפּעלקערלעכער?

— גיט זי פֿונדעסטוועגן אַ פֿרעג, וווּהין דאַרף זי פֿאָרן. עפּשער ניט ווײַט.

— און ווען אַפֿילו ניט ווײַט? אַלציינס קאָן איך זי ניט אַרײַננעמען. זי האָט זיך שוין צו מיר געווענדט. זי האָט אַפֿילו קיין בילעט ניט.

דער צוג האָט זיך שוין אָט־אָט געדאַרפֿט רירן. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די טרעפּ־לעך אויפֿן פּעראָן און אַ רוף געטאָן די פֿרוי.

— גיכער קומט אַהער. גיט מיר אײַער רעקנצל. — די קאָנדוקטאָרשע וואָס איז געשטאַנען הינטער מיר אויף די טרעפּלעך, האָב איך באַרויִקט: — איך וועל זי אַרײַננעמען צו זיך אין קופּע. פֿאַר בײדע ערטער איז דאָך באַצאָלט.

— אויב אַזוי, אין עפּעס אַנדערש, — און די קאָנדוקטאָרשע איז אָפּגעטראָטן פֿון דער טיר, זי דורכגעלאָזט אין וואַגאָן.

מיטן דאָזיקן שריט מײַנעם, האָב איך דערפֿילט, בין איך שטאַרק געפֿאַלן אין די אויגן פֿון דער קאָנדוקטאָרשע, וועלכע האָט ביז דעם געגעבן אָנצוהערן וועגן מיר די פּאַסאַזשירן פֿון וואַגאָן, אַז אין דער דאָזיקער קופּע פֿאָרט אַ וויכטיקע פּערזאָן. איך, הייסט עס. ס'קאָן זײַער זײַן, אַז זי, און ניט נאָר זי, האָבן דערוואַרט, אַז אויפֿן פֿרײַען אָרט בײַ זיך אין קופּע זאָל איך אַריבערנעמען אַ מאַנצבל פֿון אַ צווייטער קופּע און אויף זײַן אָרט אַריבערפֿירן אַהין די פֿרוי. איך האָב, דעם עמעס געזאָגט, זיך וועגן דעם ניט פֿאַרטראַכט. כ'האָב איר אָפּגעטראָטן מײַן אָרט אויף דער אונטערשטער פּאָלקע און, כ'זאָל איר ניט שטערן זיך איבערטאָן, בין איך אַרויס אין קאָרידאָר.

ווען איך האָב אין אַ היפּשער ווײַלע אַרום זיך אומגעקערט, האָב איך זי געטראָפֿן זיצן אינעם אָנטאָן אַ פֿאַרוויינטע. דעם מאַנטל אַפֿילו ניט צעשפּיליעט.

— איר זײַנט אַן עוואַקויִרטע? — האָב איך זי געפֿרעגט.

זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. פֿאַר מיר האָט עס באַטײַט, אַז זי וויל ניט, איך זאָל צו איר צושטיין מיט מײַנע פֿראַגן, ווער זי איז, וואָס זי איז, פֿאַרוואָס זי איז אַ פֿאַרוויינטע. איך בין ביכלאַל פֿון די מענטשן, וואָס האָבן ניט ליב יענעם אויסגעפֿרעגן און האָבן ניט ליב, מע זאָל זיי אויספֿרעגן.

— איר קאָנט דאָך פֿרעגן, — האָט סאַריִן זיך געווענדט צו זײַנע בײדע צוהערער, וואָס האָבן ניט אַראָפּגענומען פֿון אים קיין אויג, געזעסן פֿאַרגאַפֿטע, — ווי קומט עס, וואָס איך האָב זיך פֿאַר אײַך מיטאַמאָל צערעדט? ווייס איך טאַקע אַליין ניט. מעגלעך דערפֿאַר, וואָס איר זײַט זײַטיקע מענטשן, און פֿאַר זײַטיקע מענטשן, מיט וועמען דו וועסט זיך אין לעבן

מיסטאָמע מער קיינמאָל ניט באַגעגענען, דערציילט מען אַמאָל אויס וועגן זיך מער ווי פאַר אייגענע. זאָגט דעם עמעס, איר זײַנט נאָך ניט מיד, וואָרעם די געשיכטע, ווי כ'האָב אײַך געוואָרנט, איז אַ גאַנץ לאַנגע און דורכלאָזן אין איר עפּעס, וויבאַלד איך בין אײַנגעגאַנגען זי אײַך דערציילן, ווילט זיך מיר אויך ניט. ס'איז שוין אָבער שפּעט. איז עפּשער וועלן מיר עס אַריבערטראָגן אויף מאָרגן?

— ניין, ניין, — האָבן ביידע אין איינעם זיך אָפּגערופן.

— נו, גוט. איז געגאַנגען, הייסט עס, ווײַטער. דערזען זי זיצן אינעם מאַנטל און אינעם בערעט, ווען אין קופּע איז געווען הייס, כאָטש עפּן דאָס פענצטער, האָט עס מיך פאַרוווּנדערט.

— פאַרוואָס טוט איר ניט אויס דעם מאַנטל? דאָ איז דאָך זייער וואַרעם.

— און מיר איז קאַלט.

ווען זי האָט אין אַ ווײַלע אַרום אויסגעטאָן דעם מאַנטל, אַראָפּגענומען דעם בערעט פון קאָפּ, האָט זי זיך אינגאַנצן געענדערט. כ'האָב דערזען פאַר זיך אַ יונג מיידל. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָבן זיך געלויכטן שוין אָן יענער פאַרלוירנקייט, וועלכע כ'האָב אין זיי באַמערקט, דערזעענדיק זי שטיין אָן איינזאַמע אויפן פעראָן.

אומדערוואַרט פאַר זײַנע צוויי צוהערער, איז געגאַדי סאַרין פּלוצעם אַנשוויגן געוואָרן. איידער ער טרעט צו דערציילן דאָס ווײַטערדיקע, וויל ער אָן איבעריקס מאָל זיך מעיאַשעוו זײַן מיט זיך, זאָל ער פאָרזעצן ווי ביז אַהער מיט אַלע איינצלהײַטן, צי עפּשער ערגעץ־וווּ דורכלאָזן עפּעס, איבערהיפּערן, אָדער גאָר אויף דעם זיך אָפּשטעלן, און שוין. נאָר דעמלט קאָנען זײַנע צוהערער אויסטײַטשן אָט דאָס, וואָס ער האָט זיי דערציילט, אַז ער איז דערמיט אויסן געווען זיך אויספּײַנען פאַר זיי מיט זײַן מענטשלעכקייט, מיט זײַן גוטסקייט, וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן צו אַן עוואַקויִרטער, האָט סאַרין, ווילנדיק ניט ווילנדיק, ניט אויסבאַהאַלטן פון זיי אי דאָס, וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן דענסטמאָל, אי אויך נאָכדעם, דערציילט אַלץ, אין וואָס עס האָט אים דערמאָנט הײַנט די געשיכטע מיטן מיידל, כאָטש ער האָט שוין איצט אַלץ ווייניקער אײַנגעפונען ענלעכס צווישן דעם, וואָס עס האָט דערציילט וועגן דאָזיקן מיידל וויקטאָר נעטשאַיעוו, און דעם, וואָס ער, סאַרין, האָט צו דערציילן וועגן דער עוואַקויִרטער.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן. כ'מוז פאַררייכערן.

דער סיגאַרעט איז שוין געווען ביז האַלב אויסגערייכערט, ווען סאַרין איז ווידער צוגעטראָטן דערציילן, זשמורענדיק נאָכאַנאַנד דאָס לינקע אויג, ווי עס זאָל אים מיט עפּעס געווען שטערן:

— איבער דרײַסיק יאָר זײַנען דורך פון יענעם פּראָסטיקן טאָג, נאָר ביז איצט שטייט מיר יענע פרוי פאַר די אויגן. כ'זאָל געווען זײַן אַ קינסטלער, וואָלט איך אויך איצט נאָך זיך אונטערגענומען אָנמאָלן איר בילד, אָנמאָלן זי אַזאַ, ווי כ'האָב זי דעמלט געזען. זי איז ניט געווען קיין הויכע און קיין שלאַנקע, מיט וואָס עס טיילן זיך אויס די הײַנטיקע שיינהײַטן. און די האָר זײַנען איר אויך ניט געלעגן צעפלאָסן אויף די אַקסלען, ווי בײַ די הײַנטיקע שיינהײַטן. זי איז אַפילו געווען עטוואָס נידעריקער פון מיטעלן וווּקס און אַ ביסל אַ פּולבלעכע. אָבער זעלטן באַגעגענען זיך פענעמער מיט אַזעלכע דינע שטריכן, ווי בײַ איר, און אַזעלכע שוואַרצע פײַערדיקע אויגן. סע האָבן זיך קימאַט ניט אַרויסגעזען די ווײַסלעך. דער פײַער פון די שוואַרצאַפּלען האָט זיי ווי פאַרוויכערט. איך נעם זיך ניט אונטער מאָלן איר כאַראַקטער. מע זאָגט, אַז דינע שטריכן פון געזיכט, באַזונדערס דינע ליפּן און פערלדיקע ציין, זײַנען אַ סימען פון אַ בייזער, פאַלשער נאַטור. כ'ווייס ניט. דערווײַל האָב איך ניט געהאַט קיין גרונט צו מאַכן אַזעלכע אויספירן. איך האָב אויך ניט קיין סמאַך צו זאָגן, אַז אַזעלכע שיינהײַטן, ווי זי, שטרעבן געוועלטיקן איבער יענע, וואָס פאַלן אַרײַן אין זייער נעץ, שטרעבן זיי פאַרוואַנדלען אין געהאָרכזאַמע קנעכט. אַלנפאַלס, פאַר די דריטהאַלבן מעסלעס, וואָס מיר זײַנען געווען צוזאַמען, האָב איך עס אין איר ניט באַמערקט, און דערפילן עס אין איר נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך צעשיידט, האָב איך שוין זיכער ניט געקאָנט. נאָר, אַז זי איז אַ פרוי, וואָס ווייסט, אַז זי געפעלט, נעמט אויס, איז ניט שווער געווען זיך אָנשטויסן. מע האָט עס געקאָנט אַרויסזען פון איר שטאָלצן בליק. כ'ווייס ניט. מעגלעך, איך האָב אַ טאָעס, נאָר ווען מיר זײַנען זיך צונויפגעגאַנגען נעענטער, האָט זיך מיר אויסגעוויזן, ניט נאָר זי ווייסט, אַז זי געפעלט, נאָר זי באַהאַלט ניט אויס, אַז זי וויל געפעלן, לײַדט, הייסט עס, פון דער זעלבער שוואַכקייט, וואָס אַלע פרויען.

— און אונדז, מענער, איז דען פרעמד די דאָזיקע שוואַכקייט? — האָט באַמערקט סטרעל־

צאָו, אַרײַנמענדיק אין דער האַנט דעם אונטערשטן קין, װעלכן ער האָט ערשט מיט אַ פּאָר װאָכן צוריק באַפרײַט פונעם האַלב גראָװן בערדל, װאָס האָט אים געעלטערט.

נעטשאיעװו האָט אומצופרידן אַ קוק געטאָן אויף אַנדריי סטעפּאַנאָװיטשן, מוירע געהאַט, אַז יענער קאָן מיט זײַן באַמערקונג אװעקפירן דעם דערציילער אָן אַ זײַט. פון דעם, װאָס סארין האָט זיי ביז איצט דערציילט, איז געװען קענטיק, אַז ער איז געניגט זיך פאַרטיפן אין זאַכן, װאָס לויט אים, װיקטאָרן, האָבן זיי אַ קנאַפּע שײַכעס צו דעם, װאָס סארין דערציילט.

די געפאַר, אַז דאָס קאָן פּאַסירן, איז שוין איצט געװען אינגאַנצן אָן אומזיסטע. געװאַדי סארין איז איצט געװען געגליכן צו אָן אָנגעלאָדענעם װאָגן, װעלכן מע האָט מיט שװערי־קײַטן געריִרט פון אָרט. נאָר קוים האָט ער זיך געריִרט, איז אים שוין שװער זיך אָפּשטעלן. אים האָט זיך עס ניט אויסגעװיזן. ניין. ער האָט װירקלעך נאָך קיינעם דאָס אַלץ ניט דער־ציילט אַזוי אָפן, זיך אַזוי ניט מיסװאָדע געװען אַפילע פאַר זיך אַליין, װי ער איז זיך מיס־װאָדע פאַר אָט די צװיי מיטפאָרער, אויף װעלכע ער האָט מיטאַמאָל געגומען קוקן װי אויף זײַנע ריכטער.

— װען מיר האָבן זיך באַקאַנט נעענטער, — סארינען האָט זיך אויסגעגעבן, אַז די צװיי ריכטער האָבן אַנדערש אויפגענומען זײַנע רייד, האָט ער איבערגעכאַזערט, — װען זי האָט זיך דערפילט אַ ביסל היימישער, זיכערער, ניט געקוקט שוין אויף מיר װי אויף אַ מאַנצבאַל, װאָס האָט מיטן אַרײַנעמען זי צו זיך אין קופּע געהאַט אַ באַשטימטן מיין, האָט זי ביסלעכװײַז זיך צערעדט און מיר דערציילט אָן ענלעכע געשיכטע צו דער, װאָס דאָס מיידל האָט דערציילט אונדזער װיקטאָרן; אָן ענלעכע און דערבײַ אינגאַנצן אָן אַנדערע. דער דאָזיקער פרוי האָב איך ניט געקאָנט פאַרגעבן די זעלבע פראַגע, װאָס איך װאָלט געקאָנט שטעלן דעם מיידל: „פאַרװאָס, — װאָלט איך זי געפרעגט, — האָט זי געדאַרפט הונגערן אַ גאַנצן מעסלעס און װאַרטן, אַז עמעצער זאָל איר געבן, צי אויסלײַען אויף אַ בילעט און מיר זאָלן נאָך דאַרפן צונױפקלײַבן אין װאַגאָן עטלעכע רובל פאַר איר. דעם טשעמאָדאַן האָט מען דאָך באַ איר ניט צוגעגאַנװעט. זי האָט דאָך געקאָנט, אָנשטאָט אָנקומען צו יענעם, פּאַשעט פאַרקױפן עפּעס פון אירע זאַכן”.

װיאַזוי װיקטאָר איז ניט געװען פאַרכאַפּט דערפון, װאָס עס האָט דערציילט סארין, און זיך געהיט די גאַנצע צײַט אַרױסברענגען אַ װאָרט, ער זאָל דערמיט ניט אָפּפירן סארינען אָן אַ זײַט, האָט ער אָבער דאָס מאָל ניט געקאָנט פאַרשװײַגן, זיך געמוזט אײַנשטעלן פאַרן מיידל:

— פונװאַנען װייסן מיר, עפּשער האָט זי מוירע געהאַט, מע זאָל זי ניט כױשעד זײַן, אַז זי פאַרנעמט זיך מיט איבערפאַרקױפן? און עפּשער האָט זי ניט געהאַט װאָס צו פאַר־קױפן? זי איז דאָך געפאָרן ניט אויף קוראָרט און ניט פון קוראָרט. פון אַ בױונג ערגעץ אין סטעפּ איז זי געפאָרן.

איצט האָט שוין סטרעלצאָװו שטרענג אַ קוק געטאָן אויף װיקטאָרן, לעמײַ ער שלאָגט איבער סארינען, און אויף יעדן פאַל פאַרגעדענקט, באַ װאָס געװאַדי לאַזאַרעװיטש האָט זיך אָפּ־געשטעלט. נאָך דערמאָנען סארינען, באַ װאָס ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז ניט אויסגעקו־מען. װיקטאָר האָט מיט זײַן אַרײַנשטעלן זיך אין די רייד אים פון װעג ניט אַראָפּגעשלאָגן.

אָפּגעענטפערט אויף דעם באַכערס „עפּשער” אויך מיט אָן „עפּשער”, אין װעלכן ס'האָט זיך ניט געפילט, אַז ער גיט אים אינגאַנצן אָפּ דאָס רעכט, האָט געװאַדי סארין פאָרגעזעצט דערציילן דאָס װײַטערדיקע, באַגלייטנדיק עס פון צײַט צו צײַט מיט אַ באַמערקונג, װאָס ער מאַכט ניט אַזוי פאַר זײַנע צװיי צוהערער, װי גופע פאַר זיך: — „ס'איז פון דעמלט שוין אָט־אָט באַלד אַדורך גאַנצע דרײַסיק יאָר”.

3

מיט אָט דעם דערמאָנען, װיפל יאָר איז שוין אַדורך פון יענעם פּראָסטיקן טאָג, האָט סארין װי געװאָלט זאָגן, אַז דאָס איז, אייגנטלעך, די אייניציקע סיבע, פאַרװאָס ער רופט ניט אָן די סטאַנציע, װוּ ער האָט געטראָפן שטיין די עװאַקויִרטע פרוי, און די שטאָט, פונ־װאַנען זי שטאַמט. עס האָט זיך באַ אים פּאַשעט ניט פאַרהיט אין זיקאָרן. אָבער װאָס עס איז זיך פאַרלאָפן מיט דער פרוי בײַס דער עװאַקואַציע, האָט זיך אים פאַרגעדענקט.

— וואוקוירט האָט זי זיך מיט א טאָג צוויי, איידער די דײַטשן האָבן פארכאַפּט די שטאָט. זי איז פונקט געהאט אופגעשטאַנען פון קימפּעט. דער מאַן אירער האָט שוין ניט באוויזן זען דאָס קינד. מיט א וואָכן דרײַ פאר דעם, ווי זי האָט געהאט דאָס קינד, האָט מען דעם מאַן מאָביליזירט און אוועקגעשיקט אפן פראָנט. דאָס קינד איז נאָך קיין וואָך ניט אלט געווען, ווען זי האָט זיך געלאָזט מיט דעם לויפן פונעם פײַער. אונטערוועגנס איז עס געשטאָרבן. זי ווייסט אפילע ניט, ווו דאָס קייווערל איז. מיט ניסים האָט זי זיך דערקליבן קיין סאַראַטאָוו, זיך אײַנגעאָרדנט דאָרט לויט איר פאַך, פאר א מאַשיניסטקע. פונעם מאַן האָט זי פאר דער גאַנצער צײַט ניט דערהאַלטן קיין איין בריוו. אַף אַלע אירע אָנפראַגעס האָט זי באַקומען פון די מיליטערישע קאָמיסאַריאַטן איין און דעם זעלבן ענטפער, פון וועלכן מע האָט זיך געקאָנט אָנשטויסן, אז זי האָט ניט וואָס צו אויסרעכענען, אז ער לעבט. צופעליק דערוויסט זי זיך, אז אַף אוראל וווינט אירס א שוועסטערקינד. זי האָט זיך וואוקוירט אהין מיט איר אלטער קראַנקער מוטער, און זיי לעבן דאָרט אין גרויס דאַכקעס, ניטאָ צומאָל אפילע אַף ברויט. און א קילאָ ברויט אפן „שווארצן מארק" האָט דעמלט באטראָפן גרויסע געלטער. איז זי געפאָרן זיי אריבערנעמען צו זיך. ס'איז געווען א גאַנץ שווערע זאַך. זי האָט אליין נאָך אויך ניט געהאט קיין אייגן ווינקל, געוווינט בא יענעם.

אַף דער סטאַנציע, ווו כ'האָב זי געטראָפן שטיין אפן פעראָן, האָט זי זיך געדאַרפט איבערזעצן אַף אַן אנדער צוג. פאר די דרײַ מעסלעס, וואָס זי האָט זיך אָפּגעוואַלגערט אַף דער סטאַנציע, זײַנען דורכגעגאַנגען עטלעכע צוגן, נאָר אין קיין איינעם פון זיי האָט זי זיך ניט געקאָנט ארײַנזעצן. די וואַגאָנען זײַנען געווען אזוי אָנגעפּראָפּט, אז די קאָנדוקטאָרן האָבן נאָענט ניט צוגעלאָזט צו זיי. און אין וואָקזאל איז אויך ניט געווען ארײַנצוגיין; קאָפּ אַף קאָפּ, מע איז געשלאָפן שטייענדיק. ניט זי איינע האָט מען בא אזא שטיקעניש אפן וואָקזאל דאָן באגאַנוועט. נאָר פון דעם איז איר גרינגער ניט געוואָרן. ס'האָט איר ניט אזוי באַנק געטאָן דאָס ביסל זאַכן, ווי די עטלעכע פלעשלעך בראָנפן, וואָס זי האָט געפירט מיט זיך אינעם צוגעגאַנוועטן טשעמאָדאַן.

— בראָנפן? — האָט וויקטאָר פארכידעשט געפרעגט.

דאַכט זיך, אז ניט נאָר דער יונגער נעטשאַיעוו, נאָר אויך דער באַיאַרטער סטרעלצאָוו נייטיקט זיך שוין, מע זאָל אים דארפן דערציילן, אז בראָנפן פלעגט מען ארויסגעבן ניט נאָר אפן פראָנט, נאָר אויך אַף די שפּײַז־קאַרטלעך אין הינטערלאַנד, און אויסער דעם, וואָס אפן „שווארצן מארק" האָט עס געקאָסט טײַער, האָט זיך עס ביכלאל געשעצט טײַער.

— יאָ, בראָנפן. — האָט סאַרין איבערגעכאַזערט, ווענדנדיק זיך ניט אזוי צו דעם יונגן וויקטאָרן, ווי צו דעם באַיאַרטן סטרעלצאָוון, — זי האָט געהערט, אז אַף אוראל, וווּהין זי פאָרט, איז אפילע פאר גרויסע געלטער עס שווער צו קריגן, כאָטש באלאַנים אַף דעם זײַנען דעמלט געווען ווייניקער ווי איצט. מיט איין וואָרט, זי איז געבליבן אָן בראָנפן, אָן געלט, אָן זאַכן, און אין דער פרעמד, אַף א וואָקזאל. דאָס פלעשל בראָנפן, וואָס האָט זיך בא איר פארהיט אינעם קליינעם רענצעלע, האָט זי געהאַלטן פארן קאָנדוקטאָר, ער זאָל זי ארײַנלאָזן אין וואַגאָן. זי האָט זיך אָבער אלץ געשעמט עס עמעצן פון זיי פאָרלייגן.

— וויבאלד איר האָט מיך ארײַנגענומען אין וואַגאָן, — האָט זי זיך אָנגערופן צו מיר, — געהערט דאָס דאָזיקע פלעשל אײַך.

בא די ווערטער האָט זי אוועקגעשטעלט אפן טישל א טונקעלע פלאַש.

— איר האָט דאָך נאָך קיין וועטשערע הײַנט ניט געגעסן, — האָב איך זיך אָנגערופן צו איר, — וועלן מיר עסן צוזאַמען. העלפט מיר, ביטע, צוגרייטן די סודע.

איך האָב ארויסגענומען אלץ, וואָס כ'האָב מיט זיך געפירט. אלנפאַלס, ברויט און קאָנסערוון איז געווען צו זאַט, און דאָס האָט אין יענע צײַטן געהייסן א סאַך, גאָר א סאַך. כ'האָב אָפּגעפּראָפּט דאָס פלעשל, אָנגעגאָסן זיך און איר.

זי האָט אָפּגערוקט פון זיך די גלאָז און הילפלאָז א קוק געטאָן אַף מיר מיט אירע שווארצע גלאַנציקע אויגן. אין זיי האָבן געפינקלט טרערן.

— ניין, ניין, — האָט זי דערשראָקן ארויסגעבראַכט, — טרינקט געזונטערהייט אליין. — און האָט זיך אָפּגערוקט פונעם טישל נעענטער צו דער טיר.

ווײַזט אויס, זי איז מיך כוישעד געווען, אז כ'וועל זי נויטן טרינקען און האָב דערבײַ א באשטימטן מיין.

און ווידער איז סאַרין אומדערוואַרט אַנשוויגן געוואָרן, זיך ווידער פארטראַכט, צי זאָל ער פאַרזעצן דאָס ווײַטערדיקע, ווי ביז אהער, מיט אלע איינצלהײַטן, צי עפּשער עפּעס דורכלאָזן. דערפילט אַף זיך די אָנגעשטעלטע בליקן פון זײַנעביידע צוהערער, וואָס האָבן אים אין אָט דער רעגע דערמאָנט זײַנע אייניקלעך, בייס ער דערציילט זיי א מײַסעלע, דערוואַרטנדיק

פון יעדער מײַסעלע א גוטן סאָף, האָט גענאַדי געזײַלט בארויקן די דאָזיקע צוויי דערוואַק־סענע מענטשן, אז זיי האָבן ניט וואָס צו ציטערן. זיי וועלן פון אים קיין שלעכטס ניט דער־הערן.

— מיר זײַנען מיט אײַך צופעליקע באַקאַנטע, וואָס וועלן זיך אין לעבן עפּשער מער קיינמאָל ניט באַגעגענען, אזוי אז איך האָב זיך ניט וואָס אויסצופּײַנען פאַר אײַך, זיך אַרויס־שטעלן, זיך באַרעכטיקן. איך וויל אָבער, איר זאָלט מיר גלייבן, אז קיין שום אַנדער מיין, אויסער דעם, אז זי זאָל זיך פּאַשעט א ביסל דערוואַרעמען, קומען צו־זיך, האָב איך דערבײַ ניט געהאַט. און בלויז דערפאַר בין איך צו איר צוגעשטאַנען, זי זאָל אויסטרינקען.

— האָט ניט מוירע, — האָב איך זי פאַרזיכערט, — איר וועט פון די צוויי טראָפּן ניט ווערן שיכּער. איר וועט זיך פּאַשעט א ביסל דערוואַרעמען.

זי האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר הילפלאָז, זיך געשוואַרן, אז זי האָט אויף איר לעבן ניט פאַרזוכט נאָך קיין בראָנפן. ווײַן האָט זי א פּאָר מאָל געהאַט פאַרזוכט, טאַקע בלויז פאַר־זוכט. ס׳האָט זיך איר גלײַך פאַרדרייט דער קאָפּ.

— איך בין ניט קיין איבעריקס גרעסערער טרינקער פון אײַך, — האָב איך זי בארויקט.

און ס׳איז ווירקלעך אזוי. דאָס האָבן די עטלעכע־און־דרײַסיק־גראַדוסדיקע פרעסט, וואָס זײַנען דאַן געשטאַנען בא אונדז, מיך געצווּנגען טרינקען ניט נאָר בראָנפן, נאָר אַפילו ספּירט. און ספּירט דאַרף מען קאָנען טרינקען. דאָס ערשטע מאָל בין איך שיר ניט אומגעקומען. דער, וואָס האָט מיך דעמלט מעכאַבעד געווען, האָט פאַרגעסן מיך וואָרענען, אז ווען מע טרינקט אויס, דאַרף מען אַרויסעטעמען פון זיך די לופט און ניט אַרײַנעטעמען. אָבער גלאַט אזוי, אָן א פאַרוואָס, אָן א פאַרוואָן האָב איך אויף מײַן לעבן נאָך, דאַכט זיך, קיין קעלישעקל ניט אויסגעטרונקען. איך פיל פּאַשעט דערין קיין טאַם ניט. און מער פון אַלץ קאָן איך ניט באַ־גרײַפן, פאַרוואָס מען שטייט אזוי צו צו יענעם, אז ער זאָל אויסטרינקען, בעשאַס יענעם איז עס גאָר דערווידער? דאָך, ניט געקוקט אויף דעם אַלעם, בין איך פונדעסטוועגן צו איר צו־געשטאַנען. איר וועט זאָגן, ס׳איז ניט געווען לײַטיש פון מײַן זײַט? נו, און צוזען, ווי א מענטש ציטערט פון קעלט און קאָן זיך ניט דערוואַרעמען איז מער לײַטיש?

סאָפּקאַלסאָף האָט זי א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ס׳זאָל הייסן, וואָס ס׳וועט זײַן וועט זײַן, און צושליסנדיק די אויגן, ווי באַם אײַנעמען א שרעקלעך ביטערע רעפּוע, צוגע־טראָגן די גלאָז צו די ליפּן.

— נו? — האָב איך זי געפרעגט און פונסנײַ אָנגעגאָסן אי זיך אי איר.

און שטעלט זיך פאָר, זי האָט ווידער אויסגעטרונקען, ניט צושליסנדיק שוין די אויגן, ווי פריער, און אויך ניט אזוי פאַרזיכטיק — טראָפּן נאָך טראָפּן. זי האָט מיט דעם ניט גע־מאַכט אויף מיר קיין אײַנדרוק פון א פרוי, וואָס גיט זיך אַרויס ניט פאַר דער, וועלכער זי איז אינדערעמעסן, ווי דאָס איז, ווי מיר שײַנט, דאָס מיידל, פאַר וועלכער איר האָט זיך אזוי אײַנגעשטעלט, טײַערער וויקטאָר. און עפּשער האָב איך א טאָעס. האַלעווײַ זאָל עס זײַן אזוי. פונוואַנען בין איך געווען אזוי זיכער, וועט איר פרעגן, אז זי האָט ווירקלעך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן פאַרזוכט דעם טאַם פונעם ביטערן געטראַנק? איך האָב געוואָלט זײַן זיכער אין דעם, אַנדערש וואָלט איך דאָך אופגעהערט איר גלייבן אין אַלץ, וואָס זי האָט מיר דערציילט וועגן זיך, כ׳וואָלט ניט געגלייבט אירע טרערן, ווען זי האָט דערמאָנט דאָס אויסגעגאַנגענע אייפּעלע בא איר אויף די הענט, וואָס זי האָט עס מעקאַבער געווען אין אַפּע־נעם פעלד און ווייסט אַפילו ניט, ווו זײַנע ביינדעלעך ליגן. כ׳וואָלט איר ניט געגלייבט, אז דער מאַן אירער איז אַפּן פראָנט און איז מיסטאָמע אומגעקומען.

קיין טרינקער, ווי כ׳האָב אײַך שוין געזאָגט, בין איך קיינמאָל ניט געווען, כאָטש דער טאַם פון בראָנפן איז מיר געווען באַקאַנט. נאָר דעמלט האָט זיך מיר עפּעס מאָדנע לײַכט געטרונקען. מעגלעך, דער בראָנפן איז געווען צעמישט מיט וואַסער. אין יענע יאָרן איז עס ניט געווען קיין נאָווינע. כ׳האָב געזען לויט איר, אז זי האָט אויך דעם זעלבן כשאַד, ווײַל זי האָט שוין איצט אַפילו ניט צוגעזשמורעט די אויגן און זיך שוין אויך מער ניט פאַרקרימט. איר וועט זאָגן, מיסטאָמע איז איר דער טאַם פון דעם געווען פונדעסטוועגן א ביסל באַקאַנט פון פריער. איבעריקס זיך שפּאַרן מיט אײַך וועל איך ניט. אין יענע יאָרן איז עס ניט געווען קיין נײַס אַפילו פאַר פרויען, וואָס האָבן פאַר דער מילכאָמע ניט געוווּסט דעם טאַם אַפילו פון געוויינלעכן ווײַן. ווזאָזוי איר זאָלט ניט טראַכטן, נאָר דאָס פלעשל האָבן מיר ביסלעכ־ווײַז קימאַט אויסגעליידיקט.

— איך האָב זיך ווירקלעך דערוואַרעמט, — האָט זי זיך אָנגערופן, — מאָדנע. אזויפיל אויסגעטרונקען, און סע דרייט זיך מיר אַפילו ניט דער קאָפּ. ס׳ווילט זיך בלויז צושפּאַרן זיך א ביסל.

— אַט איז אײַער געלעגער, — האָב איך איר אָנגעוויזן אויף דער אונטערשטער פּאָליקע, זיך האָב איך אויסגעבעט אויפֿן אייבערשטן דיוואַן. — טוט זיך אויס און לייגט זיך שלאָפֿן. ס׳איז שוין ניט פֿרי.

איך בין ארויס אין קאָרידאָר. דאָ ערשט האָב איך דערפֿילט, אַז איך האַלט זיך ניט פֿעסט אויף די פֿיס, סע שווינדלט מיר אין די אויגן. כ׳האָב צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום פֿענצטערל, בין אָפּגעשטאַנען אַזוי אַ רעכט שטיקל צײַט, ביז דאָס קילע גלאָז פֿונעם פֿענצטערל האָט ארויסגעצויגן פֿון מיר די אָפּגעשוואַכטקײַט, ווי באַ אַ כּוליע די היץ, און איך האָב זיך אומגעקערט אין קופּע. דער דיל האָט זיך שוין ניט געוויגט אונטער מײַנע פֿיס, פֿאַר די אויגן איז שוין ניט געשטאַנען קיין נעפּל.

די שײַן אין קופּע האָב איך פֿאַרן ארויסגיין אויסגעשלאָסן, געלאָזט בלויז ברענען דאָס אייבערשטע טונקל־בלויע לעמפּל.

אַדע, — אַזוי האָט געהייסן די פֿרוי, — איז שוין געשלאָפֿן. מע האָט קוים געהערט איר אָטעם. און דאָ האָב איך פֿאַרשטאַנען, אַז כ׳האָב ניט געטאָרט זי איבערלאָזן נעכטיקן באַ זיך אין קופּע, באַדאַרפֿט געווען בעטן די קאָנדוקטאָרשע, אַז זי זאָל זי אַריבערפֿירן אין אַן אַנדער קופּע און אין מײַנער אַרײַנזעצן אַ מאַנצבל.

סאַרין האָט אַרויסגענומען פֿונעם אַש־בעכער דעם אויסגעלאָשענעם סיגאַרעט, נאָר אין אַ ווײַלע אַרום, ניט פֿאַררייכערנדיק אים, צוריק אוועקגעלייגט. און ווי אַ מענטש, וואָס דאַרף זיך נאָכאַנאַנד פֿאַר עמעצן באַרעכטיקן, האָט ער מיט אימפּעט זיך אָנגערופֿן צו זײַנע צוויי מיטפֿאָרער:

— איך וויל דאָ ניט זיך אַרויסשטעלן פֿאַר אײַך פֿאַר אַ הייליקן. איך בין ווײַט פֿון אַ זינדיקן, אָבער אויך ווײַט פֿון אַ הייליקן. מיר איז ניט איין מאָל אויסגעקומען פֿאָרן צוזאַמען אין אַ צווייאָרטיקער קופּע מיט אַ פֿרוי, און ניט שטענדיק בין איך געווען דערצו גלײַכגילטיק... דאָ איז אָבער געווען עפּעס אַנדערש. ס׳וואָלט געהייסן, אַז איך באַנוץ זיך דערמיט, וואָס כ׳האָב פֿון מיטגעפֿיל, פֿון מיטלײַד אַרײַנגענומען צו זיך אין קופּע אַ פֿרוי. צוגערעדט, זי זאָל אויסטרינקען... דערצו נאָך די געשיכטע, וועלכע זי האָט מיר דערציילט וועגן איר געשטאָרבן אייפּעלע... כ׳האָב מיטאַמאָל ווי דערזען פֿאַר זיך איר מאַן ליגן אויפֿן פֿראָסט ערגעץ אויפֿן שלאַכטפֿעלד...

איך האָב גענומען איבער זיך די אויבערהאַנט און בין אָפּגעטראָטן. כ׳האָב אויסגעלאָשן דאָס לעמפּל, זיך אויסגעטאָן און שטיל, כ׳זאָל זי ניט אויפֿוועקן, זיך פֿאַרקליבן אויפֿן אייבערשטן דיוואַן... עס איז זיך מיר אָבער ניט געשלאָפֿן. ס׳איז ווי אין טאָלסטאָיס דערציילונג וועגן דעם נאָזיר סערגיי, כאָטש נעם, ווי ער, הייסט עס, האַק און האַק זיך אָפּ אַ פֿינגער... מיר האָט אָבער גאָרניט וויי געטאָן, אַז איך זאָל זיך ניט צוהערן מער צו איר אָטעם... איך בין אַראָפּ פֿון געלעגער און זיך שטיל צוגעזעצט צו איר אויפֿן ברעג דיוואַן. איר קײַלעכיקע נאַקעטע האַנט איז געלעגן אויבנאויף דער קאָלדרע. איך האָב ניט געקאָנט זיך בײַשטיין, אַז איך זאָל זיך ניט צורירן מיט די ליפּן צו אָט דער נאַקעטער וואַרעמער האַנט. איר הויכע שטײַפֿע ברוסט, וואָס כ׳האָב דערפֿילט אונטער מײַנע איבערגעטריקנטע ליפּן, האָט מיך אָפּגעבריט. ווען זי הייבט אויף אַ טומל, וואָלט איך איר נאָכדעם מיסטאָמע געווען דאַנקבאַר. ס׳איז געווען אַ מינוט, ווען כ׳האָב געזאָגט צו זיך: „אַנו, מאַרש צוריק אויף דײַן געלעגער, באַנוץ זיך ניט דערמיט, וואָס דו ביסט געקומען אַ מענטשן צוהילף אין אַ נויט... נעמסט דאָך אָפּ באַ איר דעם גלויבן אין מענטשלעכער ריינקײַט, אין מענטשלעכער גוטסקײַט״. אָ, ווען זי כאַפּט זיך אויף און הייבט אויף אַ טומל! נאָר זי איז געשלאָפֿן. מיטאַמאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז זי איז אויף. כ׳האָב עס דערפֿילט פֿון איר אײַנגעהאַלטענעם אָטעם... און אין מיר האָט זיך צעשפּילט די דרעמלענדיקע כײַע...

זאָגן אַזוינס וועגן זיך, האָט סאַרין פֿאַרשטאַנען, איז געוויס געווען ניט גרינג. אָבער ער דערציילט דאָך עס אַלץ ניט בלויז זיי, נאָר אויך זיך, און פֿון זיך האָט ער ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן, וואָס עס איז מיט אים געשען אין יענער נאַכט, אַז צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט ער אַזוי שטאַרק דערפֿילט אין זיך די קראַפֿט, מיט וואָס אַ מאַנצבל קאָן צובינדן צו זיך אַ פֿרוי, און באַגרײַפֿן, מיט וואָס, אויסער אַלעם, אַ קלוגע פֿרוי בינדט צו צו זיך איר מאַן. אַדע, האָט ער דערפֿילט, איז זיכער ניט פֿון די פֿרויען, וואָס פֿאַרשטייען ניט, ווי זיי דערווײַטערן פֿון זיך זייערע מענער מיט אָט דעם שטענדיק צוגעגרייטן ענטפֿער: „ווען איר האָט רעוועט זיך אָן פֿאַרן טאָג אַזוי ווי מיר...״

פֿאַר זיי איז עס, מעגלעך, אַ פֿאַרענטפֿערונג. אָבער פֿאַר דעם מאַנצבל, ווען ער דערהערט עס פֿון זײַן פֿרוי...

דער צוג האָט זיך דערנענטערט צו א סטאַנציע. גענאַדי האָט פאַרהויבן דאָס פאַרהענגל פונעם פענצטערל און ניט אָפּגעפירט פון אים דעם בליק, ביז ס'איז ניט פאַרבײַגעלאָפן דאָס לעצטע פּײַערל פונעם באַלויכטענעם פעראָן. אף ביידן, אף דעם באַיאָרטן אַנדריי סטרעלצאָוון און אַפן יונגן וויקטאָר, נעטשאַיעווען, האָט סאַרינס צופאַלן צום פענצטערל געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי ער זאָל פאַרבײַפאָרן א סטאַנציע, וואָס האָט א שײַכעס צו דעם, וואָס ער האָט זיי דערציילט, און זיי האָבן ניט ווילנדיק זיך איבערגעקוקט. ס'האָט אויך געקאָנט באַטײַטן, צי קאָן איינער דעם אַנדערן ניט אונטערזאָגן, וואָס איז פונדעסטוועגן גענאַדי'ן לאַזאַרעוויטש אויסן געווען מיטן דערציילן זיי די דאָזיקע געשיכטע, דערצו נאָך אַזוי גענוי. סע האָט דאָך, אייגנטלעך, א קנאַפּע שײַכעס צו דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיטן מיידל. וויקטאָר איז דאָך געפאָרן ניט אליין אין א קופּע, אַז דאָס מיידל זאָל געווען אף עפּעס אויסרעכענען, ווי אָט די וואָקזאָל־פּראָוו אויך, אין וואָס סאַרין איז זי, אפאַנעם, ביז איצט נאָך כּוישעד. נאָר אַז סאַרין האָט מיטן דערציילן זיי וועגן יענער פרוי געהאַט דערבײַ א געוויסן מיין, האָבן שוין ביידע ניט געסאַפּעקט און יעדער איינער פאַר זיך האָט זיך געהאַט דערווף פאַרטראַכט. דעם באַיאָרטן אַנדריי סטרעלצאָוון האָט זיך אויסגעוויזן: סאַרין וויל אים דערמיט זאָגן, אַז אין יעדן פון אונדז דרעמלט א כּיַע און דער מענטש איז צו שוואַך אף זי באַהערשן, ווען זי צעשפּילט זיך אין אים, און דעריבער לאָמיר ניט זײַן איבעריקס שטרענג צו זיך. וויקטאָר נעטשאַיעווען האָט זיך אויסגעגעבן, אַז סאַרין דערציילט עס הויפּטזאַכלעך פאַר אים, ער וויל אים דערמיט וואָרענען, ער זאָל ניט זײַן אַזוי פאַרגליבט אין מענטשן, ווי ער האָט עס הײַנט אַרויסגעוויזן צום מיידל.

4

נאָר איידער סטרעלצאָוו און וויקטאָר האָבן באַוויזן דאָס אויסקלאָרן פאַר זיך, האָבן זיי ווידער דערהערט סאַרינס געדיכטע שטים — ווי פריִער א ביסל א צוגעשטילטע, ס'זאָל ניט שטערן דעם שלאָפנדיקן פּאַסאַזשיר אף דער אייבערשטער פּאָלקע.

— דאָס פאַרגעפּיל, אַז מיר וועט אויסקומען הערן ווי זי שטראָפט זיך, ווי זי פאַרענטפערט זיך פאַר מיר, אַז זי איז ניט אַזאַ ווי איך טראַכט, מיסטאָמע, אצינד וועגן איר, זי ווייסט אליין ניט, וואָס איז מיט איר געשען, דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט זי זיך געלאָזט באַהערשן פון א פרעמדן מאַנצבל, אָדער זי וועט אין אַלץ מאַכן שולדיק דעם בראָנפן, מיר אָפּוואַרפן, אַז כ'האָב זי בעקיוון אָנגעשיקערט און זיך דערנאָך דערמיט באַנוצט, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, — אָט דאָס דאָזיקע פאַרגעפּיל האָט זיך פון מיר ניט אָפּגעטאָן, ווען איך האָב דערזען אינדערפרי דעם צוגעשטילטן פּלאַם אין אירע אויגן. מיר האָבן דעם גאַנצן טאָג זיך אויפגעפירט אַזוי ווי צוזאַמען מיט אונדז וואָלט זיך געפונען אין קופּע א דריטער, פאַר וועמען מיר דאַרפן באַווײַזן, אַז מיר זײַנען צוויי פרעמדע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך נאָך אפילו ניט באַקאַנט. די קאָנדוקטאָרשע, וועלכע האָט אונדז אַרײַנגעטראָגן אינדערפרי טיי, האָט, פאַרשטייט זיך, באַמערקט אונדזער צושטאַנד. כ'האָב דערפילט פון איר בליק, אַז איך בין נאָך מער געפאַלן אין אירע אויגן. א פרוי דערקענט גיכער דעם צושטאַנד פון א צווייטער, איידער מיר, מאַנספּאַרשוינען.

גענאַדי סאַרין האָט שווער אָפּגעעטעמט, ווי ער זאָל בייסן דערציילן פאַרהאַלטן אין זיך דעם אָטעם.

— איך ווייס ניט, ווער פון אונדז האָט אָנגעצונדן אין דעם אַנדערן דעם פלאַמפּײַער, וועלכן מיר האָבן אין די דריטהאַלבן מעסלעס, וואָס מיר זײַנען געפאָרן צוזאַמען, ניט געקאָנט לעשן אין זיך. רופט עס אָן ווי איר ווילט, נאָר ווען איך באַגעגן א פרוי פון די, וואָס טיילן זיך מיט עפּעס אויס, וואַרפן זיך אין די אויגן, באַפרײַ איך זי גערדאַנקלעך פון דער קאָסמעטיק, וואָס אף איר, פון דער צירונג, פון דער דובליאָנקע, פון די קליידער... נאָר וויניקער פון זיי וועקט אויף אין מיר דעם מאַנצבל. און זי, אָדע, איז געווען אָנגעטאָן פּראָסט, אָן צירונג, אפילו די ליפּן ניט געפאַרבט, אָבער... רופט עס אָן ווי איר ווילט, נאָר אויב א פרוי צינדט ניט אָן אין מיר קיין גלוסט, ציט מיך ניט צו צו זיך מיט איר פּײַער, מעג זי זײַן ווי שיין און קלוג, בלײַב איך צו איר קאַלט. און אומזיסט פּרוווט מען עס אָוועקמאַכן מיט דער האַנט, בייס דערפון איז פיל אָפּהענגיק אויך אינעם פאַמיליע־לעבן.

אָדע האָט פון אָנפאַנג, אפאַנעם, אַנדערש אויפגענומען דאָס, וואָס איז זיך פאַרלאָפן צווישן אונדז און דערפאַר, קענטיק, מיך געפרעגט:

— איר זײַט, אפֿאַנעם, לאַנג ניט געווען מיט קיין פֿרוי?
איך האָב ניט געקליבן זיך דערקלערן איר אין ליבע, איך זאָל דאַרפֿן פֿון איר אויסבאַ־האַלטן, אַז איך בין ערשט פֿון דער היים, אַז איך האָב אַ פֿרוי, קינדער, בין שטאַרק צוגע־בונדן צו זיי. כ׳האָב פֿון איר ניט געלייקנט, אַז ווען כ׳האָב כאַסענע געהאַט, בין איך געווען פֿאַרליבט אין מײַן פֿרוי, נאָר מיט דער צײַט, ווי דאָס טרעפֿט מיסטאָמע מיט יעדן איינעם פֿון אונדז, זי שוין ניט פֿאַרגלײַכט צו קיין מאַלעך... מיט איין וואָרט, כ׳האָב פֿון אַדען גאָר־ניט אויסבאַהאַלטן וועגן זיך, כאָטש זי האָט מיך ניט פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט און דערמיט האָט זי אומבאַמערקט מיך נאָך מער געפֿאַנגען.

אָפּן דריטן מעסלעס איז זי אַראָפּגעשטיגן ערגעץ אַף אַ סטאַנציע, ניט דערפֿאַרנדיק צו סווערדלאָווסק.

אַרויסבאַגלייטנדיק זי פֿון צוג, האָב איך געוווּסט, אַז מיר וועלן זיך מער קיינמאָל ניט זען. אויסער דעם, אַז מע רופֿט מיך גענאַדי, אַז איך בין אַן אינזשעניער אַף אַן „ענס־קער״ זאַוואָד און אַז זי רופֿט מען אַדע און זי איז אַ מאַשיניסטקע, האָבן מיר איינער וועגן דעם צווייטן, אייגנטלעך, קימאַט גאָרניט געוווּסט — אַפֿילע דעם פֿאָטער־נאָמען און פֿאַמיליע.

ווען איך בין ווידער געבליבן אַליין אין קופּע, האָט זיך ניט ווילנדיק פֿאַרקליבן אין מיר אַ כשאַד, צי איז די גאַנצע געשיכטע, וואָס די עוואַקויִרטע פֿרוי האָט מיר דערציילט וועגן זיך, ניט קיין אויסגעטראַכטע? כ׳האָב אָנגעהויבן צווייפֿלען אין דעם, וואָס זי האָט מיר דערציילט וועגן איר מאַן, וועגן דעם קינד. ניין, אַזוי פֿירט זיך ניט אויף קיין פֿרוי, האָב איך געטראַכט באַ זיך, וואָס האָט, ווי זי זאָגט, פֿאַרלוירן דעם מאַן אָפּן פֿראָנט און ערשט מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק מעקאַבער געווען איר איינציק קינד. אַפֿילע אין דעם, צי איר עמע־סער נאָמען איז אַדע, האָב איך זיך אָנגעהויבן סאָפּעקן. זי זאָל געווען זײַן די, פֿאַר וועמען זי האָט זיך אָנגעגעבן, וואָלט זי זיך אַזוי לײַכט ניט צונויפֿגעגאַנגען מיט אַ מאַנצבל, וועלכן זי קאָן ניט און ווייסט ניט און מיט וועמען זי וועט זיך מער קיינמאָל אין לעבן ניט באַגעג־נען. איר וועט מיר זאָגן, אַז שולדיק אין דעם אַלעם איז געווען דאָס פֿלעשל בראָנפֿן? ניט איך אָבער האָב עס דאָך אַרויסגעשטעלט אָפּן טישל. זי האָט דען ניט געוווּסט, אַז אַליין וועל איך ניט טרינקען? נו, גוט. זאָל זײַן אַזוי. אָבער די אַנדערע נאַכט און די דריטע נאַכט איז זי דאָך געווען שוין ניכטער, אײַנגאַנצן ניכטער. פֿאַרוואָס זשע האָט זי מיך ווידער ניט אָפּ־געשטויסן פֿון זיך, נאָר מיך געצוונדן מיט איר לײַב... פֿאַרוואָס?

— איר פֿרעגט עס מיך? — האָט סטרעלצאָוו, צונויפֿזשמורענדיק די אויגן, שטיל אַרויס־געבראַכט.

ווען סטרעלצאָוו זאָל עס געווען אַרויסברענגען פֿיל העכער, וואָלט עס צו סאַרינען סײַווי ניט דערגאַנגען. ער האָט, דאַכט זיך, אויפֿגעהערט באַמערקן די צוויי צוהערער זײַנע, ניט זיי, נאָר זיך האָט ער פֿאַרגעבן די פֿראַגע, אַף וועלכער ער האָט ניט דעמלט און אויך ניט איצט געקאָנט געפֿינען אַן ענטפֿער, דעריבער האָט ער דערלאָזט, אַז אַדע איז, מעגלעך, געווען פֿון די פֿרויען, וועלכע האָבן געזוכט זיך צו פֿאַרגעסן אין דעם, וואָס עס האָט זיך געטאָן אַרום־און־אַרום, פֿון די פֿרויען, וועלכע האָבן זיך געלאָזט אײַנריידן פֿון זיך אַליין, אַז אַלץ וועט זיי פֿאַרגעבן ווערן, אַז אַלץ, וואָס עס האָט געגילט ביז דער מילכאָמע און וועט גילטן נאָך דער מילכאָמע, גילט ניט בײַס דער מילכאָמע. ער האָט ניט געקאָנט זיך דעמלט ניט פֿאַר־טראַכטן וועגן דעם. ער וועט דאָך סאַפֿקאָלסאָף אויך אָנטאָן אַ שינעל מאָרגן צי איבערמאָרגן און ער לאָזט דאָך איבער אין דער היים אַ יונגע פֿרוי...

אָבער סאַרין האָט עס איבערגעהיפּערט. נאָר דאָס בריוול, וואָס איינער זײַנער אַ באַ־קאַנטער קאַפּיטאַן האָט דערהאַלטן אָפּן פֿראָנט פֿון זײַן נײַניאָריק טעכטערל, וועלכע האָט אים אָנגעשריבן: „טאַטע, די מאַמע טרינקט ווײַן״, וועט ער ניט פֿאַרבײַגיין.

— ווען איר ווייסט, סאַראַ טרײַע, ערלעכע, איבערגעגעבענע פֿרוי זי איז מיר געווען, — האָט, געבנדיק מיר לייענען דאָס בריוול, זיך אָנגערופֿן דער קאַפּיטאַן און זיך צעוויינט. — זי האָט אַפֿילע ניט געוווּסט דעם טאַם פֿון ווײַן. געווען אַ שטילע טויב. וואָס איז געשען, וויל איך פֿאַרשטיין. זי ווייסט דאָך, אַז איך לעב. זי באַקומט פֿון מיר בריוו און זי ענטפֿערט מיר אַף זיי... דאָס טעכטערל וואָלט מיר ניט אָנגעשריבן אַזאַ בריוול, ווען עס זאָל ניט געווען געשען מער שרעקלעכערס. צי דען האָט זי זיך פֿון אַלץ באַפֿרײַט און גלייבט, אַז דאָס וועט איר פֿאַרגעבן ווערן, ווײַל אין דעם אַלץ וועט זי קאָנען מאַכן שולדיק די צײַט...

— יאָ, אָבער אַזעלכע...

— איך ווייס, וואָס איר ווילט מיר זאָגן, — האָט סאַרין איבערגעשלאָגן סטרעלצאָוון, — איר ווילט, פֿאַרשטיי איך, מיר זאָגן, אַז אַזעלכע זײַנען געווען ווייניק. איך האָב דען געזאָגט,

אַז אַלע? ניט מיר דאַרף מען דערציילן, וואָס עס זײַנען אויסגעשטאַנען אונדזערע פרויען בײַס דער מילכאָמע. איך האָב זיי געזען אין דרײַסיק־גראַדוסדיקע פרעסט אַף די רישטעוואַ־ניעס פון אונדזער זאַוואָד, וואָס מיר האָבן אופגעשטעלט אין אָפענעם סטעפ. נאָר די פרוי, מיט וועלכער איך בין געפאָרן צוזאַמען די קנאַפע דרײַ מעסלעס, האָב איך זיך ניט געקאָנט פאָר־שטעלן אין אַ בושלאַט און אין אַ האַרטן, ווי פון בלעך, פאַרטעך... פון דער עוואַקויִרטער, וואָס כ'האָב אַרײַנגענומען אין קופע, האָט אַרויסגעקוקט אַ פרוי, איר פאַרשטייט, אַ פרוי, וואָס וויל געפעלן, וויל, מע זאָל זיך אין איר פאַרליבן...

אָט אַזעלכע פאַרשיידענע געדאַנקען זײַנען מיר דעמלט געקומען אַפן זינען, בלײַבנדיק אין קופע אויג־אַף־אויג מיט זיך אַליין. און דאָס, מעגלעך, האָט מיך געבראַכט דערצו, אַז איך זאָל זי פאַרגעסן. כ'וועל ניט זאָגן, אַז דאָס איז געשען אַף מאָרגן צי איבערמאָרגן, נאָר אין אַ פאָר כאַדאָשים אַרום האָב איך שוין זעלטן־ווען זיך אין איר דערמאָנט. ס'איז, אייגנט־לעך, ניט געווען, ווען צו טראַכטן וועגן דעם. געווען צײַטן, ווען איך פלעג צו דרײַ און פיר מעסלעס ניט פאַרלאָזן דעם זאַוואָד. איך קאָן אײַך בלויז זאָגן, אַז ווען איך דערזע דעמלט שטיין אַפן פעראָן די זעלבע פרוי, נאָר אין אַ פאַרלאַטעטן בושלאַט, אין ברייטע אויסגעקרימ־טע וואַליקעס, מיט אופגעלאַפענע פונעם פראָסט פאַרהאַרטעוועטע הענט, ווי בײַ אונדזערע אַרבעטערנס אַפן זאַוואָד, און נעם זי אַרײַן צו זיך אין קופע, וואָלט זיך צווישן אונדז מײַ־סטאַמע ניט פאַרלאָפן דאָס, וואָס איז געשען, ווען מיר זאָלן אַפילע געווען אויסטרינקען צוויי מאָל אַזויפיל. מיר דוכט זיך, אַז ווען דאָס מיידל, פאַר וועמען איר האָט זיך אַזוי אײַנגע־שטעלט, וויקטאָר, זאָל געווען לעבן אין יענער צײַט, וואָלט זי זיך אופגעפירט ווי אָט די אַדע. איך שטעל מיך ניט פאָר, אַז ווען דאָס זעלבע, וואָס האָט פאַסירט, ווי זי האָט אײַך געזאָגט, מיט איר, זאָל געווען זיך פאַרלויפן, אַשטייגער, מיט מײַן טאָכטער, זאָל זי אויך געווען אָנקומען צו עמעצן, מע זאָל צונויפקלײַבן פאַר איר אַף אַ בילעט. זי וואָלט זיך פאַ־שעט געשטעלט ערגעץ אַרבעטן אַף אַ טאָג צי צוויי. אַרבעט, אַבי מע וויל נאָר, קאָן מען, ווי איר ווייסט, אומעטום קריגן. אין אַ פרוי, וואָס האָט ניט קיין אייגנליבע, קיין שטאָלץ, מעג זי זײַן ווי שיין, וואָלט איך זיך קיינמאָל ניט פאַרליבט. אָ, איר זײַנט, זע איך, דערצויגענע מענטשן און מיט אַן אײַזערנעם געדולד. איך בין היפשלעך פאַרקראָכן אין אַ זײַט, אַרויף, ווי מע זאָגט עס, אַף אַנדערע רעלסן, און איר שטעלט מיך ניט אָפ. וועמען־וועמען, נאָר אײַך, וויקטאָר, פאַרשטיי איך, גייען די אַלע טראַכטענישן מײַנע וועגן יענער ווײַטער צײַט, קנאַפ וואָס אָן...

— פאַרוואָס? ניט אַלץ, וואָס איר האָט דערציילט וועגן יענער צײַט, האָב איך געטראָפן אין די ביכלעך, וועלכע כ'האָב געלייענט.

— כ'וועל זיך אָבער אומקערן צוריק אַף די רעלסן, אַף וועלכע ס'האָט מיך אַרופגעפירט די געשיכטע מיטן מיידל. אויב זיך ווידער נעמען גריבלען, קאָן עס מיך פאַרפירן, דער טײַוול ווייסט וווּהין.

דער צוג האָט פאַרלאַנגזאַמט זײַן גאַנג. קענטיק, מע האָט זיך דערנעענטערט צו אַ גרויסער סטאַנציע. נאָר אומדערוואַרט, ווען גענאַדי האָט זיך צוגעזעצט צום פענצטער און פאַרהויבן דאָס פאַרהענגל, האָט דער צוג זיך ווידער צעיאָגט, מיטשלעפנדיק מיט זיך די פאַרטונקלטע לעוואָנע.

גענאַדי האָט זיך אופגעהויבן, צורעכטגעמאַכט דעם צעקנייטשטן געלעגער און גענומען אָנציִען דאָס האַנטזייגערל, געגעבן דערמיט אָנצוהערן, אַז ס'איז צײַט מאַכן נאַכט.

— און מער האָט איר זי ניט באַגעגנט? — האָט וויקטאָר אַנטוישט געפרעגט.

— ניין.

שטייענדיק שוין בײַ דער טיר מיטן סיגאַרעט אין דער האַנט, האָט ער צוגעגעבן:

— נאָר אַף דעם האָט די געשיכטע זיך ניט פאַרענדיקט. זי האָט אַ פאָרזעצונג. די פאָר־זעצונג, ווי ס'איז אָנגענומען אין אַזוינע פאַלן צו שרײַבן, קומט מאָרגן, אויב איר וועט, פאַר־שטייט זיך, האָבן כיישעק זי אויסצוהערן. איצט איז שוין שפעט. דער זייגער איז באַלד צוועלף.

— אַנדריי סטעפאַנאָוויטש, אײַך ווילט זיך שוין שלאָפן? — וויקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אַף סטרעלצאָוון מיט אַזויפיל קינדערשער נײַגעריקײַט אינעם בליק, אַז ווען בײַ אים זאָלן זיך אַפילע קלעפן די אויגן פון שלאָף, וואָלט ער אויך געענטפערט, אַז ער איז גרייט זיצן ביז טאָג און אויסהערן דעם סאָף פון דער געשיכטע. ביידע, וויקטאָר און אַנדריי סטעפאַנאָוויטש, האָבן שיר ניט אין איין קאָל אַרויסגעבראַכט:

— איר קאָנט רייכערן דאָ. אונדז שטערט עס ניט.

— מיר אויך ניט.

גענאַדי סאַרין האָט פאַרכידעשט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם פּאַסאַזשיר פון דער אייבערשטער פּאָלקע, וואָס האָט פאַר דער גאַנצער צייט צום ערשטן מאָל געגעבן וועגן זיך צו הערן.

— איר שלאָפט גאָר ניט?

— איך האָב זיך שוין אויסגעשלאָפן, אַפילו באַוויזן אַריינכאַפּן א שטיקל פון אייער געשיכטע. לויט דעם, ווי איר האָט דערציילט, איז ניט שווער זיך אָנשטויסן, אַז פאַר אייך איז עס ניט געווען קיין געוויינלעכע באַגעגעניש, וואָס לאָזט נאָך זיך גאָרניט איבער, אַזאַ וואָס גייט דורך און פאַרגעסט זיך.

— מיר דוכט אויך דאָס זעלבע, — סטרעלצאָוו האָט איינגעשטימט מיט אַזאַ באַריסאַ־ווישן, ווי ס׳האָט זיך געהאַט פאַרגעשטעלט באַם אַריינקומען אין קופּע דער פּאַסאַזשיר פון דער אייבערשטער פּאָלקע. — אַלנפאַלס, ווי ס׳זאָל ניט זיין, נאָר קוים האָט איר אונדז דער־ציילט דעם אָנהייב, איז דערציילט שוין דעם סאָף. צו וואָס אַפּלייגן? דערוואַקסענע זיינען צומאָל מער נייגעריק פון קינדער.

— נו, גוט. — און כאָטש גענאַדי האָט באַקומען די האַסקאָמע רייכערן אין קופּע אויך פונעם דריטן פּאַסאַזשיר, פונדעסטוועגן איז ער אַרויס רייכערן אין קאָרידאָר, פאַרכאַפּנדיק מיט זיך פאַריינס שוין דעם האַנטעך מיט דער זייף, איינצוואַשן זיך פאַרן שלאָף.

ווי נאָר סאַרין האָט צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר פון קופּע, האָט וויקטאָר זיך אָנגע־רופן, דערביי זיך אַרומגעקוקט ווי באַם אַרויסגעבן א סאָד:

— זאָגן אייך, מיט וואָס עס האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע?

— טשיקאַווע, — האָט סטרעלצאָוו זיך צעשמייכלט.

— און אַליין שטויסט איר זיך ניט אָן? גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט זיך איינגעליבט אין איר, געוואָלט פאַר איר כאַסענע האָבן, נאָר זי האָט אים ניט געוואָלט צעשיידן מיט זיין פאַמיליע.

— דאָס איז אָף אים ניט ענלעך, — דער פּאַסאַזשיר פון אויבן האָט זיך ווידער געלאָזט הערן מיט זיין שטיל ווייך קאָל, — ער איז ניט פון די מאַנצבלען, וואָס זאָלן זיך פאַרליבן אין א פּרוי, וועלכע האָט זיך אים אַזוי לייכט אָפּגעגעבן, אַפילו פון אָנשטענדיקייט וועגן ניט גע־פּרוווט זיך ווערן, און אַז ער איז ניט קיין הייליקער, אַז זי איז ניט געווען באַ אים די ער־שטע, מיט וועמען ער איז זיך צייטווייליק צונויפגעגאַנגען, האָט ער דאָך אַליין געזאָגט.

— און ער באַ איר? — האָט מיט א באַזונדער נייגער געפרעגט וויקטאָר, און געווען דאַנק־באַר דעם מענטשן פון דער אייבערשטער פּאָלקע, וואָס האָט אים דערויף געענטפערט, אַז דאָס נעמט ער זיך ניט אונטער צו זאָגן.

— אויב זי איז געווען פון די, וואָס האָבן געלאָזט, מע זאָל זי איינריידן, צי וואָס האָבן אַליין זיך איינגערעדט, אַז די צייט וועט זיי נאָכדעם אַלץ פאַרגעבן, אַלץ מויכל זיין, דאַן... פאַרענדיקן דעם געדאַנק זיינעם האָט אויזער שוין ניט באַוויזן. עס האָט זיך אומגעקערט סאַרין. אַראָפּגעצויגן די האַרטע געפּאַלדעוועטע שטאָרע אָפּן פענצטערל, ס׳זאָל ניט בלאָזן, האָט ער אָן איבעריקע פאַרעדעס זיך אוועקגעזעצט דערציילן דאָס ווייטערדיקע, פאַרוואַנד־לענדיק דערמיט ווידער זיינע צוהערער אין נייגעריקע קינדער.

— אַז ערגעץ אין א האַלב יאָר אַרום, נאָך דעם, ווי מיר האָבן זיך מיט איר צעשיידט, און אויב זיין פּינקטלעכער — אין זעקס כאָדאָשים אַרום אָן פיר טעג... אייך וווּנדערט, וואָס איך האָב אַזוי פּינקטלעך עס פאַרגעדענקט? ווי זאָל איך אייך זאָגן. כ׳ווייס אַליין ניט, צי איז עס א שטראָף צי א בענטשונג, נאָר די נאַטור האָט מיך באַזאָרגט מיט א שטאַרקן זיקאָרן. איך פאַרגעדענק אַלץ.

— ס׳איז א שטראָף און א בענטשונג צוזאַמען, — האָט זיך אָנגערופן אויזער, וואָס האָט, ווי אַלעמען האָט זיך געדוכט, ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן נייגער צו דעם, וואָס גענאַ־די דערציילט. ער איז געלעגן, ווי פריִער, די הענט אונטערן קאָפּ, די אויגן צוגעמאַכט און געאָטעמט רעגלמעסיק, ווי אין שלאָף.

— גיכער פון אַלץ איז עס פונדעסטוועגן א שטראָף — האָט אים געענטפערט דערויף גענאַדי, — אָפּטמאָל לייד איך דערפון, ווי איר האָט עס געקאָנט הײַנט באַמערקן, בעשאַס וויק־טאָר האָט אונדז דערציילט וועגן דעם מיידל... יאָ, איז, הייסט עס, אין א האַלב יאָר אַרום, אָן פיר טעג, האָט מען מיך מאָביליזירט און ביזן סאָף פון דער מילכאָמע בין איך אָפּגעוועזן אָפן פראָנט. צוויי מאָל געוווּנדעט. דאָס ערשטע מאָל באַם באַפרייען קאָברין, א שטעטל ניט ווייט פון בריסק, דאָס אַנדערע מאָל שוין אָפּן ווייטן מיזרעך, ווּהין מע האָט געהאַט איבערגעוואָרפן אונדזער טייל פון קעניגסבערג.

— פון קאַלינינגראַד, — האָט באַמערקט וויקטאָר.

— נו, יאָ. נאָר דעמלט האָט עס נאָך געהייסן קעניגסבערג. און שטעלט אײַך פאָר, דאָפּקע אָפן פראָנט, ווען כ׳האָב, ווי יעדער פראָנטאָוויק, צײַטנווײַז ניט געוווּסט, וואָס וועט זײַן מיט מיר אין אַ מינוט, אין אַ האַלבער מינוט, אַפּילו אין אַ רעגע אַרום, האָב איך מיטאַמאָל דערפילט אַ מאָדנע נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך יענער... זי האָט פאַרשטעלט מיט זיך פון מיר מײַן פרוי, די מוטער פון מײַנע קינדער. איך בין ניט זיכער, צי איז עס געקומען צו מיר פון דעם, וואָס איך האָב זיך, ווי מיר האָט זיך געקאָנט אויסווײַזן, אין איר אײַנגעליבט. גיכער פון אַלץ איז עס געווען אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דעם, וואָס וועגט צומאָל אַלץ אַריבער, אַ פּײַנלעכע בענקשאַפט נאָך איר צאַרטן לײַב, נאָכן פלאַם פון אירע אויגן. דאָס איז געווען גאָר אַן אַנדער בענקשאַפט, וועלכע איז מיט גאָרניט געווען ענלעך צו דער, וואָס כ׳האָב געפילט די אַלע יאָרן אויף דער מילכאָמע צום ווײַב, צו די קינדער. און דאָס ווײַב מײַנס האָב איך ליב געהאַט שיר ניט ווי כאַסנווײַז, כאָטש זאָגן, אַז איך בין איר נאָך דער כאַסענע געווען אײַנגעגאַנצן טרײַ וועל איך ניט, און כ׳ווייס ניט, צי עס וועלן צווישן אונדז, מאַנצבלען, זיך אָפּזוכן אַ סאַך, וואָס זאָלן קאָנען זאָגן וועגן זיך אַנדערש. אויב זײַן אײַנגאַנצן אָפנהאַרציק, דאַרפן מיר אָנערקענען, אַז די ליבע ביז דער כאַסענע און נאָך דער כאַסענע, ווען מע איז שוין אַ טאַטע פון קינדער, שיידט זיך פונדעסטוועגן מיט עפּעס אונטער.

— בלויז בײַ מאַנצבלען?

— דאָס, זעט איר, דאַרף מען שוין פרעגן בײַ די פרויען, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש, אַזוי צי אַנדערש, נאָר איך האָב נאָך דעמלט זייער ליב געהאַט מײַן פרוי, כ׳האָב זי אויך איצט ליב, ניט געקוקט דערויף, וואָס בײַ אונדז זײַנען שוין פאַראַן דערוואַקסענע אייניקלעך. איך געדענק אָבער ניט, אַז איך זאָל אין די ערשטע כאַדאָשים נאָך דער כאַסענע אַרויסקוקן מיט אַזאַ אומגעדולד, ס׳זאָל וואָס גיכער דורכגיין דער טאָג און אָנקומען די נאַכט, ווי אין די טעג, ווען איך בין געווען מיט יענער, און עס זאָל מיך ביז איצט נאָך, אין דרײַסיק יאָר אַרום, אַרומכאַפּן אַ פיבער, ווען איך דערמאָן זיך אין יענע טעג און נעכט. איך שטעל מיך פאָר, וואָס איר קאָנט טראַכטן וועגן מיר. ס׳איז, אַפּאָנעם, יענער יונגערמאַנטשיק, קאָנט איר בײַ זיך קלערן. איך קלײַב זיך פאַר אײַך ניט פאַרענטפערן. כ׳מיין, אַז איך בין ניט זינדיקער, אויב מע האַלט עס פאַר אַ זינד, פון אַנדערע. איך שייד זיך בלויז אונטער פון זיי דערמיט, וואָס איך זאָג אַרויס אָפן דאָס, וואָס אַנדערע טראַכטן וועגן דעם, נאָר זיי שווײַגן. און אַז ס׳איז שוין געקומען דערפון צו רייד, איז דערלויבט מיר אַרויסזאָגן נאָך איין זינדיקן געדאַנק. איך בין מער ווי זיכער, אַז אַ מאַנצבל קאָן ניט עכט ליב האָבן אַ פרוי, ריכטיקער געזאָגט, די ליבע צו אַ פרוי קאָן בײַ אים לאַנג ניט אָנהאַלטן, אויב ער בענקט ניט נאָך איר לײַב. אין דעם, יאָ, מײַנע טײַערע, אין דעם, און ניט אין איר שיינקײַט, קלוגשאַפט און אַנדערע מײַלעס, שטעקט דעריקער איר קראַפט. איר וועט מיר גלייבן, קלער איך, אָן אַ שבועה, אַז איך האָב באַגעגנט פרויען שענערע און קליגערע פון אָט דער אַדען, נאָר צו קיינעם פון זיי האָט מיך אַזוי ניט געצויגן ווי צו איר. די פּײַנלעכע בענקשאַפט צו איר האָט מיך אָנגעפילט ביז איבער די ברעגן און כ׳האָב זיך געגעבן דאָס וואָרט: בלײַב איך לעבן, מוז איך זי אומבאַדינגט אָפּזוכן, כ׳מוז זיך מיט איר באַגעגענען. אין לעבן טרעפט אָפּט, אַז גראַדע נאָך אַזאַ באַגעגעניש, אויף וועלכער דו האָסט יאָרנלאַנג אַרויסגעקוקט, געלייגט אַזויפיל האָפענונגען, איז דיר לײַכט צו באַפרײַען זיך פון דעם, וואָס פאַרוואַנדלט דיך צומאָל שיר ניט אין אַ קנעכט. איך בין, דאַכט מיר, שוין ווידער אַראָפּ פון די רעלסן, פאַרהאַק אײַך דעם קאָפּ מיט זײַטיקע מײַסעס, וואָס האָבן ניט קיין שײַכעס צו דעם, וואָס איך דערצייל אײַך.

— סע זאָל ניט געווען האָבן קיין שײַכעס, וואָלט איר עס, מיסטאמע, ניט דערציילט, — וויקטאָר האָט פאַרהויבן דעם קאָפּ צו אויזער באָריסאָוויטשן, ווי ער זאָל זיך ריכטן, אַז יענער קאָן נעמען דערווידערן, וויל ער אים מיטן בליק זײַנעם אָפּשטעלן, פאַרלויפן דעם וועג. נאָר אויזער עלקין האָט מיט גאָרניט אַרויסגעוויזן, אַז די געשיכטע גייט אים מיט עפּעס אָן, ער איז זיך געלעגן, ווי אַ זײַטיקער און געשוויגן.

— דאַרף זיך פּונקט מאַכן, — האָט גענאַדי סאָרין פאָרגעזעצט מיט זײַן עטוואָס צוגעשטילטן קאָל, ווי ער זאָל ניט געווען זײַן זיכער, צי דער פּאַסאַזשיר פון אויבן איז ווידער ניט אַנשלאָפן געוואָרן, — אַז אונדזער מיליטערישער עשעלאָן, וואָס איז געגאַנגען פון קעניגסבערג אָפן ווײַטן מיזרעך, האָט, דורכפאָרנדיק סאַראַטאָוו, זיך דאָרט פאַרהאַלטן אויף עטלעכע שאָ. איך בין שוין דעמלט געווען אַן אָפּיצער, אַ מאַיאָר, און די קאָמאַנדשאַפט פון אונדזער טייל האָט מיך אָפּגעלאָזט אויף אַ פּאָר שאָ אין שטאָט. איר פאַרשטייט אַליין, אַז ס׳איז געווען קינדעריש פון מײַן זײַט צו האָפן, אַז כ׳וועל דאָרט אָפּזוכן אַדען. ניט איך האָב געוווּסט איר פאָטער־נאָמען, ניט איר פאַמיליע, זיך אַפּילו געסאָפּעקט, צי רופט מען

זי ווירקלעך אדע. זי האָט געקאָנט בעקיוון אויסבאַהאַלטן פון מיר איר עמעסן נאָמען, זײַענדיק, אַפּאָנעם, זיכער, אַז איך וועל נאָך איר בענקען און פּרוּוון זי אָפּזוכן. דעם עמעס געזאָגט, האָב איך ניט איבעריקס געגלייבט אויך אין דעם, צי האָט זי מיר ריכטיק אָנגערופן די שטאָט, פונוואַנען זי האָט זיך עוואַקויִרט און וווּהין זי האָט זיך עוואַקויִרט. מעגלעך, אַז זי איז גאָר דעמלט געפאָרן ניט פון סאַראַטאָוו. אײַך ווּנדערט עס, זע איך. וואָס זאָל איך אָבער טאָן, אַז איך בין פאַרט אַזאַ מענטש, וואָס צווייפלט אין אַלץ, וואָס ער האָט, ווי מע זאָגט עס, ניט געזען מיט די אייגענע אויגן און עס ניט אָנגעטאַפּט מיט די אייגענע הענט. אין דער אַרמיי איז עס ניט שטענדיק קיין כיסאָרן. אַזוי צי אַנדערש, נאָר, אַרומשפּאַנענדיק איבער סאַראַטאָוו, האָב איך, דוכט מיר, ניט דורכגעלאָזט קיין איין יונגע פרוי, וואָס איז מיר אָנגעקומען אַנטקעגן, אַז איך זאָל זיך אין איר ניט אײַנקוקן...

פון יענער זײַט טיר האָבן זיך דערהערט האַרטע טריט. גענאַדי האָט אויסגעוואַרט, ביז די טריט אין קאָרידאָר האָבן זיך דערוויַטערט, און ווידער, ניט געײַלט, פונקט ער זאָל דערמיט ווילן געבן זײַנע צוהערער די מעגלעכקײַט טרעפן, מיט וואָס וועט זיך סאָפּקאָלסאָף פאַרענדיקן די געשיכטע, וואָס ער דערציילט זיי מיט אַלע אײנצלהײַטן, איבערגעכאַזערט:

— צווייפלענדיק, ווי כ׳האָב אײַך שוין געזאָגט, אין אַלץ, אַפילע אין דעם, אַז זי איז אַן עוואַקויִרטע, אַז זי האָט זיך באַזעצט אין סאַראַטאָוו, אַז זי איז אַ מאַשיניסטקע, האָב איך פונדעסטוועגן זיך דאָך אַרײַנגעכאַפּט אין שטאָט־סאָוועט, עפּשער האָבן די דאָרטיקע מאַשיניסטקעס געהערט פון אַזאַ און אַזאַ. נו, פאַרשטייט זיך, אַז ניין. ווען איך קאָן זיי אָנרופן איר פאַמיליע־נאָמען... דאָס, וואָס זי איז פון די עוואַקויִרטע, איז אַ גאַנץ קליינער סימען, אַז מע זאָל זי קאָנען לויט דעם אָפּזוכן. אין סאַראַטאָוו וווינען אַ סאַך עוואַקויִרטע. אַ טייל האָט צו יענער צײַט זיך שוין געהאַט אומגעקערט אַהיים. מע האָט מיר פונדעסטוועגן צוגעזאָגט פּרוּוון זיך עפּעס דערוויסן, און איך האָב זיי אויף יעדן פאַל איבערגעלאָזט מײַן אַדרעס. צוריקקוועגס גייענדיק, האָב איך ניט ווײַט פון צענטער שטאָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פאָטאָ־אַטעליע. — גענאַדי האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם טיש־לאָמפּ. — פּלוצעם האָב איך צווישן די אַרויסגעהאָנגענע פאָטאָבילדער אינעם שוי־פענצטער דערזען איר בילד. זי האָט געהאַלטן אויף די הענט אַ קינד, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוויי. און דאָס מיידעלע איז צוויי טראָפּן ענלעך אויף מײַן טעכטערל, און אויף מיר. בײַ מיר זײַנען אין דער יוגנט אויך געווען טונקל־בלויע אויגן און געקרײַזלטע לאָקן. ווען דאָס קינד זאָל ניט זיצן בײַ דער דאָזיקער פרוי אויף די הענט, נאָר זאָל זײַן אַליין פאָטאָגראַפירט אויפן בילד, וואָלט איך קיין רעגע ניט געצווייפלט, אַז דאָס איז מײַן עלטער מיידעלע, כאָטש צו יענער צײַט איז איר שוין געגאַנגען דאָס זעקסטע יאָר.

דערזען דאָס בילד, בין איך ניט אַרײַנגעלאָפן, כ׳בין אַרײַנגעפלויגן אין אַטעליע, אַ כאַפּ געטאָן דעם דערשראָקענעם פאָטאָגראַף פאַר דער האַנט און אַרויס מיט אים אין דרויסן, אָנווײַזנדיק אויפן בילד אינעם שוי־פענצטער. נאָר וויפל דער פאָטאָגראַף, אַן עלטערער מענטש, אינגאַנצן שוין אַ גראַוער, האָט זיך ניט געפרוּווט דערמאָנען, ווער איז די פרוי מיט די גרויסע שוואַרצע אויגן און ווען און ווען ערעך האָט זי זיך בײַ אים פאָטאָגראַפירט, האָט ער גאָרניט געקאָנט פויעלן בײַ זײַן אָפּגעשוואַכטן זיקאָרן. ער קאָן מיר בלויז זאָגן, פאַרוואָס ער האָט אַרויסגעהאָנגען דאָס בילד אין שוי־פענצטער: די פרוי איז זייער אַ שיינע, די פאָטאָ אירע איז זייער אַ געלונגענע. ווען ער ווייסט איר פאַמיליע, וואָלט ער געפרוּווט איבערבלעטערן די קוויטאַנציע־ביכלעך פאַר דער לעצטער צײַט, וואָס האָבן זיך בײַ אים פאַרהיט. דעם פאָטאָגראַף האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, שטאַרק געווּנדערט: ווי קומט עס, וויבאַלד איך גיב זיך אָן פאַר אירן אַ שטיקל קאָרעוו און זוך זי אַזוי אַרום, אַז איך זאָל ניט וויסן איר פאַמיליע? דאָס איינציקע, וואָס ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיך אָנפרעגן, און כאָטש ער קלײַבט זיך באַנײַען די וויטרינע מיט אַנדערע בילדער, וועט ער אָבער איר בילד לאָזן הענגען. ווי נאָר ער וועט עפּעס דערגייין, גיט ער מיר גלײַך צו וויסן.

איך האָב אים איבערגעלאָזט דעם נומער פון מײַן פעלדפּאָסט און געבעטן, אַז איר, אויב זי וועט זיך אָפּזוכן, זאָל ער מײַן אַדרעס ניט געבן. איר זאָל ער בלויז זאָגן, אַז ס׳האָט זיך נאָכגעפרעגט איינער אַ מיליטערמאַן.

גענאַדי האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן פון אָרט און, פונקט ווי ער וואָלט ערשט איצט באַמערקט, אַז ער האָט דאָ ניט ווו זיך דורכשפּאַנען מיט ברייטע טריט, און ער האָט זיך איצט געגייטיקט אויף צו קאָנען פאַרזעצן דאָס ווײַטערדיקע, זיך באַלד אָנגעזעצט, שווער אָפּעטעמענדיק.

5

עס זײַנען דורכגעגאַנגען היפּשע עטלעכע רעגעס, ביז סאַרין האָט זיך ווידער אָנגערופן:

— איך בין דעמלט לאַנג אָפּגעשטאַנען בײַ דעם שוי־פֿענצטער, און וואָס לענגער כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אינעם מיידעלע, אַלץ מער האָב איך אין איר אויסגעפֿונען ענלעכס מיט מײַן קינד. איך האָב געהאַט וועגן וואָס און איבער וואָס זיך צו פֿאַרטראַכטן. איינס איז פֿאַר מיר געווען אינגאַנצן קלאָר: קוים האָט זי דערלאָזט, אַז מע זאָל אַרויסהענגען דאָס דאָזיקע בילד אירס אין שוי־פֿענצטער, הייסט עס, זי האָט ניט געהאַט פֿון וועמען אויסצובאַהאַלטן, אַז זי איז אַ מאַמע. זי האָט געקאָנט נאָך אונדזער באַגעגעניש, ווען זי האָט דערפֿילט, אַז זי דאַרף ווערן אַ מוטער, כאַסענע האָבן, פֿאַרזיכערן דעם מאַן אירן, אַז ער איז דער פֿאָטער פֿונעם קינד, כאָטש עס איז געבוירן געוואָרן פֿריִער, ווי ער האָט עס דערוואַרט. אין יענע יאָרן האָט אַזוינס געקאָנט פּאַסירן. איך ווייס אַליין פֿון אַ פֿאַל, ווען אַ פֿרוי, וואָס פֿלעגט באַקומען פֿון איר מאַן אַפֿן פֿראָנט ניט נאָר בריוו, נאָר אויך געלט אױף זײַן אַטעסטאַט, האָט אויסבאַהאַלטן פֿון אים, אַז זי האָט פֿאַר דער צײַט שוין באַוויזן כאַסענע האָבן פֿאַר אַן אַנדערן. זי איז ניט געווען איינע אַזאַ, ס׳האָט אויך געקאָנט טרעפֿן, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, אַז ס׳האָט זיך אָפּגעזוכט איר פֿאַרלוירנגעגאַנגענער מאַן, און וויבאַלד ער האָט, פֿון זינט ער איז אַוועק אַפֿן פֿראָנט, ניט דערהאַלטן פֿון איר קיין איין בריוו, פּונקט ווי זי פֿון אים, איז ווייסט ער דאָך ניט, אַז דאָס קינד זייערס איז אונטערוועגנס געשטאָרבן. און אַז זי האָט אים געבוירן אַ ייִנגעלע האָט ער דאָך אויך ניט געוווּסט. ווען עס זאָל אַפֿילו אָפּקומען בײַ אים אַ כשד, איז בײַ וועמען וועט ער זיך גיין אָנפֿרעגן, צי זי האָט אים געבוירן אַ ייִנגעלע צי אַ מיידעלע, אויב אַלע דאָקומענטן זײַנען בײַס דער עוואַקואַציע בײַ איר פֿאַרפֿאַלן געגאַנגען...

וואָס האָב איך די אַלע יאָרן ניט איבערגעקלערט און ניט איבערגעטראַכט. שטעלט זיך פֿאָר מײַן לאַגע, דעם צושטאַנד פֿון אַ פֿאָטער, וועלכער האָט אַ קינד, וואָס איז אינגאַנצן ענלעך אױף אים און ניט נאָר ער האָט עס נאָך ניט געזען, ער האָט אַפֿילו ניט די מינדסטע האָפֿענונג עס ווען־ניט־איז צו זען, העלפֿן דעם... איצט איז דאָס מיידעלע, אויב עס לעבט, געוויס פֿון לאַנג שוין אַ מאַמע, אַ מוטער פֿון מײַנע אייניקלעך, וועלכע איך קען ניט און וועל זיי אויך קיינמאָל ניט זען.

ס׳איז דורך פֿון דעמלט העכער דרײַסיק יאָר, און ביז איצט קאָן איך ניט פֿאַרשטיין און וועל עס, מיסטאָמע, קיינמאָל ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן פֿון מיר. זי האָט ניט געוווּסט, וועט איר זאָגן, מײַן פֿאָטער־נאָמען און די פֿאַמיליע. איז ווי האָט זי, הייסט עס, געקאָנט מיך געפֿינען? זי האָט דאָך אָבער געוווּסט, וווּ איך אַרבעט, אַז איך בין אַן אינזשעניער. ווען זי וויל, וואָלט זי מיך אָפּגעזוכט. שווערער פֿון אַלץ איז דערלאָזן דעם געדאַנק, אַז איך האָב זיך דעמלט פּאָשעט באַגעגנט מיט אַ פֿרוי, וואָס האָט זיך אויסגעבענקט נאָך אַ מאַנצבל, נאָך צערטלעכקײַט, עמעס, קיין מיִעסער יונגערמאַן בין איך דעמלט ניט געווען.

— איר זײַנט נאָך אויך איצטער, גענאַדי לאַזאַרעוויטש...

סאַרין האָט אָפּגעשטעלט וויקטאָרן מיט דער האַנט, ער זאָל צוואַרטן מיטן לויבגעזאַנג, וואָס ער האָט אים צו מאַכן וועגן זײַן איצטיקן אויסזען, אַ זאַך, וואָס גייט אים איצט קנאַפּ וואָס אָן. און פֿאַרענדיקט:

— יאָ, מיר איז שווער געווען דערלאָזן דעם דאָזיקן געדאַנק, ניט געקוקט דערויף, וואָס אין יענע יאָרן פֿלעגן זיך טרעפֿן פֿרויען, וואָס זײַנען אײַנגעגאַנגען צו ווערן מוטערס, ניט האָבנדיק קיין אויסזיכטן אױף שאַפֿן אַ מישפּאָכע. און דאָס איז ניט שווער צו פֿאַרשטיין. אַן איינזאַמע מוטער, ווי ס׳איז אָנגענומען עס צו רופֿן, איז פֿאָרט ניט דאָס זעלבע וואָס אַן איינזאַמע פֿרוי. נאָר אַדען האָט ניט געדראָעט פֿאַרבלײַבן אַן איינזאַמע פֿרוי, ווען זי זאָל עס אַפֿילו וועלן. זי איז פֿון יענע פֿרויען, אין וועלכע מע פֿאַרליבט זיך צומאָל גיכער, ווי אין אַ געטאָקטער שיינהײַט. דרײַסיק יאָר זײַנען דאָך שוין אַריבער, און איך קאָן אַלץ נאָך ניט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס האָט זי מיך ניט אָפּגעזוכט? עפּשער וועט איר מיר, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש, אַנטפּלעקן דעם סאָד?

— איר האָט זי טאַקע מער ניט באַגעגנט? — סטרעלצאָוו האָט ניט אויסבאַהאַלטן פֿון סאַרינען, אַז ער דערוואַרט פֿון אים הערן אַן אַנדער סאָף, אַזאַ ווי אין די פֿילמען, וועלכע ער האָט די לעצטע צײַט געזען, אַ פֿריילעכן און גליקלעכן סאָף, ווײַל דאָס, וואָס סאַרין האָט ביז איצט דערציילט, האָט ער טיילוויַיז אויפֿגענומען ווי אַן איבערדערציילטע געשיכטע פֿון

א פילם, — עפּעס קאָן איך זיך עס ניט פאָרשטעלן. איך זע נאָך אײַך נאָך, אז איר האָט זי באַגעגנט, נאָר צו שפּעט קאָן זײַן. יאָ?

— און וואָס האָב איך געזאָגט?

נאָר דער פּאַסאַזשיר פון אויבן, אויזער עלקין, צו וועמען ס'האָט זיך געווענדט וויקטאָר, בעמענדיק אים פאַר אן אײדעס, אז ער, וויקטאָר, האָט פאַרויסגעזאָגט, מיט וואָס ס'וועט זיך ענדיקן די דאָזיקע געשיכטע, אז זיי וועלן סאָפּקאָלסאָף אָפּזוכן איינער דעם אנדערן, איז גאָר, דאַכט זיך, געשלאָפן. שוין דערמיט אליין, וואָס ער איז די גאַנצע צײַט געלעגן מיט צוגע־מאַכטע אויגן האָט ער ווי געגעבן די שכיינים זײַנע אָנצוהערן, אז כוץ דעם, וואָס אים גייט ניט אָן די גאַנצע געשיכטע, איז זעט אים ביכלאַל אויס פּריקרע: ווי קאָן עס א מענטש, א באַיאָרטער נאָך דערצו, זיך אוועקזעצן דערציילן א געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן אונטער־וועגנס צווישן א מאַנצבל און א פרוי מיט איבער דרײַסיק יאָר צוריק? אויזער באַריסאָוויטש האָט מיט זײַן האַלטן זיך געמאַכט אָף סאַרינען אָן אײַנדרוק, ווי ער זאָל אים וועלן פרעגן: וועמען קאָן אָנגיין אָט דאָס, וואָס ער דערציילט? ניט געפונען מער קיין וויכטיקערס, וואָס צו דערציילן וועגן יענער צײַט? מעגלעך, ער איז גערעכט. נאָר קוים האָט ער, סאַרין, פון סאַמע אָנפאַנג גאָרניט דורכגעלאָזט, וועט ער אויך גאָרניט דורכלאָזן אינעם ווײַטערדיקן, כאָטש וועגן דעם ווײַטערדיקן איז אייגנטלעך ניטאָ באַזונדערס וואָס צו דערציילן.

— די מילכאָמע האָב איך פאַרענדיקט אָפן ווײַטן מיזרעך. דעמאָביליזירט האָט מען מיך קימאַט אין א יאָר אַרום נאָכן זיג, און כ'האָב זיך אומגעקערט אהיים, ניט צוריק אהין, פונ־וואַנען איך האָב זיך עוואַקויִרט מיטן זאַוואָד, נאָר אין דעם זאַוואָדישן יישעוו, וואָס מיר האָבן געבויט אין סטעפּ. איצט איז עס שוין ניט קיין יישעוו, נאָר א גאַנץ היפּשע שטאָט, ניט קיין קלענערע פון דער, וווּ מיר האָבן געוווינט פאַר דער מילכאָמע. און שענער אַוודע.

אין דער היים באַ מיר איז מער אָדער ווייניקער אַלץ געווען אין אָרדענונג. קיינער האָט ניט געהונגערט. קיינער איז ניט געגאַנגען נאַקעט. די פרוי האָט געאַרבעט, זי איז א ביבליאָ־טעקערן. די קינדער האָבן זיך געלערנט. איך בין אָנגעקומען צוריק אָפן זאַוואָד, און ווי שווער עס איז נאָך דעמלט ניט געווען דאָס לעבן, בין איך אָבער געווען גליקלעך. איך בין, ווי מע זאָגט אין אזוינע פאַלן, זיך אליין געווען מעקאַנע. אײַך, אנדריי סטעפּאַנאָוויטש, דאַרף איך זיכער ניט דערציילן, וויפל פראָנטאָוויקעס האָבן, אומקערנדיק זיך פון דער מילכאָמע, קיינעם פון די אייגענע ניט געטראָפן און באַדאַרפט פונסנײַ פאַרפירן א לעבן, אָנהייבן אַלץ פון אָנהייב. מיט איין וואָרט, איך האָב זיך געקאָנט האַלטן, און כ'האָב זיך טאַקע געהאַלטן, פאַר א גליקלעכן צווישן די גליקלעכע. אין א יאָר אַרום בין איך שוין געוואָרן א טאַטע פון א דריט קינד, פון א ייִנגעלע, וואָס איז שוין איצט אליין א טאַטע. דאָס לעבן איז זיך געגאַנ־גען מיט זײַן גאַנג. ערשט מיטאַמאָל, איך האָב שוין געהאַט באַלד פאַרגעסן די געשיכטע מיט דער פאָטאָ, וואָס כ'האָב צופעליק דערזען אין שוי־פענצטער, ווי ס'האָט מיך ווידער אָנגע־כאַפּט א נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך יענער, און וואָס א טאָג, אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, מעשוגע צו ווערן. איך האָב געבענקט נאָכן פלאַם פון אירע אויגן, נאָכן פראָסט פון אירע בלענדנדיקע ציין, נאָכן טוי פון אירע ליפּן, נאָך איר צאַרט צאַפּלדיקן לײַב. אָן אָט דער דאָ־זיקער בענקשאַפט, אָן אָט דעם דאָזיקן גלוסט איז ניטאָ, ווי כ'האָב אײַך שוין געזאָגט, קיין עכטע ליבע. אַלע ווייסן עס, נאָר מע שעמט זיך עס זאָגן, און איך, ווי איר זעט, זאָג עס אַרויס אײַך אָפן.

דער פאָטאָגראַף, האָב איך פאַרשטאַנען, האָט ניט געהאַט, מיט וואָס מיך צו דערפרייען, און עפּשער האָט ער מיר יאָ געענטפערט, נאָר ס'איז צו מיר ניט דערגאַנגען. אָנפרעגן זיך באַ אים, איז ניט איך ווייס ווי מע רופט אים, ניט איך ווייס זײַן אַדרעס. און כוץ דעם, ווי מיר האָט זיך פאַרגעדענקט, איז ער אויך פון די עוואַקויִרטע, און מיסטאָמע שוין פון לאַנג זיך אומגעקערט צו זיך אהיים... כ'ווייס אליין, אז עס איז געווען לײַכטזיניק זיך לאָזן פאָרן קיין סאַראַטאָוו און פרוּוון זיך דאָרט עפּעס דערוויסן. כ'האָב אָבער גאָרניט געקאָנט טאָן מיט זיך. שרעקט אײַך ניט. ס'האָט ניט געהאַלטן באַ דעם, איך זאָל זיך פאַנאַנדערגיין מיט מײַן פרוי. גאָט באַהיט. איז צוליב וואָס, וועט איר פרעגן, האָב איך אזוי געשטרעבט זיך זען מיט יענער? מעגלעך, מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אז איך וועל אין איר דערזען אן אנדערע, ניט די, נאָך וועלכער איך גיי אויס פון בענקשאַפט. אין לעבן טרעפט אזוינס, און ניט זעלטן, ווען מע דערזעט פאַר זיך אין יאָרן אַרום ניט די, וועלכע מע האָט אזוי געגאַרט זען, נאָך וועלכער מע האָט אזוי געבענקט...

געקומען קיין סאַראַטאָוו, האָב איך לײַכט אָפּגעזוכט די פאָטאָ־אַטעליע מיטן ברייטן שוי־פענצטער. איר בילד האָב איך אין דער וויטרינע ניט געטראָפן, פאַרשטייט זיך. דאָרט

זײַנען געווען אַרויסגעהאַנגען שוין גאָר אַנדערע בילדער, מײַנסטנס פון מאַנצבלען אין ציווילע קליידער.

פונעם יונגנמאַן, וועמען כ'האָב געטראָפן אין דער פאָטאָ־אַטעליע, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אַלטער, וואָס האָט דאָ געאַרבעט בײַס דער מילכאָמע, איז נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק געשטאָרבן. ווּ איז די פאָטאָגראַפיע, אַף וועלכער כ'האָב זיך נאָכגעפרעגט, האָט דער יונגערמאַן מיר ניט געקאָנט ענטפערן. אויב די פרוי האָט די פאָטאָגראַפיע ניט אויסגעקויפט, האָט ער מיר געזאָגט, איז מעגלעך, אַז זי האָט זיך דאָ ערגעץ פאַרוואַלגערט. ער קאָן מיר, אויב איך וויל, געבן דורכקוקן די פאָטאָס פאַר די לעצטע יאָרן, וואָס האָבן זיך בײַ זיי פאַרהיט, און גיט דערבײַ צו:

— צוזאַמען מיטן אַלטן האָט געאַרבעט זײַנער אַ זון, אַ יונגער באָכער, אַ ביסל אַ הינקענדיקער. מע דערציילט וועגן אים ניט קיין שיינע זאַכן. באַ אים, מעגלעך, וואָלט איר געקאָנט עפּעס דערגיין, נאָר דער טײַוול ווייסט אים, ווּ ער איז. דאַכט זיך, אַז ער זיצט. מע האָט באַ אים געפונען, זאָגט מען, פאָטאָס פון האַלב נאַקעטע און אַפילע פון נאַקעטע פרויען. ער האָט דערפון געמאַכט געלט.

צוויי טעג בין איך אָפּגעזעסן אין דער פאָטאָ־אַטעליע און דורכגעקוקט אַלע פּאַפּקעס און קאָנווערטן מיט די בילדער, וואָס האָבן זיך באַ זיי פאַרהיט פאַר די אַלע יאָרן. און ווען כ'האָב שוין געהאַט אײַנגאַנצן אָנגעוווירן די האָפענונג, אַז כ'וועל אָפּזוכן דאָס בילד, ווּ זי איז פאָטאָגראַפירט מיט מײַן מיידעלע, האָב איך עס מיטאָמאָל דערזען. דאָס איז אָבער געווען אַן אַנדער בילד, וואָס האָט מיך גלײַך אָפּגעשטויסן. זי איז געווען פאָטאָגראַפירט אין אַ דורכזיכטיק דין קאָפּטל, וואָס האָט זיך נידעריק אַראָפּגעגליטשט פון אירע אַקסלען און קימאַט אײַנגאַנצן אַנטבלויזט די נאַקעטע בריסט. דאָס האָט מיך פון איר גלײַך אָפּגעשטויסן. זי האָט מיך אָפּגעשטויסן מיטן צופרידענעם שמייכל, מיט דעם צווזשמורען די אויגן. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט דעמלט וויסן — צי זי האָט זיך פאָטאָגראַפירט, איידער זי איז געוואָרן אַ מאַמע פון מײַן קינד, צי נאָך דעם... איך האָב דאָס בילד צוגענומען, ריכטיקער געזאָגט, צוגעגאַנוועט. כ'האָב דאָך ניט געקאָנט ווײַזן דעם פאָטאָגראַף, ער זאָל זען, אַף וועמען פרעג איך זיך עס אַזוי נאָך...

— און וואָס איז געווען ווײַטער? — האָט געפרעגט וויקטאָר, ווען גענאַדי סאַרין איז געבליבן זיצן, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אײַנעם ווענטל און געשוויגן.

— ווײַטער? — סאַרין האָט זיך אופגעהויבן, — וואָס האָט געקאָנט זײַן ווײַטער, אויסער דעם, אַז איך האָב זיך אומגעקערט אהיים שוין אָן דער נאָגנדיקער בענקשאַפט, וועלכע האָט מיך אַראָפּגעבראַכט קיין סאַראַטאָוו. אָט וועגן וואָס, מײַן טײַערער וויקטאָר, עס האָט מיר דערמאָנט די געשיכטע, וועלכע איר האָט אונדז דערציילט וועגן דעם מיידל. און איצט וועלן מיר מאַכן נאַכט.

ווען סאַרין איז שוין געלעגן אונטער דער קאָלדרע, האָט פון דער אייבערשטער פּאָלקע זיך אַראָפּגעבויגן אויזער עלקין און קימאַט שעפּטשענדיק, ווי ער זאָל עס וועלן אויסבאַהאַלטן פון די איבעריקע צוויי מיטפאָרער, געפרעגט:

— איר האָט פאַרהיט באַ זיך די פאָטאָגראַפיע?

— ניין. — דערפילט לויט יענעמס הוסט, אַז ער האָט ניט דערוואַרט פון אים אַזאַ ענטפער, האָט סאַרין אין אַ ווײַלע אַרום, אָן איבעריקן כײַשעק פאַרזעצן דעם דאָזיקן געשפּרעך, זיך אָנגערופן: — ביז ניט לאַנג צוריק איז די פאָטאָ נאָך געווען באַ מיר. ס'האָט זיך מיר אײַנגעגעבן זי אויסבאַהאַלטן פון מײַן פרוי. נאָר אַנומלטן, פאַנאַנדערקלײַבנדיק די פּאַפּירן אינעם טישקעסטל, ווּ איך האָב געהאַלטן די פאָטאָ, האָב איך זי דאָרט שוין ניט געזען. קאָן זײַן, אַז איך האָב זי פאַרשטעקט אין אַן אַנדער אָרט און געדענק ניט ווּ. די פרוי מײַנע זאָל זי געווען געפינען, וואָלט זי עס פון מיר ניט אויסבאַהאַלטן...

— און וואָס וואָלט איר געזאָגט אײַער פרוי, ווען זי געפינט באַ אײַך דאָס דאָזיקע בילד? — האָט, פאַרטרײַבנדיק פון אַלעמען דעם שלאָף, זיך ווידער געלאָזט הערן אָזאַר באַריסאָוויטש.

— נו, פאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט זיך ניט אָוועקגעזעצט איר אויסדערציילן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב הײַנט דאָ אײַך דערציילט. מיסטאָמע וואָלט איך געפונען וואָס צוטראַכטן. כ'האָב געפונען די פאָטאָ אין גאַס, וואָלט איך איר געזאָגט, עמעצער האָט, קענטיק, זי צופעליק פאַרלוירן... אַ גוטע נאַכט.

— אַנטשולדיקט, איר געדענקט ניט, אינעם קאָפּטל באַ איר האָט געשטעקט אַ בלום?

סאַרין האָט זיך אופגעזעצט.

דער שלאָף האָט אין איין רעגע זיך אָפּגעטאָן אויך פון סטרעלצאָוון און נעטשאַיעוון. זיי

האָבן זיך אופגעזעצט אַף זייערע געלעגערס, ריכטנדיק זיך באַלד דערהערן די אויסטערלישע פאַרזעצונג פון דער אויסטערלישער געשיכטע.

— מיר דוכט זיך, — די שטים, וואָס איז געקומען פון דער אייבערשטער פּאָלקע איז געווען אַ שטים פון אַ מענטשן, וועמען עס גייט קנאַפּ אָן, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק מאַכט ער אַף יענעם מיט זײַנע רייד. — מיר דוכט זיך, אַז פּונקט אַזאַ פּאַטאָ, ווי איר האָט אונדז דאָ אויסגעמאָלט, האָב איך געזען בא איינעם מײַנעם אַ באַקאַנטן, כ׳קאָן זיך אָבער נאָך אַלץ ניט דערמאָנען בא וועמען. איך מיין, אַז דער, בא וועמען כ׳האָב געזען דאָס בילד, וואָלט אײַך געקאָנט מיטהעלפן געפינען די פרוי, וועלכע איר זוכט.

— איך זוך זי ניט. זי גייט מיר שוין איצט ניט אָן, און ווי איר פאַרשטייט, ניט בלויז, ווײַל ס׳איז אַ געשיכטע פון איבער דרײַסיק יאָר צוריק.

— אָבער מיט דער טאָכטער אירער, וויבאַלד איר זײַט זיכער, אַז ס׳איז אײַערע, וואָלט איר זיך דאָך, מיסטאָמע, וועלן זען?

— אָ, ווען דאָס איז מעגלעך...

— פאַרוואָס איז דאָס ניט מעגלעך? כ׳דאַרף זיך נאָר דערמאָנען, בא וועמען האָב איך געקאָנט זען די פאָטאָגראַפיע. מע ווערט צוביסלעך אַלט. ס׳איז שוין בא מיר ניט דער זיכּרון, וואָס געווען...

נאָר גראָדע ער, אויזער עלקין, האָט דערווײַל ניט געהאַט דעם מינדסטן סמאַך צו זאָגן וועגן זיך אַזוינס. אַפילו אין פאַרגלײַך מיטן יונגן וויקטאָרן וואָלט ער נאָך אויך ניט געקאָנט זיך באַקלאָגן אַפן זיכּאָרן. ער האָט, דאַכט זיך, גאָרניט פאַרגעסן פון דעם, וואָס איז זיך מיט אים פאַרלאָפן אין לעבן ניט נאָר אין די ווײַטע קינדערשע און יינגלשע יאָרן, נאָר אויך אין דעם פיל שפּעטערן עלטער, ווען מיט אים איז זיך פאַרלאָפן אַזעלכס, וואָס ער וואָלט וועלן פאַרגעסן. צי דערפאַר, וואָס ער האָט דערפון אָפט געטראַכט, צי ס׳איז געקומען פון זיך אַליין, נאָר צײַטנווײַז האָט זיך אים אויסגעגעבן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרטרײַבן פון זיך, פאַרגעסן, האָט זיך אָפּגעטיילט אין זײַן זיכּאָרן מיט אַ טויב ווענטל פון דעם, וואָס ער באַמיט זיך פאַרגעדענקען, ווי עס האָט זיך אָפּגעטיילט דער כוישעך פון דער ליכט, דאָס וואַסער פון דער יאַבאָשע באַם באַשאַפן די וועלט. דער דאָזיקער פאַרגלײַך איז בא אים אויך אופגעקומען פון זיך אַליין, ארויסגעשווומען פון די ווײַטע יינגלשע יאָרן, וועלכע האָבן ביז איצט נאָך פאַרהיט אין אים די ערשטע בלעטלעך פונעם כומעש, וואָס ער האָט נאָך באַוויזן לערנען אין כיידער. דאָס טויבע ווענטל, וואָס האָט צײַטנווײַז אָפּגעטיילט אין זײַן זיכּאָרן דאָס, וואָס ער וויל פאַרגעסן פון דעם, וואָס ער שטרעבט פאַרגעדענקען, האָט ער צומאָל געפילט אין זיך אַזוי מאַמאַשעסדיק, אַז ער וואָלט עס, דאַכט זיך, געקאָנט אָנטאַפּן מיט די הענט. לאַנג אָבער האָט עס ניט געקאָנט אַזוי אָנהאַלטן. דאָס ווענטל איז געווען צו שוואַך אַף קעגנשטעלן זיך די כוואַליעס אין זײַן זיכּאָרן, ווען זיי פלעגן זיך צעשפּילן און אַלץ איבערמישן. אופשטעלן אין אַזוינע פאַלן דאָס אַראָפּגעטראָגענע ווענטל, אַז עס זאָל צאַמען די צעבושעוועטע כוואַליעס, איז געווען איבער זײַנע קויכעס. אויזער האָט עס געוווּסט. האָט ער ווי אַ זײַטיקער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אים, און געדולדיק געוואַרט, ס׳זאָל פון זיך אַליין זיך אײַנשטילן.

אָט דאָס אַלץ האָט פּאַסירט מיט אים אויך אַצינדער. די צעבושעוועטע כוואַליעס האָבן אַראָפּגעטראָגן דאָס ווענטל, און ער מאַכט ניט דעם מינדסטן פּרווו אײַנצוצאַמען דעם זיכּאָרן זײַנעם, וואָס רײַסט זיך אַף דער פרײַ. פאַרקערט, ער העלפט אים מיט זיך ארויסרײַסן אַף דער פרײַ. ער קערט אַף קיין רעגע ניט אָפּ די אויגן פון דעם מאַנצבל, וואָס ליגט אַנטקעגני־בער אַף דער אונטערשטער פּאָלקע. נאָך פאַר דעם, ווי דער דאָזיקער מענטש האָט אים באַשטעטיקט, אַז בא דער פרוי מיט די שוואַרצע פלאַמיקע אויגן האָט אינעם אַראָפּגעגליטשטן דורכזיכטיקן קאָפּטל געשטעקט אַ בלום, האָט ער, אויזער, שוין ניט געצווייפלט, אַז דאָס אַלץ, וואָס אָט דער מענטש האָט זיי הײַנט דערציילט, איז וועגן אַדען, וועגן זײַן, אויזערס, פרוי. אויזער שליסט אײַן דאָס קליינע לעמפּל באַם צוקאָפּנס. ער קאָן קיין רעגע ניט פאַרבלײַבן מער אין דער פינצטער, קיין רעגע ניט אָפּווענדן זײַן בליק פון דעם, ווער ס׳איז דרײַ מעס־לעס געווען אַדעס מאַן, פון דעם, וועלכער איז ליובעס פאָטער, דער זיידע פון אירע צוויי מײַ־דעלעך. און ווער איז איצטער ער, אויזער? אַ געוועזענער מאַן, אַ געוועזענער טאַטע, אַ געוועזענער זיידע, אַ פרעמדער בא זיך אין דער היים, אַ פרעמדער און אַן איינזאַמער!

פונעם ווייטעק, וואָס האָט אין אים אַלץ צונויפגעפרעסט, האָט ער צוגעמאַכט די אויגן. ער האָט זיי אָבער גלײַך צוריק געעפנט און ווידער ניט אָפּגעקערט דעם בליק פון סאַרינען. וו׳אַזוי ער האָט זיך דערבײַ ניט געוועלט מיט זיך אַליין, האָט ער אַלץ ניט געקאָנט זיך בײַ־קומען, אַז ער זאָל, קוקנדיק אַף אָט דעם מענטשן, ניט זען לעבן אים זי... אויזער פאַרקריצט

די ציין, ער זאָל פון וויטעק ניט נעמען שרײַען, כאַפּט ארום דאָס קישעלע, פּאַרגראָבט אין דעם דאָס פּאָנעם.

די כוואַליעס, וואָס האָבן אראָפּגעשווענקט דאָס ווענטל, וועלן באלד צעשפּארן אים דעם שאַרבן. דער זיקאָרן לאָזט גאָרניט דורך, גראָבט אַלץ טיפער און טיפער. פון דער צווייאָר־טיקער קופּע אינעם צווישנפּעלקערלעכן וואַגאָן, וווהין דער זיקאָרן האָט אים צום ווײַפּלטן מאָל שוין הײַנט ווידער געבראַכט צו פירן, טראָגט ער אים אריבער אין קאָנטאָר פון דער שוועבל־פאַבריק, ווו ער האָט זיך באַקאַנט מיט דער יונגינקער מאַשיניסטקע אַדע.

6

איר איז דאַן געגאַנגען דאָס אכצנטע יאָר און אים דאָס פיר־און־צוואַנציקסטע. ער האָט אָבער צו יענער צײַט שוין באַוויזן ענדיקן דעם עלעקטראָמעכאַנישן טעכניקום און איז געווען דער עלטסטער עלעקטריקער אַף דער שוועבל־פאַבריק. אַדע איז אים געפעלן, זייער געפעלן. נאָר ניט איר און ניט זיך האָט ער קיינמאָל ניט געזאָגט, ניט געקאָנט עס זאָגן, אַז ער האָט זיך אין איר פאַרליבט פונעם ערשטן בליק. אַפילו נאָך דעם, ווי ער האָט מיט איר ארומגע־שפּאַצירט, און אויך נאָך דעם, ווי זי איז געוואָרן זײַן ווײַב, האָט זי אים אויך ניט אויסגעזען אַזאַ, ווי ס'האָט זי דאָ הײַנט אויסגעמאָלט אָט דער גענאַדי לאַזאַרעוויטש. וואָס האָט ער זיך עס, סאַריק, פּלוצעם צעלאַכט אין שלאָף?

ווי ער זאָל געווען מיטאַמאָל פאַרטראַכטן עפּעס גרויזאַמס, האָט אויזער זיך געגעבן האַ־סטיק א הייב אוף און געבליבן זיצן, די פּיס אראָפּגעהאַנגען פון דער פּאָלקע. ניט פון אים, אויזערן, לאַכט ער עס? אויזער הערט זיך צו. סאַריק שלאָפט צי ער מאַכט זיך, אַז ער שלאָפט?

דער זיקאָרן רייצט אים אונטער: פאַרשטייסט דען ניט, אַז דער מענטש, וועלכן מע רופט גע־נאַדי, און וואָס בלויז דערפון אליין שוין דאַרפסטו פּילן אַן עקל צו דעם דאָזיקן נאָמען, פונקט ווי צו דעם נאָמען אַדע, אַז אָט דער דאָזיקער מענטש, ווי נאָר דו האָסט אים געפרעגט וועגן דער בלום, האָט זיך גלײַך אַנגעשטויסן, ווער דו קערסט זיך אָן מיט דער, וועלכע איז אין מעשעך פון דרײַ מעסלעס געווען זײַן פרוי? די איבעריקע צוויי פּאַסאַזשירן האָבן זיך עס אויך אָנגעשטויסן. דערפאַר זײַנען זיי אַנשוויגן געוואָרן, דיך גאָרניט געפרעגט.

ניין, זי איז ניט געווען אַזאַ שיינע, ווי דער דאָזיקער האָט זי אויסגעמאָלט, — דער זי־קאָרן האָט אים אומגעקערט צוריק צו דעם, פון וואָס עס האָט אים געהאַט אָפּגעפירט אָן א זײַט סאַריקס זיך צעלאַכן אין שלאָף, — זי איז געווען א געוויינלעך מיידל. צעבליט האָט זי זיך קענטיק, ווען זי איז געוואָרן א מוטער. אַפן בילד, אַף וועלכן זי איז פאָטאָגראַפירט מיטן טעכטערל, מיט ליובאָטשקען, זעט זי ווירקלעך אויס שיין. פון יענער צעבליטער אַדען האָט זיך אין איר בלויז פאַרהיט דער אָפּגלאַנץ פונעם פּנים אין די גרויסע שוואַרצע אויגן, וואָס באַהאַלטן אויס אין זייער שאָטן די סימאָנים פונעם אָנקומענדיקן עלטער און נאַרן דערמיט אַף אי זיך, אי יענעם. צו די, וואָס לאָזן זיך נאַרן, געהערט אויך ער, אויזער. אַדע איז פאַר אים ביז איצט נאָך אין דעם זעלבן עלטער, אין וועלכן ער האָט זי געהאַט איבערגעלאָזט, ווען מע האָט אים אָוועקגעשיקט אַף מיליטערישע קורסן. דאָס איז געווען קנאַפּע אָנדער־האַלבן יאָר פאַרן קריג.

אין די בריוו, וואָס ער האָט פון איר דערהאַלטן, זײַענדיק אַף די מיליטערישע קורסן, האָט זי מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט, אַז זי באַגעגנט זיך מיט א צווייטן, מיט א כאַרקאָווער סטודענט, וועלכער פּראַקטיקירט בא זיי אַף דער שוועבל־פאַבריק. ווען ער האָט זיך אומגע־קערט, אויזער, פון די קורסן און זי געפרעגט וועגן דעם, האָט זי ניט אָפּגעלייקנט. זי האָט אים געענטפערט מיטן זעלבן שמייכל, וואָס אַף דער פאָטאָ, א שמייכל, וואָס באַטײַט: „נו, וואָס בין איך שולדיק, אַז איך בין געפעלן, אַז מע פאַרליבט זיך אין מיר...” און געײַלט דער־בײַ צוגעבן:

— נאָר אויסער דיר איז מיר קיינער ניט אָנגעגאַנגען. דיך איינעם, מײַן טײַערער, האָב איך ליב.

ווען ער זאָל געווען דערין צווייפלען, וואָלט ער אין א כוידעש ארום נאָך זײַן צוריקקערן זיך פון די קורסן ניט כאַסענע געהאַט מיט איר. ער איז ניט געווען קיין פאַרזעסענער באַ־כער, און א ייִנגל איז ער געווען, וואָס האָט געקאָנט געפעלן ווערן, כאָטש ער איז ניט געווען

אזא שלאנקער און וווקסיקער, ווי אָט דער גענאַדי סאַרין, וועלכער האָט זיך באַרימט, אַז אין דער יוגנט זײַנען בא אים געווען שיינע בלויע אויגן און געקרײַזלטע לאָקן, ווי בא דעם מיידעלע, וואָס אדע האלט אַף די הענט. ער, אויזער, איז געווען אַ געוויינלעכער באַכער און אליין ניט געוווסט, מיט וואָס האָט ער עס אַזוי אויסגענומען בא די מיידלעך, וואָס זיי האָבן געגאַרט זיך מיט אים צו באַקענען. אדע, ווען זי האָט אים צום ערשטן מאָל דערזען אַרײַנקומען אין קאַנטאָר, האָט אויך געגאַרט זיך צו באַקאַנען מיט אים. זי האָט נאָך דער כאַסענע עס אים אַליין געזאָגט. זי האָט דערפילט אין אים מענערישקײַט, און דאָס, האָט זי אים געזאָגט, געפעלט אין אַ מאַנצבל מער, ווי שיינקײַט.

אויזער לאָזט זיך פירן פון זײַן זיקאָרן, וועלכער קלײַבט אַלץ צונויף, ווי אַן אָנגעפלויגע־נער ווינט קלײַבט צונויף די אָפּגעפאַלענע בלעטער און קערט זיי צונויף אין איין קופּע.

אַרײַנקומענדיק איינמאָל אַף דער פּאָסט, — דאָס איז געווען אין אַ קורצער צײַט אַרום נאָך דער כאַסענע, — האָט ער דערזען זײַן אַדען באַם פענצטערל, ווו מע גיט אַרויס בריוו. זי האָט אים ניט באַמערקט. דעם בריוו, וואָס זי האָט דערהאַלטן, האָט זי איבערגעלייענט, ניט אָפּגייענדיק פונעם פענצטערל, דערנאָך אים צעפליקט אַף פיצלעך און אַרײַנגעוואָרפן אינעם דערבײַשטייענדיקן געפלאָכטענעם קוישל. ער האָט ניט געקווענקלט, אַז דער בריוו איז פונעם סטודענט. ס'איז אָפּגעגאַנגען אַ רעגע, אַז ער זאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן צופאַלן צום קאָרב, אַרויסנעמען פון דאָרט די צעפליקטע שטיקלעך פאַפּיר און זיי צונויפשטעלן. וואָס וואָלט עס אים געגעבן? ער וואָלט זיך דאָך איבער דעם מיט איר ניט פאַנאַנדערגעגאַנגען. ער איז ניט געווען גרייט דערצו. ער וואָלט זיך בלויז דערנידעריקט אין אירע אויגן. ניטאָ קיין געפערלעכערס, ווי אַנטפּלעקן פאַר יענעם די אייפערזיכטיקײַט אין זיך, כאָטש יעדער איינער ווייסט, אַז אָן דעם דאָזיקן געפיל איז ניטאָ קיין עכטע ליבע. ס'איז אָבער אויך ניטאָ קיין מער געפערלעכערס ווי לאָזן זיך אײַנריידן, אַז ס'האָבן דיך אָפּגענאַרט די אייגענע אויגן, די איי־גענע אויערן, דאָס אייגענע הארץ. אדע האָט דעמלט ניט געלייקנט, אַז זי איז געווען אַף דער פּאָסט, האָט דערהאַלטן אַ בריוו, דערנאָכדעם אים צעריסן און אַרײַנגעוואָרפן אין קאָרב. ווי האָט זי געקאָנט עס אָפּלייקענען, אויב ער האָט איר אפילע אָנגערופן די שאָ, ווען זי איז דאָרט געווען. נאָך דער בריוו, האָט זי זיך אים געשוואָרן, איז ניט פון דעם, וועמען ער איז כוישעד. זי ווייסט אַפילע ניט, ווו יענער איז. דער בריוו איז פון אירער אַ כאַווערטע, וואָס האָט זי באַליידיקט, און אַזאַ בריוו וויל זי בא זיך ניט האַלטן.

וועמען איז אים שולדיק, וואָס ער האָט דערין געגלייבט? און געגלייבט האָט ער, ווײַל ער האָט געוואָלט דערין גלייבן, פונקט ווי דער קאַפּיטאַן, וועגן וועמען עס האָט זיי דערציילט דער מענטש מיטן אָפּשטויסנדיקן נאָמען „גענאַדי", האָט ביז ער האָט ניט דערהאַלטן פון זײַן טעכטערל קיין בריוו, געהאַט געגלייבט, אַז זײַן ווײַב האָט ביז דאַן אַפילע ניט געוווסט דעם טאַם פון ווײַן. דער קאַפּיטאַן, ווי סאַרין דערציילט, האָט געמאַכט שולדיק די צײַט. אָבער אין דעם, וואָס איז זיך דעמלט פאַרלאָפן, קאָן ער דאָך, אויזער, ניט מאַכן שולדיק די צײַט! דאָס איז דאָך געווען פאַר דער מילכאָמע, פאַר דעם, ווי מע האָט זיך געקאָנט פאַרופן אַף דער צײַט און אין אַלץ מאַכן זי שולדיק, ווי דאָס האָט געוויס געטאָן, שטעלט זיך אויזער פאָר, די פרוי פונעם קאַפּיטאַן, אויב ער איז געבליבן לעבן, און איר איז אויסגעקומען זיך פאַר אים באַרעכטיקן.

אַף דער מילכאָמע איז אים ניט איין מאָל אויסגעקומען זיך ראַנגלען מיטן אייגענעם זי־קאָרן, ניט דערלאָזן, אַז דאָס, וואָס ער וויל פאַרגעסן, זאָל זיך דורכרײַסן דורכן טויבן ווענטל, וואָס אַליין דער זיקאָרן האָט אויפגעשטעלט צווישן דעם שטענדיקן און צײַטווײַליקן. און אויב עפּעס דערפון, וואָס ער וויל ניט פאַרגעדענקען, האָט פון מאָל צו מאָל זיך דאָך דורכגעריסן, האָט עס שוין אויסגעזעען אין זײַנע אויגן נישטיק און קליינלעך. ער האָט עס דערנאָך גאָרניט געדאַרפט אָפּטרײַבן פון זיך, עס איז אַליין אַנטלאָפן זיך צוריק אויסבאַהאַלטן אין דער פאַר־באָרגענער נעסט אַף יענער זײַט ווענטל. מיסטאָמע איז דאָס זעלבע געשען נאָכדעם אויך מיטן קאַפּיטאַן. ער האָט מיט דער צײַט אויך געהאַט פיל מער און וויכטיקערס, אַף וואָס זיך צו פאַרטראַכטן, איידער וועגן דעם, אַז דאָס ווײַב זײַנס האָט געטרונקען ווײַן, אויב אַפילע אים איז ניט אויסגעקומען דורכמאַכן אַף דער מילכאָמע דעם זעלבן וועג, וואָס ער, אויזער, האָט דורכ־געמאַכט: אַרײַנגעפאַלן אַפן אַנדערן כוידעש אין געפאַנגענשאַפט און אַנדערהאַלבן יאָר געפילט איבערן קאָפּ די אָנגעשאַרפטע האַק...

בא יעדן געפאַנגענעם, וואָס איז אַנטלאָפן פון לאַגער און דערמיט געשטעלט אין קאָן דאָס לעבן, איז צוזאַמען מיטן גרויסן פאַרלאַנג זיך אומקערן צוריק אַפן פראָנט גע־ווען אויך אַ טרוים, וועלכע מע האָט אויסבאַהאַלטן אין זיך איינער פונעם אַנדערן, ווי גע־שעמט זיך דערמיט — דער פאַרלאַנג צו זען זיך מיט די אייגענע. אויזער איז ניט געווען קיין

אויסנאָם, ער האָט אויך געקלערט וועגן דעם, ווען ער איז אין א קאַלטער פינצטערער נאַכט אַרונטערגעקראָכן אונטער דעם שטעכדראָט און זיך געלאָזט לויפן. אין עטלעכע וואָכן אַרום, בלאָנקענדיק א הונגעריקער, אַן אָפּגעריסענער איבער די וועלדער, האָט ער זיך ענדלעך דערקליבן צו דער פראָנט־ליניע.

אָף אַלע זײַנע בריוו, וואָס ער האָט געשיקט פונעם פראָנט קיין בוגורוסלאַן, ווו ס׳האָט זיך דאַן געפונען די צענטראַלע אַדרעסן־ביוראָ, האָט ער דערהאַלטן איין און דעם זעלבן ענטפער, אַז אין די צעטלען פון די עוואַקויִרטע איז אַדע עלקין ניט פאַרעגיסטרירט. און אום־געריכט, ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרלאָרן די האָפענונג, אַז זי לעבט, האָט ער דערהאַלטן פון איר א בריוו. פונעם דאָזיקן בריוו האָט ער זיך דערוווּסט, אַז בא זיי וואַקסט א טעכטערל, ליובינקע, וואָס איז שוין אַלט דאָס דריטע יאָר.

ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע, איז ליובינקען שוין געגאַנגען דאָס פינפטע יאָר. נאָר ניט דעמלט און ניט נאָכדעם איז אים קיינמאָל ניט אײַנגעפאַלן צו פרעגן אַדען, פונוואַנען קומט צו זייער טעכטערל אַזעלכע טונקל־בלויע אויגן, אַזוינע געקרײַזלטע לאָקן, אָדער א זאַג טאָן ווען־ניט־איז אַפילע אין שפּאַס, אַז ליובינקע איז עפּעס גאָר אינגאַנצן ניט ענלעך ניט אָף אים, ניט אָף איר. אָף וויפל ער געדענקט, האָט ער זיך וועגן דעם, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט פאַרטראַכט, דאָס האָט ניט געהערט, אַלנפאַלס, צו דעם, וואָס ער האָט גע־דאַרפט פאַרטרײַבן אָף יענער זײַט וועגנטל פון זײַן זיקאָרן, ווי דאָס איז פאַרגעקומען מיט אייניקע אַנדערע פראַגן, וואָס ער האָט געהאַט צו פאַרגעבן דעם יונגן ווײַבל זײַנעם באַם צוריקקערן זיך אַהיים. ער האָט אָבער אויסגעמיטן פאַרפירן מיט איר א רייד דערפון. ער האָט געוווּסט פאַרפריִער, וואָס זי וועט אים דערוף ענטפערן. און ווײַל ער האָט ניט געגלייבט, אַז זי איז ניט געווען פון די, וועלכע האָבן נאָכדעם אַלץ אַרופגעוואָרפן אָף דער צײַט, האָט ער זיך באַמיט זי איבעריקס ניט פּאַנאַנדערפרעגן וועגן די יאָרן, ווען זי איז געווען אָן אים, זיך באַנוגנט מיט דעם, וואָס זי אַליין האָט אים דערציילט וועגן זיך. צומאָל איז לײַכטער, ווען מע ווייסט ניט.

אייגנטלעך, וואָס פאַר א טײַנעס האָט ער ביכלאַל געקאָנט צו איר האָבן? קימאַט דרײַ יאָר האָט זי ניט געהערט פון אים, געווען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען. ס׳האָט דאָך גע־קאָנט פּאַסירן, אַז ער זאָל זיך אומקערן פון דער מילכאָמע און זי טרעפן שוין מיט א צווייטן. ציִ וואָלט ער געקאָנט עס איר מויכל זײַן און זיך צוריק מיט איר צונויפגיין?

נאָר וואָס ער זאָל ניט געווען איבערטראַכטן און ווי ס׳זאָל אים ניט געווען פּײַניקן דאָס כווישעד זײַן זי, האָט ער אָבער אָף קיין רעגע ניט פאַרגעסן, אַז זי איז די מוטער פון זײַן קינד, אַז זי האָט עס אַרויסגעראַטעוועט פונעם פײַער. און דאָס האָט איבערגעוויגן אין אים אַלץ...

אָבער איצט, ווען ער האָט צופעליק זיך דערוווּסט, אַז ניט ער איז דער פאָטער פונעם מיידעלע, וואָס ער האָט געטראָגן בא זיך אין שטוב, פונעם מיידעלע, וואָס ער האָט אַרופ־געכאַפּט אָף די הענט, עס צוגעדריקט צו זײַן שינעל, און ניט ער איז דער זיידע פון ליובעס צוויי מיידעלעך, נאָר אָט דער, וועלכער ליגט אַנטקעגן אים אָף דער אונטערשטער פּאָלקע... און אַז אַדע האָט עס אַזויפיל יאָרן אויסבאַהאַלטן פון אים...

אויזער קערט זיך האַסטיק אָפּ מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט, לאָזט אַרײַן אין זיך דעם איינ־טאָניקן רויש פון די רעדער. ער קאָן זיך לאַנג ניט פּאַנאַנדערקלײַבן, וואָס כאַזערן זיי עס אַזוי אָקשאָנעסדיק איבער. ענדלעך איז צו אים דערגאַנגען: זיי פאַרלאַנגען פון אים, אַז דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך דאָ הײַנט אָנגעהערט, זאָל ער אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ. ס׳איז דאָך נאַריש גיין פאַרפירן אָף דער עלטער, אין אַזויפיל יאָרן אַרום, כעזשבוינעס... פאַראַן פיל העכערס און וויכטיקערס, וואָס גייט אָן ניט בלויז אים איינעם, נאָר אַלעמען, אָף וואָס מע דאַרף זיך פאַרטראַכטן. דער קאַפּיטאַן האָט עס דען ניט פאַרשטאַנען? פאַרוואָס זשע האָט ער זיך צעוויינט, ווען דאָס טעכטערל האָט אים אָנגעשריבן, אַז די מאַמע טרינקט ווײַן?

די רעדער רוישן שוין ניט אַזוי, זיי הערן אָבער ניט אויף צוקלײַבן פאַר אים אַן ענטפער אָף דעם.

ווען גענאַדי האָט זיך אופגעכאַפּט, האָט ער אויזערן אין קופּע שוין ניט געטראָפן. פון אונטער דעם צעקנייטשטן קישעלע האָט אַרויסגעקוקט זײַן טונקל־געלער פּאָרטפעל, די גרויס פון א היפּש טשעמאָדאַנדל. גענאַדי האָט עטוואָס פאַרהויבן דאָס פּאָרהענגל און א קוק געטאָן אָפן האַנטזייגערל. ס׳איז נאָך געווען פרי. דער הימל איז פאַרצויגן מיט א דורכזיכטיקן נעפּל, וואָס די קורצע זומער־נאַכט האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך פאַר דער אָנקומענדיקער זון.

שטיל, ער זאָל ניט אופוועקן די איבעריקע צוויי פּאַסאַזשירן, האָט גענאַדי אָפּגערוקט ביז האַלב די טיר און אַרויסגעקוקט אין קאָרידאָר. כוץ אויזערן, האָט ער דאָרט מער קיינעם ניט

געזונט. אויזער איז געשטאַנען באַם פענצטערל און איז געווען קענטיק, אַזוי אַרײַנגעטאָן אין זיך, אַז ער וואָלט, מיסטאָמע, ניט דערהערט, ווען גענאַדי זאָל אים אַ רוף טאָן. אויסגע־וואַרט אַ ווײַלע, האָט סאַרין צוגעמאַכט צוריק די טיר און זיך געלייגט ווידער שלאָפן.

אופגעוועקט האָט אים, ווען ס׳איז שוין געווען גרויסער טאָג, וויקטאָרס טומלדיקע שטים:

— גענאַדי לאַזאַרעוויטש, וויפל איז דער שיר צו שלאָפן? גייט וואַשט זיך אײַן. די קאָנ־דוקטאָרשע טראָגט שוין פאַר־נאַנדער טיי. און איר, כאַ־ווער, — האָט ער לײַכט אַ טאָ־רע געטאָן אויזערן, וועלכער האָט מיט אַ קורצער צײַט צוריק, ווען אין קאָרידאָר האָט אָנגעהויבן ווערן טומל־דיק, זיך פארקליבן אַף זײַן געלעגער, איבערדעקנדיק זיך ביז איבערן קאָפ מיטן איי־בערשטן לײַלעך.

— כ׳האָב שוין געפריש־טיקט, — דאָס קאָל פון אונטערן לײַלעך איז ניט געווען פון קיין מענטשן, וועלכן מע האָט אופגעוועקט פון שלאָף, צי פאַר וועמען דער שלאָף איז דאָס טײַערסטע אין לעבן.

סאַרין האָט אַ ווונק גע־טאָן צו וויקטאָרן, ער זאָל לאָזן יענעם צורו.

אָפגעפרישטיקט, דורכגע־קוקט די צײַטונגען, וואָס וויק־טאָר האָט געקויפט אַף דער לעצטער סטאַנציע, אַף וועלכער דער צוג איז געשטאַנען קאַרגע פינף מינוט, אָנגעזעטיקט דאָס אויג מיט די אומעטיק־פאַרבײַלויפנדע פעלדער און טעלעגראַפישע סלופעס, האָבן אַלע דרײַ פאַסאַזשירן פון דער קופע זיך פאַרגעבן איינע און די זעלבע פראַגע, מיט וואָס פאַרפולן דעם לאַנגן זומער־טאָג, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן, און געוואָרפן דערבײַ אַ בליק אַפן פערטן פאַסאַזשיר, וועלכער האָט זיך איבערגעדעקט מיטן לײַלעך. ס׳האָט באַטײַט: צי זאָלן זיי אים ניט נאָכטאָן — זיך אויך צולייגן און דורכשטופן אַזוי אַ פאָר שאָ. פון דעם שטיקל פאַרגעניגן, וואָס מע האָט פריִער געהאַט אונטערוועגנס — דורכשפאַצירן זיך איבער די פלאַטפאָרמעס אַף די סטאַנציעס, — איז פון לאַנג שוין אפילע קיין זייכער ניט פאַרבליבן. די צוגן שטעלן זיך אָפ מאַמעש אַף געציילטע רעגעס נאָך צוויי־דרײַ שאָ פאָרן, און לאָזן זיך ווײַטער אין וועג. מע באַוויַזט ניט אַרויסגיין פון וואַגאָן, דאַרף מען שוין צוריק אַרײַנגיין. נאָכטאָן אָבער דעם פאַסאַזשיר פון דער אייבערשטער פאָלקע האָט מען זיך פאַרשעמט: ניט לאַנג ערשט אופגעשטאַנען, און שוין צוריק זיך לייגן?

צוזעענדיק, ווי סאַרין מיט סטרעלצאָוון לאַנגווײַליקן זיך באַם פענצטערל, האָט וויקטאָר זיך אָנגערופן:

— איך האָב באַ זיך אַ פּאָר ביכלעך, פאַנטאַסטיק. איינס איז וועגן קאָסמאָס. געבן עס אײַך אַ קוק טאָן, אַנדריי סטעפּאַנאָוויטש?

— אַ דאַנק. מיר איז שווער צו לייענען אין צוג, סע שווינדלט מיר אין די אויגן.

— און אײַך, גענאַדי לאַזאַרעוויטש?

— מיר גראַדע שווינדלט ניט אין די אויגן, אָבער אונטערוועגנס האָב איך ליב זיך פאַרנעמען מיט עפּעס לײַכטערס. אָט ווען מע קען קריגן דאָמינאָ!

— מע דאַרף אַ פרעג טאָן באַ דער קאָנדוקטאָרשע. אַלנפאַלס שאַכמאַטן צי דאַמקעס דאַרפן באַ איר געוויס זײַן.

— גיט זי דאָרט, וויקטאָר, פאַרייניוועגס שוין אַ פרעג, צי זי האָט ניט צופעליק קיין קאָרטן. כ׳וואָלט מיט פאַרגעניגן געכאַפּט אַ „פינף הונדערט איינס״, צי אַ „קינג״ מיט אַ צווייענדיקן יעראַלאַש.

— איר מיינט עס ערנסט, גענאַדי לאַזאַרעוויטש? אַף וויפל איך ווייס, געהערן נאָך דערווײַל ניט קאָרטן צו די שפּילן, מיט וועלכע די קאָנדוקטאָרן דאַרפן באַזאָרגן די פּאַסאַזשירן.— און מיטן זעלבן באַהאַלטענעם שמייכל אין די ברייטלעכע נאָזלעכער:— כ׳וועל זי אָבער אַ פרעג טאָן.

— וואָרט,— האָט אים אָפּגעשטעלט סטרעלצאָוו,— אויב די אַלטיטשקע מײַנע האָט ניט געמאַכט פאַר מײַן פאָרן קיין רעוויזיע אין טשעמאָדאַן, האָט זיך דאָרט געדאַרפט פאַרוואַלגערן אַ טעשל קאָרטן. אָבער זייער אַן אַלטס און צעקנייטשטס. פאַר פּרעפערענס טויג עס זיכער ניט.— אַפּאָנעם, אַז דאָס טעשל קאָרטן, וואָס סטרעלצאָוו נעמט מיט זיך אין וועג, האָט אין טשעמאָדאַן זײַן שטענדיק אָרט. ער האָט עס גלײַך אָנגעטאַפּט.— אָבער אַף צו שפּילן אין „קינג״ דאַרף מען דאָך אַ פערטן...

וויקטאָר האָט ווידער אַ טאָרע געטאָן אויזערן.

— כאַווער, ס׳איז שוין באַלד האַלבער טאָג. וואָס וועט איר טאָן באַנאַכט?

אויזער האָט געענטפערט אָפּגעהאַקט:

— איך שפּיל ניט אין קאָרטן.

— מיר קלײַבן זיך ניט שפּילן אין געלט. מיר ווילן פּאַשעט פאַרפּילן מיט עפּעס די צײַט. אַלצייגס.— אויזער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פּאָליקע, אַרײַנגעטאָן די פיס אין די שטעקשיך און אַרויס אין קאָרידאָר.

— אַ מאָדנער פאַרשוין... כ׳האָב ניט ליב קיין אָנגעכמורעטע מענטשן.

— נעכטן איז ער געווען גאָר אַן אַנדערער.

— מיסטאָמע האָט באַ אים עפּעס געטראָפן אין דער היים, צי אַף דער אַרבעט,— האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר אויזערן גענאַדי,— מע טאָר קיינמאָל ניט אײַלן זיך צו מאַכן אויספירן. עפּשער איז גאָר דער מענטש קראַנק. מאַלע־וואָס עס קאָן זיך צומאָל אויסווײַזן.

ס׳איז ניט דורך קיין מינוט, ווי וויקטאָר האָט אָפּגעזוכט צווישן די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך אומגעדרייט איבערן קאָרידאָר, אַ פערטן שפּילער.

די טיר פון קופּע איז געבליבן אָפן. צו אויזערן איז אין קאָרידאָר באַם פענצטער דערגאַנגען פון דאָרט יעדעס וואָרט. אים האָט געוווּנדערט, וואָס פאַר דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט קיינער פון זיי מיט קיין וואָרט אַפילע ניט דערמאָנט די נעכטיקע געשיכטע, פּונקט זיי זאָלן פאַר דער דורכגעגאַנגענער נאַכט זי האָבן פאַרגעסן. נאָר אָט האָט ער מיטאַמאָל דערהערט, ווי סטרעלצאָוו ענטפערט אַף גענאַדי סאַרינען, וואָס באַקלאָגט זיך, אַז ער האָט ווידער פאַרשפּילט זעכצן אייגלעך, ווײַל צו אים זײַנען ווידער אַרײַנגעפאַלן אַלע פיר דאַמעס: „און באַ וועמען דען זאָלן זיי זײַן, אויב ניט באַ אײַך?״

צו דעם ווײַטערדיקן געשפּרעך צווישן די פיר שפּילער, האָט אויזער ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן נײַגער. זיי זאָלן מיט זייערע רייד אים ניט שטערן זיך צוריק אַרײַנטראַכטן אין דעם, וואָס האָט אים די גאַנצע נאַכט געהאַלטן אויף, איז ער אַריבערגעגאַנגען אינעם צווייטן עק קאָרידאָר.

זעט אויס, ניטאָ קיין מער געפערלעכס, ווי פאַרפירן זיך מיטן אייגענעם זיקאָרן און צו דער צײַט אים ניט אָפּשטעלן. ער איז אינגאַנצן געוואָרן איבער אים באַלעבאָס. וווהין ער וויל, אַהינצו פירט ער אים, וואָס ער וויל, דאָס באַווײַזט ער אים, און אַלץ אַזוי בוילעט קלאָר, ווי דאָס וואָלט נאָרוואָס זיך פאַרלאָפן. די צעבושעוועטע כוואַליעס פונעם זיקאָרן, וועלכע האָבן אַראָפּגעטראָגן דאָס טריבע וועגטל און אַלץ איבערגעמישט, שלעפּן אים מיט זיך ווידער אַרײַן, צום ווילפטן מאָל שוין, אין קופּע פונעם צווישנפעלקערלעכן וואַגאָן, גלײַך ער וואָלט ביז אַהער געווען בלינד און זיי ווילן אים מאַכן זעענדיק, ער זאָל סאָפּקאָלסאָף באַנעמען דאָס לעבן אַרום זיך אַזוי, ווי עס איז, און ניט ווי אים האָט זיך געגלויבט זיך עס זען. זיי הערן ניט

אויף אײַנטײַנען מיט אים: ס׳איז נאָך ווײַט די צײַט, ווען דאָס לעבן וועט ווערן ענלעך אַף דעם, וועגן וואָס דו האָסט געטרוימט, זײַענדיק אַפּן פּראָנט. מעגלעך, עס וועט גאָר קיינמאָל ניט קומען אַזאַ צײַט. און ווי אַף צו דערווײַזן עס אים, שלעפּט אַרויס דער זיקאָרן איין דערמאָנונג נאָך דער אַנדערער, און אַלץ פון די, וואָס זײַנען באַ אים געלעגן פאַרבאָרגן אַף יענער זײַט ווענטל און געהערט צו דעם, וואָס ער האָט פון זיך געטריבן, געוואָלט פאַרגעסן.

אויזער האָט ניט מיט וואָס צו דערווידערן דעם זיקאָרן, וועלכער האָט זיך גענומען אים דערווײַזן, אַז דאָס, וואָס עס האָט עמעצן בײַס דער מילכאָמע אויסגעזען קליינלעך און נישטיק, האָט נאָכדעם, און ניט איין מאָל, פאַרשטעלט מיט זיך דאָס גרויסע און דערהויבענע, ווי ס׳האָט, צום בײַשפּיל, פּאַסירט מיט זײַן נאָענטן פרײַנט, דעם סערזשאַנט וולאַדימיר קלאַדאָוון. דער זיקאָרן דאַרף אים ניט אונטערזאָגן, סאַראַ מוטיקער און העלדישער קלאַדאָוו איז געווען, וואָס פאַר אַן אײַזערנעם ווילן ער האָט פאַרמאָגט. און דעם דאָזיקן מענטשן האָט ער איינמאָל דערזען וויינען, און מיט אַ שלוקערץ, ווי אַ קינד. מיט אים איז זיך פאַרלאָפן דאָס זעלבע, וואָס מיטן קאַפּיטאַן, וועגן ווען ס׳האָט דערציילט סאַרין. קלאַדאָוו האָט אויך דערהאַלטן אַפּן פראָנט אַ בריוו פון דער היים, אַן ענלעכן צו דעם, וואָס עס האָט דערהאַלטן דער קאַפּיטאַן פון זײַן טעכטערל, נאָר אַפילו פון אים, אויזערן, פון זײַן נאָענטן פרײַנט, האָט קלאַדאָוו אויסבאַהאַלטן דאָס, וואָס עס האָבן אים די אייגענע אָנגעשריבן וועגן דער יונגער פרוי זײַנער. עס זײַנען נאָך דעמלט געגאַנגען שווערע שלאַכטן, און ניט וועגן זיך האָט מען דעמלט געטראַכט און ניט מיט זיך איז מען געווען דאַן פאַרנומען. דאָס, וואָס קלאַדאָוו האָט אויסגעלייענט פונעם בריוו, וועלכן ער האָט דערהאַלטן אַפּן פראָנט, האָט ניט פאַרשטעלט פון אים דאָס גרויסע, דאָס דערהויבענע, פאַר וועלכע ער איז יעדער רעגע געווען גרייט אָפּגעבן דאָס לעבן. און מיטאַמאָל, ווען די מילכאָמע האָט זיך שוין פאַרענדיקט, האָט דער בריוו פאַרשטעלט פון אים דאָס גרויסע און דערהויבענע, די פרייד, וואָס מע קערט זיך אום אַהיים. אין אויזערן טוט אַ קלונג קלאַדאָווס געשריי, מיט וועלכן ער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דאָס ווײַבל זײַנס, וואָס איז אַ פאַרפּוצטע אַרויס אים באַגעגענען:

— „דער, וואָס האָט געקאָנט פאַראַטן אין דער היים, וואָלט אויך פאַראַטן אַפּן פראָנט!".

און כאָטש די דעמאָבילירטע, וואָס זײַנען באַ דעם בײַגעווען אַף דער סטאַנציע, האָבן פאַרשטאַנען, און מיסטאָמע אויך ער, קלאַדאָוו אַליין, אַז פון אים האָט אין יענער מינוט פּאַשעט אַרויסגעשריִען דער ווייטעק, וואָס ער האָט פון אַ צײַט שוין אין זיך געטראָגן, פאַרשטאַנען, אַז מע קאָן ניט און מע טאָר ניט מאַכן אַזעלכע פאַרגלײַכן, דאָך האָט אים אָבער קיינער ניט דערווידערט. אויך ער, אויזער, האָט אים ניט דערווידערט. נו, און ווען אויזער דערוויסט זיך דעמלט דאָס אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט הײַנטיקע נאַכט, אין קימאַט דרײַסיק יאָר אַרום נאָך דער מילכאָמע? אַלציינס וואָלט ער ניט אָנגעקומען צו דעם דאָזיקן פאַרגלײַך, ווי ער קומט ניט אָן צו אים איצט, ווען דאָס, וואָס עס וואָלט אים, זײַענדיק אַפּן פראָנט, פּונקט ווי קלאַדאָוון, מיסטאָמע אויסגעזען נישטיק און קליינלעך, האָט גענומען פאַרשטעלן פון אים דאָס גרויסע און דערהויבענע אינעם לעבן. נאָר ווער האָט עס געזאָגט, אַז אין פאַרגלײַך מיט דעם גרויסן און דערהויבענעם, איז דאָס, וואָס האָט פּאַסירט מיט אים, מיטן קאַפּיטאַן, מיטן סערזשאַנט קלאַדאָוון, קליינלעך און נישטיק, אַן איבערבלײַבעכץ פונעם ווײַטן אַמאָל? דאָס לעבן איז זיך פונדעסטוועגן באַגאַנגען מיט אים מילד. ווען ניט די צופעליקע באַגעגעניש אין קופּע... דאָס לעבן האָט אים פאַרט געשאָנקען נאָך דער מילכאָמע דריטהאַלבן צענדליק רויִקע יאָר... ניין, אינגאַנצן קיין רויִקע זײַנען זיי פאַר אים ניט געווען. שוין גופא דערמיט, וואָס דער זיקאָרן האָט אופגעשטעלט פאַר זיך אַ טויב ווענטל, האָט ער אים פאַרוואַנדלט, אויזערן, אין אַ מענטשן, וואָס באַהאַלט זיך אויס פון זיך אַליין: ס׳האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע אַן אַנדערער אויזער עלקין, צו וועמען דאָס אַלץ, וואָס איז אין די מילכאָמע־יאָרן זיך פאַרלאָפן באַ אים אין שטוב, האָט ניט דעם מינדסטן שײַכעס. ער האָט פאַר די אַלע יאָרן זי, דאַכט זיך, אַפילו ניט געפרעגט, צי זי האָט זיך מיט עמעצן באַגעגנט; זי איז דאָך געווען דאַן גאָר אַ יונגע פרוי, אַ יונגע שיינע פרוי און אָן אַ מאַן... ער האָט זי וועגן דעם ניט געפרעגט, ווײַל ער האָט זיך געריכט דערהערן פון איר דעם זעלבן ענטפער, וועלכן ער האָט, ליגנדיק באַנאַכט לעבן איר, ניט איין מאָל געהערט פון זיך, און פאַר דעם האָט ער מוירע געהאַט. און עפּשער, ווען ער פרעגט זי דעמלט, וואָלט זי אים אַליין געוועזן עס דערציילט...

ס׳איז אים אויסגעקומען מאָדנע, וואָס דער צעבושעוועטער זיקאָרן האָט זיך מיטאַמאָל גאָר אײַנגעשטעלט פאַר איר, געצוווּנגען אויסהערן, וואָס האָט ער אים וועגן דעם צו זאָגן: „דערמאָן זיך! זי האָט דיר דען ניט געגעבן אָנצוהערן נאָך אין די סאַמע ערשטע טעג, ווען דיר האָבן ניט געקלעקט די פיר און צוואַנציק שאָ אין מעסלעס אַף אַרויסווײַזן דײַן ליבע צו איר,

אז זי האָט דיר וואָס צו פאַרטרויען וועגן זיך, וואָס דו דאַרפסט עס און מוזסט עס וויסן. דער־מאָן זיך, וואָס האָסטו איר געענטפערט, ווען זי האָט דיך געפרעגט, טרעפנדיק דיך אין אָט די טעג זיך שפּילן מיטן טעכטערל: וועמען פון זיי האָסטו מערער ליב, ליובינקען צי זי? האַלטנדיק דעם טעכטערלס ביידע פיסעלעך אין מויל, האָסטו, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך, גענ־ענטפערט: „דיך, מײַן טײַערע, דיך". שלאָג מיך ניט איבער, — שרײַט אין אים דער זיקאָרן, — הער ווײַטער. באַנאַכט, ליגנדיק לעבן דיר, האָט זי ווי פון שלאָף ווידער פאַרפירט א רייד וועגן זעלבן, דיך ווידער געפרעגט, וועמען פון זיי האָסטו שטאַרקער ליב, און ווען דו האָסט איר דאָס מאָל געענטפערט, ווי עס ענטפערן קינדער, ווען מע פרעגט זיי וועגן טאַטע־מאַמע, אַז דו האָסט זיי ביידן אַלציינס ליב, האָט זי פאַרלאַנגט, דו זאָלסט איר זאָגן, וואָס, אַשטייגער, וואָלסטו געטאָן, ווען דו דערוויסט זיך מיטאַמאָל, אַז דאָס קינד איז ניט אונדזערס, מע האָט צופעליק עס פאַרביטן אינעם געבורט־הויז אויף אַן אַנדער קינד. דו האָסט זי אויסגעלאַכט. אזוינס איז ניט מעגלעך! נאָר ווען אדע האָט דיר דערציילט, אַז מיט אירער א באַקאַנטער האָט אזוינס פּאַסירט עמעס, זי האָט אין א קורצער צײַט אַרום זיך געכאַפּט, אַז מע האָט פאַרביטן איר דאָס קינד, האָסטו איר דערויף געענטפערט, אַז דו ווייסט ניט, און ווילסט זיך ניט וועגן דעם פאַרטראַכטן. מיסטאמע, וואָלסטו זי, האָסטו איר געזאָגט, אַלציינס ליב געה־האַט, זי וואָלט דיר געווען, מעגלעך, טײַערער, ווי אַן אייגן קינד..."

ליובען איז דאַן געגאַנגען דאָס פינפטע יאָר, איצט איז זי אַלט נײַן און צוואַנציק.

ווען ס'זאָל זיך געווען פאַרלויפן מיט זיי די זעלבע געשיכטע, וואָס מיט אדעס באַקאַנ־טע, זיי דערוויסן זיך מיטאַמאָל, אַז מע האָט זיי פאַרביטן דאָס קינד, אַז ליובע איז ניט זייער טאָכטער, וואָלט ער זי פון דעם ווייניקער ניט ליב געהאַט. ער וואָלט פאַר איר פאַרבליבן דער זעלבער איבערגעגעבענער טאַטע און פאַר אירע צוויי מיידעלעך דער זעלבער איבערגעגע־בענער זיידע. אָבער איצט... ווער איז ער פאַר זיי? א ווילד־פרעמדער מענטש. די סינע צום ווײַבע, וואָס איז אים אַזוי אומגעריכט באַפאַלן, גייט ביסלעכווײַז אריבער קעגן זײַן ווילן אויך אויף זיי, פונקט ער זאָל נעמען כוישעד זײַן, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ געוווּסט, נאָר עס אויסבאַ־האַלטן פון אים. ליובע רופט אים טאַטע, וויסנדיק, אַז ניט ער איז איר פאָטער, די אייניקלעך רופן אים זיידע, וויסנדיק, אַז ניט ער איז זייער זיידע.

„די צײַט! אין אַלץ איז שולדיק די צײַט". — מישן זיך אַרײַן די רעדער פונעם האַסטיק יאָגנדיקן צוג.

7

די זון קריכט אין פאָנעם, נאָר אויזער רירט זיך ניט פון אָרט. איין טראַכט ער זאָל איצט מאַכן, גייט זיך אים אויס, וועט דאָס האַרץ זיך אָפּרײַסן פונעם פאָדעם, אויף וועלכן עס הענגט. דער אָנגעצויגענער פאָדעם איז צו א דינער. ניט נאָר ער פילט אים אין זיך, נאָר ער זעט אים, און דאָס האַרץ זײַנס זעט ער אויך. ס'איז א פּולס ביז איבער די ברעגן, און סע זידט, זידט. און וווּהין האָט ער פונדאַנען צו גיין? אין קופּע? ווידער, זען פאַר זיך דעם, וועלכער איז דרײַ נעכט, ווי ער האָט דערציילט, געווען אַדעס מאַן, וועלכער איז ליובעס פאָטער און דער זיידע פון אירע אייניקלעך...

דערמיט, וואָס אויזער האָט גענומען ציילן די פאַרבײַלויפנדיקע סלופּעס, אָנגעציילט זיי שוין בא די עטלעכע און אַכציק, האָט ער אויף קיין האָר ניט אָפּגעטעמפּט אין זיך דעם ווייטעק, וואָס דרינגט אַרײַן אַלץ טיפער און טיפער. ווי שווער און שרעקלעך עס איז אים ניט פאַר־פירן א רייד מיטן דאָזיקן מענטשן, דאָך וואָלט ער אים וועלן פרעגן, וויאַזוי האָט ער געקאָנט מאַכן זיך פאַרגעסן, אַז אין דער זעלבער צײַט, ווען ער האָט זיך געלאָזט וווילגיין מיט דער פרוי, וועלכע ער האָט אַרײַנגענומען צו זיך אין קופּע, איז איר מאַן געלעגן אויף שניי אונ־טער א האָגל פון קוילן, געפּויזעט מיט א גראַנאַטע אין דער האַנט אַנטקעגן א טאַנק. קיינער דאַרף אים ניט אונטערזאָגן, ער פאַרשטייט אַליין, אַז ס'איז נאַריש עס צו פרעגן. ס'איז ביכלאַל נאַריש האָבן איצט טײַנעס צו דעם, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט דרײַסיק יאָר צוריק. און סאָפּקאָלסאָף ווייסט ער ניט, וויאַזוי וואָלט ער, אויזער, ווען מיט אים טרעפט ענלעכס, זיך אופגעפירט אויף אָרט פון אָט דעם מאַנצבל. אָבער זי, אַדע? וויאַזוי האָט זי געקאָנט אין אַלץ פאַרגעסן? זי זאָל געוווּסן זיך ווערן, וואָלט אָט דער מאַנצבל עס ניט פאַרשוויגן, ער וואָלט

עס זיכער דערציילט, ער איז, ווי מע זעט, פון די מענער, וואָס לאָזן ניט דורך קיין איינצל־הײַטן באַם דערציילן ווענן זייערע באַגעגענישן מיט פרויען. פונדעסטוועגן וואָלט ער אים וועגן דעם געפרעגט. ער וויל פונדעסטוועגן דאָס וויסן, כאָטש פון דער רגע, ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן, וועד ס׳איז געווען די פרוי, מיט וועלכער דער דאָזיקער האָט זיך פאַרשלאָסן אין דער צווייאָרטיקער קופּע פונעם צווישנפעלקערלעכן וואַגאָן, האָט ער זי פאַר זײַן ווײַב שוין מער ניט גערעכנט. די אָפּגעפרעמדקײַט צו איר איז געווען אויסגעמישט מיט האַס, וואָס האָט ניט צו זיך קיין גלײַכן.

יענער, ווי הייסט ער דאָרט, גענאַדי לאַזאַרעוויטש, דאַכט זיך, וואָלט אים, מיסטאָמע, דערויף געענטפערט דאָס זעלבע, וואָס ער, אויזער, האָט שוין הײַנט ניט איין מאָל געהערט פון זיך, אַז ס׳איז אי נאַריש, אי לעכערלעך פאַרפירן אַף דער עלטער כעזשבוינעס פון מיט דרײַסיק יאָר צוריק. דאָס גלײַכסטע — איבערלאָזן אַלץ אַזוי ווי ס׳איז, פאַרזעצן אויך ווײַטער די זעלבע שפּיל. ער איז דען איינער אַזאַ? רײַסט ער איבער די שפּיל, בלײַבט ער דאָך איינ־זאַם. און וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער פאַרן מענטשן, ווי בלײַבן מיטאַמאָל איינזאַם?

— מיר האָבן אײַך, מיסטאָמע, געשטערט, און איבער אונדז שטייט איר דאָ דעם גאַנצן פּרימאָרגן אין קאָרידאָר... — די צעבושעוועטע כוואַליעס פונעם זיקאָרן האָבן אין אויזערן נאָך אַלץ אַזוי געדרוישט, אַז ער האָט ניט דערהערט, ווי ס׳איז צו אים צוגעגאַנגען סאַרין, — מיר האָבן שוין געענדיקט שפּילן.

פאַרזעצנדיק נאָכצופאָלגן די פאַרבײַלויפנדיקע טעלעגראַפישע סלופּעס, האָט אויזער, ניט אומקוקנדיק זיך צו סאַרינען, געענטפערט:

— מיר האָט עס ניט געשטערט. איך בין פּאַשעט געווינט אונטערוועגנס שטיין באַם פענצטערל. און זײַן אונטערוועגנס קומט מיר אויס גאַנץ אָפט. — ווי ווײַט מעגלעך רויִק, ער זאָל זיך מיט גאָרניט אַרויסגעבן, האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום אַ זאָג געטאָן: — איר ווייסט, איך קאָן אײַך, דאַכט מיר, דערפרייען. מיר שײַנט, אַז כ׳האָב זיך דערמאָנט, ווו איך האָב געזען דאָס בילד פון דער פרוי, וועגן וועלכער איר האָט אונדז דערציילט. אָבער ניט אין סאַראַטאָוו!

סאַרין האָט אים אַ דריק געטאָן די האַנט.

— איר קאָנט זיך גאָרניט פאָרשטעלן, ווי דאַנקבאַר איך בין אײַך.

— דערווײַל איז נאָך פרי מיך צו דאַנקען, וואָרעם אינגאַנצן זיכער בין איך ניט, אַז איך האָב ניט קיין טאָעס.

— אָבער, אויב...

— איר האָט מיך ניט וואָס צו בעטן. נו, פאַרשטייט זיך, אַז כ׳וועל אײַך גלײַך געבן צו וויסן. — און ווי אַ מענטש, וועמען ס׳איז לאַכלוטן אַלצייגס, וואָס וועט אים יענער דערויף ענטפערן, אַ זאָג געטאָן: — מיר שײַנט, אַז איר זײַנט נאָך אויך איצט פאַרליבט אין איר.

גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט געקוקט אַף אויזערן מיט אויגן, וואָס זײַנען געווענדט אין דער ווײַט.

— פאַראַן, מײַן פרײַנט, פראַגן, אַף וועלכע מע קאָן אָפט זיך אַליין ניט ענטפערן. ס׳איז דורכגעגאַנגען אַזויפיל צײַט...

— אָבער... אָבער... — ער זאָל זיך ניט געווען אָפּקערן פון אים מיטן פּאָנעם אינגאַנצן צום פענצטערל, וואָלט ער זיך פאַר אים געוויס געווען אַרויסגעגעבן. ער איז זיך קוים בײַגע־קומען, אַז ער זאָל ניט אַרויסבריינגען אַף אַ קאָל די ווערטער, וואָס האָבן פון אים געשפּאַרט און וועלכע ער האָט סאַפּקאָלסאָף געדאַרפט אַרויסזאָגן דעם דאָזיקן מענטשן. ער האָט אָבער אין דער לעצטער רגע זיי פאַרביטן מיט אַנדערע ווערטער, וועלכע ער האָט שוין ניט צוגעגעבן אַזאַ באַדײַט. — אָבער זען זיך מיט איר, ווי איך פאַרשטיי, וואָלט איר פונדעסט־וועגן וועלן.

סאַרין האָט זיך פאַרטראַכט. אויזער האָט געדולדיק געוואַרט, מיט גאָרנישט ניט אַרויס־געוויזן, אַז ער האָט פאַרגעדענקט, וואָס דער דאָזיקער פּאַסאַזשיר האָט שוין איינמאָל אים געענטפערט, אַז דאָס בילד אירס, וואָס ער האָט, אומקערנדיק זיך פון דער מילכאָמע, געפונען באַם סאַראַטאָווער פאָטאָגראַף, האָט אָפּגעטייט אין אים זײַן בענקשאַפט צו איר. וואָס וועט ער אים איצטער ענטפערן דערויף, איצט, ווען ער האָט אים געגעבן די האָפענונג זי אָפּזוכן?

— כ׳ווייס ניט, — און פונקט ווי אויזער וואָלט פון אים געפאָדערט, אַז ער מוז זיך מיט איר זען, האָט גענאַדי זיך געגנומען ווי פאַרענטפערן: — צו וואָס? זי קער דאָך שוין זײַן אַן אַלטינקע. אַלנפאַלס, עטלעכע און פופציק דאַרף איר שוין זיכער זײַן... — און מער צו זיך, ווי צו אויזערן: — ניין, ס׳האָט ניט קיין זין, קיין שום זין, ניט פאַר מיר, ניט פאַר איר זיך איצט באַגעגענען. נו, צו וואָס? צו וואָס?!

— און זען זיך מיט אײַער טאָכטער, מיט אײַערע אייניקלעך...

— צופוס וואָלט איך זיך אוועקגעלאָזט, ווען איך וויס, ווו זיי זײַנען...

אויזערן האָט געוווּנדערט, ווי רויִק ער רעדט עס מיט אים וועגן דעם, ווי לײַכט ער האָט עס אַרויסגעבראַכט „אײַער טאָכטער", „אײַערע אייניקלעך". וויִאַזוי פּלאַצט ניט דער אָנגעצויגענער פאָדעם, אַף וועלכן עס האַלט זיך זײַן פאַנאַנדערגעוויגט האַרץ.

— און זי ווילט איר טאַקע ניט זען?

פון דעם, וואָס אויזער האָט עס אים ווידעראַמאָל געפרעגט, האָט סאַרין שוין מער ניט געסאָפּעקט, אַז אָט דער מענטש האָט ניט בלויז זיך דערמאָנט, באַ וועמען ער האָט געזען איר בילד, נאָר אַז ער וועט באַ אים, דאַכט זיך, קאָנען עפּעס דערגיין וועגן דער פרוי, וואָס איז ביז אַהער פאַרבליבן פאַר אים א רעטעניש. ענטפערנדיק אויזערן דאָס זעלבע, וואָס פריִער, אַז ער ווייסט ניט, האָט אָבער סאַרין דאָס מאָל דערבײַ צוגעגעבן, אַז אויב אים וועט ווען־ניט־איז אויסקומען זיך זען מיט איר, מעג זי זײַן רויִק, אַז ער וועט פאַר קיינעם מיט גאָרניט אַרויסווײַזן, ווער קער ער זיך אָן מיט איר. און מוירע האָבן, אַז דער מאַן אירער, אויב זי האָט א מאַן, וועט זיך פון אים, סאַרינען, עפּעס דערוויסן, האָט זי זיכער ניט וואָס. ווען ער זאָל זי אפילע אויך איצט נאָך ליב האָבן, ווי דעמלט, בייס ער האָט דערזען איר בילד אינעם שויפענצטער מיטן קינד אַף די הענט, האָט זי פאַר דעם אויך ניט וואָס מוירע צו האָבן. ער איז שוין ניט אין די יאָרן, אַז ער זאָל זיך דאַרפן דערפון היטן. ביפראַט...— און דאָ האָט זיך סאַרין פאַרטראַכט. און דעמלט... ער האָט דען פון איר דעמלט געלייקנט, אַז ער האָט א ווײַב און אַז זיי האָבן זיך ליב? אַלנפאַלס, ניט באַם באַקענען זיך און ניט באַם צעשיידן זיך האָט ער איר גאָרניט געזאָגט אַזעלכס, זי זאָל עס אַנדערש געווען אויפנעמען. און זי כוישעד זײַן, אַז דערמיט, וואָס זי וועט ווערן די מוטער פון זײַן קינד וועט זי אים צובינדן צו זיך, אים צעשיידן מיט זײַן פרוי, קאָן ער דאָך געוויס ניט. בלויז זי איינע קאָן אים ענטפערן, וואָס איז געשען נאָך זייער צעשיידן זיך. וואָס האָט זי אָפּגעהאַלטן אים אָפּצוזוכן, ווען זי האָט געדאַרפט ווערן א מוטער? און אויב ניט דעמלט, איז נאָך דעם, ווען זי איז געוואָרן די מוטער פון זײַן קינד? זי האָט ניט געוווּסט זײַן פאָטער־נאָמען און פאַמיליע? זי האָט אָבער געוווּסט, פונוואַנען ער פאָרט און, דאַכט זיך, ער האָט איר אַפילע געזאָגט, ווו ער אַרבעט. און אַז די מישפּאָכע זײַנע איז ניט מיט אים, אַז דאָס ווײַב מיט די קינדער וווינען נאָך דערווײַל אין שטאָט, האָט ער איר, מיסטאַמע, אויך געזאָגט, און זי האָט געוווּסט, אַז ניט אַפּן זאַוואָד און ניט אין יישעוו האָט זי ניט פאַר וועמען מוירע צו האָבן, אַז זי זאָל ניט קאָנען געבן וועגן זיך צו וויסן. מעגלעך, זי האָט אים געזוכט, ווען ער איז געווען שוין אַפּן פראָנט. און עפּשער האָט זי צוליב אים געבעטן באַם פאָטאָגראַף, ער זאָל אַרויסהענגען איר בילד אין שויפענצטער, טאָמער וועט ער, הייסט עס, צופעליק פאַרבלאָנדזשען קיין סאַראַטאָוו. זי וואָלט דאָך דעמלט געוויס געווען איבערגעלאָזט באַם פאָטאָגראַף איר אַדרעס. און עפּשער האָט זי אים איבערגעלאָזט, און דער פאָטאָגראַף האָט וועגן דעם פּשוט פאַרגעסן?

אַלץ איבערגעטראַכט און זיך צו גאָרניט דערטראַכט, האָט סאַרין, דערפילנדיק אַף זיך אויזערס אָנגעשטרענגטן בליק, זיך אָנגערופן:

— איך פאַרשטיי, פאַרוואָס איר פרעגט מיך צום וויפלטן מאָל שוין, צי איך וואָלט, הייסט עס, וועלן זיך מיט איר באַגעגענען. מיר זײַנען מיט איר שוין ביידע ניט אין דעם עלטער, ווען מע דאַרף נאָך פאַר דעם מוירע האָבן. דאָס, וואָס עס גייט דורך, קערט זיך צוריק שוין ניט אום. און איך דאַרף ניט, עס זאָל זיך אומקערן. איך קאָן זיך ביכלאַל ניט באַקלאָגן. כ'האָב אָפּגעלעבט א לעבן מיט א פרוי, וואָס איז מיר געווען טרײַ און איבערגעגעבן.

— און איר גלייבט, אַז עס זײַנען פאַראַן טרײַע, איבערגעגעבענע פרויען? — האָט געפרעגט אויזער, ניט אָפּווענדנדיק פון אים דעם בליק.

— מיך שײַנט אַז... נו, אויב ניט אַלע, איז די מערהײַט פון אונדז גלייבן זיכער אין דעם.

— דער קאַפּיטאַן אײַערער געהערט אויך צו דער דאָזיקער מערהײַט, צו די, וואָס לעבן אַף א לעבן מיט פאַרבונדענע אויגן? אײַך וווּנדערט, וואָס איך פרעג עס?

— פאַרוואָס? איך פאַרשטיי אײַך.

אויזער האָט פאַרהאַלטן דעם אָטעם.

— איר פאַרגעסט אָבער, מײַן טײַערער, — האָט סאַרין פאָרגעזעצט, ניט באַמערקנדיק די סינע צו זיך, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אויזערס אויגן, — אַז די צײַט איז דאַן געווען אַן אַנדערע. זי, די פרוי, הייסט עס, וועגן וועלכער כ'האָב דערציילט, האָט דאָך שוין דעמלט ניט געהאַט קיין מאַן, זי איז געווען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען.

— ס'האָט אָבער געקאָנט טרעפן, אַז דער מאַן אירער זאָל זיך אָפּזוכן. ס'האָט דען ניט געטראָפן אַזוינס?

— איך זאָג עס ניט. אַף דער מילכאָמע האָט אַלץ געקאָנט טרעפן.

— איר וואָלט געוואָלט זײַן אַף זײַן אָרט?

סארין האָט אים פארכידעשט אָנגעקוקט:

— כ'פארשטיי ניט. אַף וועמענס אָרט?

— אַפן אָרט פון דעם, וועגן וועמען מיר האָבן מיט אײַך נאָרוואָס גערעדט, אַפן אָרט פון איר מאַן. — ער זאָל מיט דער דאָזיקער פראַגע ניט ארויסרופן צו זיך קיין כשאַד, האָט אויזער דאָס ווײַטערדיקע שוין ארויסגעבראַכט פיל שטילער און רויִקער, עלעהיי עס האָט ניט צו אים די מינדסטע שײַכעס, ער פרעגט עס אים פּאַשעט פון נײַגעריקײַט. — ס'איז מיר גלאַט טשיקאַווע וויסן, וויאַזוי, אַשטייגער, וואָלט איר זיך אופגעפירט, ווען איר זײַנט אַף איר מאַנס אָרט?

— דאָס הייסט, איך האָב זיך פּלוצעם אָפּגעזוכט נאָך דער מילכאָמע און דערוווּסט זיך, אַז מײַן פרוי, אין וועמען איך בין געווען אַזוי פארליבט, האָט זיך אופגעפירט ניט ווי טרײַע, איבערגעגעבענע פרויען פירן זיך אוף, ווען זייערע מענער זײַנען אַפן פראָנט? מיר דוכט, אויב איך וואָלט זי ליב געהאַט, וואָלט איך איר, מיסטאמע, עס מויכל געווען. פארשטייט זיך, געליטן, זיך געפּײַניקט, אָבער כ'וואָלט איר מויכל געווען. זי האָט דאָך ניט געוווּסט, אַז איך לעב, געווען זיכער, אַז איך בין אומגעקומען...

— איר וואָלט אַפילע געקאָנט איר מויכל זײַן, וואָס זי האָט קימאַט דרײַסיק יאָר אויסבאַהאַלטן פון אײַך, אַז איר זײַנט ניט דער פּאָטער פון איר קינד?

— אַף אָט דעם, זעט איר, קאָן איך אײַך שוין פינקטלעך ניט ענטפערן. גיכער פון אַלץ, מיסטאמע, ניט. איך מיין אָבער ניט, אַז זי זאָל עס געווען אויסבאַהאַלטן פונעם מאַן, אויב מיט אים האָט געטראָפן אַ נעס און ער האָט זיך אָפּגעזוכט.

ער וועט דאָך אָט דעם גענאַדי לאַזאַרעוויטשן מער קיינמאָל אין לעבן ניט זען. איז צוואָס פארזעצן די שפּיל, וואָס ער האָט מיט אים פארפירט דאָ באַם פענצטערל? צוואָס זיך אויסבאַהאַלטן און ניט זאָגן, ווער ער איז, ווער ער קער זיך אָן מיט דער, וועגן וועלכער סארין האָט זיי דערציילט, און אים הייסן די מינוט פארלאָזן די קופּע, דעם וואַגאָן, דעם צוג. אויב ער וויל ניט, ס'זאָל געשען שרעקלעכס. אויזער פילט, אַז ער הייבט אָן פארלירן די אויבערהאַנט איבער זיך. דאָך האָט ער זיך באַהערשט און מיט דער זעלבער רויִקײַט, וואָס ביז אַהער, געפרעגט:

— וווּהין זאָל איך אײַך צושיקן איר אַדרעס? כ'מיין, אַז דער, באַ וועמען כ'האָב געזען איר פּאָטאָ, דאַרף, מיסטאמע, וויסן, ווּ זי וווינט.

און סארין האָט ווידער ניט באַמערקט די סינע צו זיך, וואָס האָט ארויסגעקוקט פון אויזערס אויגן, ווען ער האָט אים פארפריִער באַדאַנקט פאַר דער טירכע.

— איך וועל אײַך געבן אַלע מײַנע קאָאָרדינאַטן, וווּהין איר קאָנט מיר אָנשרײַבן צי אָנקלינגען. איר האָט באַ זיך אַ העגטלפען מיט פּאַפּיר? כאָטש וואָס איז די אײַלעניש. מיר האָבן מיט אײַך נאָך צו פאָרן גאַנצע צוויי מעסלעס. אַנטשולדיקט. כ'וועל גיין אַ קוק טאָן, וואָס עס מאַכן דאָרט אונדזערע שכיינעם, מיט וואָס זײַנען זיי עס דאָרט פארנומען?

ווען אויזער האָט אין אַ שטיקל צײַט ארום זיך אומגעקערט אין קופּע, האָט ער אַלע זײַנע דרײַ מיטפאָרער געטראָפן פארטיפט אינעם לייענען.

— איר האָט מיר געוואָלט געבן אײַערע קאָאָרדינאַטן, — האָט אויזער, אַראָפּנעמענדיק פון דער אייבערשטער פּאָלקע זײַן פּאָרטפּעל, זיך אָנגערופן צו גענאַדי סארינען, — איז זאָגט זיי מיר, וועל איך פארשרײַבן. ווײַל אַף דער נאָענטער סטאַנציע שטײַג איך אַרויס. כ'האָב זיך געקליבן דאָרט אָפּשטעלן צוליב איינעם אַן איניען אַף צוריקוועגס, נאָר כ'האָב איבערגעטראַכט.

ביזן נאָענטסטן צוג, וואָס גייט אין דער זעלבער ריכטונג, וווּהין אויזער עלקין האָט געדאַרפט פאָרן, איז געבליבן צו וואַרטן היפּשע עטלעכע שאָ. אויזערן האָט עס אָבער ניט געקימערט. איבערזיצן אַ נאַכט אין דעם טומלענדיקן אומהיימלעכן וואָקזאַל איז אים אָן אַ שיר לײַכטער. ווי זיך געפינען אַפילע אַ מינוט אין איין קופּע מיט דעם, וואָס לאָזט אים קיין רעגע ניט פארגעסן, אַז ליובע איז ניט זײַן טאָכטער און אירע צוויי קינדערלעך זײַנען ניט זײַנע אייניקלעך.

אינמיטן דער נאַכט איז אָנגעלאָפן דער צוג, וואָס גייט אין דער פארקערטער ריכטונג, צו אים אַהיים. אויזער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע.

דעם, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי הינטער אים, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער פּאַסאַזשיר מיטן געלן צעקנייטשטן פּאָרטפּעל אין דער האַנט, וועלכער איז די גרויס פון אַ טשעמאָדאַן, איז, דאַכט זיך, גאָר געווען צופרידן, וואָס ער איז געבליבן אָן אַ בילעט. מע-

האָט עס געקאָנט ארויסזען לויט דעם, ווי ער איז אָפּגעגאַנגען פון דער קאַסע און צוריק פּאַרנומען זײַן אָרט אַפּן באַנק אין ווינקל פון זאַל. אינגאַנצן זיכער, אַז ער וואָלט זיך אַרײַנגעזעצט אין דעם דאָזיקן צוג, ווען ער באַווײַזט נעמען אַ בילעט, איז ער ניט געווען, אויזער. ער פאַרט דאָך ניט צוגאַסט. ער איז אין אַ קאָמאַנדירונג. איז ווי קאָן ער זיך אומקערן פון מיטן וועג? נאָר ווי קאָן ער פאָרן ווײַטער, אויב אויסער דעם, וואָס עס האָט דערציילט גענאַדיסאַרין, קאָן ער מער וועגן גאָרניט טראַכטן. דערמיט, וואָס ער האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע, האָט ער כאָטש אַ שטיקל ענטפער פאַר זיך, פאַרוואָס האָט ער זיך ניט אומגעקערט צוריק אַהיים, נאָר זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ צוג, וואָס האָט אים נאָך מער דערווײַטערט פון דער היים.

8

אַדע געדענקט ניט, אַז דער מאַן אירער, ווען ער קערט זיך אום פון אַ קאָמאַנדירונג, זאָל ווען־ניט־איז זײַן אַזוי אופגעלייגט ווי הײַנטיקס מאָל. זי זאָל אים ניט געווען קענען, ווי זי איז איבערצײַגט, נאָך עפּשער בעסער ווי זיך, וואָלט זי, מעגלעך, אַ קלער געטאָן, אַז מיסטאַמע האָט ער זיך דאָס מאָל קעגן איר פאַרזינדיקט און וויל מיטן נאָכגיין איר דעם גאַנצנעם אָוונט פּוסטריט, מיטן אַרײַנקוקן איר פאַרליבט אין די אויגן, אויסבאַהאַלטן עס פון איר. איז ער אָבער ניט פון די, וואָס קאָנען אויסבאַהאַלטן די זינד און ער ווייסט גוט, אַז זי איז ניט דער מענטש, פון וועמען ער זאָל עס קאָנען אויסבאַהאַלטן. זי וואָלט גלײַך דערקענט, ווען ס'זאָל מיט אים געווען טרעפן עפּעס ענלעכס. דאָס, וואָס ער פירט זיך הײַנט אויף שיר ניט ווי אין די ערשטע טעג נאָכן אומקערן זיך פון פראָנט, איז פּאַשעט דערפאַר, וואָס ער איז אין די לעצטע פאָר כאַדאָשים קימאַט ניט געווען אין דער היים, און האָט זיך פאַרבענקט נאָך איר.

אופכאַפּנדיק אָף זיך זײַן פאַרנעפּלטן בליק, האָט אַדע, כאָטש ס'איז איר שוין אַריבער די פּופציק, זיך ניט געשעמט אים פרעגן, צי ער האָט זי טאַקע נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק ליב, און ער, וועמען ס'איז שוין נאָענט צו זעכציק, האָט זיך ניט געשעמט איר דערויף ענטפערן, אַז ער האָט זי ליב נאָך שטאַרקער ווי אין די יונגע יאָרן. און ווען אַדע האָט אים דערבײַ אַ פרעג געטאָן, וועמען פון זיי האָט ער, פונדעסטוועגן, מערער ליב, זי, צי די אייניקלעך, האָט ער איר געענטפערט דאָס זעלבע וואָס מיט פיל יאָרן צוריק, ווען זי פלעגט אים פרעגן דאָס אייגענע וועגן זיך און דעם טעכטערל, אַז קיינער אין דער וועלט האָט נאָך קיינעם אַזוי ניט ליב געהאַט, ווי ער האָט זי ליב.

— און די אייניקלעך, זעסטו, האָבן גראָדע מערער ליב דיך, ווי מיר. זיי האָבן מיך מאַמעש פאַרמוטשעט: ווען וועט קומען דער זיידע? ווען וועט קומען דער זיידע? הער, ס'איז דאָך נאָך פרי. מע האָט זיי נאָך ניט געלייגט שלאָפן. קום, לאָמיר צוגיין.

לענגער זיך אָנגעבן פאַר אַ צווייטן, זיך פאַרשטעלן פאַר איר ניט פאַר דעם ווער ער איז, נאָר פאַר אַן אַנדערן, האָט אויזער ניט געקענט, און די דאָזיקע ענדערונג אין אים האָט אַדע גלײַך באַמערקט. ס'האָט זיך באַ אים מיטאַמאָל אינגאַנצן געביטן דער בליק אין די אויגן. ער האָט געקוקט אָף איר, ווי ער זאָל זי אופּהערן דערקענען.

— וואָס איז מיט דיר? — האָט זי דערשראָקן געפרעגט, — ביסט, כאָלילע, ניט געזונט?

— האַ? ניין, ניין.

— זע, ווי בלייך דו ביסט! ס'האָט עפּעס פּאַסירט?

— ניין, ניין. — ער האָט אָפּגעפירט פון איר דעם בליק אַפן צעוואַקסענעם בוים, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער. — מיך מאַטערט הײַנט אַ ביסל דער פאַרוווּנדעטער פּוס... ס'איז גאָרניט. ס'וועט דורכגיין... אַלץ גייט דורך...

— אַלץ, ניט אַלץ, נאָר איך וועל דיך מאָרגן ניט לאָזן גיין אָף דער אַרבעט. כ'וועל אַרויסרופן דעם דאָקטער אַהיים. האָסט פאַרגעסן, ווי דו האָסט זיך אַנומלטן אָנגעמוטשעט מיטן פּוס? עפּשער צולייגן דיר אַ קאָמפּרעס?

ער וואָלט, דאַכט זיך, געווען צופרידן, ווען דער פאַרוווּנדעטער פּוס דערמאָנט אים איצט אָפּאָנעמעסן וועגן זיך. צו דעם דאָזיקן ווייטעק, וואָס באַפאַלט אים פון צײַט צו צײַט, איז ער שוין געוווינט, נאָר צו דעם פּײַנלעכן ווייטעק, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אין אים, ווען ער איז געלעגן אָף דער אייבערשטער פּאָלקע אין קופּע, קאָן ער זיך ניט צוגעוווינען און וועט זיך, זעט אויס, קיינמאָל ניט צוגעוווינען.

— מע דאַרף ניט קיין קאָמפּרעסן. ס׳ועט אַזוי אויך דורכגיין. נאָר צו די אייניקלעך וועל איך הײַנט ניט גיין, ביפּראַט, אַז איך האָב דאָס מאָל גאָרניט געבראַכט פאַר זיי. ס׳וועט שוין אויסקומען דאָ ערגעץ קויפן אַ מאַטאָנע. — ער האָט זיך אופגעהויבן, און אונטערהינ־קענדיק, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אַרויסרופנדיק מיט אַט דעם אונטערהינקען אַ ווידערגע־פיל צו זיך אַליין. ער וואָלט זיך אָבער נאָך מער פײַנט געהאַט, ווען ער באַגעגנט זיך איצט מיט ליובען און מיט אירע ביידע מיידעלעך און באַהאַלט אויס די אָפּגעפרעמדקײַט זײַנע צו זיי.

— וועגן וואָס רעדסטו? און ווען דו זאָלסט אפילע געווען ברענגען פאַר די איי־ניקלעך כ׳ווייס אַליין ניט וואָס פאַר אַ מאַטאָנע, וואָלט איך דיך אין אַזאַ צושטאַנד געלאָזט גיין? וואָס? ס׳האָבן זיך שוין ווידער אָנגעהויבן די ווייען? באַ מיר דאַרף דאָ ערגעץ זײַן אַנאַל־גין מיט פּיראַמידאָן. געבן דיר? נו, איז וועל איך גיין אויסבעטן דאָס געלעגער און וועסט זיך לייגן. ביסט דאָך געוויס אויסגעמאַטערט פון וועג.

— דאָס מאָל, זעסטו, גראָדע ניט. כ׳האָב זיך באַקאַנט אין וועג מיט איינעם אַ טשיקאַווען פּאַרשוין. ער איז שוין ניט קיין יונגער, אין איינע יאָרן אַן ערעך מיט מיר און איז אַן אינ־זשעניער. געגנאַדי לאַזאַרעוויטש רופט מען אים. ער קלײַבט זיך אהער אָף עטלעכע טעג אין קאָמאַנדירונג. איך האָב אים פאַרבעטן צו אונדז. כ׳מיין, אַז דו וועסט ניט האָבן קעגן.

— וואָס קאָן איך האָבן צו אַ מענטשן, וועלכן איך קען ניט און ווייס ניט?

ווירקלעך, ווי׳אַזוי האָט זי געקאָנט פון דעם, וואָס ער האָט איר געזאָגט, דערקענען דעם פאָטער פון איר טאָכטער, דעם זיידן פון אירע אייניקלעך, אויב זי האָט ניט געוווּסט, ווי געגנאַדי זאָגט, ניט נאָר זײַן פאַמיליע, נאָר אויך זײַן פאָטער־נאָמען. אָבער אַז דעם צופעליקן באַקאַנטן אירן רופט מען געגנאַדי, דאָס האָט זי דאָך געוווּסט און ניט געקאָנט עס פאַרגעסן! אַך, יאָ. געגנאַדי איז ניט פון די נעמען, וואָס באַגעגענען זיך זעלטן. צווישן זייערע באַקענטע זײַנען דאָ עטלעכע געגנאַדיס.

צוגעוווּנטשן דעם מאַן אַ גוטע נאַכט, האָט אַדע זיך נאָך ווײַטער אָפּגערוקט פון אים, זי זאָל אין שלאָף צופעליק ניט אָנרירן זײַן פאַרווונדעטן פוס.

ווי רויִק זי שלאָפט עס! ווי רויִק עס הייבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ איר הויכע ליכטיקע ברוסט, וואָס קוקט אַרויס פונעם טיפן אויסשניט פון איר נאַכט־העמד און וועקט אין אים די אויסגעהונגערטע בענקשאַפט. אויזער קערט אָפּ די אויגן צום פענצטער. אָנשטאָט דעם הויכן צעוואַקסענעם בוים דערזעט ער דאָרט שטיין סאַרינען. סאַרין טרעט שוין פון אים ניט אָפּ. פאַרשווינדט ניט אפילע, ווען ער באַהאַלט זיך פון אים אויס, פאַרגראָבנדיק דאָס פּאָנעם אין קישן. אָ, ווי רויִק זי שלאָפט עס! אויזער קערט זיך האַסטיק אום צו איר. ער וועט זי באַלד אופוועקן און איר העלפן זיך דערמאָנען, ווער איז אָט דער געגנאַדי, און עפשער האָט זי אַליין זיך שוין אָנגעשטויסן...

דאָס אַלץ, וואָס עס קומט אין אים פאָר, פון זינט ער האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט אָט דעם געגנאַדי סאַרינען, דאַרף מיסטאָמע אויסזען אין עמעצנס אויגן קליינלעך, לעכערלעך, נישטיק. קיינער דאַרף אים ניט אונטערזאָגן, אַז ער איז ניט איינער אַזאַ, אַז אין דעם, וואָס אין זיך מיט יעדן איינעם פון זיי פאַרלאָפן, איז פרי׳ער פון אַלץ און מער פון אַלץ שולדיק די צײַט, און אַז סאָפאָקלאַסאָף איז עס ניט דאָס העכסטע און גרעסטע אין לעבן, דאָס איז ניט דער באַרג, וואָס קאָן מיט זיך אַלץ פאַרשטעלן. ס׳איז ניט מער ווי אַ בערגל. אָבער דער, וואָס איז געווען אָף דער מילכאָמע, דער ווייסט, אַז צומאָל איז געווען פיל שווערער אײַנעמען אַ בערגל, ווי אַ גרויסן באַרג.

אויזער מאַכט שטאַרקער צו די אויגן, וויל זיך פאַרשטעלן, ווי׳אַזוי ער וואָלט דאָס זעל־ביקע, וואָס ער האָט דערהערט אין צוג, געווען אופגענומען בייס דער מילכאָמע. מיסטאָמע וואָלט עס אים געפײַניקט, ווי יענעם קאַפּיטאַן, אָבער געפײַניקט וואָלט עס אים אַ טאָג, צוויי, ווײַל אין פאַרגלײַך מיט דעם, וואָס איז פאָרגעקומען אָפן שלאַכטפעלד, וואָלט עס אים זיכער אויסגעזען קליינלעך און נישטיק. די מאָס איז דאַן געווען אַן אַנדערע. פאַר איינעם און דעם זעלבן אין פאַרשיידענע צײַטן זײַנען ניטאָ קיין איינע און די זעלבע מאָסן. קיינער דאַרף אים אויך דאָס ניט אונטערזאָגן. ער ווייסט עס אַלץ אַליין. אָבער ווי וואָלט דער זעלבער קאַפּיטאַן אופגענומען דאָס אייגענע, ווען ער דערוויסט זיך דערפון ערשט איצט? ער וואָלט עס אויך געמאָסטן מיט דער זעלבער מאָס, וואָס דעמלט, אָפן פראָנט? אים וואָלט זיך אויך איצט אויס־געוויזן, אַז ס׳איז ניט מער ווי אַ בערגל, וואָס מע קאָן עס און מע דאַרף עס לײַכט איבער־שפּרײַזן? ניין, גיכער פון אַלץ וואָלט ער אויך, אָט ווי ער, אויזער, דערזען אין דעם אַ באַרג, וועלכן אפילע אַדלער מיט צעשפּרייטע מעכטיקע פליגלען האָבן ניט געקאָנט אַריבערקומען און ניט איין מאָל באַצאָלט דערפאַר מיטן לעבן. ער איז אפילע זיכער, אַז ווען מיטן קאַפּי־

טאָן טרעפט אַף דער מילכאָמע נאָך ערגערס, ווי מיט אים, אויזערן, ווען מע האָט אַ שווער פאַרווונדעטן אַרויסגעטראָגן פונעם שלאַכט־פעלד און קימאַט ניט קיין פאַרשלעפּערטן אוועקגעלייגט אַפן אָפּעראַציע־טיש, וואָלט ער אויך ניט פאַרגלײַכט יענע ווייטעקן, ווי שרעקלעך זיי זײַנען ניט געווען, מיט דעם, וואָס האָט זיך אין אים איצט באַזעצט און פון וועלכן ער וועט זיך שוין, מיסטאַמע, קיינמאָל ניט באַפרײַען. מע קאָן בלויז צײַטנווײַז אים פאַרטויבן אין זיך, ווי ער פּרוּווט עס איצט, מיט דעם, וואָס ער וויל אויסקלאָרן פאַר זיך, ווי אַזוי וואָלט ער דאָס אַלץ אויפגענומען, ווען אַדע זאָל אַליין עס געווען אים דערציילן בעשאַס ער האָט זיך אומגעקערט פון דער מילכאָמע. ער איז ניט זיכער, צי וואָלט ער זיך מיט איר דאַן ניט פאַנאַנדערגאַנגענען, כאָטש ער איז געווען יונג, נאָך קיין דרײַסיק יאָר ניט אַלט. אין אים וואָלט, מעגלעך, איבערגעוויגן זײַן ליבע צו איר. זי וואָלט ניט געדאַרפט זיך פאַר אים איבעריקס פאַרענטפערן. זי האָט געהאַט אַף וואָס זיך צו פאַרופן, מיט וואָס זיך צו באַרעכטיקן — זי איז דאָך געווען זיכער, אַז ער איז אומגעקומען. אָבער אָפּנאַרן אים אַזוי מיִעס און נידערטרעכטיק, אָפּנאַרן אים די אַלע יאָרן...

ווי רויִק זי שלאָפט עס! צו וועמען שמייכלט זי עס אַזוי פון שלאָף? צו דעם פאָטער פון איר קינד, צו דעם זיידן פון אירע אייניקלעך, צי דאָס לאַכט זי פון אים, פון אויזערן, וואָס האָט אַלע יאָרן זיך געלאָזט נאַרן?

ס׳איז דאָך אָבער נאַריש און לעכערלעך זיך אַזוי פּײַניקן. וואָס האַלט אים, אייגנטלעך, איצטער אָפּ פון פאַנאַנדערגיין זיך מיט איר, אויב פון זײַן גרויסער ליבע איז, דאַכט זיך, שוין גאָרניט פאַרבליבן, אפילע דער גלוסט צו איר. ווי אַזוי האָט זי ניט דערפילט, אַז ער איז אַן אַנדערער? ס׳איז דאָך פריִער ניט געווען דאָס מאָל, אַז ער זאָל קומען פון קאָמאַנדירונג און עס זאָל זיך אין אים, ליגנדיק לעבן איר, ניט צעשפּילן די כײַע, ווי גענאַדי סאַרין האָט עס געהאַט אָנגערופן, די כײַישקײַט, וועלכע זי האָט געגאַרט, ס׳זאָל זיך אין אים צעשפּילן. נו, ווירקלעך, וואָס האַלט אים איצטער אָפּ, ווען זי איז אים געוואָרן אינגאַנצן פרעמד? ער איז דערווײַל אין דעם עלטער, ער זעט אַלנפאַלס אויס פון אַזאַ עלטער, ווען מע דאַרף נאָך ניט מוירע האָבן, אַז ער קאָן בלײַבן איינזאַם. ער איז שוין אָבער ניט אין דעם עלטער, אַז ער זאָל ווערן אַ טאַטע און אַ זיידע. און דאָס קאָן ער איר ניט מויכל זײַן. אַזוינס קאָן ניט בלײַבן ניט באַשטראָפט. ער קאָן אָבער נאָך אַלץ ניט צוקלײַבן פאַר דעם די פּאַרדינטע שטראָף. די איינזאַמקײַט, וואָס עס דראָעט אַ פרוי אין איר עלטער, איז נאָך ניט די גרעסטע שטראָף. און וואָס וועט ער זאָגן ליובען, וועלכע וועט אים אויך נאָך דעם, ווי ער וועט זיך פאַנאַנדערגיין מיט איר מוטער, אַלצייִנס רופן טאַטע און אירע ביידע מיידעלעך, וואָס וועלן אים אַלצייִנס רופן זיידע? קינדער דערפילן פאַלשקײַט מער ווי דערוואַקסענע און פאַרלירן אָפּט דעם גלייבן אינעם מענטשן נאָך אין דער קינדהײַט.

ער האָט זי, דאַכט זיך, געפונען, די שטראָף. יאָ, ער האָט זי, דאַכט זיך, געפונען!

— וועסט הײַנט ניט גיין אַף דער אַרבעט. כ׳וועל אַרויסרופן אַ דאָקטער, — האָט אויזער דערהערט ווי דורכן שלאָף, נאָר ער האָט ניט געקאָנט עפענען די אויגן. זיי זײַנען בײַ אים ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. ווען זיי האָבן, ענדלעך, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די אָנגעוואַלגערטע שווערקײַט און ער האָט דערזען אַדען, שוין אָן אָנגעטאָנענע און אַ פאַרקעמטע, זיך אײַסעקן בײַם טיש מיט גרייטן דעם פרישטיק, איז אין דרויסן שוין געווען העלער טאָג.

— וויפל איז עס דער זייגער? — האָט ער זיך געגעבן אַ כאַפּ אויף, אַראָפּוואַרפנדיק פון זיך די קאָלדרע.

— ליג, ליג, ס׳איז נאָך פרי. כ׳וועל דיך אַלצייִנס ניט לאָזן גיין הײַנט צו דער אַרבעט. כ׳וועל אַרויסרופן אַ דאָקטער.

— אַ דאָקטער? — אויזער האָט צעטומלט זי אָנגעקוקט. — צו וועמען קלײַבסטו זיך עס אַרויסרופן אַ דאָקטער? צו מיר? נאָך וואָס?

— וואָס הייסט, נאָך וואָס? האָסט שוין פאַרגעסן, ווי דו האָסט נעכטן אונטערגעהונקען? מיט אַזוינע זאַכן שפּילט מען זיך ניט, ליבינקער. מיינסט, כ׳האָב ניט געהערט, ווי דו האָסט זיך אַ גאַנצע נאַכט קיין אָרט ניט געקענט געפינען?

ער האָט ווירקלעך שוין באַוויזן צו פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך פאַר איר נעכטן געקלאָגט אַף דעם פאַרווונדעטן פוס און געמוזט צוליב דעם אַפילע אַ ביסל אונטערהינקען.

— ס׳איז שוין בײַ מיר איבערגעגאַנגען. איך בין אינגאַנצן געזונט, — און ער האָט זיך גענומען אָנטאָן.

אינעם וואַש־צימער האָט אויזער מער, ווי ווען־עס־איז פריִער, זיך פאַרהאַלטן בײַם שפּיגל. צי דען האָט זי ניט באַמערקט, ווי שטאַרק ער האָט זיך געענדערט פאַר דער צײַט, וואָס זי

האָט אים ניט געזען? אָט די אָנגעלאָפּענע קישעלעך אונטער די אויגן האָט ער ביז היינט באַ זיך ניט באַמערקט. זיי זײַנען אים, קאָנטיק, צוגעקומען פאַר דער היינטיקער נאַכט.

— עפּעס קוקסטו אָף מיר, ווי זאָלסט מיך ניט דערקענען? — האָט אַדע, קלײַבנדיק זיך גיין צו דער אַרבעט, זיך אָנגערופן.

— ווער? איך? — האָט אויזער צעטומלט געפרעגט.

— זאָלסט ניט פאַרגעסן, אַז מיר גייען היינט מיט דיר צו די קינדער. עפּשער זאָלן מיר זיך צוכאַפּן אַהין גלײַך נאָך דער אַרבעט?

„צו וועמעס קינדער?" — האָבן געפרעגט און איבערגעפרעגט זײַנע אויגן, נאָר געענטפערט האָט ער איר נאָכגיביק, ווי ער איז געוווינט איר ענטפערן, ווען עס גייט אַ רייד וועגן שטוביקע ענינים:

— ווי דו ווילסט. אָף יעדן פאַל קלינג מיר פריער פונדעסטוועגן אָן אָף דער אַרבעט. מאַלע־וואָס עס קאָן זיך טרעפן.

9

די מאַטאַנע, וואָס אויזער האָט געבראַכט מאַרינאַטשקען און ליזענקען — די בלאָנדע הון מיט די בלאָנדינקע הינעלעך, וואָס דרייען זיך אַרום איר אין אַ קרײַז און פּיקן, ווען מע ציט אָן מיטן שליסעלע די פּרושינע, — האָט ניט איבעריקס לאַנג פאַרוויילט די קינדער. און ניט דערפאַר, ווײַל ביידע מיידעלעך זײַנען שוין צוגעוווינט צו די מעכאַנישע שפּילעכלעך — דאָס גאַנצע ווינקל פונעם קינדער־צימער איז פול מיט זיי, נאָר ווײַל מאַרינאַטשקע און ליזענקע האָבן פון סאַמע אינדערפרי, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז היינט וועט קומען דער זיידע, אַרויס־געקוקט אָף דער שפּיל, וואָס זיי פאַרפירן שטענדיק מיט אים. צוגעטראַכט האָט די שפּיל גראַדע די ייִנגערע, די דרײַיאַריקע ליזענקע. אַנומלטן האָט ער אין אַ שפּאַס זיך באַקלאָגט פאַר דער אַרײַנגעקומענער ליובען, וואָס האָט אים געטראָפן אַ פאַרמאַטערטן זיצן אינעם קינ־דער־צימער אָפן דיוואַן, אַז דאָס קליינוואַרג, זאָל געזונט זײַן, האָט אים מאַמעש פאַרמוטשעט, באַזונדערס די ייִנגערע.

— מע זאָל נאָר לאָזן, וועט זי דיר אַרופקריכן אָפן קאָפּ. זי איז, הערסטו...

ער האָט ניט באַוויזן נאָך זאָגן, וואָס פאַר אַ קונדעס די ליזענקע איז, ווי זײַן ליבלינג, וואָס האָט זיך ווידער פאַרקליבן אָפן דיוואַן הינטער זײַנע פּלייצעס, האָט גענומען זיך קאַ־ראַבקען צו אים אָפן אַקסל.

— אַך, דו! וווּהין? — האָט אויזער זי אָפּגעשטעלט.

— צו דיר אָפן קאָפּ!

— וואָס? — האָט אויזער מיט דעם זעלבן ערנסט זי איבערגעפרעגט, ניט געקאָנט נאָך אַלץ באַנעמען, וואָס האָט זי אים געזאָגט.

— איך וויל דיר אַרופקריכן אָפן קאָפּ, — און ווי זי זאָל ניט באַמערקן זײַן פאַרכידעשטן בליק, וואָס האָט ניט געקאָנט מער אויסבאַהאַלטן אין זיך דעם פאַרבאָרגענעם שמייכל, האָט ליזענקע אויסגעשריִען מיט איר קליינגעווודיק קעלעכל: — זיידע, איך וועל דיך באַלד נעמען מוטשען! — און מיט איין שפּרונג אים אומגעוואָרפן אָפן דיוואַן.

דערזען ליגן דעם זיידן אַ באַזיגטן אָפן דיוואַן, האָט דאָס עלטערע מיידעלע, די פינפיאָ־ריקע מאַרינאַטשקע, וואָס האָט אין אַלץ נאָכגעמאַכט דער ייִנגערער, זיך אויך אַרופגעוואָרפן אָף אים מיט אַ געשריי:

— זיידע, איך וועל דיך באַלד נעמען מוטשען!

פאַרענדיקט האָט זיך שטענדיק די שפּיל מיט אַרײַנקוקן אים אין די אויגן, ווער פון זיי וועט לענגער אויסהאַלטן און זיך ניט צעלאַכן. דאָס האָט אויך צוגעטראַכט די ייִנגערע.

ליזענקע און מאַרינאַטשקע האָבן זיך דאָס מאָל אַזוי פאַרבענקט נאָכן זיידן, אַז זיי האָבן אים אײַנגאַנצן ניט געלאָזט זיך פאַרהאַלטן צווישן די דערוואַקסענע. ער איז נאָר אַרײַן אין שטוב, האָבן זיי אים באַלד אָנגעכאַפּט פון ביידע זײַטן פאַר די הענט און אַוועקגעפירט צו זיך אינעם קינדער־צימער. באַזעצט אים דאָרט אָפן דיוואַן, האָבן זיי פּײַערלעך, ווי באַם אַרויס־טראָגן אַן אָורטייל, הויך געמאָלדן, אַז זיי וועלן אים באַלד נעמען מוטשען. און כאָטש אויזער האָט פאַר זיי מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער איז היינט ניט דער, וואָס ביז אַהער, ער איז מער ניט זייער זיידע און זיי זײַנען מער ניט זײַנע אייניקלעך, דאָך האָט די היי־

טיקע שפּיל זיך אונטערשיידט פון די פּרזיערדיקע. דאָס קינדערשע געלעכטער האָט הײַנט אַנ־דערש געקלונגען, און גופא דאָס מוטשען איז געווען הײַנט אַן אַנדערס, אָן איבעריקן ברען און אימפּעט, ווי פון ראַכמאָנעס צו אים, גלײַך זיי זאָלן געווען אַנטדעקן פאַר זיך עפּעס דערפון, וואָס ער באַהאַלט פון זיי אויס. און קוים האָט אויזער עס באַמערקט, האָט ער אַ טראַכט געגעבן באַ זיך, אַז ס'איז ניטאָ, זעט אויס, קיין לײַכטערס, ווי אָפּנאַרן אַ דערוואַק־סענעם און קיין שווערערס, ווי אָפּנאַרן אַ קינד. דאָס, וואָס אַדע און איר טאָכטער ליובע האָבן ביז איצט נאָך ניט באַמערקט אין זײַנע אויגן, האָבן מיט דעם באַזונדערן קינדערשן כוש דער־פילטביידע מיידעלעך, און זיי האָבן שוין ניט פאַרענדיקט מיט אים הײַנט די שפּיל, ווי אַלע־מאָל, מיט אַרײַנקוקן אים אין די אויגן — ווער פון זיי וועט לענגער אויסהאַלטן און זיך ניט צעלאַכן.

די שפּיל, וועלכע אים וועט איצט אויסקומען פירן, מעגלעך, ביזן סאָף פון זײַן לעבן מיט אַדען און איר טאָכטער, אַ שפּיל, וואָס באַשטייט אויך פון „מירן דיך מוטשען" און פון אַרײַנקוקן אין די אויגן, איז שוין אָבער גאָר אַן אַנדערע. אײַנגאַנצן עס אויסבאַהאַלטן אין זיך האָט אויזער, אומקערנדיק זיך צוריק אינעם גרויסן פּאָדער־צימער, שוין ניט געקאָנט.

— טאַטע, — האָט ליובע זיך צו אים אָנגערופן, ניט קענענדיק באַנעמען, וואָס האָט ער אין איר הײַנט אַזוינס באַמערקט, וואָס ער קוקט זיך צו איר די גאַנצע צײַט אַזוי צו, — עפּעס באַטראַכסטו מיך, ווי דו וואָלסט מיך אַ יאָם מיט יאָרן ניט געזען. איך בין, טאַטע, די זעלבע ליובע, וואָס געווען. ניט געמינערט אַ האָר. מאַמע, אָנגיסן דיר נאָך אַ גלעזל טיי? און דיר, טאַטע?

ווי ענלעך זי איז עס אין אַלץ אַף דעם געגנאַדי סאַרינגען, אַפילע דער טראָט איז באַ איר דער זעלבער — אַ זיכערער, און דעם קאָפּ האַלט זי אויך ווי ער — פאַרוואָרפן אַף אַרוף...

— אַזאַר באַריסאָוויטש, עפּשער וועט איר פונדעסטוועגן...

פונעם שכיינעסדיקן קינדער־צימער זײַנען אַרײַנגעלאָפן מיט אַ געוויין ביידע מיידעלעך, זיך באַקלאָגט איינס אַפן אַנדערן פאַרן פאָטער און מיט דעם באַפרײַט דערוויײַל אויזערן פונעם געשפּרעך, וואָס ליובעס מאַן, דער אַדוואָקאַט, האָט זיך אָפּגענעם געקליבן מיט אים ווידער פאַרפירן וועגן קויפן צוזאַמען די קאָאָפּעראַטיווע דאַטשע, וואָס איינער זײַנער אַ באַקאַנטער ציין־דאָקטער באַפרײַט.

אינעם האַרטן טראָט, מיט וועלכן ליובע האָט זיך אומגעקערט פון קיך מיט די צוויי גלעז־זער טיי אין האַנט, האָט אויזער דערהערט: „האָסט זיך ניט וואָס צוקוקן צו מיר. איך בין די זעלבע ליובע, וואָס געווען. ניט געמינערט אַ האָר"...

ער קאָן זיך אָבער פּאַרט ניט צווינגען אופהערן זיך צו איר צוקוקן. אים דוכט זיך, אַז ווען סאַרין זאָל אַפילע ניט געווען אַלץ דערציילן, וואָלט ער, אויזער, אויך באַמערקט די ענלעכקײַט צווישן איר און געגנאַדין. באַ איר זײַנען זײַנע אויגן — טונקל־בלויע, זײַן קין — אַ פאַרבויגענער עטוואָס אַף אַרוף און מיט אַ קוים מערקבאַרן כיין־גריבעלע. דער אויסשניט פון די נאָזלעכער אויך ווי באַ אים, אַ פאַרקײַלעכיקטער. און דאָס קאָל אויך ווי באַ אים, אַ דײַטלעכס, אַ קלינגעוודיקס. בלויז דער שטערן — אַ הויכער און ליכטיקער איז דער מוטערס.

וויאַזוי האָט זי אים געזאָגט, ליובע? „איך בין די זעלבע, וואָס געווען, ניט געמינערט אַ האָר". אוודאי איז זי די זעלבע, וואָס געווען, אָבער ניט פאַר אים. פאַר אים, אויזערן, איז זי אַן אַנדערע, אײַנגאַנצן אַן אַנדערע, כאָטש ער פאַרשטייט, אַז אין דעם איז ניט איר שולד. ער וועט זיך אָבער ניט קאָנען צווינגען קוקן אַף איר אַנדערש, ווי ער קוקט אַף איר אַציִנד. זי וועט אים שטענדיק דערמאָנען אינעם פּאַסאַזשיר, מיט וועמען דער צופאַל האָט אים צונויפ־געפירט אין קופּע.

— הער, דו קאָנסט מיר ניט זאָגן, וויפל איז עס דער שיר מישן מיטן לעפעלע? — אַדעס וואָכעדיקע שטים האָט אומגעקערט אויזערן צו דער וואָכעדיקער טאָגטעגלעכקײַט. — די טיי האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעקילט, און ער מישט נאָך אַלץ און מישט. — זי האָט זיך אופגעהויבן פונעם טיש — צײַט גיין אַהיים.

אויזער האָט אָפּגערוקט פון זיך די קאַלט־געוואָרענע גלאָז טיי, געזעסן נאָך אַ ווײַלע און דערנאָכדעם אויך גענומען זיך זעגענען. דערהערט, אַז דער זיידע גייט שוין אַוועק, האָבן ביידע מיידעלעך זיך אָנגעהאַנגען אַף אים און אַזוי אַרומגעכאַפּט, אַז ליובע מיטן מאַן האָבן אים קוים באַפרײַט פון זייערע הענטלעך.

— וואָס איז עס הײַנט מיט דיר? — האָט אַדע זיך אָנגערופן, ווען זיי זײַנען אַרויס פון שטוב, — דאָס האָסטו דעם גאַנצן פרימאָרגן געקוקט אַף מיר, ווי זאָלסט מיך פּלוצעם אופהערן דערקענען, איצט אַף ליובען... אַ זײַטיקער זאָל געווען דערבײַ זײַן, וואָלט ער געקאָנט מיי־נען...

— אז וואָס?

— אז גאָרניט. נו, טאַקע...

— איך פאַרשטיי ניט, — ער האָט זי אָנגענומען אונטער דער האַנט, — איך טאָר שוין גאָרניט קוקן אַפן אייגענעם ווײַב און אַף דער אייגענער טאָכטער?

— האָסט זיך פאַר אַזוי־פיל יאָרן נאָך אַלץ ניט אָנגעקוקט אַף אונדז?

— שטעל זיך פאָר, אז ניין. אָט האָב איך ערשט הײַנט גאָר באַמערקט, אַז ליובע איז שיר ניט אַף אַ קאָפּ העכער פון מיר. און ווען האָט זי זיך עס אײַנגעגעבן, וואָס זי איז אַזאַ הויכע? איך מיט דיר זײַנען, דאַכט זיך, גאָרניט אַזעלכע וווּקסיקע.

— מער האָסטו גאָרניט באַמערקט?

— עפּשער, אַז כ׳וועל זיך נעמען בעסער צוקוקן, וועל איך נאָך עפּעס באַמערקן. — און קעדיי פאַרוואַנדלען עס אין אַ שפּאַס, האָט ער זיך צעלאַכט. אָנגענומען זי שטײַפער אונטער דער האַנט, האָט ער פאַרפירט מיט איר אַ רייד וועגן דער שנײַדערשער אַטעליע, וואָס באַם וואָקזאַל. ער האָט געהערט, אַז ס׳איז אָנגעקומען אַהין אַרבעטן אַ נײַער צושנײַדער פון די מײַרעוור־געגנטן, ווי מע האָט פּרובירט יענע גערופן קאָנטן. איז עפּשער וואָלט זי, אַדע, אָפּגעגעבן אין דער דאָזיקער אַטעליע נייען דעם מאַנטל פונעם ברוינעם שאָטלאַנדישן ראַטין, וואָס ער האָט איר אַנומלטן געבראַכט פון אַ קאָמאַנדירונג. אַז דער צושנײַדער, האָט ער געהערט זאָגן, איז צו אַ טײַערער, ווייניקער פון אַ פינף־און־צוואַנציקער געשאַנק־געלט גיט מען אים ניט...

— און ווער, מיינסטו, איז דערינען שולדיק? מיר אַליין. מיר האָבן זיך אַליין צוגעוווינט, אַז מע דאַרף געבן, און זיי האָבן מיר צוגעוווינט, אַז זיי דאַרפן נעמען. — און פּונקט ער זאָל זיך נאַרוואָס געוווען אין דעם דערמאָנען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: — מיר האָט הײַנט אָנגעקלונגען אַף דער אַרבעט גענאַדי לאַזאַרעוויטש.

— וועלכער גענאַדי לאַזאַרעוויטש?

אויזער האָט אויסגעוואַרט, עפּשער וועט זי אַליין זיך דערמאָנען און ער וועט ניט דאַרפן עס איר אונטערזאָגן. דערפילט אַף זיך איר פרעגנדיקן בליק, האָט ער ניט געײַלט זיך אָנגערופן:

— נו, דער נײַער באַקאַנטער מײַנער, מיט וועמען איך בין געפאָרן צוזאַמען אין איין קופּע.

— אַ, — האָט אַדע גלײַכגילטיק זיך אָפּגערופן, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס גייט איר לאַכלוטן ניט אָן און וועגן וואָס זי האָט פונלאַנג שוין פאַרגעסן.

— גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט אָנגעקלונגען, אַז ער קלײַבט זיך אין די נאָענטסטע טעג אַהערצו אין אַ קאָמאַנדירונג. ער איז, ווי כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, פון די קאָמיוואָיאַזשאָרי־שע אינזשעניערן, וואָס זײַנען מער אונטערוועגנס, ווי אין דער היים. ער קומט אַהערצו אַף אַ דרײַ־פיר טעג. כ׳מיין, דו וועסט ניט דערווידערן, אַז ער זאָל פאַרפאָרן צו אונדז.

— כ׳האָב דיר, דאַכט זיך, שוין איינמאָל געענטפערט, אַז כ׳האָב ניט קעגן, איז וואָס פרעגסטו מיך ווידער? איך זע, אַז דער נײַער באַקאַנטער דײַנער... ווי זאָגסטו רופט מען אים?

— גענאַדי לאַזאַרעוויטש סאַרין.

— אַז אָט דער גענאַדי לאַזאַרעוויטש סאַרין האָט בא דיר שטאַרק אויסגענומען, האָסט זיך מאַמעש פאַרליבט אין אים.

— שײַעך צו זאָגן פאַרליבט, ניט פאַרליבט. ער איז פּאַשעט אַ טשיקאַווער מענטש, זייער אַ טשיקאַווער מענטש. איך קאָן דיר קאַווירן, אַז ער וועט דיר אויך געפעלן.

ווער מיט וועמען פירט שוין דעם ווײַפּלטן טאָג אָט די פאַרשטעלטע שפּיל: ער מיט איר, צי זי מיט אים? צי דען זאָגט איר נאָך גאָרניט אונטער אָט דאָס, וואָס שוין די ווײַפּלטע נאַכט, ווי איר נאָענטקײַט ציינדט אים ניט אָן! ער האָט ביז איצט גאָרניט געוווּסט, אַז ער קאָן זיך אַזוי קעגנשטעלן, ניט לאָזן אופוועקן אין זיך די כײַע, וואָס זי האָט שטענדיק געגאַרט אין אים זען און עס קיינמאָל פון אים ניט אויסבאַהאַלטן.

פאַר די עטלעכע און דרײַסיק יאָר, וואָס זיי זײַנען מאַן און ווײַב, האָט ניט איין מאָל פּאַסירט, ווי צווישן יעדן מאַן און ווײַב, אַז מע איז געווען צעקריגט, ניט גערעדט אייגער מיטן אַנדערן. נאָר די טויבע און שטומע וואַנט, וואָס זיי פלעגן אין אַזוינע פאַלן אופשטעלן צווישן זיך, פלעגט אין דער זעלבער צי אין דער אַנדערער נאַכט אײַנפאַלן, און ווי ניט געווען. די וואַנט, וועלכע ער האָט דאָס מאָל אופגעשטעלט צווישן זיך און איר און לאָזט זי ניט אײַנפאַלן שוין די ווײַפּלטע נאַכט, איז גאָר אַן אַנדערע. זי איז אופגעקומען ניט נאָך אַ גע־ווײנלעכן קריג צווישן מאַן און ווײַב, וואָס האַלט לאַנג ניט אָן און פאַרגעסט זיך. צי דען באַמערקט זי ניט, ווי מיט יעדן טאָג ציט זיך אין אים אַלץ שטאַרקער אָן דער בויגן?

ווי פאַרשטייט זי ניט, אַז עפּעס האָט דאָך מיסטאָמע געדאַרפט געשען, אויב ער ליגט לעבן איר שוין די ווײַפלטע נאַכט אַזאַ רויִקער און ווײַזט דערבײַ ניט אַרויס דעם מינדסטן סימען פון באַרויִגעז. פאַרקערט, ער איז אַפילע צו באַריידעוודיק, רעדט מיט איר וועגן אַלץ אין דער וועלט. ווערט אַנשוויגן ערשט דעמלט, ווען זי שלאָפט אײַן. און דעמלט הייבט זיך אָן אין אים דער געראַנגל מיט דער פײַל, וואָס רײַסט זיך פונעם אָנגעצויגענעם בויגן. די פײַל באַקומט מיטאַמאָל לאָשן. זי נעמט אויסרעכענען אַלע שטראָפן, מיט וועלכע מע האָט באַצאָלט פאַר פיל קלענערע פאַרברעכנס, זי צווינגט אים דערהערן אין זיך דעם געשריי, מיט וועלכן דער סערזשאַנט קלאַדאָוו האָט באַגעגנט דאָס ווײַבל זײַנס אויף פּעראָן: „דער, וואָס האָט געקאָנט פאַראַטן אין דער היים, וואָלט געקאָנט פאַראַטן אויפן שלאַכטפעלד"... די אָנגעצילטע פײַל לאָזט אים ניט דערווידערן. און ער האָט מיט וואָס איר צו דערווידערן. בײַ אים אין טייל האָבן געדינט עטלעכע מיידלעך. קיינער האָט וועגן זיי קיין שלעכט וואָרט ניט געקאָנט זאָגן. זײַן טייל איז ניט איין מאָל אײַנגעשטאַנען אין די דערפער, נאָר זעלטן־ווען האָט ער געהערט פון זײַנע כאַווײרים, אַז די סאָלדאַטקעס, בײַ וועלכע זיי זײַנען אײַנגעשטאַנען, זאָלן געווען זיך פאַרגעסן, אַז זיי האָבן מענער. די פײַל שלאָגט אים באַלד איבער, פאָדערט פון אים, ער זאָל זיך פאַרטראַכטן, וואָס וואָלט געזאָגט דער זעלבער סערזשאַנט קלאַדקאָוו, ווען ער דערוויסט זיך אין קנאַפּע דרײַסיק יאָר אַרום דאָס אייגענע, וואָס עס האָט זיך דערוווּסט ער, אויזער?.. ווי הילכיק ער הערט אין זיך דאָס קאָל פון דער פײַל: „צי שטאַרקער אָן אין זיך דעם בויגן און לאָז מיך אַרויס. קיינער וועט דיך פאַר דעם קיינמאָל ניט באַשולדיקן. פּיר זיך אויף, ווי ס'וואָלטן אין אַזוינע פאַלן זיך אויפגעפירט דײַן טאַטע, דײַן זיידע, דײַן עלטערזיידע, ווי דו אַליין וואָלסט געלערנט זיך אויפירן דײַנע אייניקלעך און אוראייניקלעך, ווען דו זאָלסט זיי האָבן. ווי קאָנסטו דערלאָזן, אַז אַזוינס זאָל בלײַבן ניט באַשטראָפט? נו, ענטפער מיר, דו, וואָס דו האַלטסט, אַז דו גייסט אין דײַן טאַטנס און זיידנס וועגן, וועלכע האָבן דיך געלערנט, אַז דאָס העכסטע אין לעבן איז זײַן ערלעך, זײַן טרײַ און איבערגעגעבן דעם, וועמער ס'איז דיר טרײַ און ערלעך און איבערגעגעבן".

דעם גאַנצן טאָג איז זי אים ווי נאָכגעגאַנגען, די פײַל, אײַנגעטײַנעט מיט אים, געמאָנט, ער זאָל שטאַרקער אָנציִען אין זיך דעם בויגן.

נאָר דערפילט האָט אויזער, אַז אין אים ציט זיך אָן דער בויגן ביז צום פּלאַצן ניט אין יענעם טאָג, ניט אויפן אַנדערן און דריטן טאָג. דאָס איז געשען פּלוצעם, אומדערוואַרט, ווי אומדערוואַרט מע דערפילט מיטאַמאָל אין זיך אַ שרעקלעכן ווייטעק. אינעם איבערײַס צווישן דעם ערשטן און דעם אַנדערן טײַם, ווען ס'האָט געשפּילט זײַן באַליבטע פוטבאָל־קאָמאַנדע „סטאַרט" מיט זײַן געוועזענער באַליבטער קאָמאַנדע „בעריאָזע", האָט ער, זיצנדיק אינעם טיפן פאָטעל באַם טעלעוויזאָר, זיך אָנגערופן צו אַדען, וואָס האָט געלייענט באַם טאָרשער די אָוונט־צײַטונג:

— געדענקסט, האָסט מיך געהאַט אַמאָל געפרעגט, וואָס, אַשטייגער, וואָלט געווען, ווען איך דערוויס זיך, אַז מע האָט באַם אויסשרײַבן דיך פון געבורט־הויז צופעליק פאַרביטן דאָס קינד אויף אַן אַנדערן?

ניט אָפּגעווענדט די אויגן פון דער צײַטונג, האָט אַדע זיך צעלאַכט.

— וואָס האָסטו זיך פּלוצעם דערמאָנט אין אַ נאַרישקײַט, וואָס כ'האָב אַ זאָג געטאָן אין שפּאַס מיט טויזנט יאָר צוריק? קוקסט דאָך גאָר דעם פוטבאָל.

— שטעל זיך פאָר, אַז כ'האָב זיך דערמאָנט אין דער דאָזיקער נאַרישקײַט ניט איצט, נאָר ווען מיר זײַנען מיט דיר געווען בײַ די קינדער. פונוואַנען קומט צו ליובען אַזאַ הויכער וווּקס? און די אויגן זײַנען בײַ איר ניט דײַנע און ניט מײַנע... ס'וואָלט געווען אַ שיינע זאַך, ווען מיר דערוויסן זיך מיט דיר מיטאַמאָל, אַז מע האָט זי אונדז פאַרביטן...

אַדע האָט אָפּגעקערט דאָס פּאָנעם פונעם טאָרשער, נאָר אויזער האָט באַוויזן דערזען, ווי עס האָבן גענומען ציטערן בײַ איר די ליפּן.

— מער איז דיר גאָרניט אײַנגעפאַלן?

זי זאָל זײַן זיכער, אַז דאָס, וואָס ער האָט איר דאָ איצט געזאָגט, האָט בלויז אַ שײַכעס צו דעם, וואָס זי האָט אים איינמאָל אַזוי ניט פאַרזיכטיק אַ פרעג געטאָן, האָט אַדע געוואָלט פון אים איצטער הערן, וואָס האָט ער איר דעמלט דערויף געענטפערט.

— דאָס זעלבע, וואָס כ'וואָלט דיר דערויף געענטפערט אַצינד, אַז כ'וואָלט זי ניט ווייניקער ליב געהאַט. נו, און דו?

— כ'האָב פײַנט, אַז מע רעדט נאַרישקײַטן. — זי האָט אויסגעשלאָסן די שײַן פון טאָרשער און זיך אויפגעהויבן. — עפּעס טוט מיר הײַנט מאָדנע ווײ דער קאָפּ. כ'וועל זיך גיין לייגן. באַאומרויִק זיך ניט, ס'וועט דורכגיין. קאָנסט זיך רויִק זיצן און קוקן דעם טעלעוויזאָר.

הײַנט שפּילט דאָך דײַן ליבלינג, גולקאָוויטש, וואָס איז איבערגעלאָפן פון „בעריאָזע" אין „סטאַרט" און די צוזאַמען מיט אים.

אַן אַנדערש מאָל, ווען אַדע וואַרפט עס אים אויס, וואָלט ער עס איר ניט פאַרשוויגן. ער האָט איר דאָך שוין ניט איין מאָל געזאָגט, פאַרוואָס ער האָט פּלוצעם אופגעהערט איבערלעבן פאַר דער קאָמאַנדע, וועלכע ער האָט אַלע יאָרן אַזוי ליב געהאַט, און געגומען ווײַטעקן פאַר דער קאָמאַנדע, פון וועלכער ער האָט ביז ניט לאַנג צוריק גאָר איבעריקס ניט געהאַלטן. ווען ער איז זיכער, אַז גולקאָוויטש האָט אַליין, מיטן אייגענעם ווילן זיך צעשיידט מיט זײַן פריערדיקער קאָמאַנדע און ניט ער איז געווען געניויט עס צו טאָן, וואָלט ער, אויזער, אויך איצט געווייטעקט פאַר דער קאָמאַנדע „בעריאָזע", ווי פאַרליבט ער איז ניט אין גולקאָוויטשעס אימפּעטפּולער מוטיקער שפּיל.

אויזער האָט זיך אָף קיין זאַך ניט פאַרופן, ווען אַדע האָט אים אין עטלעכע מינוט אַרום דערזען אַרײַנקומען אין שלאָפצימער און בא אים געפרעגט, פאַרוואָס האָט ער אויסגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר, און דערבײַ אים ווידער דערמאָנט, ווי ער זאָל האָבן פאַרגעסן, אַז הײַנט שפּילט דאָך זײַן ליבלינג. ער איז פּאַשעט אַרײַנגעקומען איר דערציילן די זייער טשיקאַווע געשיכטע, וואָס איז זיך פאַרלאָפן מיט דעם גענאַדי סאַרינען. ס'האָט א שטיקל שײַכעס צו דעם, וועגן וואָס זיי האָבן א ווײַלע פריער גערעדט.

— גענאַדי לאַזאַרעוויטש, — אויזער האָט אויסגעוואַרט, געגעבן איר דערמיט אַן איבעריקס מאָל די מעגלעכקײַט זיך פאַרטראַכטן, וועגן וואָס פאַר א גענאַדין גייט בא אים די גאַנצע צײַט א רייד. — גענאַדי לאַזאַרעוויטש, ווי כ'האָב דיר שוין געהאַט געזאָגט, איז אַן אינזשעניער, און, ווי־זיט אויס, אַן אָנגעזעענער אינזשעניער. ער איז אַן ערעך אין איינע יאָרן מיט מיר. עפּשער אָף א צוויי־דרײַ יאָר עלטער. ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען זייער זאַוואָד עוואַקוירט אין הינטערלאַנד. באַם אויסשטאַטן א זאַוואָד קאָן מען אָן אַזעלכע, ווי איך, דאָס הייסט, אָן אונטערשטופּער, זיך ניט באַגיין. די מאַשינעס, וואָס דער זאַוואָד זייערער האָט געדאַרפט באַשטעלן, זײַנען, אַפּאָנעם, געווען זייער וויכטיקע, אַנדערש וואָלט מען צוליב דעם ניט געווען געשיקט אַזאַ אָנגעזעענעם אינזשעניער און מע וואָלט ניט געווען אים באַזאָרגן אין אַזאַ שווערער צײַט מיט א באַזונדערער קופּע אין א צווישנפעלקערלעכן וואַגאָן.

אָף איינער א סטאַנציע, סאַרין געדענקט שוין איצט ניט אָף וועלכער, ס'איז א מײַסע פון העכער דרײַסיק יאָר צוריק, האָט ער דערזען שטיין אָפן פּעראָן א יונגע פרוי, אָנגעטאָן קימאַט זומערדיק, אין שיך, אין א בערעט, ווען אין דרויסן האָט געבערענט דער פראָסט, דעם אָטעם ניט צו כאַפּן. איר באַגאַזש איז באַשטאַנען פון א קליין רענצל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין דער האַנט. צווישן די פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן באַלאַגערט דעם צוג, האָט די דאָזיקע פרוי זיך אים געוואָרפן אין די אויגן ניט אַזוי מיט איר לײַכטן אָנטאָן, ווי מיט דער פאַרלוירנקײַט און אומבאַהאָלפנקײַט אירער. זי איז געשטאַנען אָן א זײַט, אָפּגעזונדערט, ניט געפּרווט זיך אַפילע דערנעענטערן צו די וואַגאָנען. מיט איין וואָרט, גענאַדי האָט פון ראַכמאָנעס זי אַרײַנגענומען צו זיך אין קופּע. ער שווערט זיך, און איך גלייב אים, אַז ער האָט דערבײַ ניט געהאַט קיין שום זײַטיקן מיין.

„קער ניט אָפּ פון מיר, טײַערע, די אויגן, — האָט אויזערן זיך געוואָלט איר זאָגן, — איך האָב דאָך אַלציינס שוין באַמערקט די שרעק, וואָס האָט זיך אין זיי באַזעצט. ווען וואָס, טײַערע, האָסטו זיך עס אַזוי פאַרטראַכט, וואָס דו באַמערקסט אַפילע ניט, אַז איך בין אָנגעשוויגן געוואָרן? זוכסט, מיט וואָס אָפּפירן פון זיך דעם קלאַפּ, מיט וואָס זיך פאַרענטפערן? קלער נאָר ניט זיך פאַרופן אָף דער צײַט. זי איז ניט קיין טײַך, וואָס טראָגט מיט זיך אַלץ אוועק. די צײַט קאָן ניט אַלץ פאַרענטפערן. זי איז א גרויסע אופמאָנערן און האָט אַן אײַזערנעם זיקאָרן"...

אויזערן האָט זיך געדוכט, אַז ווען ער זאָל אָפּזיצן אַזוי לעבן איר די גאַנצע נאַכט און קיין וואָרט מער ניט אַרויסברענגען, וואָלט זי עס מיסטאָמע ניט באַמערקט.

— בא דרײַ מעסלעס זײַנען זיי געפאָרן צוזאַמען, און די אַלע דרײַ מעסלעס... — אויזער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס שטעלט זי אים ניט אָפּ, פאַרוואָס לאָזט זי אים דאָס אַלץ איבערדערציילן און שטערט אים ניט נאָכפאָלגן נאָך איר אַרומבלאָנדזשענדיקן בליק, וואָס זוכט, בא וואָס זיך אָנכאַפּן און קאָן ניט געפינען. צי וויל זי אים דערמיט ניט זאָגן, אַז זי הייבט ניט אָן צו וויסן, ווער עס איז די פרוי און ווער עס איז דער אינזשעניער. זעט אויס, ער האָט ניט קיין טאָעס, אויזער, אַפּאָנעם, זי האָפט, — ווי יעדער באַשולדיקטער, אַז איר וועט זיך אײַנגעבן אָפּפירן פון זיך די שולד. זי מוז געוויס זײַן זיכער בא זיך, אַז אויסער דעם, וואָס גענאַדי האָט אים דערציילט, האָט ער, אויזער, קיין שום באַווײַזן ניט, אַז ער זאָל איר

קאָנען אופוואַרפן די שווערע שולד. גענאַדי האָט אים דאָך ניט געקאָנט דערציילן וועגן דעם, וועגן וואָס ער האָט אַליין ניט געוווּסט, וועגן דעם, וואָס איז געשען נאָך זייער צעשיידונג. זי האָבן זיך דאָך מער קיינמאָל אין לעבן ניט באַגעגנט. זי קאָן בא זיך קלערן: און אויב זי וועט אים אָפּ דעם אַלעם ענטפערן, אויזער, אַז פון סאַראַטאָוו, וווהין זי האָט זיך עוואַקויִרט, איז זי גאָר קיינמאָל אין ערגעץ ניט געפאָרן? און אַז די גאַנצע געשיכטע, וואָס אָט דער גענאַדי האָט אים דערציילט, איז אינגאַנצן אַן אויסגעטראַכטע? אויב דאָס איז זי אויסן מיט איר שווייַגן, וועט ער זיך ניט איַילן מיט אָפּנעמען בא איר די דאָזיקע האָפענונג. ער וועט אָבער אויך דאָס וויַיטערדיקע איר איבערדערציילן מיט דער זעלבער צוריקגעהאַלטנקייַט, ווי ביז אַהער, ניט דערלאָזן, אַז דאָס קאָל זיַינס, וועלכן ס'האָט אָנגעהויבן אויספֿעלן לופט, זאָל אים בעמען אונטערפירן.

— גענאַדי האָט ניט געהאַט קיין טאָעס. די פרוי, וועלכע ער האָט אַריַינגענומען צו זיך אין קופּע, איז ווירקלעך געווען פון די עוואַקויִרטע, פון אונדזערע מעקוימעס, אויב איך האָב ניט קיין טאָעס, פון מיַירעוו־ווייַסרוסלאַנד. דעם מאַן אירן, ווי זי האָט אים דערציילט, האָט מען קורץ פאַר דער מילכאָמע גענומען אָף מיליטערישע קורסן. דערפרייען דעם מאַן מיט דער בסורע, אַז זי האָט אים געבוירן א קינד, האָט זי שוין ניט באַוויזן. זי איז געוואָרן א מוטער אָפּן צווייטן, צי אָפּן דריטן טאָג פון דער מילכאָמע. דאָס קינד, א מיידעלע, דאַכט מיר, איז אויסגעגאַנגען בא איר אָף די הענט באַם עוואַקויִרן זיך. פון דעם מאַן האָט זי פאַר דער גאַנצער צייַט ניט געקראָגן קיין איין בריוו. ער איז, קענטיק, אומגעקומען נאָך אין די ערשטע טעג. אָף אוראַל האָט זיך בא איר צופעליק אָפּגעזוכט א שוועסטערקינד מיט א קראַנקער מומען. איז זי געפאָרן זיי אַריבערנעמען צו זיך קיין יאַראָסלאַוול.

דערמיט, וואָס ער האָט אָנגערופן אַן אַנדער שטאָט, ניט סאַראַטאָוו, האָט ער איר געגעבן די מעגלעכקייַט איבערכאַפּן דעם אָטעם, וואָס האָט איר, דוכט זיך, פאַנאַנדערגעשפּאַרט די ברוסט.

— אָף דער סטאַנציע, ווו גענאַדי האָט זי דערזען שטיין, האָט זי זיך געדאַרפט איבער־זעצן אָף אַן אַנדער צוג. זיך אַריַינזעצן אין יענע טעג אין א צוג איז געווען ניט אַזוי לײַכט אפילע פאַר מענטשן מיט געזונטע עלנבויגנס. דערצו האָט מען זי נאָך באַגאַנוועט. — אויזער האָט גאָרניט דורכגעלאָזט פון דעם, וואָס סאַרין האָט דערציילט, כאָטש אים האָט געוווּנדערט, ווי קאָן מען עס אין אַזויפיל יאָרן אַרום פאַרגעדענקען, אין וואָס זי איז געווען אָנגעטאָן און וואָס פאַר אַן אַשירעס האָט באַטראָפן דער בראָנפן, וואָס זי האָט אויסגעקויפט אָף אירע שפּייַז־קאַרטלעך פאַר עטלעכע כאַדאָשים און אים געפירט אין טשעמאָדאַן, וועלכע מע האָט בא איר צוגעגאַנוועט.

— געפירט האָט זי עס מיט זיך ניט אָף צו מאַכן דערפון געלט, אויסשלאָגן, אַזוי צו זאָגן, די הויצאָעס. בראָנפן, — האָט איר געשריבן דאָס שוועסטערקינד, — איז בא זיי א יעקאַר האַמציִעס, מע קאָן בא זיי פאַר דעם קריגן דאָס, וואָס ס'איז ניט צו קריגן צומאָל פאַר געלט. פון דער דאָזיקער אַשירעס, איז איר פאַרבליבן בלויז איין פלעשל, וואָס זי האָט געהאַט גע־האַלטן בא זיך אינעם רענצל. האָט זי פון דאַנקבאַרקײַט צו דעם מענטשן, וועלכער האָט זי אַרײַנגענומען צו זיך אין קופּע, עס אים אָפּגעגעבן.

נאָר אַז ניט די צווי צי דריַי קעלישקעלעך, וואָס גענאַדי לאַזאַרעוויטש האָט זי צוגע־רעדט אויסטרינקען, זי זאָל זיך דערוואַרעמען, האָט זיי דעמלט דערנעענטערט, דאָס האָט שוין אויזער צוגעגעבן פון זיך, אויסמאָלנדיק פאַר אַדען דעם דאָזיקן מענטשן שענער און מענערישער, ווי ער האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, באַזונדערס האָבן זי, מיסטאָמע, פאַרקי־שעפט זײַנע טונקל־בלויע אויגן. אויזער האָט ניט פאַרגעסן אויך צוגעבן, אַז גענאַדי האָט ניט אויסבאַהאַלטן פון איר, אַז ער איז א באַווייַבטער, אַז ער איז א טאַטע פון צווי קינדער. אויזער האָט דערביַי גאָרניט דורכגעלאָזט פון דעם, וואָס גענאַדי האָט דערציילט וועגן דעם פלאַמפּיַיער, וואָס זי האָט אין אים אָנגעצונדן מיט איר לײַב. ער דערפילט דעם דאָזיקן פלאַם אין זיך נאָך אויך איצט, ווען ער גיט א דערמאָן זיך אין יענע טעג.

דאָס מאָל האָבן אַדעס ליפּן אַזוי א ציטער געטאָן ניט פון שרעק, וואָס האָט זי אַרומ־געכאַפּט, ווען אויזער האָט פאַרפירט מיט איר דעם הייַנטיקן געשפּרעך, נאָר פונעם דורכגע־שוועבטן שמייכל, וואָס עס האָט בא איר אַרויסגערופן, זעט אויס, דאָס דערמאָנען וועגן דער בענקשאַפט, וועלכע ס'האָט פאַרהיט צו איר דער מאַנצבל, מיט וועמען זי האָט זיך צופעליק באַגעגנט מיט העכער דריַיסיק יאָר צוריק און געווען מיט אים באַקאַנט קנאַפּע דריַי מעסלעס. דאָס האָט זי געמאַכט שטאָלץ בא זיך, אָבער בלויז אָף די עטלעכע רעגעס, וואָס אויזער האָט איר געגעבן אָף אײַנשטילן עטוואָס דאָס האַרץ, ס'זאָל ניט קלאַפּן אַזוי הילכיק.

— אפן דריטן מעסלעס האָבן זיי זיך צעשיידט. זי איז אראָפּגעשטיגן א פּאָר סטאנציעס פאר קראסנאָיארסק. ער איז אוועקגעפאָרן ווײַטער.

אויזער איז ניט געווען אינגאנצן זיכער, אז זי קאָן מיטאמאָל אים איבערשלאָגן, ניט וועלן אויסהערן דאָס ווײַטערדיקע, האָט ער אָנשטאָט דער סטאנציע אַף אוראל, אַף וועלכער זי איז ארויסגעשטיגן, אָנגערופן א סטאנציע פון טיף סיביר און דערמיט איר ווידער געגעבן א מעגלעכקײַט עטעמען פרײַער, ניט אזוי שווער און אָפּגעהאקט.

— ווײַזט אויס, זיי האָבן ביידע פאָרגעפילט, אז זיי וועלן זיך מער קיינמאָל ניט באגעגענען, און עפשער האָט זי ניט געוואָלט, זיי זאָלן זיך באגעגענען, — איר מאן, אויב ער איז ניט אומגעקומען, האָט זיך געקאָנט פלוצעם אָפּזוכן, אַף דער מילכאָמע האָט זיך אזעלכס געטראָפן, און דערפאר, קאָן זײַן, האָט זי ווי פארגעסן גענאדין געבן איר אדרעס און ניט געבעטן בא אים זײַן אדרעס. זיי האָבן ניט געוווּסט אפילע איינער דעם אנדערנס פאָטער־נאָמען און די פאמיליעס. זיך באנוגנט בלויז דערמיט, אז אים רופט מען גענאדי, אז ער איז אן אינזשעניער, און זי רופט מען כאווע און זי איז א מאשיניסטקע. — אויזער האָט זיך אופגעהויבן, אָפּגעקערט מיט א ווידערגעפיל צו זיך דאָס פּאָנעם פונעם דרײַקאנטיקן שפּיגל אפן טואלעט־טישל און צוגעגאנגען צום פענצטער, וואָס איז ארויס צו דער גאס.

און ווען אדע האָט דאָס מאָל אָפּגעטעמט, ווי א מענטש, וואָס איז נאָרוואָס איבערגעקומען, ענדלעך, די געפאר און מער דראָעט אים שוין גאָרניט, האָט אויזער זיך האסטיק אויסגעדרייט צו איר און שוין מיט אן אנדער שטים געלאָזט וויסן, אז מיט דעם, וואָס ער האָט איר דערציילט, האָט זיך די דאָזיקע געשיכטע נאָך ניט פארענדיקט.

— מע קאָן זאָגן, אז זי הייבט זיך ערשט אָן.

— ווערסט עפשער עס איבערלאָזן אַף אן אנדערש מאָל?

— אַף אן אנדערש מאָל, איז אַף אן אנדערש מאָל.

— און אויב איך וועל זיך ניט דערוויסן, מיט וואָס עס האָט זיך פארענדיקט די געשיכטע, וואָס הייבט זיך ערשט אָן, ווי דו זאָגסט, וועל איך דערפון, מיין איך, גאָרניט אָנווערן.

די רויִקײַט, מיט וועלכער אדע האָט עס אים ארויסגעזאָגט, דער שמייכל, וואָס האָט זיך



באוויזן אין אירע אויגן, וועלכע האָבן נאָך ניט באַפרײַט זיך אינגאַנצן פון דער שרעק, איז ניט געווען פאַר אויזערן אינגאַנצן אומדערוואַרט. ער האָט זיך געקאָנט דערוף ריכטן. ער האָט דאָך דערווײַל מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער פירט מיט איר אַ באַהאַלטענע שפּיל, מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעגעבן, אַז ער קען די פרוי, וועגן וועלכער ער האָט איר דערציילט. פאַרוואָס זעצט ער פאָר מיט איר פירן די דאָזיקע שפּיל, האָט ער דערווײַל אַליין ניט געקאָנט זיך דערקלערן. צי ניט דערפאַר האָט זי זיך אַזוי לאַנג פאַרצויגן, די שפּיל, ווײַל ער ווייסט ניט, וויאַזוי זי פאַרענדיקן? ווי רויק, אָן דעם מינדסטן אָנדײַט, אַז סע גייט אים דערבײַ עפּעס אָן, האָט ער איר אָפּגעענטפערט: „אַף אַן אַנדערש מאָל, איז אַף אַן אַנדערש מאָל". נאָר ווען אַדע האָט אים געבעטן, ער זאָל איר געבן דאָס פּעקל צײַטונגען, וואָס איז געלעגן אַפן טואַלעט־טישל, האָט ער ניט געקאָנט זיך בײַקומען, אַז ער זאָל זי ניט פרעגן אַ ביסל אופגערעגט:

— קאָנסט מיר ניט זאָגן, וואָס געפינסטו אַזעלכס אין די צײַטונגען, וואָס דו לייענסט זיי איבער פון אַלעף ביז טאָוו? פאַרפעלסט אַפילע ניט, דאַכט זיך, איבערלייענען די נומערן פון די טעלעפאָנען פון די רעדאַקציעס און טיפּאָגראַפיעס.

ניט דאָס ערשטע מאָל פרעגט ער עס בא איר און ברענגט דערמיט שיר ניט יעדעס מאָל צו אַ קריג צווישן זיי. הײַנט אָבער האָט ער זי מיט דעם פון געדולד ניט אַרויסגעבראַכט, זי האָט אים רויק געענטפערט:

— פאַרוואָס פרעג איך דיך קיינמאָל ניט, וואָס געפינסטו אַזעלכס אינעם פוטבאָל און אינעם כאָקיי, וואָס דו קאָנסט צוליב דעם אָפּזיצן ביז האַלבער נאַכט באַם טעלעוויזאָר?

— איך שטער אָבער דערמיט קיינעם ניט. ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך קאָן ניט שלאָפן, ווען ס'ברענט די שײַן און סע שאָרכעט מיר אין די אויערן.

— כ'האָב דיר דאָך ניט איין מאָל פאָרגעלייגט, זאָלסט איבערגיין שלאָפן אינעם אַנדערן צימער. איז ניט דו גייסט אַהין און ניט דו לאָזט מיך איבערגיין אַהין.

אַדע האָט זיך געריכט דערהערן באַלד פון אים דאָס זעלבע, וואָס זי האָט שוין ניט איין מאָל פון אים געהערט און וואָס האָט זי, ווי אַ פרוי, דערהויבן אין די אייגענע אויגן, אַז ניט צוליב דעם האָט ער פאַר איר כאַסענע געהאַט, ער זאָל שלאָפן באַזונדער, און פּלוצעם האָט זי גאָר דערהערט, אַז ער וועט טאַקע איבערגיין שלאָפן אינעם אַנדערן צימער.

— איך זע דאָך פונעם פּאַק צײַטונגען, אַז דו קלײַבסט זיך הײַנט לייענען ביז פאַרטאָג. ווער לייענט עס אין אונדזערע טעג אַזוי אַ צײַטונג ווי דו? אַ צײַטונג איז ניט קיין בוך, כאָטש אַ בוך לייענט מען טיילווײַז אויך, ווי מע זאָגט עס, „פּאַ דיאַגאָנאַלי". אַ צײַטונג דאַרף מען דורכקוקן און ניט לייענען. די נײַס, וועלכע איך דאַרף וויסן, דערוויס איך זיך פון דער ראַדיאָ. פאַר מיר איז עס איבערגענוג.

— און פאַר מיר, זעסטו, ניט.

— אין אײַער אַנשטאַלט זײַנען אַלע אַזעלכע?

— כ'האָב זיי ניט געפרעגט. הער, וועסט מיר הײַנט לאָזן לייענען?

— ניין.

צי זי האָט ניט דערוואַרט, ער זאָל איר אַזוי ענטפערן, צי ווײַל ער האָט איר געענטפערט אַזוי אַנטשיידן, נאָר אַדע האָט אָפּגעלייגט די צײַטונג און אים באַטראַכט מיט די אונטער־שמייכלענדיקע אויגן, אין וועלכע, — ער האָט געוווּסט עס פאַרפריער, — ס'וועט זיך באַלד צוריק באַזעצן די שרעק, וואָס אינגאַנצן וועט זי שוין פון דאָרט קיינמאָל ניט פאַרשווינדן.

— איך מוז דיר פונדעסטוועגן פאָרט דערציילן דעם סאָף פון דער געשיכטע.

די שרעק אין אירע גרויסע שוואַרצע אויגן האָט זיך אומגעקערט נאָך איידער זי האָט אים צעטומלט געפרעגט:

— צו וואָס? צו וואָס ווילסטו מיר עס דערציילן? אַז סע גייט מיר ניט אָן די גאַנצע געשיכטע. געפונען דאָרט, פון וואָס צו מאַכן אַ וועזן. נו, איז זי איבערגעשלאָפן מיט אים. זאָגסט דאָך אַליין, אַז זי איז געווען שוין אָן אַ מאַן, אַז דער מאַן אירער איז אומגעקומען אַפן פראָנט.

— עס גייט דען בלויז אין דעם? — דאָס קאָל זײַנס הייבט, דאַכט זיך, אָן אים אַרויסגעבן. צו פרי נאָך, זאָגט ער צו זיך, און זעצט ווידער פאָר רויק און צוריקגעהאַלטן: — עס גייט אין פיל העכערס. ס'איז פון די געשיכטעס, וואָס כאָטש זיי זײַנען זיך פאַרלאָפן מיט העכער דרײַ־סיק יאָר צוריק, גייען זיי דעם מענטשן אויך איצטער אָן, ווי זיי זײַנען אָנגעגאַנגען אין די פרײַערדיקע צײַטן אונדזערע עלטערן און אונדזערע עלטערנס עלטערן און וועלן זיכער אָנגיין די אייניקלעך און אוראייניקלעך. — צוגערוקט נעענטער דאָס בענקל און ניט אָפּגעווענדט פון אַדען זײַן בליק, וואָס האָט נאָכאַנאַנד געענדערט די פאַרב אין איר פּאָנעם, האָט אויזער

פאַרגזעצט גענוי איבערדערציילן די געשיכטע, נאָך אַלץ ניט וויסנדיק, וויאַזוי זי פאַרענדיקן. ניט ער האָט דאָך דער ערשטער צוגעטראַכט: כאַפּ זיך ניט אַרויסנעמען די שווערד פונעם שיידל. נאָר האָסטו זי אַרויסגענומען איז אַיל זיך ניט אַרײַנלייגן זי צוריק אין שיידל פאַר דעם, ווי זי האָט אויסגעפּילט דײַן שליכעס.

— געווײנלעך, פאַרהיטן זיך ניט איבעריקס לאַנג אין זיקאָרן אַזעלכע צופעליקע באַגעגעניש מיט פרויען, ביפּראַט, אַז געגנאַדי האָט נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מיט איר צעשיידט, קנאַפּ וואָס געגעבליבט אין דעם. וואָס די נײַע זײַנע באַקאַנטע זײַנע האָט אים דערציילט וועגן זיך. ער האָט זי גיכער אָנגענומען פאַר אַ פרוי, וועלכע האָט זיך מיטאָמאָל דערפילט פרײַ און אויסער דעם, וואָס זי קאָן געניסן פון אָט דער פרײַהײַט, גייט איר קיין זאַך ניט אָן. ער איז ניט געווען אפילו זיכער, צי זי האָט אים אָנגערופן איר עמעסן נאָמען. מעגלעך, זאָגט ער, אַז זי הייסט גאָרניט כאַווע. נו, און ווען מע האָט אים אין עטלעכע כאָדאָשים אַרום מאָביליזירט און אָפּגעשיקט אַפן פראָנט, איז ער געווען פאַרנומען מיט פיל וויכטיקערס, ווי זיך אַרײַנלאָזן אין אויסקלאָרן פאַר זיך, ווער איז זי פונדעסטוועגן פאַרט געווען, די צופעליקע באַקאַנטע זײַנע, און גיין זיך פאַרטראַכטן, צי קאָן ניט דאָס זעלביקע זיך פאַרלויפן אויך מיט זײַן פרוי, כאָטש זי איז שוין דעמלט געווען אַ מאַמע פון צווי קינדער. זי איז דאָך אָבער געווען גאָר אַ יונגע, קימאַט אין איין עלטער מיט אָט דער כאַווען. דער דאָזיקער געדאַנק, וואָס פלעגט צומאָל אים באַפאַלן, האָט אים נאָך מער דערווײַטערט פון יענער, אַרויסגערופן אין אים אָן אומפאַרשטענדלעכע פײַנטשאַפט צו איר. און פּלוצעם, אָן אַ שום פאַרוואָס, איז אים נאָך אײנער אַ שלאַכט באַפאַלן אַ מאָדנע נאָגנדיקע בענקשאַפט צו דער, וועלכע ער האָט געוואָלט פאַרגעסן, געווען זיכער, אַז ער וועט זי פאַרגעסן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ווי ער זאָל זיך ניט ווערן, וועט ער אָט די מוירעדיקע בענקשאַפט ניט קאָנען בײַקומען אין זיך, און ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט, אַז אויב ער בלײַבט לעבן, וועט ער פרווון זי אָפּזוכן. ער מוז זיך מיט איר זען, וויסנדיק פאַרפריִער, אַז די באַגעגעניש מיט איר וועט גאָרניט ענדערן אין זײַן לעבן.

וועגן דעם, וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן אינעם זוניק־פרילינגדיקן טאָג, ווען דער מיליטערישער עשעלאָן, מיט וועלכן סאַרין איז געפאָרן פון דײַטשלאַנד אַפן ווײַטן מיזרעך, האָט זיך צופעליק פאַרהאַלטן אַף עטלעכע שאָ אין יאַראָסלאַוול, האָט אויזער דערציילט מיט אַלע געגנויקײַטן, ער זאָל אַליין בוילעטער עס קאָנען אַלץ דערזען, און דערבײַ נאָכגעפאָלגט נאָך אַדען, וויאַזוי נעמט זי אויף דאָס ווײַטערדיקע, וואָס ער דערציילט איצט. זי האָט זיך ניט וואָס צו שרעקן. ער וועט באַ איר דערווײַל ניט אָפּנעמען דאָס שטרויעלע, פאַר וועלכן זי האָט זיך אָנגעכאַפּט, ווען ער האָט אָנשטאָט סאַראַטאָוו אָנגערופן יאַראָסלאַוול, און אַז געגנאַדי האָט זיך נאָכגעפרעגט אין יאַראָסלאַוולער שטאַטסאַוועט ניט אַף דער מאַשיניסטקע אַדע, נאָר אַף אַ מאַשיניסטקע כאַווע.

ער איז דען ניט געווען געגנוג פאַרזיכטיק. אויזער, בײַסן דערציילן וועגן דעם, וואָס אַדע איז מיטאָמאָל אַזוי בלייך געוואָרן און פאַרכאַלעשט אויסגעשטרעקט צו אים די האַנט:

— גיב מיר דעם וואַלידאָל.

פון זינט זי האָט זיך אַנומלטן אָנגעהויבן באַקלאָגן אַפן האַרץ, האָט ער בלויז געציילטע מאָל זי געזען אָנקומען צו די דאָזיקע גרויסע פּילן. ער האָט אָבער געוווסט, ווו זי האַלט דעם וואַלידאָל, אַז ער ליגט אינעם מיטלסטן קעסטל פון איר טואַלעט־טיש. אויזער האָט עס פאַרגעדענקט, אַז ער זאָל באַ אַ נויט ניט דאַרפן אַרומלויפן אַ צעטומלטער איבערן שטוב און אים זוכן. דערלאַנגענדיק איר איצט די קליינע גלעזערנע בירקע מיט וואַלידאָל, האָט ער באַמערקט אין אירע אויגן אַ געפאַלנקײַט, וואָס רופט אַרויס צו זיך מיטלײַד. זי קאָן אים, אַפּאָנעם, גאָר אײַנגאַנצן נאָך ניט, אויב זי מיינט, אַז ער וועט אַרײַנלייגן די שווערד אין שיידל פריִער, ווי ער וועט זי צופירן, אַדען, צום שוי־פענצטער מיט די אַרויסגעהאַנגענע בילדער, פריִער, ווי געגנאַדי וועט אין דעם באַרג בילדער זיך אָנשטויסן אַף דער פאָטאָ מיט דער אַרײַנגעפאַסטער קווייט אינעם דינעם דורכזיכטיקן קאָפּטל...

— דער פאָטאָגראַף, צו וועמען געגנאַדי איז, ווי ער זאָגט, ניט אַרײַנגעלאָפן, נאָר אַרײַנגעפלויגן, ווען ער האָט דערזען אינעם שוי־פענצטער כאַוועס בילד מיטן קינד אַף די הענט, מיט זײַן, געגנאַדיס, קינד אַף די הענט, האָט ניט געהאַט, מיט וואָס אים צו דערפרייען. און ווירקלעך, ער האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרגעדענקען אַלעמען, וועמען עס האָט זיך באַ אים פאָטאָגראַפירט. ער קאָן אים בלויז צוזאָגן, אַז ער וועט די פאָטאָגראַפיע פון דער יונגער פרוי מיטן קינד אַף די הענט נאָך אַזוי גיך פון דער וויטרינע ניט אַראָפּנעמען, און אַז ער וועט זיך אָנפרעגן אַף איר באַ מענטשן. און עפּשער וועט זי זיך אַליין אַרײַנכאַפּן באַשטעלן נאָך עטלעכע בילדער, ווי דאָס טרעפט מיט אייניקע קליִענטן, קאָלזמאַן עס פאַרהיטן זיך באַ אים זייערע

נעגאַטיוון. ווי נאָר ער וועט עפּעס דערגיין, ט׳ער אים גלײַך געבן צו וויסן. ער וועט אים אויך צושיקן די דאָזיקע פֿאָטאָגראַפֿיע. גענאַדי האָט קיין רעגע ניט געצווייפֿלט, אַז דאָס קינד, וואָס כוועה האַלט אַף די הענט, איז זײַנס. זעלטן טרעפֿט, זאָגט ער, אַזאַ ענלעכקייט. אויזער האָט צוגעוואַרט אַ ווײַלע, זיך ווידער פֿאַרטראַכט: אָפּגענומען בײַ איר דאָס שטרוי־עלע, פֿאַר וועלכן זי האָט פֿון סאַמע אָנפֿאַנג זיך אָנגעכאַפּט, צי לאָזן, זי זאָל זיך נאָך אָנהאַלטן אָן דעם.

ער האָט דערבײַ ניט אופֿגעהערט זיך וווּנדערן אַף זיך אַליין. ווי רויִק ער זעצט עס פֿאָר שפּילן מיט איר אָט די באַהאַלטענע שפּיל, זעצט פֿאָר דערציילן וועגן זיך און איר, ווי וועגן זײַטיקע, לאַכלוטן אים פֿרעמדע מענטשן.

— עס זײַנען דורך צוויי יאָר, און קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופֿן. ניט זי, ניט דער פֿאָטאָגראַף. מעגלעך, דערפֿאַר, ווײַל ס׳האָט זיך פֿאַר דער צײַט געביטן דער נומער פֿון סאַרינס פֿעלדפּאָסט און ס׳זײַנען צו אים ניט דערגאַנגען די בריוו, צי דער פֿאָטאָגראַף האָט פּאַשעט פֿאַרגעסן. ער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש. אַזוי צי אַנדערש, נאָר פֿאַר גענאַדין איז עס ביז איצט פֿאַרבליבן אַ סאָד.

צי דען האָט ער, אויזער, זי דערמיט אַף אַזויפֿיל באַרויִקט, אַז זי באַמערקט ניט, ווי שווער עס איז אים געוואָרן דערציילן דאָס ווײַטערדיקע, באַמערקט ניט, ווי ער שטעלט זיך נאָכאַנאַנד אָפּ? זי הערט, דאַכט זיך, גאָר בּיכלל זיך ניט צו צו דעם, וואָס ער דערציילט איר, פּונקט ווי ער זאָל רײדן ניט וועגן איר טאָכטער און עס זאָל איר אינגאַנצן ניט אָנגיין, וואָס עס האָט וועגן איר, אָדען, געקלערט און איבערגעקלערט גענאַדי סאַרין, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז זי האָט פֿון אים אַ קינד. אים אָבער, אויזערן, כאַטש ס׳איז דורך אַזויפֿיל יאָרן, גייט אויך איצט נאָך אָן אַלץ, וואָס איז מיט איר, נאָכן צעשיידן זיך מיט סאַרינען, זיך דעמלט פֿאַרלאָפֿן. ער וויל וויסן, וואָס האָט זי געבראַכט דערצו, אַז זי זאָל אין אַזאַ שווערער צײַט, בײַ אַזאַ שווערער נויט, אײַנגיין האָבן אַ קינד, דערצו נאָך פֿון אַ מענטשן, וואָס ניט נאָר זי ווייסט ניט זײַן פֿאַמיליע, נאָר אַפֿילו זײַן פֿאָטער־נאָמען. זי קאָן אים דערוף ענטפֿערן: אין לעבן טרעפֿט ניט זעלטן אַזוינס, וואָס בלויז מיטן פֿאַרשטאַנד לאָזט זיך עס ניט באַנעמען. זי האָט זיך געקאָנט פֿאַרליבן אין אים שוין נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך צעשיידט. און וואָס וואָלט זי אים געענטפֿערט, אויזערן, ווען ער פֿרעגט זי, פֿאַרוואָס האָט זי ניט אָפּגעזוכט דעם פֿאָטער פֿון איר קינד? פֿאַרוואָס האָט זי פֿון אים אויסבאַהאַלטן, אַז זי האָט פֿון אים אַ קינד? זי האָט ניט געוווּסט, וועט זי זאָגן, זײַן פֿאַמיליע, אַפֿילו זײַן פֿאָטער־נאָמען? זי האָט דאָך אָבער געוווּסט פֿונוואַנען ער איז געפֿאָרן, אַז ער אַרבעט דאָרט אַף אַ זאַוואָד, וואָס האָט זיך אַהין עוואַקוירט! וואָס האָט זי פֿאַרט אָפּגעהאַלטן, גענויט דערצו, אַז פֿאַר גענאַדין זאָל בלײַבן אַ סאָד, אַז זי האָט פֿון אים אַ קינד, און באַהאַלט ביז איצט פֿון אים אויס, אַז דאָס מיידעלע אַפֿן בילד, וואָס ער האָט געזען בײַ איר אַף די הענט, איז שוין איצט אַליין אַ מאַמע, אַ מאַמע פֿון צוויי קינדערלעך, פֿון זײַנע, גענאַדיס, אייניקלעך...

ענטפֿערן אַף דעם קאָן בלויז זי אַליינע, אָדע. נאָר אים, אויזערן, גייט עס שוין אַזוי ניט אָן, אַלנפֿאַלס אַ סאַך ווייניקער, ווי אָט דעם סאַרינען. סאָפֿקאַלסאָף, וואָס זי זאָל דערוף ניט ענטפֿערן, קאָן עס שוין איצט גאָרניט ענדערן. גאָרניט. ער וויל אָבער וויסן, ער מוז עס וויסן, כאָטש דאָס קאָן שוין גאָרניט ענדערן, פֿאַרוואָס האָט זי די אַלע יאָרן אויסבאַהאַלטן פֿון אים, אויזערן, אַז ער איז ניט דער טאַטע פֿונעם מיידעלע, וואָס ער האָט, קומענדיק פֿון דער מילכאָמע, געטראָפֿן בײַ זיך אין שטוב און עס אַרופֿגעכאַפּט אַף די הענט, שטײַף צוגעדריקט צו זײַן שינעל... פֿאַרוואָס באַהאַלט זי פֿון אים ביז איצט נאָך אויס, אַז ער איז ניט דער זיידע פֿון די צוויי קינדער, וועלכע האָבן צוגעטראַכט פֿאַר אים אַ שפּיל „מירן דיך מוטשען"?.. אָדע איז דאָך דעמלט, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פֿון פֿראָנט, געווען נאָך אַ יונגע און ניט געדאַרפֿט מוירע האָבן פֿאַר דעם, פֿאַרוואָס עס האָט מוירע אַ פֿרוי אין איר איצטיקן עלטער, אַז איר דראָעט בלײַבן אַן איינזאַמע מוטער.

ווען עמעצער פֿון דער זײַט הערט אונטער דאָס אַלץ, וואָס ער, אויזער, האָט איבערדערציילנדיק אָדען די געשיכטע, געהאַט בײַ זיך איבערגעטראַכט און ווי אַזוי ער האָט זיך געהיט, אַז ער זאָל דערפֿון קיין וואָרט ניט אַרויסברענגען אַף אַ קאָל, וואָלט יענער אים געוויס אויסגעלאַכט, געמאַכט עס אַלץ צו גאָרנישט. יענעם וואָלט, מיסטאָמע, גלאַט געוווּנדערט, ווי קאָן עס אַ מענטש אין אונדזער צײַט זיך אַזוי אָפּגעבן מיט זיך, פּײַניקן זיך פֿון דעם זעלבן, פֿון וואָס עס האָבן זיך געפּײַניקט מענטשן אין די ווײַט פֿאַרגאַנגענע צײַטן און מאַכן נאָך דערפֿון אַזאַ ווענז! שפּאָן עס, פֿרײַנט מײַנער, אַריבער, קאָן ער אים זאָגן, און גיי ווײַטער! קוק זיך דערוף מער ניט אום! וואָס, דיר גייט אָן זיך דערוויסן דעם גאַנצן עמעס? ווייסט דען ניט, אַז וועסט זיך צו אים ניט דערקלײַבן? ער ליגט צו טיף און צו פֿאַרבאָרגן,

אז מע זאָל זיך קאָנען צו אים דערקלײַבן. פֿאַראַן אין לעבן מער בילכערס און וויכטיקערס, מיט וואָס זיך פֿאַרנעמען... וואָס וואָלט אָבער געזאָגט דער זעלבער, ווען מיט אים טרעפֿט ענלעכס? זיך וואָלט ער אויך געענטפֿערט: „מאַך ניט דערפֿון קיין ווען! שפּאַן עס אַריבער און גיי ווײַטער?״ ניין, זיך וואָלט יענער, איז אויזער זיכער, אַזוי ניט געענטפֿערט. און ווי קאָן ער, אויזער, ניט זײַן דערין זיכער נאָך דעם, ווי ער האָט געזען, ווי דער קאַפּיטאַן, וואָס האָט צו יענער צײַט שוין ניט איין מאָל זיך באַגעגנט אפֿן שלאַכטפֿעלד מיטן טויט, האָט זיך צעווײנט בלויז דערפֿון, וואָס זײַן ווײַבל, ווי ס'האָט אים געשריבן דאָס טעכטערל, טרינקט ווײַן? נאָך דעם ווי קלאַדקאָוו, דער מוטיקער און העלדישער קלאַדאָוו... פֿאַרוואָס שלאָגט אים אַדע ניט איבער, האָט ער ניט, אויזער, וואָס זי צו פֿרעגן. זי וועט אים ניט איבערשלאָגן, אויב ער זאָל אַפֿילע פֿאַרציִען מיטן איבערדערציילן די געשיכטע ביז טאָג. זי האָט מוירע, זי זאָל זיך דערמיט ניט אַרויסגעבן.

10

דאָס מוירע האָבן, אַז זי קאָן זיך אַרויסגעבן, האָט אָפּגעהאַלטן אַדען, זי זאָל ווידער אָנקומען צום וואַלידאַל, וואָס איז געלעגן לעבן איר אפֿן טואַלעט־טישל, ווען אויזער האָט, איבערזעצנדיק זיך פֿונעם בענקל אפֿן פֿענצטער־ראַם, זיך אָנגערופֿן, אַז גענאַדי סאַרין האָט ניט פֿאַרלוירן די האָפֿענונג, זי פֿונדעסטוועגן אָפּזוכן. ער מוז זי אָפּזוכן.

— און ניט אַזוי זי, ווי דאָס קינד, וואָס איז, ווי ער שטעלט זיך פֿאָר, פֿון לאַנג שוין אַליין אַ מאַמע און אים געוויס באַגליקט מיט אייניקלעך... מיט דער מוטער אירער, ווילט זיך אים, פֿאַרשטייט זיך, אויך זען, כאָטש ער באַהאַלט עס אויס. עס פֿילט זיך אָבער, אַז ער בענקט נאָך איר. כ'האָב עס אים געזאָגט, אים אַפֿילע געפֿרעגט, צי קאָן צופֿעליק די דאָזיקע באַגעגעניש זײַנע מיט איר זיך ניט פֿאַרענדיקן דערמיט, אַז זיי זאָלן זיך צונויפֿגיין? „אויסגעשלאָסן, — האָט ער מיר דערויף געענטפֿערט, — איך וואָלט צוליב יענער פֿרוי, ווי שטאַרק איך זאָל זי ניט ליב האָבן, זיך קיינמאָל ניט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען מיט דער מוטער פֿון מײַנע קינדער״. „זי איז דאָך אָבער אויך די מוטער פֿון אײַער קינד, — בין איך פֿון אים ניט אָפּגעשטאַנען, — צי איר צווייפֿלט שוין איצט אין דעם?״ — „אין וואָס? אַז דאָס קינד איז מײַנס? ווי קאָן איך דערין צווייפֿלען, אויב עס איז אײַנגאַנצן ענלעך אויף מיר? אין לעבן טרעפֿט אַלץ. סע טרעפֿט, אַז מענטשן, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט אין די יונגע יאָרן, גייען זיך צונויף ערשט אויף דער עלטער, ווען מע האָט שוין אייניקלעך. איך בין אָבער ניט זיכער, צי זי איז געווען אין מיר פֿאַרליבט״. „נו, און איר?״ — האָב איך אים געפֿרעגט. טרעף, וואָס ער האָט מיר דערויף געענטפֿערט. „איך ווייס עס ביז איצט ניט. זי איז אָבער פֿון די פֿרויען, וואָס אויב מע איז מיט איר געווען אַפֿילע בלויז איין מאָל נאָענט, פֿאַרגעדענקט זי זיך דיר אפֿן גאַנצן לעבן. אַזאַ פֿרוי, ווי זי, קאָן זײַן לאַכלוטן רויִק, אַז דער מאַן וועט איר זײַן איבערגעגעבן און טרײַ, ווײַל ער וועט קיינמאָל ניט אויפֿהערן בענקען נאָך איר צאַרטקייט, נאָך איר פֿײַער. פֿאַר אַ מאַנצבל זײַנען עס יענע קייטן, מיט וועלכע אַ פֿרוי קאָן אים צובינדן צו זיך אפֿן גאַנצן לעבן, און ער וועט זיך ניט ווערן, ווײַל ער אַליין פֿאַרלאַנגט עס פֿון איר. דאָס פֿאַרנעמט אין לעבן זייער אַ גרויס אָרט, אַ סך אַ גרעסערס, ווי עמעצן קאָן זיך אויסווײַזן״. איך האָב אים ניט איבערגעשלאָגן, און ער האָט פֿאָרגעזעצט: „אַזאַ פֿרוי, ווי זי, איז ניט שווער פֿאַרליבן אין זיך אַ פֿיל שענערן און אַ ייִנגערן פֿון מיר. קלאָר, אַז איבעריקס לאַנג איז זי קיין איינזאַמע מוטער ניט געווען. כ'מיין אָבער ניט, אַז זי זאָל געווען כאַסענע האָבן, איידער זי האָט געהאַט דאָס קינד, זאָל, הייסט עס, דער מאַן אירער קלערן, אַז ס'איז זײַנס, און אַז דאָס האַלט זי ביז איצטער אָפּ, זי זאָל מיך געפֿינען און זיך מיט מיר באַגעגענען״. „און ווי איז, — האָב איך אים געפֿרעגט, — אויב עס האָט זיך אָפּגעזוכט איר פֿאַרלוירנגעגאַנגענער מאַן? איר וואָלט דאָך אים ניט געזאָגט, אַז די טאָכטער און די אייניקלעך זײַנען ניט זײַנע, אַז זיי זײַנען אײַערע״... „איר קלערט, אַז זי האָט געקאָנט עס אויסבאַהאַלטן פֿון אים? מיר איז שווער אין דעם צו גלייבן, כאָטש ווען זי וויל, וואָלט זי זייער לײַכט געקאָנט אים אין דעם פֿאַרזיכערן. ער האָט דאָך ניט געוווּסט, אַז זײַן קינד איז אויסגעגאַנגען אויף אירע הענט באַם עוואַקויִרן זיך. איך גלייב אָבער ניט, אַז זי זאָל זיך געוווען מיט אים אַזוי באַגיין, ס'איז אויסגעשלאָסן״.

— און ווי קלערסטו? — האָט אויזער, אָנבייגנדיק זיך צו אַדען, גלײַכגילטיק געפֿרעגט.

— כ'ווייס ניט. — זי האָט זיך אָפּגערופֿן, ווי פֿון שלאָף, און נאָך ווײַטער אָפּגעקערט דאָס אויסגעבלייכטע געזיכט פֿון זײַן נאָכפֿאָלגנדיקן בליק.

— און איך, זעסטו, קלער דאָס זעלבע, וואָס גענאַדי, אַז זי וואָלט זיך ניט באַגאַנגען אַזוי מיט איר מאַן, ווען ער זוכט זיך אָפּ און זי איז ווידער מיט אים. איך קאָן גאָר אַנדערש ניט קלערן. וואָס קאָן זײַן שרעקלעכער און נידערטרעכטיקער, ווי אויסבאַהאַלטן אַזעלכס פֿון אים. דאָס איז דאָך איינע פֿון יענע נידערטרעכטיקײַטן, פֿון יענע פּאַראַטן, וואָס קאָנען ניט בלײַבן אומבאַשטראָפֿט. — אויזערן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַדע אָטעמט ניט. האָט ער זיך צוגע־הערט אַ ווײַלע און מיטן זעלבן קאָל, וואָס נעמט דערווײַל בײַ איר ניט אָפּ נאָך אײַנגאַנצן די האָפֿענונג, געזאָגט: — איך פֿאַרשטיי, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכער קלאַפּ דאָס וואָלט פֿאַר אים געווען, ווען זי זאָגט אים דעמלט אויס דעם עמעס. כ׳נעם זיך ניט אונטער איצטער טרעפֿן, מיט וואָס וואָלט זיך עס בײַ זיי דעמלט געענדיקט. איינס איז מיר אָבער קלאָר: אויב ער וואָלט זיך מיט איר דאַן ניט פֿאַנאַנדערגעגאַנגען, וואָלט ער איר, מיסטאָמע, סאַפּקאָלסאָף מויכל געווען. ווי אַ מענטש מיט פֿאַרשטאַנד, האָט ער ניט געקאָנט ניט באַנעמען, אַז ער האָט זי איבערגעלאָזט נאָך גאָר אַ יונגע, אַז מע קאָן ניט גיין קעגן דער נאַטור, ווי ס׳האָט אַנומלטן געזאָגט איינער אונדזערער אַ מיטאַרבעטער, ווען מע האָט אים געפֿרעגט, ווי־אַזוי האָט ער עס דערלאָזט, אַז זײַן זון זאָל אַזוי יונג כאַסענע האָבן: „ווײַבאַלד די נאַטור פֿאָדערט אירס, קאָן מען קעגן איר ניט גיין. איך זע דאָך לויט אַנדערע, צו וואָס עס ברענגט, ווען מע שטעלט זיך קעגן דער נאַטור". דאָ אָבער איז דאָך גאָר עפּעס אַנדערש. שטעלסט זיך פֿאָר, ווען דער מאַן אירער דערוויסט זיך פֿלוצעם איצט אָף דער עלטער דאָס, וועגן וואָס ער האָט געדאַרפֿט וויסן, ווען ער איז נאָך געווען יונג! וואָס פֿאַר אַ ווערט קאָן פֿאַר אים איצט האָבן דאָס לעבן, אויב מע האָט בײַ אים מיט איין קלאַפּ פֿלוצעם אָפּגענומען אי די טאָכטער, אי די אייניקלעך, דאָס סאַמע טײַערסטע, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. וואָס איז פֿאַר אים דעמלט דער זין פֿונעם לעבן, אויב ער לאָזט נאָך זיך קיינעם ניט איבער. דו שלאָפֿסט?

אַדע האָט געעפֿנט די אויגן און זיי באַלד צוריק פֿאַרמאַכט.

— מײנסטו עפּשער, אַז אָף דעם האָט זיך פֿאַרענדיקט די געשיכטע? כ׳וועל דיך שוין אָבער מער ניט מאַטערן. איך וועל גיין אַ קוק טאָן, מיט וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט די שפּיל. ווער געווינט אויס? — און שוין אָף דער שוועל: — כ׳הייב ניט אָן צו פֿאַרשטיין, וואָס עס האָט געקאָנט פּאַסירן: גענאַדי האָט מיר נאָך אייערנעכטן אָנגעקלונגען, אַז אָט־אָט פֿאָרט ער אַרויס, און ער איז נאָך אַלץ ניטאָ. מיסטאָמע וועט ער קומען מאָרגן.

צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר פֿונעם שלאָפֿצימער, האָט אויזער אײַנגעשלאָסן דעם טעלעוויזאָר און, אַ מידער, ווי נאָך אַ שווערן אַרבעטסטאָג, צוגעפֿאַלן צום בענקל.

ביז צום סאָף פֿון דער שפּיל איז פֿאַרבליבן נאָך אַ זעקס מינוט. אומבאַמערקט פֿאַר זיך אַליין, האָט אויזער אין געציילטע רעגעס אײַנגאַנצן שוין זיך אַרײַנגעצויגן אין דער שפּיל און פּונקט ווי ער זאָל געווען זיצן ניט אין שטוב בײַם טעלעוויזאָר, נאָר אָפֿן סטאַדיאָן, האָט ער הויך אָף אַ קאָל זיך אַרײַנגעמישט אין דעם, וואָס איז פֿאָרגעקומען אָפֿן שפּיל־פֿעלד, אַפֿילע אַ פּאָר מאָל אונטערגעשפּרונגען אָפֿן בענקל און אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט, ווען ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער באָל איז אַרײַנגעפֿלויגן אין טויער. אויזער האָט ניט געהערט צו די, וועמען ס׳איז אַלצייגס, ווי־אַזוי עס גייט די שפּיל, אַבי נאָר זייער באַליבטע קאָמאַנדע זאָל געווינען. אים האָט, פֿאַרשטייט זיך, געפֿרייט, וואָס זײַן קאָמאַנדע האָט הײַנט גענומען רע־וואַנש, באַזיגט איר שטאַרקן קעגנער. אָבער ניט די צאָל פֿון די אַרײַנגעקלאַפּטע גאָלן איז געווען פֿאַר אים דאָס סאַמע וויכטיקסטע. ניט לויט דעם האָט ער געשאַצט די שפּיל, נאָר לויטן גערעאַנגל, לויטן אָפּפֿערן מיט זיך.

צוקוקנדיק זיך צו דעם, וואָס עס טוט זיך איצט בײַ די טויערן פֿון זײַן קאָמאַנדע, פֿאַר וועלכער ער ווייטעקט, ווי־אַזוי איינער פֿון זיי האָט פֿאַרצאַמט מיט זײַן קערפּער דעם קעגנער, וואָס האָט זיך געטראָגן אָף אים מיט אַ מעשוגנעדיקער גיכקײַט, ווי־אַזוי ער האָט זיך געוואָרפֿן יענעם אונטער די פֿיס און אַרויסגעקלאַפּט פֿון אונטער אים דעם באָל, האָט אויזער ניט ווילנ־דיק פֿאַרגלײַכט די דאָזיקע העלדישע יונגען מיט סאָלדאַטן אָפֿן שלאַכטפֿעלד, און דערבײַ זיך געפֿרעגט: ווען מיט עמעצן פֿון אָט די העלדישע, מוטיקע יונגען זאָל פּאַסירן דאָס זעלבע, וואָס מיט אים, און דערוויסן זאָל זיך יענער דערפֿון, אָט ווי ער, אויזער, קימאַט אין דרײַסיק יאָר אַרום, ווי וואָלט יענער זיך אָופּגעפֿירט? ער וואָלט אויך געפֿירט די שפּיל אַזוי פֿאַרזיכ־טיק, ווי ער, אויזער, פֿירט זי מיט אַדען, צי אָנגרײַפֿעריש אָפֿן, ווי ער פֿירט זי איצט דאָ, אָפֿן פֿוטבאָל־פֿעלד?

אײַנדערפֿרי, אַ פֿאַרענדערטע פֿאַר דער נאַכט ביז ניט צו דערקענען — די אויגן אײַנגע־פֿאַלן, די נאָז פֿאַרשפּיצט, — האָט אַדע זיך אָנגערופֿן:

— כ׳האָב זיך דערמאָנט, אַז מײַנע אַ באַקאַנטע אַרבעט אין האָטעל. כ׳וועל זי בעטן, אַז זי זאָל פֿאַרבראָנירן אַ נומער פֿאַר דײַן גענאַדין.

— איך האָב אים דאָך אָבער פאַרבעטן פאַרפאָרן צו אונדז...

— ווייסטו אים זאָגן, אַז איך בין ניט געזונט. איך פֿיל זיך טאַקע ניט מיט אַלעמען. ווייסט, וואָס איך וואָלט דיר געראָטן אַף ווײַטער? ניט פאַרבעטן קיינעם צו זיך. האָסט דאָך מיר אַליין דערציילט, ווי דו ביסט איינמאָל איבערגעזעסן אַ נאַכט ערגעץ אַף אַ וואָקזאַל, בייס דו האָסט אין יענער שטאָט געהאַט באַקאַנטע, און האָסט גוט געטאָן, וואָרעם קוים נעכטיקסטו איבער בײַ יענעם, מוזסטו דאָך שוין אים נאָכדעם פאַרבעטן צו זיך. אַזוי איינעם, אַ צווייטן, אַ דריטן, און די שטוב ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן אײַנפֿאָר־הויז. אונדזער שטאָט ליגט דאָך ניט אין אַ זײַט, וווהין זאָלסט ניט פאָרן, פאָרט מען זי דורך. און בּיכלל דאַרף איך דיר זאָגן, אַז ער געפעלט מיר ניט. ווי הייסט ער דאָרט, דײַן גענאַדי. כ׳האָב ניט קיין כיישעק אים זען בײַ זיך אין שטוב.

„וואָס, מײַן טײַערינקע? האָסט זיך דערשראָקן פאַר דער אָנגעצילטער פֿײַל אינעם בויגן?" נאָר געענטפערט האָט ער איר:

— פאַרבעטן אַ מענטשן צו זיך און פאַרהאַקן פאַר אים די טיר, דאָס, זעסטו, קאָן איך ניט.

— וואָרן איך דיך: אויב דו וועסט אים פאַרבעטן צו אונדז, וועל איך איבערגיין אַף די עטלעכע טעג, וואָס ער וועט דאָ זײַן, צו ליובען, אָדער כ׳וועל זיך פאַרשפאַרן אין צווייטן צימער און ניט אַרויסגיין צו אײַך. דו הערסט?

— מיך וווּנדערט עס אַף דיר.

— וואָס וווּנדערט דיך? נו, מיר געפעלט ניט דער מענטש.

— דו קענסט דאָך אים ניט, איז ווי קאָנסטו אַזוי זאָגן?

— פאַר מיר איז גענוג דאָס, וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן אים.

— כ׳האָב דיר, דאַכט זיך, קיין שלעכטס וועגן אים ניט געזאָגט.

— נו, ער געפעלט מיר ניט, און שוין!

די פרייד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אָדען, ווען אויזער האָט, קומענדיק פון דער אַרבעט איר געזאָגט, אַז ער פֿליט הײַנט אַוועק אין אַ ווײַטער קאָמאַנדירונג און וועט זיך דאָרט, קאָנטיק, לאַנג פאַרהאַלטן, האָט זי ביז דער לעצטער מינוט זיך באַמיט ניט אַרויסווײַזן פאַר אים. פאַרקערט, זי האָט אויסגעזען מער פאַרזאָרגט ווי ווען־עס־איז פריִער, געפרוווט אים אַפּילע אָפּריידן פון דער דאָזיקער קאָמאַנדירונג, פאַרופנדיק זיך אַף דעם, אַז זי פֿילט זיך שלעכט. ווי זי האָט זיך ניט געהיט, ניט נאָכגעפאָלגט נאָך זיך, נאָר באַם געזעגענען זיך האָבן אירע אויגן זי פאָרט אַרויסגעגעבן. זיי האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אין דער טיף מיטן פֿײַערל פון איר לאַנג פאַרגאַנגענער יוגנט. אויזער האָט מיט גאָרנישט ניט אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט עס באַמערקט, ניט געשטערט איר זיך אײַנריידן, אַז ער גלייבט איר, ווי שווער ס׳איז איר זיך שיידן מיט אים, אַז איר אייניציקער פאַרלאַנג איז — ער זאָל וואָס גיכער זיך אומקערן אַהיים. און ווען אָדע האָט ווידער איבערגעכאַזערט דאָס זעלבע און דערבײַ זיך צעוויינט, האָט אויזער זי ניט געפרעגט, וואָס איז דאָס מאָל מיט איר אַזוינס געשען, זי האָט אים נאָך קיין־מאָל ניט אַרויסבאַגלייט אין קאָמאַנדירונג מיט טרערן, נאָר געגומען זי באַרויקן, איר־דערמאָנט, ווי זי זאָל האָבן דערפון פאַרגעסן, אַז זי בלײַבט ניט אַליין, מיט איר בלײַבט דאָך איבער די טאָכטער...

שטיי־ענדיק שוין מיטן אָנגעפאַקטן פּאָרטפעל אין דער טיר, האָט אויזער זיך אָנגערופן:

— פונדעסטוועגן וויל איך דיך בעטן, טאָמער וועט פאַר דער צײַט, וואָס איך וועל דאָ ניט זײַן, קומען גענאַדי לאַזאַרעוויטש, איז נעם אים, בעט איך דיך, פרײַנטלעך אויף און מאַך זיך, אַז דו ווייסט גאָרניט פון דעם, וואָס כ׳האָב דיר דערציילט.

— כ׳פאַרשטיי ניט, דיך קימערט ניט, וואָס איך וועל אין דײַן אָפּוועזנהייט אַרײַנלאָזן אַ פרעמדן מאַנצבל?

— טײַערינקע מײַנע, אויב איך האָב דיר געטרויט אין דער יוגנט, זאָל איך אַף דער עלטער דיר ניט טרויען?

— און פונדעסטוועגן וועל איך אים אָפּשיקן אין האָטעל. ווי איז זײַן פאַמיליע־נאָמען?

— סאַרין. גענאַדי לאַזאַרעוויטש סאַרין.

פון דער ווײַטער קאָמאַנדירונג האָט אויזער זיך אומגעקערט אַ סאַך פריִער, ווי ער אַליין האָט עס דערוואַרט, אין אַ קנאַפּער וואָך אַרום. אָדען האָט ער אין דער היים ניט געטראָפן. זי איז נאָך געווען אַף דער אַרבעט, און ער האָט געהאַט גענוג צײַט זיך נאָכאַמאָל און ווידער־אַמאָל פאַרטראַכטן אַפן זעלבן, וועגן וואָס ער האָט, דאַכט זיך, קיין רעגע ניט אויפגעהערט צו קלערן די אַלע טעג און אַלץ ניט געקאָנט באַשטימען: פאַרזעצן אויך ווײַטער פירן די שפּיל, צי מאַכן סאָפּקאָלסאָף דערצו אַן עק און אַרײַנלייגן די שווערד צוריק אין שייד. ער איז שוין אין דעם עלטער, ווען מע דאַרף זײַן רויִקער, באַדאַכטער, געדענקענדיק אָבער,

אז קוים האָסטו זיך צוגעריכט צו א פיגור אַף דער שאכמאט־ברעט, מוזסטו שוין מאכן מיט איר א גאנג. כאפּן צוריק קאָן מען ניט.

דער איינציקער ריכטיקער גאנג, וואָס עס זאָגט אים אונטער די גאנצע צײַט דער פארשטאנד, איז — אופהערן אויסבאהאלטן פון אדען, אז די פּרוי, וועלכע סארין האָט ארײַנגענומען צו זיך אין קופּע פונעם צווישנפעלקערלעכן וואגאָן, האָט מען גערופן ניט כאווע, נאָר אדע, אז דאָס בילד אירס מיטן קינד אַף די הענט האָט געגנאדי געזען ניט אין יאראָסלאוול, נאָר אין סאראטאָוו, און זאָל זי דערנאָך אליין צוקלײַבן פאר זיך די פארדינטע שטראָף. ווי שרעקלעך עס איז ניט פאר א פרוי אין איר עלטער צו בלײַבן מיטאמאָל אליין, דאָך וואָלט אדע פיל גיכער אײַנגעגאנגען דערוף, איידער געפינען זיך ביזן סאָף פונעם לעבן אונטער דער אָנגעצילטער פײַל... ווען זיי גייען זיך פאנאנדער, וואָלט זי, מיסטאמע, געפונען וואָס צוקלערן אַף צו פארענטפערן זיך פאר דער טאָכטער. זי ווייסט דאָך, אז ער וועט דער טאָכטער דעם סאָד ניט ארויסגעבן. קיינמאָל ניט. ער וועט ניט אָפּנעמען בא ליובען דעם גלייבן אין דעם, אין וואָס ער האָט זי דאָס גאנצע לעבן פארזיכערט. ער האָט פון קליינווײַז אָן זי געלערנט גלייבן אין מענטשן, גלייבן און שעצן זיי. און ווער קאָן זײַן אזוי טײַער ווי א מאמע? זײַענדיק זיכער, אז ער וועט זי קיינמאָל ניט דערנידעריקן אין די אויגן פון איר טאָכטער, אז נאָכן פאנאנדערגיין זיך וועלן זיי פארבלײַבן פאר דער טאָכטער די זעלבע טאטע־מאמע און פאר די אייניקלעך די זעלבע באָבע און זיידע, וועט אדע אליין אים, מיסטאמע, וועלן אונטערזאָגן פאר זיך די דאָזיקע שטראָף, אויב ער קאָן איר ניט מוחל זײַן.

צי דען קאָן זי פארלאנגען פון אים, אז ער זאָל דאָס אלץ פארגעסן, און איר מוחל זײַן? ארופוואַרפן אלץ אַף דער צײַט?!

פון אומדערוואַרטקײַט, וואָס זי האָט אים געטראָפן אין שטוב, איז אדע געבליבן א דערשטוינטע. נאָר אין דער זעלבער רעגע זיך א וואָרף געטאָן צו אים און ארומגעכאפּט:

— גוט, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט... גוט, וואָס דו האָסט זיך אומגעקערט!.. — האָט זי אָן אופהער איבערגעכאזערט.

— ער איז דאָ געוועזן?

אדע האָט אַף אים א קוק געטאָן, ווי זי זאָל זיך דארפן דערמאָנען, ווער איז עס אָט דער „ער“, אַף וועמען ער פרעגט זיך בא איר נאָך. אויזער האָט ניט איבערגעפרעגט און ניט נאָכגעפרעגט זיך מער אַף אים ניט אין דעם טאָג, ניט אפן אנדערן טאָג, געבנדיק איר דערמיט צו פילן, אז די געפאר איז פאר איר שוין אינגאנצן דורכגעגאנגען...

אינגאנצן אָבער זיכער דערין, זעט אויס, איז אדע ניט געווען. זי האָט אים ניט גערופן, ווי זי טוט עס שטענדיק, ווען ער קומט פון וועג, צוגיין מיט איר צו די אייניקלעך, זי האָט אפילע ניט אָנגעזאָגט זיי דורכן טעלעפאָן, אז דער זיידע האָט זיך אומגעקערט. אויזער האָט עס אלץ ווי ניט באמערקט. ער האָט אויך ווי ניט באמערקט, אז עס האָט זיך געענדערט די שײַן אין אירע אויגן, איר שטים, דער טראָט... זי איז מיטאמאָל ווי קלענער געוואָרן.

דער גרינער פּליושענער אלבאָם מיט די ארײַנגעפּאסטע אין אים פאָטאָ־בילדער האָט, ווי יעדער זאך דאָ אין שטוב, געהאט זײַן שטענדיקן פּלאץ. זײַן אָרט איז געווען דאָס נידעריקע זשורנאַל־טישל. אדע האָט ליב געהאט אין אים ארײַנקוקן, דורכלאָזן פארבײַ זיך קימאט דאָס גאנצע לעבן אירס. אויזער, כאָטש קיין סאך זײַנע בילדער זײַנען דאָרט ניט געווען, ער געדענקט שוין באלד אליין ניט, ווען האָט ער זיך צום לעצטן מאָל פאָטאָגראפירט, האָט אויך ליב געהאט פון צײַט צו צײַט אים דורכבלעטערן, נאָר ווי אדע האָט זיך ניט צוגעקוקט צו אויזערן, האָט זי גאָרניט אײַנגעזען אין דעם, וואָס זי האָט אים אין עטלעכע טעג ארום, נאָך זײַן צוריקערן זיך פון דער לעצטער קאָמאנדירונג, געטראָפן בלעטערן דעם אלבאָם.

— וואָס זיצסטו אין דער פינצטער און צינדסט ניט אָן די שײַן?

זי האָט ניט באוויזן זיך צורירן צום שאלטער, ווי אויזער האָט זי אָפּגעשטעלט:

— ווו איז דאָס די פאָטאָגראפיע דײַנע מיט דער צוגעשפיליעטער בלום צום קאָפּטל?

— וואָסי דען?

— גאָרניט, — האָט אויזער נאָך רויִקער ארויסגעבראכט, — איך פרעג עס גלאַט אזוי.

— זי דארף דאָ ערגעץ ליגן אין אלבאָם.

— כ׳האָב אים שוין צוויי מאָל איבערגעבלעטערט און ניט געפונען. דו ביסט אפן דאָזיקן בילד זייער א שיינע, אָט דער געגנאדי וואָלט, מיסטאמע, געזאָגט, זייער אָן אפּעטיטנע. מיך וווּנדערט, פונדעסטוועגן, ווי׳אזוי ביסטו עס אײַנגעגאנגען זיך פאָטאָגראפירן קימאט מיט א נאַקעטער ברוסט? ווי׳אזוי האָסטו זיך עס ניט געשעמט פארן פאָטאָגראַף?

— וואָס האָסטו זיך פּלוצעם דערמאָנט אין דעם? כ׳האָב דיר, דאכט מיר, שוין ניט איין מאָל געזאָגט, אז ס׳האָט מיך פאָטאָגראפירט ניט קיין „ער“, נאָר א „זי“, וועלכע איז אויך

געווען אױף אונדזער סאָלדאַטסקער װײַבערשער ליאַמע, און האָט זיך געוואָלט, ווי איך, כאַטש אױף א צוויי־דרײַ שאָ פאַרגעסן אין די צאָרעס. זי האָט אויך, פּונקט ווי איך, ניט געהאַט קײן איין ברױוול פונעם מאַן, וואָס איז פון די ערשטע טעג אוועק אױפן פראָנט. כ׳האָב אפילע ניט באַמערקט, ווען האָט זי עס באַוויזן מיך אָפּפאָטאָגראַפירן. נאָר וואָס האָסטו זיך עס פּלוצעם ווידער דערמאָנט אין דעם?

„טײַערינקע מײַנע, — האָט ער איר געוואָלט דערוף ענטפערן, — ווי קאָן איך זיך וועגן דעם ניט דערמאָנען, אויב כ׳האָב ביז איצט נאָך ניט פאַרגעסן, אז זײַענדיק שוין דײַן כאָסן, האָסטו שטענדיק אָפּגעשטעלט מײַן האַנט, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריק צו דײַן ברוסט, און ווען איך בין געווען שוין דײַן מאַן האָב איך דיך קײנמאָל ניט געזען אין מײַן אָנוועזנהײַט אַרומגײן מיט דער הוילער ברוסט“. געענטפערט האָט ער אָבער איר:

— ניט אַלץ, מײַן טײַערע, לאָזט זיך פאַרגעסן.

— געפונענע פון וואָס צו מאַכן א וועזן.

— וועסט מיר עפּשער באַלד זאָגן, אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו מאַכן א וועזן פון דעם, וואָס בײַס דער קאַפּיטאַן האָט יעדער רעגע געשטעלט אין קאָן דאָס לעבן, האָט זײַן פרוי זיך געלערנט טרינקען ווײַן, און אז ס׳איז ניטאָ וואָס צו מאַכן קײן וועזן פון דעם, וואָס עס איז זיך פאַרלאָפן דעמלט אין קופּע צווישן גענאַדין און יענער פרוי בא דער ערשטער באַגעג־ניש. — און פּונקט ווי דאָס ווײַטערדיקע זאָל ניט האָבן צו אים די מינדסטע שײַכעס און אים לאַכלוטן ניט אָנגײן, האָט ער מיט א באַזונדער רויִקײַט געזאָגט: — זעץ זיך צו. כ׳האָב דיר נאָך ניט דערציילט דעם סאָף פון דער געשיכטע. זי איז א קורצע.

ער האָט צוגעמאַכט דעם אַלבאָם, אײַנגעשלאָסן די שײַן און זיך צוגעזעצט צו אַדען:

— אָן ערעך אין א יאָר אַרום נאָכן דעמאָביליזירן זיך, האָט סאַרין זיך אַראָפּגעכאַפּט קײן יאַראָסלאַוול. דעם אַלטיטשקן פאָטאָגראַף האָט ער שוין דאָרט דעמלט ניט געטראָפן. אױף זײַן אָרט האָט געאַרבעט א צווייטער. דאָס בילד פון דער פרוי מיטן קינד אױף די הענט איז אין שױ־פענצטער שוין ניט געהאַנגען. דער פאָטאָגראַף האָט געגעבן גענאַדין דורכקוקן די בילדער, וואָס האָבן זיך פאַרוואַלגערט בא אים אין דער פאָטאָ־אַטעליע. און שטעל זיך פאָר, אז גענאַדי האָט געפונען — ניט יענע פאָטאָ, אָף וועלכער זי איז מיט זײַן טעכטערל, נאָר אַן אַנדערע. אױפן דאָזיקן בילד איז זי פאָטאָגראַפירט אין א דורכזיכטיקער, ווי פון וואָל, דינער בלוזקע, פון וועלכער עס זעט זיך קימאַט אַרויס די גאַנצע ברוסט. — אויזער האָט אָפּגערוקט פון זיך דעם אַלבאָם. — די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע האָט אָפּגעשטויסן סאַרינען פון דער פרוי, וועלכע ער האָט אַזוי געזוכט. אָבער דאָס בילד האָט ער מיטגענומען מיט זיך. ניט לאַנג צו־ריק האָט ער די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע אירע פאַרלאָרן, עמעצער האָט זי געקאָנט געפינען און באַווײַזט זי איצט יעדערן. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, שרעקלעך. מיט אַזעלכע בילדער דאַרף מען זײַן זייער פאָרזיכטיק. דו האָסט יענע פאָטאָ דײַנע צופעליק ניט פאַרלאָרן? סאַראַ מאָד־נער מענטש דער גענאַדי איז. אַזויפיל יאָרן שוין דורך, ווי ער האָט זיך צעשיידט מיט דער מוטער פון זײַן קינד און ביז איצט פאַרלירט ער ניט די האָפענונג, אז ער וועט זי סאָף־קאָלסאָף אָפּזוכן. ער מוז זי אָפּזוכן, זאָגט ער, זי און די טאָכטער און די אײניקלעך. אױף אים איז עס צו גלייבן. — אויזער האָט שוין ניט אַראָפּגענומען זײַן בליק פון אַדען, וועלכע איז געזעסן אײַנגעהויקערט, ווי פון קעלט. — כ׳פאַרשטיי נאָר ניט, פאַרוואָס סאַרין פאַרהאַלט זיך. ער האָט עטלעכע מאָל מיר געהאַט געקלונגען, אז אָט־אָט קומט ער. זייער זאַוואָד קלײַבט זיך באַשטעלן בא אונדז א קאָמפּליצירטע מאַשין, אַזוי אז גענאַדי לאַזאַרעוויטש וועט זײַן בא אונדז דאָ אין שטאָט אַן אָפּטער גאַסט.



אין אַדעס אויגן האָט זיך נאָך טיפער פאַרקליבן די שרעק, וואָס ער האָט אין איר באַמערקט נאָך דעמלט, ווען ער האָט אָנגעהויבן איר דערציילן די גע־שיכטע. דאָס איז געווען די שרעק פאַר דער אָנ־געצילטער פײַל אין אינעם אָנגעצויגענעם בויגן.

הערשל פּאָליאַנקער

מײַן פרײַנט איציק פּעפּער

פונעם בוך דערציילונגען וועגן שרײַבער

1

דער אלטער גוטער שפּאָלער לערער שאָלעם פעפער, וואָס האָט געלערנט א האלב שטעטל כעוורע טוירע, האָט אמאָל בעסאָד־סוידעס געשריבן לידער, געהאלטן זיי הינ־טער זיבן שלעסער, קיין זײַטיק אויג זאָל זיי, כאָלילע, ניט זען.

באהיט גאָט, אויב עמעצער פון די אָרטיקע באַלעבאַטים און וואָרטזאָגער זאָלן זיך דער־פון דערוויסן!

ער, דער אלטער לערער, האָט דאָך באשריבן די שפּאָלער פּאסקודניאקעס, געשעפטמא־כער, קלייקוידעש און אנדערע מינים שלעק. און פּרווו ארײַנפאלן אין זייערע מײַלער! וועסט ניט זיכער זײַן מיטן לעבן. דערפון, אז דו וועסט ארויספּליִען פון דער שול אף דרײַ שפּענד־לעך, איז שוין ניטאָ וואָס צו ריידן, וועסט מוזן נעמען דאָס ביסל פּארמעגן, די קינדער מיטן ווײַב און אָפּזאָגן דעם פּאָסעק — לעך־לעכאָ, דאָס הייסט, גיי דיר, אלטער לעץ, צו אלדי רו־כעס, דײַן פוס זאָל מער ניט זײַן אין שפּאָלע!

אָבער ניט בלויז די שפּאָלער גווירים, מיִעסע ברויִם, פאלשע נעשאָמעס, וועלכע ער האָט באשריבן אין זײַנע שירים, האָבן אים געשראָקן, ער האָט מוירע געהאט ארײַנצופאלן אין די מײַלער פון די שפּאָלער כויזעקמאכער, פּוסטע צינגעלעך. קוים דערוויסן זיי זיך, אז דער אלטער שרײַבט לידער, וועט מען אים די גאס ניט לאָזן דורכגיין, טײַנען, אז ער איז פון די געדאנקען. א בעקאָוועדיקער מענטש זאָל זיך פארנעמען מיט אזעלכע נארישקײַטן — איז נאָך ניט געהערט געוואָרן אין שפּאָלע!

אָבער שאָלעם פעפערן איז, נעבעך, דאָס הארץ אויסגעגאנגען — אָנגעשריבן א יאם מיט לידער, און עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיי איבערלייענען און זאָגן מעווינעס.

נאָר אויב איר מיינט, אז דער גוירל האָט זיך פון אים אף שטענדיק אָפּגעקערט, האָט איר א גרויסן טאָעס.

דער אלטער האָט טאקע געפונען א לייענער און שעצער פון זײַנע ווערק — דאָס איז געווען זײַן איין־און־איינציקער בענאָק, איציקל, א זשוואוו, דארינק באָכערל, א פלינקער, ווי קוועקזילבער, שארף אף דער צונג, מיט א פּאָר גרויסע ליכטיקע מאמזעריש־דורכגעטריבענע אויגן, א ייִנגל, וואָס האָט צו זײַנע קנאפּע דרײַצן יאָר שוין געקענט אף אויסווייניק אָן א שיר לידער פון פּושקינען און טאראס שעווטשענקאָן, ביאליקן און פרוגן, היינע און לערמאָנ־טאָוון, שוין ניט רעדנדיק וועגן די מאָנאָלאָגן פון שאָלעם־אלייכעמען, וועלכע ער האָט גע־קענט, ווי א וואסער, און אז ער האָט זיי געלייענט פארן אוילעם, האָט מען געריסן קישקעס, זיך געהאלטן פאר די זײַטן, פארגעסן אין עסן, געטראָגן דאָס ייִנגל אף די הענט. דערצו נאָך האָט איציק פעפער שוין געארבעט אין דער שפּאָלער דרוקערײַ, געווען א זעצער און גע־האלטן די גאנצע וועלט פאר א דרײַער — ווער איז געווען צו אים גלײַך!

ווער־ווער, נאָר א ייִנגל, וואָס דרייט זיך ארום די ביכלעך און בלעטלעך אין דרוקערײַ, דארף זײַן באָקי אין לידער.

כאָטש מיט א שטיקל צײַט צוריק האָט מען איציקל פעפערן ארויסגעטריבן פון דער גימנאזיע דערפאר, וואָס דער טאטע, שאָלעם פעפער, האָט ניט געהאט מיט וואָס צו צאָלן סכארלימעד, נאָר דאָך איז איציקל שוין געווען גענוג באהאוונט, געקאָנט שיין אָנשרײַבן פאר אָרעמע לײַט א פראָשעניע אין גובערניע, א בריוול פון א קאלע־מויד צו איר געליבטן און אנדערע זאכן. קורץ גערעדט, אין די ביכער האָט איציק פעפער פארשטאנען מער, ווי די זאטע און פארפוצטע טעמפע קעפעלעך — באלעבאטישע ייִנגלעך, וואָס זײַנען ארומגעגאנגען מיט פאריסענע נעזלעך, מעסוקענע בארימער און באלגײַוועניקעס.

איציקל פעפער — א כאָכעם א ייִנגל, א פריילעכער, א הארציקער — גאנץ שפּאָלע האָט פון אים געהאלטן א וועלט! האָט דער טאטע טאקע אים געלייענט זײַנע שירים.

די לידער, וואָס דער זון האָט באגײַסטערט, האָט דער אלטער ארײַנגעלייגט אין דער רויטער פאפקע, ווו ער האָט געהאלטן זײַנע טײַערסטע פאפירן, קוים האָט אָבער איציק א דריי געטאָן מיטן קורצן, עטוואָס פאריסענעם נעזל, זיך א קנייטש געטאָן, איז די ליד גלײַך געפלויגן אין אויוון ארײַן.

גאָר אײנגיכן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דאָס ייִנגל האָט אליין גענומען שרײַבן לידער. אין אונטערשייד פונעם טאטן האָט ער זיך פון קיינעם ניט באהאלטן, פארקערט, געלייענט זײַנע אפגיך אָנגעשריבענע לידער — פריילעכע און מאמזערישע, טרויעריקע און טראגישע — ווען ער האָט ניט באגעגנט, אף יעדן שריט און טריט, באזונדערס, זײַנע קאָלעגן, די ארבעטער פון דרוקערײַ, ווו ער האָט געארבעט.

יענע האָבן אויסגעהערט מיט קאָפּ, פרײַנטלעך געקלאפט אים איבער דער פלייצע און אין שפּאס געזאָגט:

— איציקל, דו ביסט א מענטש... בא דיר באקומט זיך עס גאנץ גוט. נאָר מיר האָבן געהערט זאָגן, אז דער אלטיטשקער דײַנער באלעוועט זיך אויך צוביסלעך מיט לידלעך... דאָס איז שוין א ביסל ערגער...

— פארוואָס? — האָט זיך דערשראָקן איציק.

— פארוואָס, פרעגסטו? עס גלייבט זיך ניט, אז בא אונדז אין שפּאָלע, דערבײַ נאָך אין שטוב, זאָלן אויסוואקסן צוויי פּאָעטן. צו פעט!

דער עמעסער דיכטער איז געוואָרן ניט שאָלעם פעפער, נאָר זײַן זון איציק. דער דיקער אקוראט אויסגעמײַסטערעוועטער העפט, וואָס די ארבעטער פון דער דרוקערײַ האָבן אים אונטערגעטראָגן אלס מאטאָנע, איז שנעל פארפולט געוואָרן מיט לידער, באלאדעס, וואָס האָבן געצירט די מענטשן, פאר וועלכע דער יונגער דיכטער האָט זיי געלייענט. מע האָט אים אפילע געגייצעט אוועקשיקן אייניקע זאכן אין די בלעטער אף צו דרוקן, נאָר עס איז אויסגעקומען אף א צײַט באהאלטן דעם העפט, די לידער, די ביכלעך און אפילע די דרוקערײַ אין שפּאָלע.

עס האָט אויסגעבראָכן די רעוואָליוציע, און איציק פעפער מיט א גאנצער כאָפּטע יונגע כעוורע פון שפּאָלע זײַנען ארײַנגעקראָכן אין סאָלדאטישע שינעלן, געוואָרן קעמפער פאר דעם נײַעם לעבן, פאר דער נײַער אָרדענונג.

דער דיכטער האָט גענומען א ביקס אין האנט. מע האָט זיך געדארפט אָנהייבן לערנען שיסן.

אף די ערשטע מיטינגען אין שפּאָלע, וואָס זײַנען צונויפגערופן געוואָרן אפן פלאץ, לעבן דער אופראווע, אינמיטן דעם האמוין, וואָס האָט געטראָגן רויטע סטענגעס אין די לאצן, איז געשטאנען א שלאנק ייִנגל מיט א פּאָר קלוגע ברענענדיקע אויגן, דאָס בענאָקל פונעם שפּאָלער לערער, און מיט זײַן שטארקער שטים, וואָס וואָלט גיכער געפאסט פאר א גוואר, דערציילט דעם אוילעם, וואָס עס איז געשען אין לאנד און וויאזוי מע דארף פארטיידיקן די פרײַהײַט.

און דער אוילעם האָט אף דעם ייִנגל אינעם שינעל מיט דער ביקס אין דער האנט געקוקט מיט פארליבטע אויגן, געשלונגען זײַנע ווערטער און גרייט געווען גיין נאָך אים.

איציק פעפער האָט פארלוירן די רו, ניט געוווּסט פון רו באטאָג און באנאכט און ערלעך אויסגעפילט זײַן הייליקן כויוו פאר דער רעוואָליוציע. מע האָט אויך דאָ, אין שפּאָלע, וואָס שטייט אין א זײַט פון דער גרויסער וועלט, געדארפט אײַנשטעלן די ראטנמאכט, איבערבויען דאָס לעבן אף נײַע יעסוידעס.

און די שפּאָלער כעוורע האָבן עס געטאָן מיט גרויס פארגעניגן.

אין א שטיקל צײַט ארום איז געקומען אף דער שפּאָלער סטאנציע, וואָס געפינט זיך א שיין ביסל וויאָרסט פון שטעטל, א פאנצערצוג, אן אָטריאד רויטגווארדייער. איציק פעפער האָט צונויפגענומען א גרופּע זײַנע כאווײרים און אוועק זיך פארשרײַבן אין אָטריאד.

ניט געקוקט דערויף, וואָס די יונגע כעוורע האָבן אין זייערע לאַנגע, ניט לויטן וווּקס שינעלן און ביקסן אויסגעזען, ווי קינדער, האָט מען זיי דאָך גענומען אַפן פראָנט.

מע איז געקומען צו טאַטע־מאַמע זיך געזעגענען פאַרן אָפּפאָרן פון שפּאָלע. מע האָט זיך געדאַרפט צעשיידן מיט די אָרעמע, נאָר ליבע היימען, און קיינער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט, וויפל וועט דאָס דויערן, ווען וועט מען זיך אומקערן צוריק, און צי וועט מען זיך ביכלאל אַמאָל אומקערן.

דער אַלטער שפּאָלער לערער שאָלעם פעפער האָט א שווײַגנדיקער געקוקט אַף זײַן זון, וואָס איז, ווי מיטאַמאָל, געוואָרן שלאַנקער, שטאַרקער, עלטער, מיט טרויער און ווייטעק געקוקט אַף זײַן ביקס און זיך ניט פאָרגעשטעלט, ווי וועט זײַן איציק, וואָס האָט געשריבן אַזוינע צאַרטע לידער, קאָנען צילן זיך אין מענטשן, זאָלן זיי אַפילע זײַן סאָנים...

ער האָט געשוויגן, דער גוטער שפּאָלער לערער, ניט געקאָנט באַגרײַפן די כאָכמע פון דער רעוואָליוציע, וואָס האָט אופגעהויבן אין דער גאַנצער מעדינע אַזאַ איבערקערעניש...

און די מוטער, די אויסגעמאַטערטע פון קרענק, פון צאָרעס און אומגליקן, וואָס זײַנען געפאַלן אַף איר גראָוון קאָפּ, האָט, באַוואַשנדיק זיך מיט טרערן, געזאָגט צום בעניאָכיד:

— וואָס קאָן א מאַמע מאַכן, איציקל, דו ביסט שוין, דאַנקען גאָט, א גרויסער און פאַרשטייסט אַליין, וואָס דו דאַרפסט טאָן. גיי און זײַ מאַצלעך. איין זאַך בעט איך דיך, זאָלסט זיך אָפּהיטן אַף וויפל עס וועט דאָרט מעגלעך זײַן. איך וואָלט נאָך געוואָלט זיך זען מיט דיר.

די שוועסטערלעך זײַנען געשטאַנען באַם פענצטער, געקוקט אַף זייער ברודער מיט טרויעריק־פאַרבענקטע אויגן. מע האָט זיך אײַנגעהערט אין יענער ריכטונג, ווו עס איז געלעגן די באַן־סטאַנציע שפּאָלע, ווו עס האָבן גערעוועט הארמאַטן, צעבויטעט די אַרומיקע שטילקײַט. אין יענער ריכטונג איז געלעגן דעם ברודערס וועג. ער איז געגאַן אין פײַער אַרײַן.

ער איז אוועק אַהין, ווו עס האָט געוואַרט און געברומט מיט זײַנע הארמאַטן דער פאַנצערצוג.

אינעם ליימענעם שטיבל, וואָס איז געשטאַנען האַלב אײַנגעזונקען אין דער ערד, א צעקרימטס, מיט א צעקאַליעטשעטן שטרויענעם דעכל, אינעם פאַרוואָרפענעם קרומען שפּאָלער געסל, וואָס האָט געהייסן „לעסנאַיאַ“ כאָטש מיט קיין וואַלד האָט דאָ ניט געשמעקט, האָט זיך אַף לאַנג באַזעצט דער טרויער און א גרויסע בענקשאַפט נאָך דעם יונגן סאָלדאַט און דיכטער. מע האָט דאָ געלעבט מיט דער האָפענונג, אַז ער וועט זיך אינגיכן אומקערן אַהיים, מע וועט זיך מיט אים גאָר גיך באַגעגענען.

נאָר דאָס זײַנען געבליבן ליכטיקע טרוימען. עס האָט זיך ניט אומגעקערט פון די פראָנטן דער זון. בריוולעך זײַנען געקומען זעלטן, און די מאַמע האָט פאַרגעסן אין רו. אין אַלע אירע טפילעס, וואָס זי האָט געבראַכט געדאַנקלעך פאַר גאָט, האָט זי געבעטן בלויז איינס — דעראַלעבן זיך זען מיט איר ליבלינג.

נאָר דער אייבערשטער איז געווען גרויזאַם צום ליימענעם שטיבל אַף לעסנאַיאַ. עס האָט זיך לאַנג ניט אומגעקערט דער סאָלדאַט. מע האָט ניט געהאַט פון אים קיין לעבעדיקן גרוס. און א מאָרעשכוירע האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטיבל.

עס זײַנען געגאַן שווערע שלאַכטן, און דער סאָלדאַט האָט קיין צײַט ניט געהאַט טראַכטן וועגן זײַן היים, שרײַבן בריוולעך. כוץ דעם, וואָס ער איז געווען א טרײַער סאָלדאַט, איז ער אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאַרטיי. און עס זײַנען צוגעקומען פיל נײַע דײַגעס.

אָבער ווי ער איז ניט געווען פאַרטאָן, פאַרהאַוועט, האָט ער דאָך ניט פאַרגעסן זײַן דיכטערישן דיקן העפט, מיט וועלכן ער האָט זיך ניט צעשיידט, פּונקט ווי מיטן שינעל און מיט דער ביקס. אין די קורצע שטילע מינוטן צווישן איין שלאַכט און א צווייטער, צווישן איין פאַרגעבונג און אַן אַנדערער, האָט איציק פעפער געשריבן לידער. דאָס האַרץ האָט אין אים געזונגען. כאָטש דאָס לעבן איז איצט געווען מוירעדיק־שווער און פול מיט געפאַרן, נאָר די לידער האָבן אים ניט פאַרלאָזט אַף קיין איין טאָג! ער האָט געטראַכט, אַז די צײַט וועט קומען און זײַנע לידער וועלן נייטיק זײַן, ווי ברויט, ווי לופט, די מענטשן. אַנדערש קאָן דאָס ניט זײַן. אייביק ציט זיך ניט קיין מילכאָמע!

2

זומער 1919 יאָר זײַנען צו די טויערן פון קיִעוו צוגעקומען די דעניקינישע כאַיאָלעס, און נאָך עטלעכע שווערע שלאַכטן מיט די שלעכט־באַוואָפנטע, הונגעריקע, אָפּגעשוואַכטע רויטאַרמייִשע טיילן, זיך אַרײַנגעריסן אין שטאָט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן מוירעדיקע רעדיפעס, טויזנטער אַרבעטער זײַנען אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אין די טורמעס און קאַזעמאַטן.

אין דער צײַט האָט מען איציק פעפערן און אַ גרופּע יונגע סאָלדאַטן — קאָמוניסטן געשיקט אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַיִנע אַף אונטערערדישער אַרבעט.

זיך פאַרקליבן אין אַ צעמאַזיקט הײַזל אַף פּאָדאָל, האָט מען געגרייט און פּאַנאַנדערגעקלעפּט פלוגבלעטלעך, זיך פאַרקליבן אַף אונטערנעמונגען און דאָרטן אַרויסגעטראָטן פאַר די אַרבעטער, גערופן צום קאַמף.

זײַענדיק אין אַ שטענדיקער געפאַר, האָט דער יונגער קעמפער און דיכטער געטאָן זײַן אַרבעט, אויסגעפילט שווערע און פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרגעבונגען פון דער פּאַרטיי.

קיִעוו...

נאָך קינדווײַז האָט איציק געטרוימט קומען אין אָט דער שיינער באַרגיקער שטאָט, זיך באַקאַנען מיט איר און עפּשער ניט אַזוי מיט איר, מיט אירע גאַסן און פּלעצער, ווי מיט די שרײַבער, וואָס האָבן דאָרט געוווינט און פאַר וועלכע ער האָט געטרוימט איבערלייענען זײַנע לידער און הערן זייער מעווינעס.

אָבער מיט דער שטאָט האָט ער זיך באַקאַנט דורך די גראַטעס פון דער לוקיאַנאָווקער טורמע, וווּהין עס האָבן אים פאַרשפּאַרט די דעניקינישע קוילער נאָך אַן אָרדנטלעכער אָפּלאָווע.

עס איז נאָך געווען אַ גליק, וואָס ער האָט באַוויזן פאַנאַנדערוואַרפן די פלוגבלעטלעך, איידער זיי האָבן אים געכאַפּט.

אין אַן איפּעשדיקער, איבערגעפּולטער מיט אַזעלכע אַרעסטאַנטן, ווי ער, קאַמערע, האָט איציק פעפער געוואָרט אַפן אורטייל. איבער אים, ווי אַף דער מערהייט, וואָס האָבן זיך געמאַטערט אין דער ענגשאַפט פון דער קאַמערע, האָט געלויערט דער טויט. נאָר ער איז בא זיך ניט געפאַלן. דער סאָלדאַט און דיכטער איז געווען פול מיט גלויבן. אַף קיין רגע האָט אים ניט פאַרלאָזט דער שמייכל, דער וויץ, די כאָכמע, און די שכיינים האָבן באַוווּנדערט דעם יונגן אַרעסטאַנט, וואָס האָט אין אָט דעם העקדעש געפונען אין זיך מוט, זיך האַלטן שטאָלץ, ניט פאַרנייגן דעם קאָפּ, אָפּלאַכן פון די ראָצכים. נאָך מער, ער האָט די גאַנצע צײַט אונטערגעמונטערט דעם געפּאַלענעם אוילעם, יענע, וואָס האָבן זיך שוין געגרייט צום סאַמע ערגסטן.

אין איינער אַ שפּעטער יולי־נאַכט האָט איציק דורך די גראַבע ווענט פון דער לוקיאַנאָווקע דערהערט דעם געברום פון האַרמאַטן און אופגעוועקט פון שלאָף די גאַנצע קאַמערע.

— איר הערט?! דאַכט זיך, אונדזערע דערנעענטערן זיך, קינדער!.. — האָט ער אויסגערופן, און דאָס בלייכע פּנעם האָט זיך צעשײַנט פון גליק, — איר הערט? זעט אויס, אונדזערע גייען אהער און וועלן אונדז אויסלייזן.

צו די ווענט פון שטאָט האָבן זיך דערנעענטערט פרישע רויטאַרמייִשע טיילן. אַף פּאָדאָל, שוליאַווקע האָבן זיך די אַרבעטער גענומען צום געווער. די שטאָט איז באַפרײַט געוואָרן. און אין אַ שיינעם באַגינען זײַנען אופגעריסן געוואָרן די אײַזערנע טירן פון לוקיאַנאָווקע און די אַרעסטאַנטן זײַנען אַרויס אַף דער פרײַ.

און צווישן דער מענגע איז געווען דער יונגער, שטענדיק פריילעכער כוואַטער אין ברילן, וואָס האָט אויסגעזען ניט אַזוי, ווי אַן עכטער סאָלדאַט און אונטערערדלער, נאָר ווי אַ גימנאַזיסט, אַ סטודענט.

ווי גוט איז אַרויסרײַסן זיך פון דער ענגער, איפּעשדיקער טורמע־קאַמערע אַף גאָטס וועלטל!

דו שטייסט לאַנג און באַטראַכטסט דעם געגנעם, ווו מע האָט דיך אַזוי אַכזאָריעסדיק אַרײַנגעשלײַדערט אַף אומצוקומען.

די לונגען האָבן זיך פאַר דער צײַט, וואָס דו ביסט געזעסן אין קאַזעמאַט, אָפּגעוווינט צו אָטעמען, די פיס האָבן זיך אָפּגעוווינט צו שפּאַנען, ווײַל דו ביסט גאַנצע טעג און נעכט געווען אין דער ענגשאַפט, קיין שפּאַן ניט געקאָנט מאַכן.

אין שטאָט, דאָ און דאָרט, איז געשטאַנען אַ שיסערײַ, עס זײַנען נאָך אין פאַרשיידענע ערטער געגאַן שלאַכטן מיט די רעשטלעך ווײַס־באַנדיטן. דער יונגער אַרעסטאַנט האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, וווּהין מע טוט זיך אַ קער.

אָבער זײַן אָרט אין שלאַכט האָט ער גיך געפונען. כאָטש פון דער טורמע איז ער אַרויסגעגאַן אַן אָפּגעשוואַכטער, אַ בלאַסער, אָפּגעצערטער, נאָר איצט איז ניט געווען קיין צײַט זיך אַרומקוקן אַף זיך. מע האָט געדאַרפט אָפּהיטן די רו פון דער שטאָט, וואָס איז אָקאָרשט אָפּגערייניקט געוואָרן פון די דעניקינצעס. באַטאָג איז ער אַרויסגעטראָטן מיט רעדעס אַף די פאַבריקן און זאַוואָדן און דורך די נעכט פּאַטרולירט די שטאָט.

אין די שווערע טעג, ווען עס איז ניט געווען קיין רו און קיין פרײַע מינוט, האָט איציק דאָך געפונען צײַט אַף צו שרײַבן לידער. עס האָט זיך איצט אַזוי געוואָלט שרײַבן, זינגען! דאָס, וואָס ער איז אַרויס פון דער טורמע אַ לעבעדיקער, האָט ער באַטראַכט ווי עפּעס אַ נעס. דאָס לעבן זײַנס איז געהאַנגען אַף אַ האָר. ער איז געווען גליקלעך, וואָס ער האָט אויסגע־האַלטן דעם שווערסטן אויספּרוּוו. ווי שטאָלץ האָט ער זיך געהאַלטן אין טורמע פאַר די אויס־פאָרשער, וועלכע האָבן אים געמאַטערט, געשלאָגן, געדראָעט מיט די רעוואָלווערן, נאָר פון אים האָבן זיי קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסבאַקומען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַזוי וועט זיך עס לאַנג ניט ציִען — די ראָצכים וועלן אַרויס פון די קיילים און אַרויסטראָגן אים אַ טויט־אורטייל, אים שיסן, ווי זיי האָבן עס שוין געטאָן מיט אַ סאַך אַזעלכע, ווי ער. נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן, וועט ער ביזן סאָף זײַן שטאָלץ, ניט פאַרנייגן דעם קאָפּ.

נאָר עפּעס אַ מאָדנע זאַך! זיצנדיק אין קאַמערע און וואַרטנדיק אַף זײַן גורל, האָט ער בלויז געטראַכט וועגן לעבן. אין די נעכט האָט ער אַפילו אַרויסגענומען פון דער באַהעלטע־ניש דעם העפט מיט זײַנע לידער און פאַרשריבן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, געזען. עס איז געווען שרעקלעך, נאָר אים האָט זיך געוואָלט לאַכן, שפּאַסן. נאָר ניט אַראָפּפאַלן בא זיך, נאָר ניט אַרײַנפאַלן אין יִיאוש!

דורך די גראַטעס האָט ער געזען בלויז אַ שטיקל קיִעווער הימל און אַ פּאָר דעכער פון היזער. ער האָט געוווּסט, אַז ערגעץ דאָ ניט ווײַט, קאָן זײַן, וווינט דאָוויד האָפשטיין און דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער און פּערעץ מאַרקיש... ווען ער קאָן זיך צו זיי דורכרײַסן און איבערלייענען פאַר זיי די לידער! נאָר דער געדאַנק, אַז ער קאָן זיך באַגעגענען מיט אַזעלכע וווּנדערלעכע שרײַבער, האָט אַף אים אָנגעוואָרפן אַ פּאַכעד. וויאַזוי וועט ער אַריבער־טרעטן זייער שוועל און וואָס וועט ער זיי זאָגן? זיי וועלן אים אויסלאַכן, אַרויסשטעלן צום נאַר...

און אַצינד, זײַענדיק אַף דער פרײַ, שפּאַנענדיק איבער די קיִעווער גאַסן, האָט ער גע־טראַכט, אַז ער מוז זיך זען מיט די שרײַבער, ער מוז זיי איבערלייענען זײַנע לידער, און אויב זיי וועלן אים זאָגן, אַז זיי טויגן ניט, וועט ער זיי פאַרברענען, זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ, אַז פון אים וועט אַמאָל אַרויסקומען אַ דיכטער.

ער האָט זיך שוין אַפילו דערוווּסט, ווו ער קאָן זען די שרײַבער, ווו זיי וווינען, נאָר דאָ האָט מען אים דרינגענד אַוועקגעשיקט אין זײַן קאַנט. עס האָבן אַרום די שטעטלעך געבושע־וועט די פּעטליוריסשע באַנדעס און אים זײַנען גוט באַקאַנט יענע מעקוימעס. ווער־ווייסט, נאָר ער וועט קאָנען דאָרטן פיל מיטהעלפן ניט בלויז מיט דער ביקס, נאָר אויך מיטן וואָרט.

און אָפּגעלייגט זײַנע פּלענער אַף שפּעטער, האָט איציק זיך אַוועקגעלאָזט צום ליבן קאַנט, נעענטער צו דער היים.

ער איז געקומען קיין זוועניגאָראָדקע, ווו מע האָט אים גלײַך געשטעלט צו דער אַרבעט אַלס רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער צײַטונג. אַזוי ווי ער איז געווען ניט בלויז אַ גראַ־מאָטנער מענטש, אַ טיכטיקער קאָמוניסט, נאָר אויך אַ פײַנער זעצער, האָט אים די נײַע שטעלע זייער געפּאַסט. דאָ האָט ער פאַרבראַכט בא דער אַרבעט טאָג און נאַכט, געשלאָפן אַף די צײַטונגען אַפן רעדאַקציע־טיש און צוקאָפּנס איז געשטאַנען זײַן טרײַע ביקס. ווײַל גאָר אָפט איז אויסגעקומען גיין מיטן אָטריאַד פאַרטרײַבן אַ באַנדע, וואָס האָט זיך דערנעענטערט צו זוועניגאָראָדקע אָדער צו די שכיינישע שטעטלעך. און אַזוי ווי קיין צײַטונג איז אין אַזעל־כע טעג, ווען דער רעדאַקטאָר איז געווען אין די שלאַכטן, ניט דערשינען, האָט ער געדאַרפט אַף די מיטינגען אַרויסטרעטן און דערקלערן דעם אוילעם, וואָס עס הערט זיך אין דער אומ־רויִקער וועלט.

און אָט האָט געטראָפן, אַז דער רעדאַקטאָר און שלאַכטמאַן האָט זיך אַף אַ פּאָר טעג אַראָפּגעכאַפּט קיין שפּאָלע, זיך זען מיט טאַטע־מאַמע. דער אוילעם האָט מיט באַגײַסטערונג באַגעגנט דעם באַרימטן לאַנדסמאַן, וועגן וועלכן מען האָט דערציילט ניסים.

פאַרנאַכט האָט דער אוילעם זיך צונויפגענומען אין קלײַנעם זאַל, ניט ווײַט פון דער קלויז און געוואָרט, איציק בען שאָלעם פעפער זאָל עפּעס דערציילן.

געקומען אַף דעם מיטינג, האָט איציק באַמערקט, אַז אַ סאַך בעקאָוועדיקע מענטשן שטייען בא די ווענט. ניט געווען קיין בענקלעך.

דערזען אין אַ ווינקל צאַליע גליקמאַנען, אַ לאַנגן דאַרן באַכער מיט אַן אָפּגעצויגן בלאַס פּאָנעם, דעם סעקרעטאַר פון רעווקאָם, האָט איציק געזאָגט:

— פע, צאַליע, ניט שיין אַזוי. וואָס זשע, אין שפּאָלע זײַנען שוין קיין בענקלעך נישטאָ, מענטשן זאָלן זיך צוזעצן?

צאַליע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַ שמייכל געטאָן:

— אין שפּאַלע זײַנען פּאַראַן בענקלעך, אין קלוב באַ אונדז איז ניטאָ...

— נו, ברודערקע, די סאָוועטסקע וולאַסט זאָל עפּעס ניט קאָנען צוטראַכטן, עס זאָלן זײַן בענקלעך, דאָס פאַרשטיי איך ניט!

און אַ טראַכט געטאָן, צוגעגעבן:

— באַ אווראָם־ייִצכאָקן, דעם מאַנופאַקטוריסט, זײַנען דאָ וויײניק בענקלעך? טאָ שפּרינג אַרײַן צו אים און הייס אים ברענגען אַהער בענקלעך, דעם פּאָרעץ... פאַרשטאַנען, צי ניט פאַרשטאַנען?..

— אוודאי פאַרשטאַנען. — האָט געזאָגט צאַליע, זיך ניט געײַלט גיין, געקראַצט זיך אין דער פּאָטיליצע, נאָר דאָך אַוועק.

דער אוילעם האָט געקוקט אויף צאַליען און געלאַכט, זעענדיק, ווי ער גייט, ווי אויף דער אַקיידע.

איציק האָט זיך דערווײַל געכאַכמעט מיטן אוילעם, און מענטשן האָבן זיך געהאַלטן פאַר די זײַטן, מיט ליבשאַפט געקוקט אויף זײַער לאַנדסמאַן אינעם שינעל.

עס זײַנען איבערגעלאָפן עטלעכע מינוט, און צאַליע האָט זיך אומגעקערט און אָפּגערעגטער, אַ בייזער און אַ דערשראָקענער.

— וואָס איז געשען, צאַליע? — האָט זיך אָנגערופן איציק, — ווו זײַנען די בענקלעך?

דער באָכער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אווראָם־ייִצכאָק האָט מיך אויף זײַן שוועל ניט אַרופגעלאָזט און געזאָגט, אַז אויב דײַן טײַערינקער איציק פּעפּער דאַרף האָבן בענקלעך, טאָ זאָל ער זיך קויפן אָדער ברענגען פון קיִעוו. ער איז, דײַן איציק, זאָגט מען, אַ גאַנצער יאַ טאַבי דאָס געוואָרן באַ דער פּאַרטיע.

אַ טראַכט געטאָן, האָט צאַליע מיט אַ געפּאַלענער שטים צוגעגעבן:

— און נאָך האָט דער פּעמפּיק געזאָגט אויף דיר און אויף מיר און אויף אַלעמען, אַז מיר זײַנען האָלאָדראַנצעס געווען און האָלאָדראַנצעס וועלן מיר בלײַבן און מע זאָל אים ניט דולן אַ ספּאָדעק מיט קיין בענקלעך.

— צאַליע, טײַערינקער, וואָלסט אים געדאַרפט זאָגן, אַז דו ביסט אַ פאָרשטייער פון דער סאָוועטסקע וולאַסט און די וולאַסט מוז מען הערן.

— איך האָב עס אים געזאָגט.

— נו, און ער?

— און ער האָט מיר אַרויסגעשטעלט צווײ פײַגן און געזאָגט, אַז אויב איך וועל זיך ניט אָפּטראָגן, וועט ער מיר איבערברעכן די פיס.

— אַזוי גאָר, צאַליע? — האָט איציק זיך פאַרקרימט. — און דו וואָס האָסט אים געזאָגט?

— וואָס האָב איך אים געקאָנט זאָגן, אַז ער האָט צו מיר געכאַפּט דעם שטעקן און שיר ניט געשפּאָלטן דעם קאָפּ.

איציק האָט געפּרווט באַהאַלטן דאָס מאַמזערישע שמייכעלע, קוקנדיק אויף דעם אָפּגעבראַכטן סעקרעטאַר, און פאַרגעזעצט:

— צאַליע־לעבן, און דו האָסט אים געזאָגט, אַז מיט דער סאָוועטסקע וולאַסט טאָר מען אַזוי מיעס ניט ריידן? אויב ז׳י וועט מיט דעם פּאָרעץ אַ רעד טאָן, וועט אים ווערן פינצטער אין די אויגן.

— געזאָגט, געזאָגט, — כאָוער איציק פּעפּער.

— האַ־האַ, זייער גוט, וואָס דו האָסט אַזוי געזאָגט, און וואָס האָט ער דיר דערויף געזאָגט, דער טעמפּער קאָפּ דער אווראָם־ייִצכאָק? — האָט זיך ניט באַרויִקט דער גאַסט.

— ער האָט געזאָגט האָט ער, דער מיִעסער טײַוול, אַז ער הערט די וולאַסט אונדזערע פאַר אַ דרײַער און אַז ער האָט פאַר דער וולאַסט קיין מוירע ניט.

איציק פּעפּער האָט געשאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ און דאָס גוטמוטיקע שמייכעלע איז ניט אַראָפּ פון זײַן פּאָנעם.

ער האָט אַרויסגענומען פון דער קאָבור דעם נאַגאַן און אים דערלאַנגט צאַליען:

— נעם, ברודערקע צאַליע, אָט דאָס דזשימדזשיקל און באַווײַז עס אים דעם דאָווראַכער, וועט ער גלײַך ווײכער ווערן און אויף זײַן האָרב ברענגען אַהער די בענקלעך. פאַרשטייסט?

— אוודאי פאַרשטיי איך! — האָט דער באָכער זיך דערפרייט, — איך וועל אים דעם הונט מיט אויערן אָנלערנען...

— יאָ, צאַליע־סערדצע, נאָר פאָרזיכטיק. פאַרגעס ניט, אַז דער רעוואָלווער שיסט... — האָט אונטערגעזאָגט איציק.

— אוודאי וועל איך פאָרזיכטיק. — האָט אַ זאָג געטאָן צאַליע און, אַ פאַרוויטלטער, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

עס האָט אַ ביסל געדויערט. דער אוילעם האָט זיך דורכגעווערטלט צווישן זיך, געטריבן לאַשנהאָרע אַפּן סעקרעטאַר, אַף צאַליען. כאָטש דאָס איז געווען אַ גוטהאַרציקער באָכער, נאָר קיין שטערן פונעם הימל האָט ער ניט געכאַפּט. געשפּאַסט האָט מען אָבער אַף זײַן אַדרעס אין גוטן מוט. און פּלוצעם האָט איינער נאָכן צווייטן צוויי שאָסן צעבויטעט די שטילקײַט פון שפּאָלע. דער אוילעם איז געבליבן צעמישט. וואָס איז דאָס? וואָס פאַר אַ שיסערײַ? עפּשער דערנעענטערט זיך אהער אַ באַנדע?

איציק פּעפּער האָט געמאַכט אַ פאַרווונדערט פּאָנעם, אַראָפּגענומען די ברילן פון דער קורצער, עטוואָס פאַריסענער נאָז, זיי אויסגעווישט מיטן עק פון דער סאָלדאַטישער גימנאַסטיאָרקע און צוגעגאַנגען צום פענצטער אַ קוק טאָן, וואָס פאַר אַ שלאַק שיסט עס דאָרטן? די טיר פונעם קלוב האָט זיך צעפּראַלט און עס האָט זיך דערהערט צאַליעס בייזע שטים:

— אַנו, זשוואָווער, זשוואָווער אַ ביסעלע, רירט זיך, רעב אַוראַם־יִצחקָ! די האַלאַדראַנצעס ווילן זיצן אין ווייכע שטולן...

עס איז אַרײַנגעקומען אַ צעבייזערטער, אַ פאַרשוויצטער דער מאַנופאַקטוריסט, טראָגנדיק אַף די פּלייצעס עטלעכע בענקלעך, און נאָך אים איז געגאַן דאָס ווײַב און בײדע אַלטפּאַרזעסענע טעכטער, אָנגעלאָדענע מיט שטולן.

— נו, באַלעבאָס, איז עפּעס פון אײַך אַראָפּגעפאַלן? — איז געווען באַגײַסטערט פון זײַן ביצאָכן צאַליע, — נישקאָשע, איר וועט ניט געליימט ווערן, אויב איר וועט אַ ביסעלע אַרבעטן פאַר דער רעוואָליוציע.

יענער האָט אוועקגעשטעלט די בענקלעך, עפּעס געבורטשעט, מיט ראָצכישע אויגן אַ קוק געטאָן אַף איציק פּעפּערן, וואָס איז געשטאַנען אין דער זײַט און צופרידן אונטערגעשמייכלט.

איציק איז צוגעגאַנגען צום פאַרפּאַליעטן צאַליען, אָפּגענומען בא אים דעם נאַגאַן און זיך אָנגערופן:

— דאָס האָסטו געשאָסן, באַלטאַכלעס? וואָלסט דאָך געקאָנט, כאָלילע, טרעפן.

— דאָס האָב איך געשאָסן אינדערלופטן, געוואָלט דעם שעד איבערשרעקן.

— אומזיסט פּאַטערן פּאַטראָנעס טויג ניט. — האָט איציק געזאָגט און, ווענדנדיק זיך צום באַלעבאָס, געוואָרנט, — איך האָב געהערט זאָגן, אַז די וואָלסט געפעלט אײַך ניט און איר הערט זי פאַר אַ דרײַער... טאָ זעט, די וואָלאַסט זאָל פון אײַך זיך ניט אָפּקערן. אַ וואָלאַסט דאַרף מען שאַנעווען. איר פאַרשטייט?

און איציק פּעפּער, דערזען, ווי דער אוילעם האָט זיך אויסגעזעצט אַף די געבראַכטע בענקלעך, האָט גענומען לייענען די לעקציע, דאָס הייסט, אַף פּראָסט מאַמעלאָשן דערציילט, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט און ווען עס וועט פאָרקומען די וועלט־רעוואָליוציע. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע זײַן צעקנייטשטן העפט און אָנגעהויבן מיט האַרץ לייענען זײַנע לידער.

מענטשן האָבן מיט שײַנענדיקע אויגן געקוקט אַף דעם לאַנדסמאַן זייערן, זיך געוווּנדערט, ווי עס באַקומט זיך בא אים אַזוי גלאַט און פּאַשעט.

אין דער ערשטער ריי אין אַ ווייכן שטול איז געזעסן דער אַלטער לערער שאָלעם פּעפּער, געקוקט אַף זײַן בענאָק מיט דערעכערעץ און מיט אייפער, צוגעלייגט די דלאָניע צום אויער, זיך בעסער אײַנגעהערט אין די לידער און, זעט אויס, געטראַכט, אַז דער עמסער דיכטער איז טאַקע ער, זײַן איציק.

3

דאָוויד האָפּשטיין האָט באַגעגנט דעם רויטאַרמייער מיט אַ ברייטן באָרעכהאַבע. אַ באַוועגלעכער, אַ פלינקער, מיט צוויי גרויסע שוואַרצע דורכדרינגעוודיקע אויגן, אַ הויכן, עטוואָס געקאַרבטן שטערן, אַ מיטלוווּקסיקער און געפּאַקטער, האָט ער לאַנג באַטראַכט דעם גאַסט אין די ברילן, געקלערט, אַז דאָס איז געקומען צו אים פּאָשעט אַן אוירעך זיך דורכריידן, אַזאַ, וואָס קומען אָפּט צום באַרימטן דיכטער, נאָר ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דער רויטאַרמייער שרײַבט יִידישע לידער און וואָלט געוואָלט, אַז דער דיכטער האָפּשטיין זאָל אים אויסהערן, האָט ער אים ברייט באַזעצט בא זײַן שרײַבטיש, אים אָנגעגאָסן פונעם סאַמאָוואַר אַ שטאַרקע גלאָז טיי און געפּאָדערט, דער גאַסט זאָל פריִער אויסטרינקען און דערבאַך לייענען. דערבײַ האָט דאָוויד האָפּשטיין זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן סקריפּענדיקן

שטול, אונטערגעשפּארט מיט דער האַנט דעם קאָפּ, צוגעמאַכט די אויגן, וואַרטנדיק, יענער זאָל אָנהייבן לייענען.

איציק האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, אַרויסגעכאַפּט דעם העפט און אַף אַ קאָל אָנגעהויבן לייענען די לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין טורמע און אויך יענע, וואָס ער האָט געשאַפן אין די קורצע האַפּסאַקעס צווישן די שלאַכטן.

אינמיטן לייענען האָט דאַוויד האַפּשטיין אָפּגעשטעלט דעם יונגן דיכטער, אַרײַנגעלאָפן אין צווייטן צימער און אַרײַנגעפירט די שוועסטער און דעם ברודער.

— זעצט זיך צו און הערט! — האָט ער באַפעלעריש אויסגעשריגן, — איר זעט, געקומען אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ פרישע שטים!.. אין זײַנע לידער זײַנען פאַראַן מאָטיוון, וואָס האָבן נאָך אין דער ייִדישער ליטעראַטור ניט געגעבכטיקט... אַנו, איציק, זײַט אַזוי גוט און לייענט נאָכאַמאָל, זאָלן זיי הערן. „בלאָנדע קאָמסאָמאָלקעס פאַרן אַף די פראָנטן"... —

ער האָט אַ ווונק געטאָן צו דער שוועסטער און דעם ברודער, וועלכע זײַנען געזעסן אין דער זײַט, יענע זאָלן אופמערקזאַם הערן.

דער גאַסט האָט זיך אופגעהויבן פון דעם שטול, פאַריכט די סאָלדאַטישע גימנאַסטיאָרקע, דערנאָך אויסגעווישט מיט אַ טיכעלע די גלעזלעך פון די ברילן און, אָנשטרענגענדיק דעם זיך קאָרן, ווידער גענומען לייענען לידער אַף אויסווייניק. מיט יעדער רגע האָט ער זיך דאָ, אין האַפּשטיינס שטוב, דערפילט פרײַער און היימישער.

פאַרענדיקט דאָס לייענען, האָט ער אָפּגעווישט מיטן פויסט דעם שוויס פונעם שטערן, זיך צוגעזעצט אַף אַ שטול און פרײַער אָפּגעאָטעמט.

האַפּשטיין איז צוגעשפּרונגען צום יונגן דיכטער און אים גענומען דריקן די האַנט.

— גוט, זייער גוט! — האָט ער עטוואָס צעשטרייט געזאָגט, — עס זײַנען בא אײַך פאַראַן בלויזן, נאָר אין גרונט איז דאָס עכטע פּאָעזיע. דאַכט מיר, אַז איך האָב אין אײַך ניט קיין טאָעס. נאָר איין זאַך, מײַן פרײַנט, וועל איך אײַך זאָגן. איר האָט אויסגעקליבן זייער אַ קאַפּריזנע קאַלע — פּאָעזיע. זי פאָדערט האַרעוואַניע, זי פאָדערט אָפּגעבן זיך איר מיט לײַב־און־לעבן. זי אַנערקענט ניט קיין לײַכטזיניקײַט, קיין פאַראַט. איר דאַרפט זײַן אײַנגאַנצן אירע. לערנען זיך! אומבאַדינגט זיך לערנען און זיך ניט באַפרידיקן מיטן דערגרייכטן. פּאָעזיע איז אַ מעכטיקער אָקעאַן, און אַז איר לאָזט זיך איבער אים שווימען, דאַרפט איר זיך האַלטן... יאָ, מײַן פרײַנט, איר זײַנט אַ דיכטער. איר פאַרמאָגט טאַלאַנט.

דאַוויד איז צוגעגאַנגען צום טיש, אויסגעטרונקען דאָס רעשט פון דער אָפּגעקילטער טיי, גענומען אַף זיך דעם מאַנטל און אַ ווונק געטאָן צום גאַסט:

— מיר וועלן מיט אײַך אַרײַנגיין צו דאַוויד בערגעלסאָנען... איך וויל, אַז ער זאָל אײַך אויסהערן. ער איז אַ פּראָזאַיקער, נאָר מיט אַ נעשאָמע פון אַ דיכטער... קומט מיט מיר.

דערהערט דעם נאָמען בערגעלסאָן, איז דער גאַסט דערציטערט געוואָרן. ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווי־אַזוי ער וועט פאַר דעם גרויסן מײַסטער לייענען זײַנע לידער. נאָר דערזען, ווי האַפּשטיין האָט צעעפנט די טיר, זיך געלאָזט נאָך אים.

אין אַ פערטל שאָ אַרום זײַנען די אומדערוואַרטע געסט געזעסן אין דאַוויד בערגעלסאָנס געראַמען צימער, און דער באַלעבאָס, וואָס האָט געטראָגן אַ געשטריפּט רעקל און אַ פּאָר ווייכע שטעקשיך, האָט דורכדרינגענדיק געקוקט אַף איציקן.

האַפּשטיין האָט נאָך אַף דער שוועל, אַ באַגײַסטערטער, אויסגערופן:

— זאָל איציק איבערלייענען עטלעכע זײַנע לידער!

דער גאַסט האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און גענומען לייענען. בערגעלסאָן האָט זיך צוגעזעצט נאָענט לעבן אים און, רייכערנדיק אַ ציגאַר, געהערט.

— איר זײַנט אַ שפּאַלער? — האָט בערגעלסאָן זיך אָנגערופן, ווען איציק האָט געענדיקט לייענען.

— אַ שפּאַלער.

בערגעלסאָנס לענגלעך פּאָנעם האָט זיך צעשמייכלט און די אונטערשטע ליפּ זײַנע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט נידעריקער.

— איך זע, אַז איר זײַנט אַ שפּאַלער. מײַנע כעווורע דערקענען איך גלײַך. איך בין אַן אָכ־רימעווער... עס קאָן הייסן, אַן אומאַנער. אומאַן, אָכרימעווע איז ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער.

דער באַרימטער ראָמאַניסט האָט געוערדט פּאַמעלעך, צעצויגן די ווערטער, צוגעבנדיק יעדער וואָרט אַ באַזונדער באַטײַט.

— יאָ, אַקעגן וואָס זאָג איך עס? — האָט ער מיט דעם זעלבן טאָן פאַרגעזעצט, — וועט איר באַלד הערן. עזראַ פינינבערג איז אויך אונדזערער אַ זעמליאַק. אַ גאָלדענער טאַלאַנט. צוריק מיט אַ קורצער צײַט האָט זיך צו אונדז אַראָפּגעיאָוועט נאָך איינער, זייער אַ פײַקער

באַכער, וואָס שרײַבט עכטע לידער — לייב קוויטקאָ. נו און ער, ווי הייסט ער, מיט אַ לאַנגער פֿאַמיליע, מוישע כאַשטשעוואַצקי, יענער איז פֿון בוקי. אויך לעבן אומאַן... שפּאָלע איז אויך באַענט... אַ פֿייַקע קאַהאַרטע דיכטער. און אַלע פֿון איין ווינקל. איך הייב שוין אָן טראַכטן, פֿונוואַנען נעמט זיך אַזאַ גערעטעניש פֿון דיכטער און פּאָעזיע אין איין ווינקל...

דאַוויד בערגעלסאָן האָט זיך פֿאַרטראַכט אַף עטלעכע רגעס, זיך ווידער פֿאַרצויגן מיטן רויך פֿונעם ציגאַר און מיט אַ שמייכל פֿאַרגעזעצט:

— ווען דער אייבערשטער, וואָס איז געווען ניט קיין שלעכטער באַלמעלאָכע, האָט גע־האַלטן אין שאַפֿן אונדזער וועלטל, איז ער געקומען צום סיכל, אַז ער מוז האָבן אַ כאַליאַ־סטרע שרייַבער און דיכטער, זיי זאָלן באַשרייַבן זייַן אַרבעט. האָט ער אַרויסגערופֿן זייַן גלאַוונעם מאַלעך, איך געדענק שוין ניט, ווי יענער האָט געהייסן, און זאָגט אים: נעם, ברודערקע, אַ זאַק מיט פּאָעטן און פֿלי אַוועק איבער דער וועלט, און וווּ דו וועסט דערזען אַ שיין ווינקל, וואַרף אַהין אַראָפּ אַ דיכטער און זאָל ער זינגען. איז דער מאַלעך געפֿלויגן מיטן זאַק פּאָעטן אונטער די פֿליגל. נאָר, קומענדיק צו אומאַן, האָט דער מאַלעך זיך פֿאַרטשעפּעט באַ אַ וואָלקן און דער זאַק האָט זיך צעריסן. אַנשטאָט דעם, ער זאָל געווען אין דעם שיינעם קאַנט אַראָפּלאָזן איין דיכטער, איז אַרויסגעפֿלויגן פֿונעם צעריסענעם זאַק אַ גאַנץ פּעקל דיכ־טער. דערפֿון נעמט זיך, וואָס אין מייַנע מעקוימעס זייַנען פֿאַראַן אַזויפֿיל טאַלאַנטן...

לויט דעם, ווי דאַוויד בערגעלסאָן האָט דערציילט די געשיכטע, איז געווען צו זען, אַז דאָס איז אַן עקספּראָמט, אַז ער האָט זי אָקאָרשט צוגעטראַכט, נאָר סײַ האָפּשטיינען, סײַ דעם יונגן דיכטער איז די געשיכטע שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

זיך גוט אויסגעלאַכט, איז דאַוויד בערגעלסאָן צוגעגאַנגען צום פֿאַרויטלטן און שיינינקן יונגן דיכטער, אַ קלאַפּ געטאָן גוטברודעריש איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— נו, איציק. אין אַ גוטער שאָ! מיר נעמען דיך אַרײַן אין אונדזער שרײַבערישער בראַנ־זשע. האַלט זיך נעענטער צו האָפּשטיינען. ער איז אַ גוטער רעבע.

4

אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אַ קלונג געטאָן אַ פֿרישע, מעכטיקע, נײַע שטים, וואָס האָט זיך צונויפֿגעגאָסן מיט די שטימען פֿון פּערעץ מאַרקישן און דאַוויד האָפּשטיינען, אַשער שוואַרצמאַנען, עזראַ פֿינינבערגן און לייב קוויטקאָן. מיט גרויס דערפֿאַלג האָט דער בריי־טער לייענער־אוילעם אופֿגענומען די אַרויסטרעטונגען פֿונעם שפּאָלער זינגער. די לידער, וועלכע זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די יידישע בלעטער, האָבן אַרויסגערופֿן אַ לעבעדיקן אָפּקלאַנג פֿון דער קריטיק. אַלע זײַנען זיך צונויפֿגעגאַן אַף דעם, וואָס עס האָט דער ערשטער אַרויס־געזאָגט וועגן פֿעפֿערס לידער דאַוויד האָפּשטיין: „יאָ, אין זײַנע לידער זײַנען דאָ מאָטיוון, וואָס האָבן ניט געקלונגען אין דער יידישער פּאָעזיע"...

עס האָט אַ קלונג געטאָן אַ וואַגיק, פֿריש און מוטיק וואָרט. דאָס וואָרט פֿון אַ שלאַכט־מאַן, אַ פּאָלקסמענטש.

עס האָט זיך פֿאַרברייטערט אַלץ שטאַרקער זײַן רום. מע האָט אים אומעטום אופֿגענומען מיט גרויס באַגײַסטערונג. מע האָט דעם דיכטער ניט בלויז אָנערקענט פֿון זײַנע ערשטע טריט, נאָר ליב באַקומען. זײַן פּראָסטקײַט און צוגענגלעכקײַט, זײַן פֿריילעכער וויץ און קלוגע כאַכ־מע, זײַן גרויסע ליבע צום פּאָשעטן מענטשן, צום פֿאָלק האָט אונטערגעקויפֿט.

איציק פֿעפֿער... אין די טעג, ווען עס איז געבוירן געוואָרן אַ נײַע וועלט, ווען אומעטום זײַנען נאָך געגאַנגען פֿאַרביטערטע שלאַכטן מיט יענע קויכעס, וואָס האָבן געוואָלט אָפּשטעלן דעם טראָט פֿון דער געשיכטע, איז געקומען אַ נײַער שטערן, אַ טאַלאַנטפֿולער, אייגנאַרטיקער דיכטער, אַ זינגער און אײַנצײַטיק אַ שעפֿער פֿון דער שטורמישער געשיכטע.

עס האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען איין זאַמלונג נאָך דער צווייטער. און יעדער בוך זײַנער האָט אַרויסגערופֿן טיפֿע אָפּקלאַנגען. פֿון בוך צו בוך איז געוואַקסן זײַן מײַסטערשאַפֿט. דאָס וואָרט איז געוואָרן פֿעסט, אָנגעפֿולט מיט פֿולוער. „שפּענער" — זײַן ערשט דערשײַנענע לי־דער־זאַמלונג, און ווײַטער גייט אַוועק „וועגן זיך און אַזוינע, ווי איך", „פּראָסטע טריט"... און יעדער ביכל, יעדער לידער־ציקל איז געווען אַ נײַער שטאַפּל, וואָס האָט געפֿירט באַרג־אַרויף.

איציק פֿעפֿער...

ווער האָט אים ניט געקענט צווישן די ברייטע לייענער־מאַסן? זײַנע לידער און באַלאַדעס האָט מען דעקלאַמירט אַף אָוונטן און מיטינגען. זיי זײַנען געווען צוטריטלעך פֿאַר קליין און גרויס, פֿאַר מענטשן מיט הויכער קולטור, געלערנטע, פֿאַר געוויינלעכע אַרבעטער און פּוי־

ערים, זיי האָבן אים געמאַכט פּאָפּולער און באַרימט צווישן אַלע שיכטן — ער איז געווען דער אויסדריקער פון די טרוימען און פאַרלאַנגען פון אַ גאַנצן דאָר.

די זאַלן, קלובן, ווו דער דיכטער איז אַרויסגעטראָטן, זײַנען טאָמיד געווען איבערפולט מיט נײַגעריקן אוילעם. זײַנע ביכער אין די ביבליאָטעקן זײַנען קיינמאָל ניט געלעגן אויף די פּאָליצעס.

יאָ, דער נעכטיקער שפּאָלער אַרבעטער־זעצער, דער קאָמוניסט און טרײַער סאָלדאַט פון דער רעוואָליוציע, איז גאָר אײַנגיכן געוואָרן דער זאַפּעוואַלע פון דער עמעסער פאָלקס־פּאָע־זיע. ער האָט געריידט מיטן פאָלק אויף זײַן פּראָסטן לאַשן, אין וועלכן עס איז געווען עכטע, עמעסע קונסט. ער איז געווען דער זינגער פון אַ גרויסער עפּאָכע. דער יונגער פּאָעט איז געקומען אין דער יידישער דיכטונג ניט בלויז מיט זײַן נײַער טעמע, נײַע מאָטיוון, נאָר מיט פרישע, צאַפּלדיקע פאַרבן, נײַע בילדער, געשטאַלטן.

און טאַקע, קיינער האָט ניט געמאָלט אַזוי ווי ער, איציק פעפער, דעם יונגן דאָר, וואָס האָט זיך געשלאָגן אויף די פראָנטן, וואָס האָט מיט געווער אין די הענט פאַרטיידיקט די דראַר בערונגען פון אָקטיאַבער.

יאָ, דאָס איז געווען אַ באַגײַסטערטער דיכטער, אַ זינגער, אַ פאַרליבטער אין פאָלק, אין פּראָסטע אַרבעטער־מענטשן.

זײַנע לידער און פּאָעמעס וועגן בירגערקריג, לענינען, דניעפּראָהעס, דאָנבאַס, וועגן די גרויסע בויונגען פונעם לאַנד האָבן אויסגעהאַלטן דעם גרעסטן אויספּרווו — דעם אויספּרווו פון צײַט און אַרײַן אין גאָלדענעם פּאָנד פון אונדזער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטע־ראַטור.

איציק פעפער האָט זיך אין קיִעוו לאַנג ניט פאַרהאַלטן. עס האָט אים שטענדיק געצויגן זיך באַקאַנען בריי̆טער מיטן לאַנד, מיטן פאָלק, מיט די גרויסע בויונגען. דאָ האָט ער געשעפּט מאַטעריאַל און באַגײַסטערונג פאַר זײַנע ווערק.

ער באַזעצט זיך אויף אַ לענגערע צײַט אין כאַרקאָוו, רעדאַגירט אַ רײַ זשורנאַלן...

אַ מענטש, פול מיט ענערגיע, געפינט ער צײַט שרײַבן לידער, פּאָעמעס, קריטישע אַר־טיקלען. רעדאַגירן אַ דיקן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל, זײַן אויף די גרויסע אונטער־נעמונגען, אויף די בויונגען, אין די יידישע ראַיאָנען קאַלינינדאָרף, נײַזלאַטאָפּאָל, דזשאַנקוי, אין דער געדיכטעניש פון פאָלק. ער טרעט אַרויס אויף הונדערטער אָוונטן, אין די שולן, קלובן, און זײַן וואָרט קלינגט, ווי אַ רוף. עס פאַרשטאַרקט זיך און פאַרברייטערט זיך זײַן פּאָליטרע. ער ווייסט ניט פון קיין רו, לערנט, אַרבעט, לייענט.

דער שפּאָלער באָכער, דער זעצער, וואָס איז ניט דורכגעגאַן קיין אוניווערסיטעטן, לערנט אַ סאַך און ווערט אַן אָנגעזעענער קולטור־שעפער. עס איז ניטאָ אַזאַ געביט, ווו דער יונגער דיכטער זאָל ניט אַרײַנדרינגען.

אין איינעם פון די סאָפּזומערדיקע טעג פון 1934 יאָר האָבן מיר באַגעגנט אַ גרויסע גרופּע שרײַבער, געקומענע פון כאַרקאָוו. און צווישן זיי איז געווען איציק פעפער.

די אוקראַינישע רעגירונג איז אַריבערגעפאָרן פון כאַרקאָוו קיין קיִעוו, און די הויפּט־שטאָט — אַהער, צו די ברעגן פון דניעפּער.

צוזאַמען מיט אַ גרויסן טייל אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן איז אַהער אויך אַריבערגע־פאָרן דער שרײַבער־פאַרבאַנד מיט אַ גרויסער גרופּע באַרימטע שריפטשטעלער.

אַזויאַרום איז איציק פעפער — דער אָנפירער פון דער ייִדסעקציע פון שרײַבער־פאַריין, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „פאַרמעסט" ווידער געוואָרן אַ קיִעווער.

ער האָט זיך באַזעצט אינעם שרײַבער־הויז, אויף דער לענין־גאַס, און געוואָרן אונדזער שאָכן.

פעפער איז שוין צו יענער צײַט געווען באַרימט, פּאָפּולער, דאַכט זיך, ווי קיינער ניט פון די יידישע שרײַבער.

אָבער דער רום האָט אים אויף קיין האָר ניט פאַרדרייט דעם קאָפּ. זײַן ליבשאַפט צו מענטשן, דער אינטערעס צו יונגע שרײַבער איז ניט געפאַלן. פאַרקערט, ער האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור, ווי הארציק עס האָבן אים אויפגענו־מען דאָוויד האָפשטיין און דאָוויד בערגעלסאָן, פּערעץ מאַרקיש און לייב קוויטקאָ, ווי זיי האָבן אים געהאָלפן אַרויסלאָזן זײַן ערשט ביכעלע לידער „שפּענער" און ער, איציק פעפער, האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט זיך באַצויגן צו דער נײַער פּלעיאַדע יידישע דיכטער.

זײַן טיר איז שטענדיק געווען אָפן פאַר אַלעמען. אין אָט דעם קאַבינעט אָפן דריטן שטאָק זײַנען געווען אָפטע געסט פּײַוול סיטאָ און מאָטל האַרצמאַן, שיקע דריז און אַווראָם גאָנטאַר, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי און הערשל דיאַמאַנט, אײַזיק הובערמאַן און כאָנע ווײַנערמאַן, ריווע באַליאַסנע און דאָרע כײַקינע...

פֿון אײַנדערפֿרי ביז דער שפּעטער נאַכט האָבן אין דעם קאַבינעט געקלונגען לידער. עס האָט געהילכט דער פֿרײלעכער געלעכטער. מיט איציק פֿעפֿערן האָבן זיך אַלע געפֿילט ווונ־דערלעך — גוט און פֿרײַ, מיט אים איז טאָמיד געווען פֿרײלעך אָפן האַרצן. פֿון זײַן קאַבינעט זײַנען מענטשן שטענדיק אַוועקגעגאַנגען באַרײַכערטע, דערהויבענע.

מיר האָבן באַוווּנדערט אונדזער פֿרײַנט: ווען האָט ער געפֿונען צײַט שרײַבן?!

ער איז געווען איבערגעלאָדן מיט אַרבעט אין רעדאַקציע, אין פּאַרײַ, פּאַרטאָן אין אַנצאָ־ליקע געזעלשאַפֿטלעכע געשעפֿטן. עס איז ניט געווען, דאַכט זיך, דער טאָג, ווען ער האָט ניט געהאַלטן קײַן רעפֿעראַט, ניט געלײענט זײַנע לידער אויף די קיעווער פֿאַבריקן און זאַוואָדן, אין די שולן און אין די אינסטיטוטן. דערצו נאָך איז ער געווען אַן אָפֿטער און זייער אָנגע־לייגטער גאַסט אויף די גרויסע בויונגען, אין די ייִדישע קאָלווירטן, וועלכע האָבן אָנגעציילט אין די הונדערטער איז אוקראַינע און קרים.

אויף רויטאַרמייער־גאַס, 43, ווו עס איז געווען דער „מעלוכענאַצמינדפּאַרלאַג" פֿון אוקראַי־נע, האָט זיך געפֿונען די רעדאַקציע פֿון זשורנאַל „פֿאַרמעסט" (שפּעטער „סאָוועטישע ליטע־ראַטור"). איציק פֿעפֿער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר. אַלע טאָג, אַזייגער צוועלף, עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, פֿלעגט ער קומען צו דער אַרבעט. רושיק איז געווען אין די לאַנגע קאָרידאָרן פֿונעם פֿאַרלאַג, פֿולגעפּאַקט און אָנגערײכערט איז געווען אין צימער פֿון רעדאַקציע. די טיר איז דאָ שטענדיק געווען צעפּראַלט, אָפן פֿאַר אַלעמען, פֿאַר בעקאַוועדיקע, באַרימטע שרײַבער און אָנפֿאַנגער, פֿאַר לייענער און פּאַשעטע מענטשן, וואָס האָבן ליב גע־האַט אַרײַנגיין אַ קוק טאָן אָפן רעדאַקטאָר און זײַנע פֿרײַנט און פּאַטערן זיי אַ ביסל צײַט מיט פֿאַרשיידענע קלאַצקאַשעס.

פֿאַר יעדן איינעם האָט איציק פֿעפֿער געהאַט צײַט. ער האָט ליב געהאַט מענטשן פֿאַר־שיידענע. מיטן גרעסטן אָפּשײַ זיך באַצויגן צו טאַלאַנטפֿולע שרײַבער. עס האָבן באַ אים אָבער אָפּגענומען ניט ווייניק צײַט טאַלאַנטלאָזיקײַטן, גראַפֿאָמאַנען, וואָס פֿלעגן קומען אין רעדאַקציע מיט זייערע גראָבע מאַנוסקריפּטן, פֿון וועלכע עס פֿלעגט זיך באַ די מיטאַרבעטער פֿון רעדאַקציע פֿאַרדרייען דער קאָפּ.

דער וויץ, דער שמײכל, דאָס געלעכטער האָט איציקן ניט פֿאַרלאָזט. כאָטש ניט שטענ־דיק איז געווען פֿרײלעך און אָנגעלייגט אָפן האַרצן. עס איז אונטערגעקומען דאָס 1937 יאָר, און די קלײנינקע נעשאָמעלעך האָבן צוזאַמען מיט זייערע גראַפֿאָמאַנישע לידלעך זיך אויסגע־קליבן אַ שפּאָגל־נײַעם „זשאַנער" — זיי האָבן אָנגעהויבן שרײַבן מעסירעס אויף רעדאַקטאָר און אָפן זשורנאַל.

איציקן האָבן די מעסירעס פּאַשעט געוווּנדערט. יענער פֿאַרשוין, וואָס האָט באַזונדערס גוט באַהערשט דעם זשאַנער פֿון מעסירעס, פֿלעגט אַרײַנקומען צו אים אין שטוב און מיט אַ געמאַכטן פֿאַלשן שמײכל, אָן ביזאַיען זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז מע זאָל דרוקן זײַנע טאַלאַנטלאָזע לידלעך.

איציק פֿעפֿערן האָט שוין לאַנג געצויגן קײַן ביראָבידזשאַן, אין דער ייִדישער אווטאָנאָ־מער געגנט. ער האָט אַלץ ניט געקאָנט אויסקלײַבן קײַן צײַט פֿאַר אַזאַ רײַזע.

נאָר די צײַט איז געקומען, און ער האָט זיך געלאָזט אין ווײַטן וועג, אָפן ווײַטן מיזרעך, ווו ער איז באַגײַסטערט געוואָרן פֿון דעם, וואָס ער האָט געזען — פֿון די גרויסע בויונגען, נײַע קאָלווירטן, נאָר דעריקער פֿון די מענטשן, בויער, ענטוזיאַסטן. זיי האָבן באַם דיכטער אַרויסגערופֿן פֿרייד און באַגײַסטערונג.

און איציק פֿעפֿער, נאָך דעם, ווי ער האָט פֿאַרבראַכט אין ביראָבידזשאַן אַ שטיק צײַט, האָט אָנגעשריבן אַ ביכל לידער וועגן דעם וווּנדערלעכן קאַנט און זײַנע מענטשן.

און אײַנגיכן האָבן אַ קלונג געטאָן פֿון פֿיל בינעס „ביראָבידזשאַנער פֿרײלעכס", „ביראָ־בידזשאַנער וויגליד". דאָס איז געווען אַ נײַער עטאַפּ אין איציק פֿעפֿערס שאַפֿונג.

יאָ, אַזויפֿיל הומאָר, אַזויפֿיל פֿרייד און מוטיקײַט איז געווען אין אָט די לידער! אײניקע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן אָנגעשריבן מוזיק און אַ טייל פֿון די ווערק זײַנען געוואָרן פֿאָלקס־לי־דער. אונדזערע בעסטע זינגער און זינגערנס האָבן זיי געזונגען פֿון דער בינע. און אַז איציק פֿעפֿער איז אַרויסגעגאַנגען פֿאַרן אוילעם אויף ליטעראַרישע אָוונטן, האָבן זיך פֿון אַלע זײַטן געטראָגן אויסגעשרייען — באַקאַשעס, דער דיכטער זאָל לייענען זײַנע ביראָבידזשאַנער ווערק.

...איציק פעפער האָט זיך אין אַ שטיק צײַט אַרום אומגעקערט אַהיים פונעם ווײַטן מיזרעך. ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זײַנע באַקאַנטע אוקראַיִנישע שטעט און שטעטלעך. ווי דער דיכטער זאָל ניט געווען זײַן מיד, פאַרמאַטערט, נאָר ווי נאָר ער איז געקומען צו זײַנע לייענער, צום פאָלק, איז ער גלײַך געוואָרן לעבעדיק און פריילעך.

אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן זײַנען מיר אַרײַנגעפאָרן קיין ליפאָוועץ. אַף דער סטאַנציע האָט אונדז באַגעגנט אַ גרויסער אוילעם. מיר זײַנען שוין געהאַט געווען אין אַ גאַנצער ריי שטעט און שטעטלעך — אין אומאַן, שפאָלע, זווענינאָראָדקע, מאַלעוו־פאָדאָלסק... און אומעטום האָט דער אוילעם געמאַכט אַזאַ וואַרעמע באַגעגעניש, אַז דער אָטעם איז פאַרכאַפּט געוואָרן. קינד־און־קייט איז געקומען אַף די אָוונטן. אין די גרויסע זאַלן איז געשטאַנען אַ הילכיק געלעכטער, ווײַל איציק פעפער האָט געפירט די אָוונטן, פאַרגעשטעלט זײַנע קאָלעגן — שרײַבער אַזוי שאַרפזיניק, אַז דער זאַל איז שיר ניט צעטראָגן געוואָרן. און אַז ער האָט געלייענט זײַנע לידער, האָט דער אוילעם אים לאַנג ניט געלאָזט אוועקגיין פון דער בינע, געבעטן, געפאָדערט לייענען נאָך און נאָך. הײַנט ווען ער האָט זיך געטיילט מיטן אוילעם וועגן זײַנע אײַנדרוקן פון בירָאבידזשאַן, דניעפּראָהעס, דאָנבאַס, האָט מען געהערט, ווי פאַרקישעפטע. ער האָט פאַרמאָגט כוץ אַלעמען אַ גאָלדענעם טאַלאַנט פון אַ רעדנער. געווען אַ וווּנדערלעכער אימפּראָוויזאַטאָר און צו יעדער פאַל האָט ער געהאַט אַ וויץ, אַ מאָשל, אַ מײַסע און דער אוילעם האָט מאַמעש געשלונגען יעדער וואָרט.

יאָ, נאָך דער באַגעגעניש אין ליפאָוועץ אַף דער סטאַנציע זײַנען מיר געקומען אין שטעטל גופע. אַפן פלאַץ לעבן דעם שטעטלדיקן סאָוועט איז געווען אַ גרויסער אוילעם — מע האָט אונדז אָפּגעוואַרט. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל. עטלעכע שולן און אַרטעלן האָבן געפאָדערט, מיר זאָלן פריִער באַ זיי אַרויסטרעטן. דאָ זײַנען געווען שולן און אַרטעלן מעיוכאָסים, וואָס האָבן געהאַט אַ שעם אין דער אומגעגנט און זיי האָבן געפאָדערט, מיר זאָלן צום אַלעם ערשטן גיין צו זיי. נאָר די שולן און אַרטעלן — קלענערע מעיוכאָסים, וואָס האָבן ניט געהאַט אַזאַ שעם, האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אויך דאָס רעכט פאַרופן די שרײַבער פון קיִעוו צו זיך!

עס איז געוואָרן אַ גרויסער טומל. די אָרטיקע נאַטשאַלסטווע האָט זיך פאַרלוירן, ניט געוווּסט וואָס טאָן. און דאָ איז געקומען צוהילף איציק פעפער.

— וואָס ווילן מיר, מײַנע טײַערע פרײַנט, אָנהייבן אַ מילכאָמע? עפּשער ווילן מיר באַטראַכטן די זאַך אַזוי. ברענגט אַהער, אַפן פלאַץ, אַ פּאָר קאַסטנס, שטעלט צונויף אַ שטיקל בינע און מירן אָנהייבן אונדזער אַרויסטרעטונג אונטערן שיינעם הימל. איך זע, אַז באַ אײַך אין ליפאָוועץ איז גאָר־גאָר אַ פײַנער הימל. איך האָב נאָך אַזאַ הימל אין ערגעץ ניט באַגעגנט...

ס׳איז געוואָרן טומלדיק, פריילעך. אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען אַפן פלאַץ אויסגעוואַקסן קעסטלעך, אַ פּאָר בענקלעך. מע האָט צונויפגעשטוקעוועט אַ שטיקל טריבונע. דאָס גאַנצע שטעטל איז געקומען צום פלאַץ און קיינער איז ניט געווען באַליידיקט. דאָ זײַנען ניט געווען קיין „מעיוכאָסים“ — אַלע גלײַך...

איציק פעפער איז געווען פאַרגאַפט פון דעם אימפּראָוויזירטן ליטעראַרישן קאָנצערט. ער האָט נאָך, דאַכט זיך, פאַר דער גאַנצער רײַזע אונדזערער ניט געלייענט זײַנע לידער מיט אַזאַ קראַפט. דער האַמוין האָט אים ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון דער „בינע“. מע האָט געפאָדערט, ער זאָל זינגען, מיינענדיק, אַז דאָס האָט ער אַליין פאַרפאַסט די מוזיק צו זײַנע לידער. באַטראַכטנדיק דעם אופגעברויזטן אוילעם, האָט איציק פעפער אָנגעהויבן זינגען „אַ בירָאבידזשאַנער פריילעכס“ מיט זײַן שטאַרקער ברוסטיקער שטים, און דער גאַנצער אוילעם אַפן פלאַץ — קליין און גרויס — האָט אונטערגעכאַפּט און געזונגען צוזאַמען מיטן דיכטער. און נאָך דער שפילעוודיק־פריילעכער ליד איז געקומען די האַרציק־לירישע „בירָאבידזשאַנער וויגליד“. ביז פאַרנאַכט האָט זיך געצויגן די ניט געוויינלעכע אַרויסטרעטונג.

אַפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך געלאָזט קיין יאַרוגע, וואָס איז ניט ווײַט פון מאָלעוו־פאָדאָלסק. דאָ האָט אונדז אָפּגעוואַרט אַ גרויסע געפאַר, ווײַל יאַרוגע איז פון אַ שיינע עטלעכע הונדערט יאָר באַרימט מיט די ווײַנגערטנער, מיט די וווּנדערלעכע ווײַנען. דאָ איז געווען אַ רײַכער קאָלווירט אַ מיליאָנער. דאָ האָבן געוווינט און געאַרבעט באַרימטע ווײַנגאָרטנציכטלער און כליעבאָראָבן, ווײַנמאַכער און גאָלדענע באַלמעלאָכעס. קרעפטיקע, פריילעכע, לעבנסלוסטיקע האָרעפּאַשניקעס.

די באַגעגעניש האָט זיך אָנגעהויבן אין אַ געראַמען זאַל באַ געגרייטע טישן. עס זײַנען געשטאַנען די בעסטע מײַכאָלים, וואָס די יאַרוגער פרויען האָבן צוגעגרייט, און די טישן האָבן זיך געבראָכן פון די גרויסע סולייעס ווײַן. דערבײַ האָבן די באַלעבאַטים געפאָדערט, די געסט

זאָלן דעגוסטירן אַלע סאָרטן. אָבער ניט פון קיין קליינע קעלישעקלעך, נאָר פון עמעסע גלעזער. אָפּזאָגן איז געווען אומעגלעך. די ליאַמע האָט זיך פאַרצויגן אַף א מעסלעס. אין די איבערײַסן האָבן מיר דורכגעפירט אַרויסטרעטונגען אין שול, אין קלוב. אָנשטאָט איין טאָג האָט מען אונדז פאַרהאַלטן אַף גאַנצע דרײַ — די באַלעבאַטים האָבן אַלע מאָל געזאָגט, אַז קיין צוג גייט ניט...

און טאַקע, זיך צעשיידן מיט אַזעלכע מענטשן, מיט אַזעלכע ווײַנען, איז געווען א פּאָר ברעכן.

שפּאָלע האָט באַגײַסטערט באַגעגנט זייער באַרימטן לאַנדסמאַן. די שטאָט האָט זיך געגרייסט מיט אים. מיר האָבן נאָך ניט באַוויזן קומען צו־זיך פון וועג, פון דעם באַגײַסטערטן אופנאַם, איז שוין אויסגעקומען אַרויסטרעטן אין שול, גלײַך פון דער שול האָט מען אונדז אוועקגעפירט אין א גרויסן אַרטעל, מיר האָבן נאָך דאָ ניט געענדיקט די אַרויסטרעטונג, ווי עס איז געקומען א דעלעגאַציע פונעם היגן זקיינים־הויז און געמאָלדן, אַז מע וועט ניט אוועקגיין, ביז מיר וועלן ניט גיין אַהין אַרויסטרעטן.

דאָ האָט איציק פעפער צעפּירט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „נו, וויבאַלד מיר האָבן באַקומען אַזא אולטימאַטום, וועלן מיר מוזן גיין אַהין אַרויסטרעטן".

מיר האָבן נאָך באַזוכט א גאַנצע ריי שטעט און שטעטלעך און אומעטום געהאַט אומפאַרגעסלעכע באַגעגענישן מיט די לייענער. און דאָס האָט באַגײַסטערט. מיר האָבן זיך באַקאַנט מיט גלענצנדיקע מענטשן, אונדזערע העלדן.

5

ער איז געווען זשעדנע צום לעבן.

אין וואָס פאַר א זשאַנער פעפער איז געווען שטאַרקער און אין וועלכן שוואַכער, איז שווער צו זאָגן.

דער דיכטער איז געווען אויסערגעוויינלעך צאַרט אין זײַנע לירישע לידער, ער איז געווען גרויזאַם און פול מיט צאָרן, ווען ער האָט געשריבן וועגן אונדזערע סאָנים, ווען ער האָט געזונגען אומרעכט, פאַלשקײַט, קרי וודע.

ברייט איז געווען דער דיאַפּאַזאָן פון זײַן שאַפונג. פון א מיניאַטיור ביז א פּאָעמע, פון אַן עסיי ביז א קריטיש אַרטיקל. אין א באַליביקער פאַרצייכענונג, רעפּאָרטאַזש, אין יעדער זשאַנער האָט דער דיכטער געפונען זײַנע, פעפערישע פאַרבן און בילדער, און אומעטום האָט דאָמינירט דאָס שמייכעלע, דער גוטער הומאָר. אומעטום איז ער געווען אָריגינעל און הײַנטצײַטיק. דער דיכטער האָט זשעדנע געשעפּט באַגײַסטערונג פון די פאָלקס־קוואַלן, דערלערנט דאָס לעבן, זײַענדיק אַליין אַן אַקטיווער שעפער פונעם לעבן.

בלעטערנדיק איציק פעפערס ביכער, זעט איר בוילעט די גאַנצע געשיכטע פון אונדזער היימלאַנד, אַנהייבנדיק פון די ערשטע רעוואָלוציע־טעג. ער האָט זיך אָפּגערופן אַף אַלע געשעענישן פון לאַנד, פון דער וועלט, קיינמאָל ניט געווען קיין פּאַסיווער באַאָבאַכטער.

אין זײַנע ווערק איז פאַרייביקט די כאַכמע פון פאָלק, זײַן גוורע, זײַן נעשאָמע. זײַענדיק א נאַציאָנאַלער שרײַבער, איז ער אָבער שטענדיק געווען אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. אים איז געווען פרעמד די נאַציאָנאַלע באַגרענעצטקײַט.

אין זײַנע לידער, באַלאַדעס און פּאָעמעס פילט איר טאַראַס שעווטשענקאָס צאָרן און לעסיע אוקראַינקעס צאַרטקײַט, דעם הומאָר, דעם געלעכטער פון שאָלעם־אַלייכעמען און די איראָניע פון העגריך היינע, די טיפקײַט פון דאָוויד האָפשטיינען און ברייטקײַט פון פּערעץ מאַרקישן, די כאָכמע פון מאַקסים רילסקין און מיכאַיל סוועטלאָוון...

דער דיכטער האָט פאַרמאָגט א סאַך גוטע לערער, נאָר דער גרעסטער לערער זײַנער איז געווען דאָס פאָלק, זײַן פאָלקלאָר, זײַן כאָכמע און מונטערקײַט, זײַן הומאָר און זײַן צאָרן.

און אויב שוין רעדן וועגן אַן עכטן פאָלקס־דיכטער אין בעסטן זין פון וואָרט, איז דאָס אַן שום ספק איציק פעפער. ער האָט מיט פולער רעכט פאַרדינט אָט דעם טיטל.

מענטשן האַלטן, אַז איציק פעפער איז אין דער פּאָעזיע דאָס, וואָס שאָלעם־אַלייכעם אין דער פּראָזע. מעגלעך, אַז דאָ איז פאַראַן א געוויסער עמעס. שאָלעם־אַלייכעמס ווירקונג אַף דעם דיכטער פילט זיך ניט בלויז אין דער גרויסער צאָל הומאָריסטישע, פריילעכע לידער, פעליעטאָנען, סאַטירישע מיניאַטורן, עפּיגראַמעס, וואָס דער דיכטער האָט געשאַפן. ס'איז שווער געפינען בא פעפערן א פּאָעמע, ווו איר וועט זיך אַף שריט און טריט ניט באַגעגענען

מיט א שאַרף ווערטל, א וויץ, א פאָלקס־מײַסע. פּעפּערס הומאָר גייט פון די טיפעניש פון פאָלקס־כאָכמע. הומאָר איז א נאַטירלעכער באַשטאַנדטייל ביכלאַל פונעם דיכטערס שאַפונג. אין אַלע זײַנע ווערק איז אויסגעדריקט דער פּאַטריאָטיזם, די ליבשאַפט פונעם דיכטער צו זײַן היים אוקראַינע. אין זיי וועט איר בולעט זען די שיינקייט פון די ברייטגעפרישע פעלדער און די גרויסקייט פון די קאַרפּאַטער בערג, די לירישע פּאַרטראַכטקייט פון בײַוועגיקע ליפעס און טאָפּאָלן, די שיינקייט און לירישקייט, די האַרציקייט פון די אוקראַינישע און ייִדישע לידער, וואָס טראָגן זיך אין די וואַרעמע פאַרנאַכטן איבער די שטעטלעך און דערפער. אין זײַנע מאָטיוון וועט איר דערשפּירן דעם טרויער פון די אוקראַינישע קאָבזאַרן און לירניקעס און די שאַרפע ווערטלעך פון די באַדכאָנים.

און די גרויסע טעמע פון אונדזער ליטעראַטור — די פרײַנטשאַפט פון פעלקער — איז פאַר דעם דיכטער נאַטירלעך און אָרגאַניש, ווי דאָס לעבן. מיט דער דאָזיקער טעמע האָט ער זיך באַפרײַנדעט פון די ערשטע טעג פון דער רעוואָלוציע.

— איציק... אונדזער איציק... — אַזוי פאַשעט, פרײַנטלעך, ברודעריש האָבן אים גערופן פּאַוולאָ טיטשינאַ און אַלעקסאַנדער פאַדייעוו, סאַמעד וווּרגון און מאַקסים רילסקי, שלוימע מיכאָעלס און בינימין זוסקין; יונג און אַלט, באַרימטע שרײַבער, קינסטלער און אָנפאַנגער, און פּאַשעט גוטע מענטשן, לייענער, וועלכע האָבן געקענט און ליב געהאַט אָט דעם שאַרפזיניקן, שטענדיק פריילעכן, לעבנסלוסטיקן דיכטער.

6

ער איז שטענדיק געווען אין דער געדיכטעניש פון לעבן. עס איז, דאַכט זיך, ניט געווען קיין איין ווינקל אין לאַנד, וווּ ער זאָל ניט געווען זײַן, איר וועט ניט אָנרופן קיין איין שטאָט און שטעטל, קיין איין ייִדישן ראַיאָן, וווּ מע האָט ניט געזען און ניט געהערט דעם דיכטער. דאָס זײַנען געווען ווונדערלעכע גוטע ערעוו־מילכאָמע־יאָרן.

נאָר אָט האָבן זיך אָנגערוקט די מילכאָמע־כמאַרעס.

אײַנמיטן דער נאַכט אין יוני 1940 האָט איציק פּעפּער מיר אָנגעקלונגען און געזאָגט, אַז מיר דאַרפן גלײַך קומען אין שטאַב פון קיִעווער מיליטערישן קרײַז. ס׳א סוואַרע, אַז מירן דאַרפן אַרײַנפאָרן אין מיליטערישע בגאָדים.

און טאַקע. אין א שאָ אַרום זײַנען מיר שוין געווען פאַרפּוצט אין מיליטערישע קליידער, באַוואָפנטע מיט פּיסטאָלעטן, גראַנאַטעס. דאָ איז שוין געווען א באַדײַטנדע גרופּע אונדזערע שרײַבער און יעדער איינער האָט אויסגעזען עטוואָס מאָדנע אין די מיליטערישע גימנאַסטיאָרקעס און פּילאָטקעס.

קיינער פון אונדז האָט ניט געוווּסט, וואָס איז געשען און וווּהין מע וועט אונדז שיקן. אָבער אינגיכן איז אַלץ געוואָרן קלאָר. מיר זײַנען אין יענער נאַכט אוועק אַפּן וואָקזאַל, און א מיליטערישער עשעלאָן, א געפּאַקטער מיט סאָלדאַטן און אָפיצערן, האָט זיך שנעל, וויכערדיק־שנעל אוועקגעלאָזט אַף מײַרעוו.

קיינער איז די נאַכט ניט געשלאָפן.

אונדזער וואַגאָן איז געווען געפּאַקט. בײַ א טישל אין וואַגאָן איז געזעסן איציק פּעפּער. די ברילן זײַנע און, דעריקער, דער מונדיר, וואָס איז אַף אים געזעסן ניט אַזוי בראַווו, ווי אַף אַנדערע, האָט אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון א טיף ציווילן מענטשן. ער האָט די גאַנצע צײַט ניט אויפגעהערט דערציילן פריילעכע געשיכטעס, און דער אוילעם האָט פאַרגעסן אין שלאָף, באַלאַגערט אים פון אַלע זײַטן און געקליבן פאַרגעניגן, געלאַכט, זיך געוועררטלט.

און אַלע אין וואַגאָן האָבן געזאָגט:

— נו, מיט אַזא סאָלדאַט קאָן מען גיין אין פײַער און אין וואַסער און עס וועט ניט זײַן לאַנגווײַליק.

אונדזער עשעלאָן האָט זיך ניט פאַרהאַלטן אַף קיין שום סטאַנציעס. ער האָט געהאַט „א גרינע גאַס" און געגאַן אַפּן פראָנט. אַף וועלכן — האָבן מיר זיך בלויז געקאָנט אָנשטויסן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין פּראָסקוראָוו. דעם עשעלאָן אונדזערן האָט מען פאַרטריבן אין א ווײַטן טופּיק, וואָס איז געווען געדיכט באַוואַקסן מיט ביימער און קוסטעס. מיר האָבן פאַרמאַסקירט די וואַגאָנען, קעדיי מע זאָל זיי ניט זען פונדערלופטן.

עס האָט געשמעקט מיט פּולווער.

מיר זײַנען אַרויס פון די הייסע אָנגעגליטע פון דער זון וואַגאָנען און זיך אויסגעצויגן אַפּן צוגעסמאַליעטן גראָז.

איך בין געזעסן באַנאַנד מיט פּעפּערן, וואָס האָט אַקוראַט געריייניקט, פּאַנאַנדערגענומען און צונויפֿגעלייגט דעם שפּאָגל־נײַעם פּיסטאָלעט.

— שוין לאַנג ניט געהאַלטן אין דער האַנט אַזאַ דזשימדזשיקל, — האָט ער טרויעריק אַ שמייכל געטאָן, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אונדזער דאָר וועט שוין ניט דאַרפֿן אָנווענדן קיין געווער... נאָר איך האָב, זעט איר, אַ טאָעס געהאַט.

שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, האָט ער צוגעגעבן:

— איך וואָלט מיט גרויס פֿאַרגעניגן אָפּגעגעבן דעם רעוואָלווער מיט די קוילן צוריק אין סקלאַד ניט געריירטערהייט. האַלעווײַ זאָלן מיר ניט דאַרפֿן שיסן...

און זײַן באַגער, זײַן טרוים איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן.

דאָס איז געווען אַ בלוטלאָזע מילכאָמע. מיר האָבן באַפֿרײַט מאָלדאַוויע און בוקאָווינע אָן שלאַכטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום זײַנען מיר אויף מעכטיקע באָמבאַרדירער אַרויסגעפֿלויגן קיין קעשענעוו.

דעם צווייטן טאָג איז איציק פּעפּער שוין אַרויסגעטראָטן פֿאַר אַ פֿאָלגעפּאַקטן זאַל. עס זײַנען דאָ געזעסן הונדערטער און הונדערטער זײַנע געטרײַע לייענער. דורך ניסים האָבן זיי געקראָגן ביז דער באַפֿרײַונג זײַנע לידער, געלייענט און געוווּסט אויף אויסווייניק.

ער איז געשטאַנען, דער דיכטער, אין אַ מונדיר פֿון אַ רוסישן אָפֿיצער. די אויגן האָבן געברענט פֿון פֿרייד און אומרו. ער האָט געלייענט זײַנע לידער, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר די נײַע סאָוועטישע בירגער אויף דעם גרויסן פּריוואַל, וואָס מיר האָבן געהאַט דאַרטן לעבן פּראַסקוראָוו אונטער די אַלטע קלײַנען, וואָס האָבן אונדז באַהאַלטן פֿון פֿײַנט־לעכע אַעראָפּלאַנען.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס אויף דער פּילגעליטענער בעסאַראַבער ערד האָט ער בלויז אָנגעווענדט זײַן באַליבט געווער — דאָס פֿלאַמיקע וואָרט און ניט יענץ, וואָס מיר האָבן אויף יענעם פּריוואַל אויסגערייניקט.

דער דיכטער האָט פֿאַרלוירן די רו. פֿון אינדערפֿרי ביז דער שפּעטער נאַכט איז ער אַרויסגעטראָטן אויף מיטינגען און ליטעראַרישע אָוונטן. מיט באַגײַסטערונג האָבן זײַן קלײַנגעוודיק, מונטער און פֿריילעך וואָרט אויפֿגענומען טויזנטער בירגער, וועלכע האָבן ליב באַקומען אָט דעם האַרציקן, קלוגן, שמייכלענדיקן דיכטער, וואָס איז אויף אַ צײַט געוואָרן אַן אָפֿיצער.

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט אונדז דער זעלבער עשעלאָן אָפּגעפֿירט אַהיים, קיין קיִעוו. מיר האָבן אָפּגעגעבן אין צעכהויז די מיליטערישע בגאָדים מיטן געווער און ווידער געוואָרן ציווילע מענטשן.

7

אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מער קיין מילכאָמע וועט שוין ניט זײַן. אָבער אינדערלופֿטן האָט נאָך אַלץ געשמעקט מיט פּולווער.

אין וויסטע רױנעס, דערשטיקט דורך די פֿאַשיסטישע כאַיאַלעס, איז געלעגן פּוילן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרײַך האָבן געהילכט די פֿאַרבלוטיקטע שטיוואַליעס פֿון די היטלערישע ראָצכים. די דײַטשישע אָקופּאַנטן האָבן פֿאַרכאַפּט פֿראַנקרײַך און אָן שלאַכטן אַרײַנמאַרשירט קיין פּאַריזש...

אַ מוירעדיקע געפֿאַר האָט זיך אָנגערוקט אויף אונדזער לאַנד.

איציק פּעפּער האָט אין די גרויזאַמע טעג געשריבן לידער, פֿולע מיט צאָרן און פֿאַראַכטונג צו די פֿאַשיסטישע טאַליאָנים.

פּעפּער האָט אָנגעקלונגען אין טעלעפֿאָן און געבעטן אַרײַנקומען צו אים. ער מוז עפּעס נאָך וויכטיקס איבערלייענען.

געוואָרפֿן אַלע אַרבעטן, האָב איך זיך אויפֿגעהויבן צו איציק פּעפּערן אין שטוב, וואָס איז געווען פֿאַר אונדז אַלעמען אַזוי נאָענט און ליב.

אַרום זײַן טיש, ווו עס זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן מאַנוסקריפּטן, ביכער, פֿרישע צײַטונגען, לידער, פֿון אָנפֿאַנגער, פּעקלעך בריוו פֿון לייענער, זײַנען שוין געזעסן עטלעכע פֿרײַנט אונדזערע, ווער עס האָט זיך צוגעשפּאַרט אַפֿן דיוואַן, ווער אַפֿן פֿענצטער. איציק איז געווען פֿאַרהאַוועט. צוגעזעצט זיך אַפֿן עק טיש, אויסגעווישט מיטן טיכל די גלעזלעך פֿון די ברילן, האָט ער גענומען לייענען דאָס, וואָס ער האָט אָקאָרשט פֿאַרענדיקט שרײַבן.

געווען איז דאָס דעם אייך־און־צוואַנציקסטן יוני 1941 יאָר. שאַבעס. די גאַסטפרײַנטלעכע ראָכל פּעפּער איז מעכאַבעד געווען די געסט. זי האָט אַלץ צוגעגרייט און אַליין אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער, ווײַל זי האָט גוט געוווּסט, אַז עס נעמט זיך צונויף צו איציקן אַזאַ בראַנזשע יונגע און עלטערע שרײַבער, וועט זיך די באַגעגעניש אַזוי גיך ניט פאַרענדיקן.

און טאַקע. מיר זײַנען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען אהיים, זיך אָפּגעזעגנט מיטן פריילעכן באַלעבאָס נאָך האַלבער נאַכט.

א סאַך שלאָפן איז די נאַכט ניט אויסגעקומען. אונדז האָט אופגעוועקט א מוירעדיקער געברום פון שווער־געלאָדענע עראָפּלאַנען און א שיסערײַ פון זעניט־האַרמאַטן.

מיר זײַנען אַרויסגעלאָפן אין הויף, זיך אופגעהויבן אַפן גרינעם בערגל, פונוואַנען מע זעט א שטיק שטאָט און א שטיק הימל. זיך אײַנגעקוקט. וואָס איז געשען? ווער שיסט עס? אפאַנעם, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן ערגעץ ניט ווײַט מיליטערישע מאַנעוורען.

עס האָבן אָבער געשאָסן עמעסע האַרמאַטן. אָט פליט איין טשאַטע נאָך דער צווייטער דײַטשישע באָמבאַרדירער, געלאָדענע מיט באָמבעס, אַף די פליגלען זעט מען דײַטלעך אָן שוואַרצע צלאָמים — קרייצן. פאַשיסטן...

גלײַך ווי די שפּאַרבערס זײַנען דורכגעפלויגן, שפּרייטנדיק איבער דער גרינער ערד שוואַרצע שאָטנס, האָבן זיך דערהערט מוירעדיקע אופרײַסן. אויפנס רויך, א געדיכטער פלאַם־פײַער האָבן זיך אופגעהויבן אינדערלופטן.

— א מילכאָמע!..

איצט האָט שוין קיינער ניט געצווייפלט. די פאַשיסטישע כאַיאָלעס זײַנען שטילערהייט אָנגעפאַלן אַף אונדזער לאַנד.

איציק פּעפּער האָט באַטראַכט דעם הימל, זיך אײַנגעהערט אין דעם מוירעדיקן געברום פון די פאַשיסטישע עראָפּלאַנען. דאָס פּאַנעם איז געווען געקנייטשט פון מידקײַט. די אויגן — רויט פון א שלאָפלאָזער נאַכט. ער איז געווען אָנגעטאָן אין דער צעקנייטשטער פּיזשאַמע, אין די שטעקשיך, ניט אַרויסגעבראַכט קיין וואָרט, ניט געשמייכלט. געווען, ווי קיינמאָל, שטרענג.

— נו, קינדערלעך, — האָט ער מיט א געפּאַלענער שטים זיך אָנגערופן, — זעט אויס, עס האָט זיך געענדיקט דאָס פרידלעכע לעבן...

אין א פּאָר שאָ אַרום זײַנען מיר שוין ווידער געווען אין יענעם באַקאַנטן זאַל, ווו מיר האָבן זיך פאַראיאָרן אין דער צײַט איבערגעטאָן אין מיליטערישע מונדירן און גענומען גע־ווער. ווידער האָבן מיר דאָ אַראָפּגעוואָרפן אונדזערע ציווילע קליידער און געקראָגן מיליטע־רישע. און אין א פּאָר טעג אַרום זײַנען מיר שוין געווען אין דער אָפּערירנדיקער אַרמיי, אַפן פראָנט.

אונדזערע וועגן מיט איציק פּעפּערן זײַנען זיך דאָס מאָל פאַנאַנדערגעגאַנגען. איציק פּע־פּער מיט א גרופּע שרײַבער איז אוועקגעפּאָרן אַף מײַרעוו, אַפן דאָרעם־מײַרעווודיקן פראָנט, אַהין, קיין לעמבערג, און מיך האָט דער גוירל פאַרפירט אַפן דאָרעמדיקן פראָנט, צו אָדעס, ניקאָלײַעוו.

מיר האָבן זיך באַגעגנט ערשט אין צווי יאָר אַרום, ווען איך בין געפּאָרן אַף אַן אַנדער פראָנט און געהאַט די מעגלעכקײַט אַף א פּאָר טעג זיך אַראָפּכאַפּן קיין מאָסקווע.

איך האָב זיך דערוווּסט, אַז איציק פּעפּער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט מיט שלוימע מיכאָעלסן פון די פאַרייניקטע שטאַטן, וווּהין זיי זײַנען געפּאָרן מיט א וויכטיקער מעלוכישער מיסיע.

וועגן זייער טריומפאַלער נעסיע אַף יענער זײַט אָקעאַן האָב איך אין א צײַט אַרום גע־לייענט אין דער פּרעסע. אונדזערע צווי פאָרשטייער האָבן מאַמעש באַצויבערט די אַמעריי־קאַנער לייענער און צושויער. זיי זײַנען אַרויסגעטראָטן אַף הונדערטער מיטינגען און דער־ציילט וועגן דעם העראָישן קאַמף פון דער סאָוועטישער אַרמיי, פון די סאָוועטישע פעלקער קעגן דעם גרעסטן סוינע פון דער מענטשהײַט — היטלערן און זײַן בלוטיקע קאָהאָרטע קוילער.

איציק פּעפּער איז געזעסן אין האָטעל־נומער, באַם טיש, ווו עס זײַנען געווען אָנגעוואַל־גערט מאַנוסקריפּטן, ניט פאַרענדיקטע לידער, קאַפּיטלען פון זײַן ווונדערלעכער פּאָעמע „שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ“, נאָטיצן, וועג־אײַנדרוקן וועגן אַמעריקע, אַן אַרטיקל פאַר דעם אָרדנטלעכן נומער „אייניקײַט“.

ער איז געווען מיד פונעם וועג, נאָך ניט באַוויזן קומען צו זיך, נאָר עס איז געגאַן א שווערע מילכאָמע און ווי א סאָלדאַט איז דער דיכטער געווען אַף זײַן פּאָסטן, געשריבן, גע־קעמפט מיט זײַן געווער.

מיר זײַנען געזעסן די גאַנצע נאַכט, ניט באַמערקט, ווי עס האָט גענומען שאַרײַען אַף טאָג. מיר האָבן זיך ניט געקאָנט צעשיידן. איך האָב דערציילט איציקן וועגן די שלאַכטן,

וועגן אונדזערע אַלגעמיינע כּאַוויירים, וועלכע איך האָב באַגעגנט אויף די פּילצאַליקע פראָנט־וועגן, וועגן די לעבעדיקע און געפאַלענע אין די שלאַכטן. דער דיכטער איז געווען נײַגעריק זיך דערוויסן אַלץ און וועגן אַלעמען, וועגן די שטעט און שטעטלעך, דורך וועלכע איך בין דורכגעגאַנגען, וועגן די אַכזאָריעס פון די פאַשיסטישע הענקער, וועגן אונדזערע העלדן, וואָס האָבן זיך מעסירעסנעפעשדיק געשלאָגן פאַרן היימלאַנד.

דער דיכטער האָט פאַרכאַפּנדיק, מיט זײַן וווּנדערלעכן הומאָר, מיטן גוטמוטיקן שמייכל אויף פּאָנעם דערציילט וועגן זײַנע אַמעריקאַנער אײַנדרוקן, געלייענט אויסצוגן פון זײַן נײַער פּאָעמע.

באַגיינען האָבן מיר זיך געזעגנט. קיינער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, ווען מיר וועלן זיך ווידער באַגעגענען. איך האָב די גאַנצע צײַט באַקומען אויף פראָנט איציקס וואַרעמע, מונטערע בריוו, וואָס האָבן אין די שווערסטע מינוטן דערוואַרעמט די נעשאָמע, פול געמאַכט מיט גלויבן, מוט, פרייד, מיט האָפענונג, אַז מירן זיך נאָך טרעפן מיט דעם וווּנדערלעכן פרײַנט מײַנעם, דעם פאָלקס־דיכטער איציק פעפער.

און די נעוויִעס האָבן זיך באַרעכטיקט.

מיר האָבן זיך מיט איציקן ווידער באַגעגנט אין מאָסקווע נאָכן טאָג פון ניצאָכן, אין 1945 יאָר.

איך בין געקומען דעמלט מיט אַן עשעלאָן סאָלדאַטן און אָפיצערן פון בערלין, ווי אַן אָנטיילנעמער אינעם באַרימטן ניצאָכן־פּאַראַד אויפן רויטן פּלאַץ.

פיר יאָר, ווי איין טאָג, אויף די פראָנטן, האָבן זיך די פראָנטאָוויקעס אָפּגעוווינט צו מאַרשירן אויף פּאַראַדן... און מע האָט זיך געדאַרפט גרייטן צום גרויסן פאָלקס־יאָמטעוו. מיר האָבן געוווינט אין די קאַזאַרמעס און גאַנצע טעג און נעכט רעפּעטירט, מאַרשירט, זיך געגרייט. עפּעס אַ קלייניקייט — די גאַנצע וועלט וועט זען דעם היסטאָרישן פּאַראַד פון זיג.

קיין צײַט איז ניט געווען זיך אָפּטער צו זען מיט מײַן פרײַנט. און דאָך האָב איך זיך באַמיט אויסגעפינען עטלעכע מינוט קומען צו איציקן זיך דורכשמועסן, כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די מאָסקווער גאַסן.

מיט באַדויערונג האָט ער מיר דערציילט, אַז ער בלײַבט אַ היגער. מע האָט אים ניט אָפּגעלאָזט זיך אומקערן אין זײַן ליבער אוקראַיִנע, קיין קיִעוו. ער איז געווען פאַרנומען מיט וויכטיקע געזעלשאַפטלעכע איניאָנים, אַרויסגעלאָזט אַ צײַטונג, אָנגעפירט מיטן ייִדישן אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט, געשריבן, געדרוקט ביכער...

מיר האָבן אַלע טיף באַדויערט — אַ שאָד, וואָס אונדזער איציק וועט זיך ניט אומקערן קיין קיִעוו, אויף אוקראַיִנע, אין וועלכער ער איז געווען פאַרליבט פון זײַנע ערשטע טריט. וויאַזוי וועט זיך אונדזער שרײַבער־מישפּאָכע באַגיין אָן אָט דעם וווּנדערלעכן דיכטער?

אין מאָסקווע איז ער געווען איבערגעלאָדן מיט געזעלשאַפטלעכע איניאָנים. אויך דאָרטן איז דער דיכטער געווען זייער פּאָפּולער, באַרימט, געהאַט אָן אַ שיעור גוטע־פרײַנט, נאָר עס האָט אים, ווי אַ מאַגניט, געצויגן צו זײַן אַלטער היים, קיין קיִעוו. און ווי נאָר ער האָט געהאַט עטלעכע פרײַע טעג, פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן צו אונדז.

דער דיכטער איז דעמלט אַלט געווען עפּעס מער פון פופציק יאָר...

יאָרן אײַלן געשווינד. פיל זאַכן, פיל מענטשן פאַרשווינדן פונעם זיקאָרן, אָבער ניט ער, ניט איציק פעפער.

ער איז אַוועקגעגאַן פון אונדז אין דער אייביקייט.

אַ רייזע קיין אומאַן

פון יענער זײַט פענצטער, וואָס איז געווען באַקלעפּט און באַצירט מיט שניי־געמעלן, האָט ווילד געבושעוועט די זאַווערוכע.

אויב עס וועט, כאַלילע, נאָך אַ ביסל אַזוי דרייען, וועלן די וועגן און שטעגן פאַרפלייצט ווערן מיט שניי־בערג און מע וועט ניט קאָנען איבערטרעטן די שוועל, שוין ניט רײדנדיק וועגן ערגעץ פאָרן.

און מיר האָבן זיך געדאַרפט קלײַבן אין וועג אַרײַן.

סאַרא אַנשיקעניש! עס וועט, דאַכט זיך, אויסקומען אָפּלייגן די רײַזע אונדזערע.
שטילערהייט האָבן מיר זיך אופגעהויבן אפן פערטן שטאָק צו אונדזער אלטן גוטנפרײַנט. דעם דיכטער לעאָניד פערוואָמײַסקי, שטיל און אומבאַמערקט זיך אַרײַנגעשמוגלט אין זײַן געמיטלעכן צימער, וואָס איז באַהאַנגען מיט בילדער און פאַרשטעלט ביז אונטער דער סטעליע מיט ביכער־שראַנקען, שוויַגנדיקע האָבן מיר געקוקט אף דעם פאַרדײַגעטן שרײַבער, וואָס איז געווען אַרײַנגעטאָן אין דער אַרבעט.
זײַן צעפּאַטלטע, ערטערווײַז גראָווע קוטשמע האָר איז געפאַלן איבערן הויכן שטערן. אַרום אים האָט זיך געוויקלט אַ געדיכטער קנויל פּאַפּיראָסן־רויך און פאַרוואַנדלט דעם צימער אין אַ מעטושטעשער כמאַרע...
עס איז מאַמעש ניט געווען מיט וואָס צו עטעמען. נאָר דער באַלעבאָס האָט דאָס, דאַכט זיך, ניט געפילט. ער האָט געזויגן דעם ציגאַר — ווער ווייסט דעם וויפלטן, און פאַרגעזצט די אַרבעט.
זײַן אָנגעשטרענגט, פּאַרוואַקסן לענגלעך פּאָנעם האָט געלויכטן מיט באַגײַסטערונג. די שטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן האָבן פיבערדיק געגלאַנצט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ווען עס הייבט איצט אָן דונערן און בליצן, וואָלט ער זיך ניט אָפּגעווענדט פון זײַן אַרבעט.
ערשט אין עטלעכע מינוט אַרום, דערפילנדיק, אַז עמעצער שטייט לעבן אים, האָט ער אוועקגעלייגט אין אַ זײַט די פּען, אָפּגערוקט פון זיך די פּאַפּירן, מיט פאַרוווּנדערונג אונדז באַטראַכט:
— סאַראַ שפּעטע געסט! איר שלאָפט נאָך ניט, מאַמזיירים?! — ער איז שווער אופגעשטאַנען פון דעם שטול, אויסגעגלײַכט די ביינער, פרײַנטלעך זיך געגריסט מיט אונדז, — איר זײַנט דאָך טאַקע כאַכאָמים! אויב איר זײַט פאַרפרוירן, וועל איך אײַך באַלד דערוואַרעמען מיט אַ שטאַרק גלעזל טיי.
— ניין, ניין, לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש! — האָבן מיר זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, — מיר האָבן פאַרבײַגייענדיק זיך צו אײַך אַרײַנגעכאַפּט אף אַ פּאָר מינוט.
ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:
— אײַך דאַכט זיך, אַז איך לאָז אײַך שוין אָפּ? איר זעט דען ניט, איך בין דאָך פּריטשמעליעט פון דער אַרבעט און פונעם רויך. זעצט זיך צו אַ ביסל. באַלד וועל איך פאַרקאָכן מײַן פירמענע טיי, און מיט אײַך וועל איך אויך אויסטרינקען אַ גלעזל.
ער האָט זיך געלאָזט צום שראַנק נאָך געפּעס, נאָר גלײַך געבליבן שטיין ווי אין אַ פאַרלעגנהײַט, דאָס אַשיק־בלאַסע פּאָנעם האָט זיך אויסגעצויגן, די אויגן האָבן זיך צעשמייכלט מיט אַ קינדעריש־שולדיקן שמייכל.
וואָס איז געשען? גאָרניט! ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז צוריק מיט אַ שאָ אָן ערעך האָט ער אוועקגעשטעלט אף דער פּליטע דעם טשײַניק. אינגיכן האָט ער זיך אומגעקערט אַ פאַרשעמטער, ווי אַ פאַרשולדיקט לערן־ייִנגל:
— ווען די פײַערלעשער דערזעען עס, וואָלטן זיי מיר געמאַכט יענעם פּסאַק! די וואַסער איז שוין לאַנג אויסגעגאַזאָטן און מײַן באַליבטער טשײַניק איז אינגאַנצן פאַרברענט געוואָרן! נאָר ניט געזאָרגט, קינדער. ערגעץ דאַרף בא מיר זײַן נאָך אַ טשײַניק. דאָס איז ניט דער ערשטער און ניט דער לעצטער קאָרבן. איך האָב, דאַכט זיך, געשלאָגן רעקאָרד פון פאַרברענטע טשײַניקעס. נאָר אָט דער איז אַ שאָד! ער איז געווען מיט אַ פײַפעלע... אַז ער האָט אָנגעהויבן זידן, האָט ער מוירעדיק געפײַפט. און איך בין גלײַך געלאָפן אויסשליסן דעם גאַז. נאָר דאָס מאָל האָב איך זיך אַזוי פאַרטאָן אין דער אַרבעט, אַז איך האָב דאָס פײַפן ניט געהערט.
מיר האָבן געלאַכט צוזאַמען מיט אים. מיטאַמאָל האָט לעאָניד פערוואָמײַסקי זיך געכאַפּט:
— אייגנטלעך, צו וואָס פאַר אַ טײַוול דאַרפן מיר דעם טשײַניק מיט דער טיי? איך האָב דאָך אין שאַפע ניט קיין שלעכטן ווײַן. מײַנע גרוזינישע פרײַנט האָבן די טעג מיר צוגעשיקט עטלעכע פלעשער וווּנדערלעכן ווײַן. וועלן מיר אים גלײַך דעגוסטירן, עמעס? — און, ניט וואַרטנדיק אף אונדזער ענטפער, האָט ער אַרויסגענומען פון דער שאַפע צוויי פלעשער מיט געציאַצקעטע עטיקעטקעס און אַ סאַך גאָלדענע שטעמפּעלעך.
ער האָט זיך געגומען פאַרקען אין בופעט. אומגעריכט האָט זיך פון זײַנע הענט אַרויסגעגליטשט אַ קרישטאָלענער בעכער און זיך צעפלויגן אף שטיקלעך.
— עמעצער אײַלט זיך, געוויס, אהער, — האָט דער דיכטער אַ הייב געטאָן די אַקסלען. מיטן פוס האָט ער פאַרשאַרט די שטיקלעך גלאָז און רויִק געזאָגט:

— אַז געפּעס ברעכט זיך, איז אַ גוטער סימן. דערצו איז ער דער זעקסטער, דער לעצ־טער... פינף האָב איך שוין באַוויזן צעברעכן.

אַרויסגענומען שוין פאַרזיכטיקער גלעזער, האָט ער זיי אָנגעפּילט מיט ווײַן.

— עפשער וועלן מיר עס אָפּלייגן אַף אַנדערש מאָל? — האָט עמעצער פאַרזיכטיק פאָרגעלייגט.

— וואָס הייסט אָפּלייגן? — האָט זיך דער באַלעבאָס פאַרוווּנדערט, — ווער לייגט עס אָפּ אַזעלכע זאַכן? ווער קאָן זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ ביסל מאַשקע?

— קיינער זאָגט זיך ניט אָפּ, נאָר ס'איז שוין שפּעט און גאַנצפרי דאַרפן מיר זיך לאָזן אין וועג.

— זייער גוט! — האָט ער זיך דערפרייט, — איז דאָך פאַראַן אַ וויכטיקע סיבע אַף אויס־צוטרינקען! פאַר אַ געלונגענער רײַזע! לעכאַיִם, באַיאַרן!

מיר האָבן זיך איבערגעוווּנקען, און דער דיכטער האָט נאָך אַלץ זיך ניט אָנגעשטויסן, צוליב וואָס מיר זײַנען געקומען אַזוי שפּעט צו אים. אָבער קיינער פון אונדז האָט זיך ניט אײַנגעשטעלט פאַרפירן וועגן דעם אַ רייד, קיינער האָט ניט געוואָלט דער ערשטער אַרײַנ־כאַפּן פון אים אַ פּסאַק און שטילערהייט געטרונקען דעם מעכײַעדיקן ווײַן.

און אין דרויסן האָט געדרייט אַ מוירעדיקע זאַווערוכע. ווי קאָן מען זיך אין אַזאַ צײַט לאָזן אין וועג אַרײַן? קיין רעכטער באַלעבאָס וועט אין אַזאַ אומגליק זײַן הונט ניט אַרויסלאָזן אַף יענער זײַט שוועל. און דערבײַ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער בריגאַדיר פון אונדזער שרײַבערישער גרופּע, פּערוואָמײַסקי, פילט זיך ניט גוט, דער דאָקטער האָט אים שטרענג פאַרבאָטן אַפילע אַרויסגיין פון יענער זײַט טיר. דערפאַר טאַקע זײַנען מיר געקומען צום בריגאַדיר — פּרוּוון אים אָפּריידן פון דער רײַזע, כאָטש מיר האָבן גוט געוווּסט, אַז דאָס וועט זײַן ניט קיין גרינג שטיקל אַרבעט — ער איז אַ גרויסער אַקשן, און קוים האָט ער עפּעס פאַר־טראַכט, מעג דונערן און בליצן, וועט ער עס דורכפירן. און פאַרגעשטאַנען איז אונדז ניט קיין לוסט־רײַזע קיין אומאַן, קעדיי זיך דורכשפּאַצירן איבער דער באַרימטער סאָפיִעווקע, איבער דעם גראַף פּאָטאָצקיס פּאַרק. ניין! דאָרטן, אין אומאַן, איז געמאָלדן אַ פײַערונג, געווידמעט דעם געבורטסטאָג פון דעם באַוווּסטן שרײַבער און העלד פון בירגער־קריג איוואַן קוליק.

איוואַן קוליק איז געווען פּערוואָמײַסקיס אַ גוטער פרײַנט און זײַן לערער. לעאָניד האָט צוגעזאָגט די אומאַנער כאַווײרים קומען אַף די פײַערונגען און אַרויסטרעטן. און איצט פּרוּווט אים אײַנריידן, אַז ער טאָר ניט פאָרן.

דעם בריגאַדירס כאַראַקטער ווייסן מיר זייער גוט. העכער פון אַלץ איז בײַ אים דער געפּיל פון כוויוו, אַ מענטש פון גרויסן ווילן און צילגעווענדטקײַט, פון גרויסער אַכרײַעס, פון זעלבסטדיסציפּלין און אַקשאָנעס, הײַנט זײַט אַ בעריע און שלאָגט אים אַראָפּ פון וועג, דער־ווײַזט אים, אַז ער טאָר ניט פאָרן!

יאָ, אונדז איז ניט געווען וואָס מעקאַנע צו זײַן!

מיר האָבן שווײַגנדיק אויסגעליידיקט די קויסעס, געקוקט איינער אַפן אַנדערן: „נו, ווער וועט זײַן דער דרייסטער?"

דער באַלעבאָס האָט אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז זײַן אויסזען און באַזונדערס דער הוסט, באַאומרויִקט אונדז. האָט ער זיך באַמיט זײַן פריילעך, באַריידעוודיק און דערמיט אונדז אָפּ־נאַרן.

צוטראָגנדיק די גלאָז מיט ווײַן נאָענט צו די אויגן, האָט ער גענומען דערציילן וועגן ווײַנגערטנער און ווײַנען, גלײַך ווי דאָס גאַנצע לעבן וואָלט ער דערלערנט די סודעס פון דעם דאָזיקן איידעלן פאַך.

נאָך דער געשיכטע וועגן גרוזינער ווײַן און וועגן די באַוווּסטע ווײַנגערטנער איז ער אומבאַמערקט אַריבער צו דער גרוזינישער קלאַסישער פּאָעזיע, און דאָ האָט ער זיך דערפילט טאַקע ווי באַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן.

מיר האָבן שווײַגנדיק זיך אײַנגעהערט אין זײַנע רייד און אים אָפּגענומען מעקאַנע גע־ווען. גאָט מײַנער, פונוואַנען נעמט זיך עס צו אים?!

אין אַלע אַנקעטעס, וועלכע אים איז אויסגעקומען אויספילן, האָט ער שטענדיק גע־שריבן: „קיין הויכשול ניט פאַרענדיקט". אין די קינדער־יאָרן האָט ער געהאָלפן זײַן פאָטער, דעם קראַסנאָגראַדער אָרעמען אײַנבינדער ברענגען צו אַ טאָלק צעפּליקטע ביכער, און דורך די נעכט געלייענט אָן אויסנאַם — וואָס עס האָט זיך געמאַכט אונטער דער האַנט. ער האָט דורכגעשטודירט אַ גרויסע צאָל ענציקלאָפּעדיעס, געווען אַרײַנגעטאָן אין ווערטערביכער. דערלערנט פיל שפּראַכן, פון וועלכע ער האָט שפּעטער איבערגעזעצט אַף אוקראַיִניש. אַ סאַך

שרײַבער פון פאַרשיידענע פעלקער האָבן אים ליב געהאַט, אים געווען דאַנקבאַר פאַר זײַן טרײַער האַרעוואַניע!

הערנדיק דעם דיכטער, האָב איך געכאַפּט א קוק אַף די בלעטלעך פון דער וויאָרסטקע, וואָס איז געלעגן אַף זײַן טיש און איז געווען שוואַרץ פון אויסבעסערונגען און ענדערונגען. עמעצער פון אונדז האָט ניט אויסגעהאַלטן, א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און זיך אָנגערופן:

— צוליב וואָס פאַריכט איר דאָ? אײַערע לידער קען איך אַף אויסווייניק.

דער דיכטער איז געבליבן זיצן אין פאַרלעגנהייט, ווי פאַרשעמט. זײַנע געדיכטע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך א הייב געטאָן צום שטערן. א שמייכל האָט א בלאַנקע געטאָן אַף זײַן בלאַסן פּאָנעם, און ער האָט געזאָגט:

— וואָס זשע, און איר שלײַפט ניט אײַערע לידער? איך שלײַף דען ניט יעדער וואָרט צו יעדער נײַער אויפלאַגע? אָן דעם איז אונדזער אַרבעט קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערט. אין דעם זין דאַרף א דיכטער זיך לערנען בא א גוטן שלײַפער פון איידלשטיינער, קיינמאָל איז עס ניט שפּעט. קאַלזמאַן דער דיכטער לעבט, דאַרף ער כאַוועט זײַן קינד. ווען א שרײַבער זעצט זיך גרייטן א נײַע אויפלאַגע פון זײַנעם א בוך, איז נייטיק ווידעראַמאָל און אַבעראַמאָל דורכזיפּן יעדער וואָרט, קעדיי אָפּטיילן די פּאָלאָווע.

לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש איז צוגעגאַן צום שרײַבטיש, א בלעטער געטאָן די זײַטן פון דער וויאָרסטקע, וואָס איז שוואַרץ געווען פון די אויסבעסערונגען, און צוגעגעבן:

— עמעס, די זעצער וועלן מיר פאַרשעלטן די יאָר פאַר אַזעלכע פּראָוקעס, נאָר נישקאָשע, דערפאַר וועט דער לייענער האָבן ווייניקער טײַנעס. יאָ, קינדער, נאָר מיר זײַנען, דאַכט זיך, פאַרקראָכן אין א זײַט. עס איז נאָך געבליבן ווײַן אין די פלעשער. איז לאָמיר טאַקע אויסטרינקען פאַר אונדזער רײַזע קיין אומאַן. פאַר אונדזער איוואַן קוליקס ליכטיקן אָנדענק. א גאָלדענער מענטש געווען.

מיר האָבן ניט באַמערקט, ווי די צײַט איז געגאַן. פּערוואָמײַסקי איז געזעסן אין זײַן ווייכן שטול, געררייכערט א סיגאַרעט נאָך א סיגאַרעט און זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט א פיבערדיקן גלאַנץ. ער האָט געהוסט, שווער געאָטעמט, נאָר געפּרוווט עס פון אונדז באַהאַלטן.

דער הוסט האָט זיך פאַרשטאַרקט, און ער איז אַלע מאָל צוגעגאַן צום טיש־קעסטל און ביגנייווע, מיר זאָלן ניט באַמערקן, געשלונגען פּילן.

דער דיכטער האָט פאַרגעזעצט דערציילן וועגן קוליקן. דערציילט וועגן דעם, ווי יענער איז יינגלווײַז אוועק פון יענער זײַט אָקעאַן, געאַרבעט אין שאַכטעס פון טראַנסילוואַניע, זיך דאָרטן אײַנגעשלאָסן אין רעוואָליוציאָנערן קאַמף, דערפילט דעם טאַם פון טורמעס, זשאַנדאַר־מישע שמיץ, אָנגעהויבן שרײַבן לידער, וועלכע האָבן גלײַך צוגעצויגן צו זיך די אויפמערק־זאַמקײַט פון די שאַכטיאָרן.

דאָס דאַרינק, בלאָנדהאָריק יינגל פון דער שאַכטע מיט די גרויסע לעבעדיקע בלוילעכע אויגן האָט מען איינגיכן געהערט אַרויסטרעטן אַף מיטינגען און מאַניפעסטאַציעס, צוגלײַך מיט די דערפאַרענע אַרבעטער אָנטיילגענומען אין די שטורמישע שטרײַקן. אין דער פרעמד, ווײַט פון די עלטערן און קרויווים, באַקומענדיק גראָשנס פאַר זײַן שווערער אַרבעט, האָט ער זיך געגוג אָנגעבידעוועט, פאַרזוכט גענוג צאָרעס, נאָר געווען שטאָלץ דערמיט, וואָס ער געפינט זיך אין דער סוויווע, צווישן עכטע אַרבעטער־מענטשן, וועלכע האָבן מיט לײַב־און־לעבן געקעמפט פאַר זייער רעכט, פאַרן עמעס און יושער.

אָבער ווי ער זאָל ניט געווען זײַן פאַרטאָן אין זײַן געפערלעכער און שווערער טעטיקײַט, האָט אים געצויגן צו זײַן ווײַטער היים, צו זײַן ערד, צו די נאָענטע און ליבע. דאָ, אין אַמעריקע, האָט ער דערלערנט די ענגלישע שפּראַך, זיך באַקאַנט מיט דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, אָנגעהויבן איבערזעצן די רעוואָליוציאָנערע דיכטער, געדרוקט אין פאַרשיידענע בלעטער זײַנע לידער און איבערזעצונגען און איינצײַטיק זיך צוגעהערט צום פּולס פון רוסלאַנד, ווו עס איז אָנגעוואַקסן דער רעוואָליוציאָנערער שטורעם.

אין אָנהייב 1917 יאָר לאָזט זיך איוואַן קוליק צוריק אַהיים. ער קומט אָן קיין מאָסקווע אין סאַמע ברען פון רעוואָליוציאָנערן קאַמף און שליסט זיך גלײַך אָן אין די שווערע שלאַכטן.

דעם יונגן, ענערגישן דיכטער און שלאַכטמאַן שיקט מען אַף אוקראַיִנע, ווו ער פאַרגעסט אין רו, ווייסט ניט פון קיין שרעק און פילט מוטיק אויס די געפערלעכסטע פאַרגעבונגען פונעם שטאַב פון דער רעוואָליוציע.

דאָ, אַף אוקראַיִנע, ווערט דער יונגער דיכטער איינער פון די אָנהייבער פון דער נײַער אוקראַיִנישער סאָוועטישער דיכטונג.

מיר האָבן געהערט פּערוואָמײַסקיס דערציילונג, געשפּירט, ווי עס ווערט אים שווערער צו ריידן און יעדער פון אונדז האָט אַרויסגעקוקט אַפן מאָמענט, ווען מע וועט קאָנען אַרײַנשטעלן עטלעכע פּאַרזיכטיקע ווערטער, אײַנריידן אים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רײַזע און בעסער אַרויסרופן אַ דאָקטער, מיר וועלן זיך יאָקאָס אַליין דערקלײַבן קיין אומאַן, דורכפירן דעם אָוונט און דערקלערן דעם אוילעם די סיבע, פאַרוואָס לעאָניד פּערוואָמײַסקי איז ניט געקומען.

פון יענער זײַט פענצטער האָט זיך נאָך שטאַרקער צעבושעוועט די זאַווערוכע.

— עך, אַ ווינטער האָט זיך אויסגעגעבן! — האָט עמעצער פון אונדז זיך אָנגערופן, — שוין לאַנג אַזוינס ניט געווען! מע זעט ניט, עס זאָל שטילער ווערן, — נאָר שפּירנדיק, ווי עס רעאַגירט אַף די דאָזיקע ווערטער דער באַלעבאָס, האָט יענער צוגעגעבן:

— אין אַזאַ וועטער זיך לאָזן אין וועג דאַרף מען זײַן פריש, געזונט און מעשוגע.

דער באַלעבאָס האָט געכאַפּט אַף זיך אונדזערע בליקן און באַרויִקנד אָפּגעענטפערט:

— זיך דערשראָקן פאַרן ווינטער? אויב עמעצן גלוסט זיך ניט פאָרן, צי ער פילט זיך ניט מיט אַלעמען, קאָן ער איבערבלײַבן... ניט פאָרן מיט אונדז... דאָס איז אַ פּרײַוויליקער איניען...

— ניין, לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש, קיינער זאָגט זיך ניט אָפּ, פּאַרקערט, מיר זײַנען גרייט אין וועג אַרײַן. מיר זעען, אַז איר פילט זיך ניט אײַנגאַנצן גוט. איר וואָלט געדאַרפט בלײַבן צוליב וואָס ריזיקירן מיטן געזונט?

דער דיכטער האָט זיך אָנגעכמורעט, ענערגיש גענומען קײַען דאָס רעשטל פונעם אויסגעלאָשענעם סיגאַרעטל און נאָך אַ לאַנגער פּאַוזע, אײַנהאַלטנדיק דעם קאַס, געזאָגט:

— און איר זײַט אַ מעדיצינישע קאָמיסיע, אַ קאָנסיליום, וואָס האָט באַשטימט, אַז איך בין קראַנק? איז אָט, לאָמיר זיך גלײַך מיט אײַך צוגיפריידן, אַז די דאָזיקע טעמע איז אויסגעשעפּט ענדגילטיק. קוליקס אָוונט אין אומאַן וועלן מיר בעשום־אויפן ניט אונטערײַסן. גאַנצפרי, ווי מיר האָבן זיך צונויפגערעדט, פאָרן מיר.

מיר זײַנען געזעסן שווײַגנדיקע, עטוואָס פאַרשעמטע, פאַרשטייענדיק, אַז אונדזער דיפּלאָמאַטישע מיסיע איז ענדגילטיק דורכגעפאַלן. קוקנדיק אַפן אײַנגעאַקשנטן, האָבן מיר געזען פאַרן בליק דעם שרעקלאָזן מאַיאָר, דעם סאָלדאַט פּערוואָמײַסקין בעשאַס דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע, אַפן סטאַלינגראַדער פראָנט, באַ דער וואָלגע, אונטער אַ האָגל פאַשיסטישע באָמבעס און סנאַריאַדן, דאָרט, ווו עס געפינען זיך זײַנע העלדן, וועגן וועלכע ער דאַרף אָנשרײַבן און איבערשיקן אין „פּראַוודאַ“, קעדיי מאָרגן זאָלן מיליאָנען לייענער זיך דערוויסן וועגן יענע מענטשן, וואָס שלאָגן זיך אַף לעבן און אַף טויט מיט די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער. דעם דיכטער און מיליטערישן קאָרעספּאָנדענט האָט דעמלט קיין שום פײַער ניט געקאָנט אָפּשטעלן, — ער האָט אויסגעפילט זײַן הייליקן כויוו.

פאַר דער רעשט נאַכט זײַנען אויסגעוואַקסן אַזוינע שניי־בערג, אַז מע האָט זיך ניט געקאָנט פאָרשטעלן, ווי וועט מען מאַכן טראַנשייען, אַז די מאַשינעס און די מענטשן זאָלן זיך ווי־ניט־איז קאָנען באַוועגן!

די ספּעציִעלע מאַשינעס אַף רייניקן דעם שניי האָבן מוירעדיק געהודעט, באַמיִענדיק זיך דורכלייגן אַ שטיקל טראַסע.

עס האָט קוים־קוים אָנגעהויבן זיך באַווײַזן דער פרימאָרגן. די גאַסן זײַנען געווען פּוסט. די הײַזער אײַנגעהילט אין טיפן שלאָף. די דראָטן אַף די טעלעגראַף־סלופעס האָבן ווילד געהודעט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין לעבעדיקע באַשעפעניש וועט הײַנט זיך ניט אַרויסרוקן אַף גאָטס וועלטל.

נאָר אָט האָט זיך אַפן ראָג באַוויזן אַ מענטש, אַן אײַנגעקוטעטער אין אַ מאַנטל מיט אַן אופגעשטעלטן קאָלנער.

בלויז מיר האָבן זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז דאָס איז אונדזער בריגאַדיר לעאָניד פּערוואָמײַסקי. ער האָט געדרייכערט אַ סיגאַרעטל, פאַרשטעלנדיק עס פונעם ווינט מיט דער דלאָניע און געוואָרט אָף דער מאַשין און אַף זײַנע קאָלעגן־מיטפאָרער.

מיר האָבן אים ניט געצוווּנגען לאַנג צו וואַרטן אַף אונדז און געקומען פּונקט צו דער צײַט, ווי מיר האָבן געהאַט זיך צונויפגערעדט.

קיינער האָט זיך ניט דערוועגט אַ פרעג טאָן, ווי פילט זיך אין געזונט אונדזער עלטסטער. די פראַגע האָבן מיר אָפּגעלייגט אַף שפּעטער. זי וואָלט געקאָנט אַרויסרופן באַ אים פאַרדראָס און מיר האָבן אים ניט געוואָלט קאָליע מאַכן די שטימונג.

נאָר ער אַליין האָט גראַדע געפרוווט שפּאַסן. קעדיי אונדז אַ ביסל פאַרוויילן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז אַזאַ וועטער, ווי איצט, איז געווען אין פעוורואַל פאַרציק דריטן יאָר באַ

סטאַלינגראַד, בעשאַס מע האָט צעשמעטערט די דײַטשיש־פאַשיסטישע כאַיאַלעס בא דער וואָלגע און געגומען אין געפענקעניש אַדער פאַרניכטעט פאַוליוסעס אַרמיי,— און אויך עט־וואָס שפּעטער, ווען אונדזערע אָנגרײַפנדיקע דיוויזיעס האָבן זיך געלאָזט אין ווײַטערדיקן אָנגריף בא קורסק.

מיט אומגעדולד האָבן מיר ארויסגעקוקט אַף אונדזער מאַשין. דער „ראַפּיק” האָט ווי אַפּצולאַכעס פאַרשפּעטיקט. פּערוואַמײַסקי האָט אונדז ניט דערציילט וועגן זײַן „פריילעכן טע־לעפאָן־געשפּרעך” מיטן שאָפער, וועלכער האָט ענערגיש געייצעט אַפּלייגן די רײַזע, עמעס, ביז אומאַן איז אינגאַנצן עטוואָס מער פון צוויי הונדערט קילאָמעטער און בא אַ נאַרמאַלן וועטער קאָן מען אהין זיך דערקלײַבן פאַר דרײַ־פיר שאָ,— אַ נאַרישקײַט! נאָר פרווו זיך אהין דערקלײַבן בעשאַס אַזאַ זאַווערוכע! דערצו נאָך איז די טראַסע באַדעקט מיט אַן אײַז־הײַטל, וואָס איז ענלעך אַף אַ שפּיגל.

נאָר אונדזער אײַנגעשפּאַרטער בריגאַדיר האָט פון דעם אַלץ ניט געוואָלט וויסן. אויס־געהערט דעם שאָפער, האָט ער אים העפלעך געבעטן קומען עטוואָס פריִער, עס זאָל ניט אויסקומען אײַלן, אויב דער וועטער איז טאַקע אַזאַ ביטערער און דער וועג אַזאַ שווערער.

מיר האָבן געוואַרט. דער בריגאַדיר האָט נערווירט, קוקנדיק אַפן האַנט־זייגער און וועגנ־דיק דעם בליק אין דער ריכטונג, פון וועלכער עס האָט זיך געדאַרפט באַווײַזן די מאַשין.

ענדלעך האָבן אַ שפּראַץ געטאָן אינעם שניי־קאַראַהאָד צוויי קאַלעמוטנע שטראַלן פון אוויִאַפאַרעס און עס איז מיט אַ שווערן געברום ארויסגעקראָכן די לאַנגדערוואַרטע מאַשין. זי האָט, דאַכט זיך, מער פון אַלץ איצט דערמאָנט אָן אַ שיפל, וואָס איז ארויסגעוואָרפן געוואָרן פון אַ צעבושעוועטן יאַם אַף דער יאַבאָשע.

די טיר פון דעם אויטאָמאָביל האָט זיך צעפּראַלט און עס איז ארויסגעקראָכן אַן אָנגע־פּעלצטער ווויקסיקער שאָפער אין פּוישטן און אין אושאַנקע, וואָס איז געזעסן אַפן שפּיץ פונעם צעהיצטן און פאַרשוויצטן קאָפּ. דער יונג האָט אויסגעזען שטאַרק צעטומלט. ער האָט זיך געבייזערט, געמאַכט מיט די הענט, ווי אַלץ אַרום וואָלט אים נימעס געווען.

מיר האָבן ניט דערקענט וואָלאָדיען, דעם געוויינלעך גוטמוטיקן מענטשן, וואָס איז גערן געפאָרן מיט אונדז אין די ווײַטסטע נעסיִעס, דערבײַ האָט ער שטענדיק פאָטאָגראַפירט אונדז אַף יעדן טריט און שריט, אַנטיילגענומען אין אַלע אונדזערע געשפּרעכן, געזעסן אין דער ערשטער ריי, ווען מיר האָבן פאַרגעלייענט פאַר די לייענער אונדזערע ווערק, אַפּלאַדירט שטאַרקער און רווישיקער פון אַלעמען, געקליבן פאַרגעניגן און געוועזן אַפן זיבעטן הימל דערפון, וואָס מיר האָבן אים מיטגענומען מיט זיך אַף אַלע באַנקעטן, וועלכע מע האָט גאַסט־פרײַנטלעך אומעטום אײַנגעאָרדנט פאַר אונדז. און דאָ איז ער געווען אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט אַפילע פאַרגעסן זיך באַגריסן מיט אונדז.

— דאָס איז דען אַ פאַרעכץ? אָן אומקומעניש!.. אָן עמעסע קאַטאַרגע!

פּערוואַמײַסקי האָט שווײַגנדיק אויסגעהערט וואָלאָדיען און זיך אָנגערופן:

— נו, כעווורע, פאָ קאָניאַמ! מיר פאָרן.

דער שאָפער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך פאַרקליבן אין זײַן קאַבינע.

ער האָט זיך אַ פאַרע געטאָן באַם רודער און געזאָגט מיט אַ געמאַכט שמייכעלע:

— איך בין אַ פאַשעטער שאָפער, אַ סאָלדאַט. אַז מע באַפעלט, וואָס קאָן מען מאַכן... מירן פאָרן, נאָר ווהין וועלן מיר פאַרפאָרן, ווייס איך ניט. עפּשער וועט אונדז אויסקומען נעכטיקן אינמיטן פעלד. דאָס ערשטע מאָל זע איך, מע זאָל באַפוילן פאָרן אין אַזאַ אומקו־מעניש. וואָס זשע, איר זעט אליין ניט, וואָס ארום טוט זיך?

לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש האָט גאָרניט געענטפערט, ניט געקוקט אינעם שאָפערס זײַט: ער איז ניט געווען געוווינט, אַז אַ מאַנצבל זאָל אַזויפיל פּלאַפּלען אין אַזאַ סיטואַציע. פאַר־צויגן זיך מיטן רויך פון דעם האַלבפאַרלאָשענעם סיגאַרעטל, אַ וואָרף געטאָן דעם מידן און פאַרנעפּלטן בליק אַף דעם האַנט־זייגער, האָט ער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דער טײַוול זאָל דאָס נעמען... ניט גוט אַזוי. מיר האָבן זיך צונויפגערעדט ארויספאָרן פונקט זיבן און עס איז שוין צוואַנציק אַף אַכט.

פאַרקליבן זיך אין אַ ווינקל פונעם „ראַפּיק”, האָט פּערוואַמײַסקי זיך שטײַפער אײַנ־געקוטעט אין זײַן ווייכן און וואַרעמען שאַרף, אַראָפּגענומען די שיך, קעדיי אויסטרייסלען פון זיי דעם שניי.

— וואָלאָדיע, וואָזיעט זיך דאָרט ווייניקער, מיר פאַרשפּעטיקן,— האָט ער אַ ווונק געטאָן צום אָנגעבלאָזענעם שאָפער,— מירן דיסקוטירן וועגן וועטער, ווען איר וועט אונדז ברענגען אַפן אָרט.

— מיילע, נו, זאָל זײַן, ווי איר זאָגט, — האָט דער שאָפער זיך אָנגעוואָלגערט מיטן שווערן גוף אַפן רודער, אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר און אין אַ פּאָר רעגעס ארום האָט די מאַשין זיך געריררט פון אָרט, אופהייבנדיק אַ ווינקער פון שניי־שטויב. עס האָבן אָנגעהויבן האַסטיק זיך באַוועגן די גלאָז־דוואָרניקעס, צעשאַרט פונעם גלאָז דעם שניי, מע זאָל קאָנען זען, וואָס עס טוט זיך אַף דער וועלט.

די ערשטע עטלעכע מינוט זײַנען דורכגעגאַנגען שווײַגנדיק, שטיל, קיינער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגעבראַכט, און עטוואָס שפּעטער, פּרוּוונדיק זיך לײַכטער מאַכן די אָנגעצויגענע שטימונג, וואָס האָט דאָ געהערשט, האָט מיקאַלאַ אופּעניק, וואָס איז געפאָרן מיט אונדז, זיך אָנגערופן, קלאַפּנדיק דעם שאָפער איבער דער פּלייצע:

— עך, וואָלאָדיע, וואָס זשע, האָסט פאַרגעסן, אַז אין אַ גוטן וועטער מיט אַ גוטן וועג וועט יעדער שאָפער׳ל קאָנען פירן די מאַשין. אַף אַזאַ גליטשיקן וועג קאָן פאָרן בלויז אַ גענײַטער שאָפער, אַן אַס... און מיר ווייסן דאָך, אַז דו ביסט ניט קיין כליופּיק. דערצו נאָך געדענקען מיר, אַז דו ביסט אַ ליבהאָבער פון פוטבאָל און ווייסט גאַנץ גוט, אַז אַ פוטבאָל־מאַטש ווערט דורכגעפירט, ניט רעכענענדיק זיך מיטן וועטער — עס מעג דונערן און בליצן, האָגלען מיט פײַער.

די ווערטער האָבן אים אַ ביסל אונטערגעמונטערט, דעם שאָפער, און ער האָט פון זיך ארויסגעקוועטשט אַ שמייכעלע.

דאָ האָט זיך ארײַנגעמישט דער דיכטער פּאַוולאָ אוסענקאָ:

— אוואָדע, וואָלאָדיע, דאַרף מען באַ זיך ניט אַראָפּפאַלן. דאָ פאָרן מיט דיר אַלטע סאָלדאַטן, וועלכע זײַנען דורכגעגאַנגען די גאַנצע מילכאָמע, ביז בערלין. בעשאַס דער מילכאָמע איז אויסגעקומען גיין ניט נאָר מיט אַזעלכע וועגן...

— דעמלט איז געווען עפּעס אַנדערש! אויב מיר וועלן פאַרהרוזנעט ווערן אין שניי, ווער וועט אונדז ארויסשלעפּן, דער גראַף באַבּרינסקי?

— אומזיסט שרעקסטו אונדז, וואָלאָדיע. באַ די וועגן זײַנען פאַראַן גענוג קאָלווירטן, און אומעטום זײַנען פאַראַן טראַקטאָרס, און אומעטום זײַנען פאַראַן גוטע מענטשן. ניט געזאָרגט...

— וועסט פאַרהרוזנעט ווערן, וועלן מיר אונטערשטעלן אַ פּלייצע. מיר זײַנען מענטשן, ווי דו ווייסט, ניט קיין האָנערדיקע...

— די טשעליוסקינצעס, אויב דו געדענקסט, זײַנען געווען אין שווערערע באַדינגונגען, ווי מיר, און מע האָט זיי אויך באַפרײַט פונעם אײַז־קלעם...

ניט געקוקט דערויף, וואָס די שטימונג איז באַ אַלעמען געווען ניט קיין געהויבענע, האָט מען געגומען שפּאַסן, לאַכן, און אונדזער אָנגעכמורעטער שאָפער איז געוואָרן אופגעלייגטער און פריילעכער.

— פאַרשטייט זיך, געוויס, אויב עס איז נייטיק, וועלן מיר זיך אַ סטאַרע טאָן, — האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן, — מעגלעך, אַז מירן זיך ווי־ניט־איז דורכרײַסן קיין אומאַן.

— וואָס הייסט „ווי־ניט־איז״? — האָט אים איבערגעשלאָגן פּערוואָמײַסקי, — מיט אַזאַ שטימונג זיצט מען אַפן אויוון.

— אַנטשולדיקט מיר... דאָס האָב איך פאַשעט אַזוי געפּלאַפּלט.

— אָט דאָס זײַנען דיבורים פון אַ מאַנצבל. מע דאַרף גלייבן פריִער פאַר אַלץ. אָן דעם טאָר מען קיין רעכטע זאַך ניט אָנהייבן, — האָט זיך באַרוקט אונדזער בריגאַדיר, ווי פאַרזיכטיק און געניט אונדזער שאָפער פירט די מאַשין צווישן די הורבעס שניי.

דער „ראַפּיק״ האָט מיט גרויסע שווערקײַטן זיך ארויסגעקראַבקעט פון דער שטאָט און ארויס אַפן גרויסן אַספאַלטירטן שליאַך, וואָס האָט געפירט דורך בעלאַצערקאָוו, אומאַן, קיין אָדעס.

דאָ זײַנען קיין שניי־הורבעס ניט געווען.

באַביידע זײַטן פון טראַקט האָבן זיך אוועקגעצויגן פאַרווייעטע און אײַנגעקוטעטע אין שניי האַרבאַטע פעלדער. דער בעטאָן אָבער איז געווען ריין פון שניי — די ווינטן האָבן אים אויסגעקערט ציכטיק־ריין, און די אומענדלעכע וועג־סטענגע איז געווען פאַרקאַוועט אין אײַז און דערמאָנט אין אַ גרויסן גליטש־וועג, וואָס איז גלאַט, ווי גלאָז.

די מאַשין, וואָס איז ארופגעפאָרן אַפן וועג, האָט גלײַך אָנגעהויבן פּראָווען מיִעסע קונצן, דער רודער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאָלגן דעם שאָפער, געהערט אים פאַר אַ דרײַער. די מאַשין האָט עס אַלץ פאַרטראָגן נעענטער צו די קיוווטען, געטאָן, וואָס איר, דער מאַשין, האָט זיך געגלוסט און, קוקנדיק אין די טיפע פאַרשנייטע קאַנאַוועס, וואָס באַם וועג, איז געוואָרן קאַלעמוטנע אַפן האַרצן.

דער שאָפער האָט געדאַרפט זײַן אַ גרויסע בעריע, קעדיי אײַנהאַלטן דעם רודער, זעז, מיר זאָלן זיך ניט אַראָפּגליטשען אין עפּעס אַן אַפּגרונט. אַ גליק, וואָס אַפן וועג זײַנען געווען ווייניק אויטאָמאָבילן.

דער שאָפער איז אָפּגעגאַנגען מיט שווייס, אַזוי אַז אים איז אויסגעקומען אַראָפּשלײַדערן פון קאָפּ די אושאַנקע, דערנאָך אויסטאָן דעם פּעלץ. עס האָט פון אים געשלאָגן אַ געדיכטער פּאַר, גלײַך ווי ער וואָלט ניט געפירט קיין געוויינלעכע מאַשין, נאָר געהאַקט האָלץ.

אַף אים האָבן שוין ניט געווירקט אונדזערע וויצן, מיט וועלכע מיר האָבן אים געוואָלט אונטערוואַרעמען און פאַרווײַלן. ער האָט בלויז געהערט דעם אומופהערלעכן געוויי פון דער זאַווערוכע, וואָס האָט ניט געוואָלט אײַנגעשטילט ווערן. ער האָט מיט אַלע קויכעס זיך באַמיט אײַנהאַלטן דעם רודער, קעדיי צווינגען די מאַשין זיך פירן לײַטישער. און דאָס, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז גאָר ניט קיין לײַכטע אַרבעט.

כאָטש איצט האָט ניט געפּאַסט קיין געלעכטער, האָבן מיר דאָך ניט אופגעהערט זיך וויצלען, דערציילן פרייַלעכע אַנעקדאָטן.

דער שאָפער האָט מיט אַלע זײַנע קויכעס זיך באַמיט אײַנהאַלטן די מאַשין, וועלכע איז געגאַנגען איבערן גליטשיקן וועג. און דאָך האָבן מיר זיך ביסלעכווײַז באַוועגט פאָרויס.

מע קאָן, פאַרשטייט זיך, ניט זאָגן, אַז אונדז האָט באַגײַסטערט דאָס, וואָס מיר האָבן געטראָפן אַפן וועג דרײַ צעמאַזיקטע מאַשינעס, וואָס זײַנען געלעגן מיט די רעדער אַרוף אין די קיוועטן, וואָס באַם וועג. מיט יעדן קילאָמעטער איז דער וועג געוואָרן אַלץ גליטשיקער און געפערלעכער. דער ווינט האָט אַלץ געשלײַפט דאָס אײַז. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווײַזן טיפע באַלקעס. דער וועג האָט זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ און באַרג־אַרויף.

דער מאָטאָר האָט מוירעדיק געברעוועט. די טאָרמאָזן האָבן אָנגעשטרענגט געסקריפּעט און דערפון איז געוואָרן מיט יעדן מאָל אַלץ מער קאַלעמוטנע אַף דער נעשאָמע.

מיר האָבן שוין ניט געקוקט אַפן זייגער און עס איז געווען קלאָר, אַז אויב מיר וועלן זיך אַזוי שלעפּן, וועלן מיר קומען אַפן אָרט ווער ווייסט ווען.

די צײַט איז געגאַנגען שנעל. מיר וועלן געוויס פאַרשפּעטיקן, און דאָס האָט אונדז נאָך מער געמאַטערט. אָנקלינגען און זאָגן, אַז מיר וועלן פאַרשפּעטיקן, איז קיין טעלעפאָן ניט געווען, מיר האָבן אום יעדן פּרײַז געמוזט קומען צו דער צײַט.

דער וועג, וואָס האָט אין אַ געוויינלעכער צײַט געדאַרפט פאַרנעמען ניט מער ווי אַ שאָ דרײַ, האָט זיך צעצויגן אַף אַכט שאָ, און מע האָט נאָך קיין סאָף ניט געזען. אונדז האָט דעריקער געקימערט שוין ניט אַזוי דאָס, וואָס מיר זײַנען אַזוי לאַנג אין וועג, ווי דאָס, וואָס אונדזער בריגאַדיר פילט זיך אַלץ ערגער און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען, כאָטש ער באַהאַלט עס אויס.

פרעגן, ווי פילט ער זיך, האָט מען ניט געטאָרט. ער אַליין האָט אונדז פון מאָל צו מאָל באַרויִקט:

— אַלץ איז אין אָרדענונג... דעריקער, מיר זאָלן ניט פאַרשפּעטיקן.

דער קורצער ווינטער־טאָג האָט גענומען גויסען. די זאַווערוכע האָט זיך געענדיקט, נאָר דערפאַר האָבן געשאָטן פונעם כמורנעם הימל דריבנע שניי־שרויטעלעך, וועלכע האָבן געמאַכט דעם שליאַך נאָך גליטשיקער.

קורץ גערעדט, עס איז אונדז געגאַנגען, ווי מע זאָגט, דורך טיר־און־טויער! לויטן כעזשבן האָט מען שוין די מעמאָריאַל־ברעטלעך אַפן הויז, וווּ עס האָט געוווינט איוואַן קוליק, ווי אויך אַף דער געבײַדע, וווּ עס איז אַמאָל געווען די גימנאַזיע, וווּ דער באַלייוויל האָט געלערנט, ווײַזט אויס, אַנטהילט אָן אונדז, און מיר האָבן געטרוימט בלויז וועגן דעם, מיר זאָלן כאָטש קומען צום אָנהייב פונעם פײַערלעכן אָוונט אין טעאַטער.

עס איז שוין געווען נאַכט, ווען מיר האָבן זיך לעבעדיקע דערקליבן קיין אומאַן. דאָס, וואָס מיר האָבן דערזען די קלויסטער־שפּיצן און די הויכע געבײַדעס פון דער שטאָט, איז געווען אַ נעס.

וויפל מאָל האָט אונדזער מאַשין געוואָלט מיט אונדז אָפּשפּילן אַ כאַסענע: זיך געגליטשט פון רעכטס אַף לינקס און דערנאָך צוריק, געבליבן שטיין אַפן ראַנד פון אַן אַפּגרונט, עס האָט אַזש פאַרכאַפּט דער אָטעם, וויפל מאָל האָט עס זי געגעבן אַ טראַג איבערן גליטשיקן שליאַך! איז דאָס טאַקע אַן עמעסער נעס, וואָס מיר זײַנען פאָרט אַרײַנגעפאָרן אין דער פאַר־קאַוועטער, פּוסטער שטאָט. און עפּשער, ניט קיין נעס, נאָר אַדאַנק דער מײַסטערשאַפט פון אונדזער שאָפער.

אין האָטעל האָבן שוין לאַנג געוואַרט אַף אונדז די באַלעבאַטים. אַזויפל אוילעם איז געקומען אין טעאַטער אַפן פײַערלעכן אָוונט און די הויפּט־געסט פאַרהאַלטן זיך! יענע האָבן

שוין ניט געוווּסט וואָס איבערטראַכטן. מע איז אַלע מאָל געלאָפן צום טעלעפאָן, געקלונגען איבער דער גאַנצער טראַסע, זיך נאָכגעפרעגט, צי איז ניט געשען עפּעס שלעכטס מיט אונדז, צי האָט מען ניט געזען און ניט געהערט וועגן אַ גרופּע קיִעווער שרײַבער, וועלכע פאָרן קיין אוּמאַן אָפן אָוונט?

און איצט, דערזעענדיק אונדז לעבעדיקע און ניט קיין פאַרפרוירענע, האָבן אַלע זיך דערפרייט און ניט געוווּסט, ווי אַזוי אונדז אָפּצודאַנקען.

אָבער ווען די באַלעבאַטים האָבן אַ קוק געטאָן אויף אונדזער בריגאַדיר, האָבן זיי זיך דערשראָקן.

עמעצער האָט פאַרזיכטיק פאַרגעלייגט אַרויסרופן אַ דאָקטער, נאָר דער בריגאַדיר אונדזערער האָט זיך צעבייזערט: וואָס דרייט מען אים אַ מויעך, מע האָט אַזוי אויך פאַרשפּעטיקט, ס'איז אַ ביזאָיען פאַר מענטשן, וואָס וואַרטן אין טעאַטער. וועגן וואָס פאַר אַ דאָקטוירים קאָן איצט גיין אַ רייד? אַ פּאָר מינוט אַף זיך איבערטאָן, זיך ברענגען אין אָרדענונג און — שנעלער אָפן אָוונט. מענטשן וואַרטן!

די באַלעבאַטים האָבן פאַרוווּנדערטע געקוקט אַף אים, אײַנזעענדיק זײַנען זיי אים געווען דאַנקבאַר פאַר זײַן ענטוזיאַזם און באַגײַסטערונג.

פּערוואָמײַסקי האָט צונויפגענומען די לעצטע קויכעס, און מיטאַמאָל, ווי אופגעלעבט געוואָרן. ער האָט אַפילו אָנגעהויבן אונטערשמייכלען, זיך וויצלען, טרײַבן קאַטאָוועס און, קוקנדיק אַף די פאַרדײַגעטע, גליקלעכע באַלעבאַטים, שטילערהייט געזאָגט צו אונדז און, דעריקער, צו אונדזער שאָפער:

— נו, קינדערלעך, איך פרעג באַ אײַך, עס וואָלט געווען יוישערדיק, ווען מיר פירן אונטער אַזעלכע כּעוורע? מיר האָבן געקאָנט אָפלייגן די רײַזע?

און, פאַרייכערנדיק דעם ווּיפלטן סיגאַרעט, צוגעגעבן:

— מע דאַרף גיין. דאָרט, זעט אויס, וואַרט מען שוין לאַנג אַף אונדז.

און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער אַרומרינגלונג פון די שטאָט-באַלעבאַטים — איוואַן קוליקס אַלטע פרײַנט און פאַרערער — צו דעם קליינינקן הײַזל, ווו פריער מיט עטלעכע שאָ האָט מען אַנטהילט אַ מירמלענעם טאָוול מיט גאָלדענע בוכשטאַבן דעם באַרימטן לאַנדסמאַן, דעם רעוואָלוציאָנער און דיכטער איוואַן קוליקן.

דאָס איינשטאָקיקע, אײַנגעבויגענע הײַזל, אָן אָנגעפּעלצטס פון קאָפּ ביז די פיס מיט שניי, איז געווען בלאַסלעך באַלויכטן פונעם ריפּטל לעוואָנע, וואָס האָט זיך אַרויסגעדראַפּעט פון צווישן די קאַלטע כמאַרעס. אַרום-און-אַרום שטיבל איז דער שניי געווען אויסגעטאָפּטשעט פון אַ סאַך שטיוול, פוישטן. דאָ און דאָרט זײַנען געווען צעשאָטן לעבעדיקע בלומען, וואָס מע האָט אַהער געבראַכט פון דער באַרימטער סאָפּיִעווקע-אָראַנזשעריי, וועלכע דער דיכטער האָט אַזוי ליב געהאַט.

זעט אויס, זייער אַ סאַך מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַרום דער מעמאָריאַל-ברעט, און מיר זײַנען דאָ געשטאַנען מיט פאַרבייגטע קעפּ און עס האָט אונדז בעעמעס באַנק געטאָן, לעמיי מיר האָבן פאַרשפּעטיקט און דאָ ניט געשטאַנען צוזאַמען מיטן דאַנקבאַרן אוילעם פריער מיט עטלעכע שאָ.

שווײַגנדיקע, פאַרטאָנענע אין מאַכשאָוועס, האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום טעאַטער, ווו עס האָט זיך צונויפגעזאַמלט אַ גרויסער אוילעם.

דער שייַנער ליכטיק-באַלויכטענער זאַל איז געווען איבערפולט.

פאַר אונדז איז דאָס געווען די בעסטע באַלוינונג. ניט געקוקט אָפן ווועטער, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַזויפיל מענטשן און אָקשאָנעסדיק געוואַרט אַף די געסט. קיין שום זאַך האָט ניט אָפּגעשטעלט די מענטשן. און מיר זײַנען אַפילו געווען צופרידן, וואָס מיר האָבן זיך קוים-קוים דורכגעשלאָגן דורך דער מענטשן-געדיכטעניש צו דער בינע, וואָס איז געווען באַצירט מיט בלומען און מיט אַ גרויסן לעבעדיקן פּאָרטרעט פונעם דיכטער איוואַן קוליק.

מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן האָט דער זאַל באַגעגנט אונדזער ערשטן רעדנער, לעאָניד פּערוואָמײַסקין, וואָס האָט זיך אופגעהויבן און שנעל זיך געלאָזט גיין צום ראַנד פון דער בינע.

ער איז געווען עטוואָס שאָקירט, וואָס מע האָט אַזוי הייס אים באַגעגנט, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געבעטן דעם אוילעם זיך באַרויִקן. אָט די אַפּלאָדיסמענטן געהערן זייער באַרימטן לאַנדסמאַן, דעם דיכטער איוואַן קוליקן.

דער רעדנער איז געשטאַנען אַ רעגע, באַטראַכט די באַגײַסטערטע מענטשן, אין דער מינוט האָט זיך זײַן לענגלעך ענערגיש פּאָנעם אײַנגאַנצן געענדערט. עס איז געווען באַשײַנט מיט עפּעס אַן אינערלעכער שײַן פון באַגײַסטערונג. די טיפע שוואַרצע אויגן זײַנע האָבן גע-

שײַנט מיט א װוּנדערלעכן גלאַנץ. ער האָט שטילערהײט אַנגעהויבן זײַן רעדע און דער זאַל האָט, פאַרטײַענדיק דעם אָטעם, זיך אײַנגעהערט, באמיט זיך ניט דורכלאָזן קײן אײן װאָרט.

דער גרויסער אוילעם איז געװען פאַרכאַפּט פון די װערטער, װאָס אונדזער פרײַנט האָט צוגעקליבן פאַר זײ. מיר זײַנען מעקאַנע געװען, װאָס ער האָט געקאָנט פון דער ערשטער רעגע באַהערשן דעם זאַל, געפונען דאָס שליסלעלע צו דער נעשאָמע פון די מענטשן און זײ צװינגען טראַכטן, הערן, איבערלעבן, זיך דערמאָנען.

זײ די מענטשן, װעלכע זײַנען איצט פאַרגאַפּטע געזעסן אין זאַל, האָבן גוט געװוּסט די געשיכטע, דעם לעבנסװעג פון דעם מענטשן, װעגן װעלכן עס האָט גערעדט פּערוואָמײַסקי.

די געשיכטע פון א קעמפער, דעם זינגער פון דער רעװאָליוציע, דעם פּראָסטן פאָלקסמענטש און בירגער, דעם מענטשן, װאָס האָט זײַן לעבן אָפּגעגעבן דעם הײמלאַנד. נאָר דער רעדנער האָט געמאָלט דעם פּאָרטרעט מיט אזעלכע פאַרבן, מיט אזויפיל הארץ און נעשאָמע, אז מיר זײַנען געװען פאַרקישעפט, באַגײַסטערט. מיטאמאָל איז פאַר אונדז אויסגעװאַקסן איװאַן קוליק פון גאָר אן אנדער ראַקורס, װײַל אים האָט פאַר אונדז אויסגעקלעפּט פּערוואָמײַסקי, דער עכטער מײַסטער פון װאָרט.

מיר האָבן אלע געקענט איװאַן קוליקן, נאָר אזעלכן, װעלכן עס האָט איצט פאַר אונדז אויסגעמאָלט זײַן פרײַנט און שילער, האָבן מיר דערזען צום ערשטן מאָל!

און ניט בלויז איװאַן קוליק איז פאַר אונדזערע אויגן איצט אופגעשטאַנען א לעבעדיקער, אַן אנדערער, א לעגענדאַרער, מיר האָבן איצט אויך ניט דערקענט אונדזער בריגאַדיר אַלײן. ער איז געװען ניט אזא, װי מיר האָבן אים געזען טאָגטעגלעך — גאָר אַן אנדערער, א דערהויבענער, א דענקער און פילאָסאָף. ער האָט איצט אויסגעזען אינגאַנצן ניט אזא, װעלכן מיר האָבן געזען אין מאַשין. באַגײַסטערונג האָט געשטראַלט פון זײַן פאַרטיפטן אַנגעשטרענגטן געזיכט, אַן א שיר כאָכמע און מענטשלעכקײַט.

מיר האָבן מיט פאַרכאַפּונג, פּונקט װי הונדערטער מענטשן, װעלכע האָבן דאָס ערשטע מאָל געזען פאַר זיך דעם באַרימטן און באַשײדענעם דיכטער פּערוואָמײַסקין, זיך אײַנגעהערט אין יעדער װאָרט זײַנס.

מיר האָבן דעם מענטשן אין דער מינוט מויכל געװען אלע זײַנע קאַפּריזן און שװאַכקײַטן. און מיר זײַנען געװען גליקלעך, װאָס מיר זײַנען מיט אים אהער געקומען, דורכגעמאַכט די שװערע רײַזע.

ער האָט ניט געלײיענט פון קײן פּאַפּירל — געקוקט דעם אוילעם גלײַך אין די אויגן און אים פאַרטרויט זײַנע געדאַנקען, אלץ, װאָס ער האָט אין זײַן נעשאָמע אויסגעװאָרעמט אין מעשעך פון צענדליקער יאָרן.

פּערוואָמײַסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט אף א פּאָר רעגעס, זיך פאַרטראַכט, אײַנהערנדיק זיך אין דער שטילקײַט, װאָס האָט געהערשט אינעם גרויסן זאַל און באַשטימט, אז דאָ דאַרף א רעדטאָן קוליק, אין דער שטילקײַט מוזן איצט קלינגען יענעמס לידער, און ער האָט אָנגעהויבן לײענען איװאַן קוליקס לידער. און אין זײַן באַגײַסטערטער און האַרציקער שטים האָבן די לידער, װעלכע מיר האָבן גוט געדענקט, געקלונגען גאָר אף אַן אנדער אופן. אלעמען האָט זיך געדאַכט, אז ביז איצט האָבן די לידער קוליקס ניט גערעדט מיט אזא קראַפט, װי איצט.

ער האָט פאַרענדיקט זײַן רעדע אונטער שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, װעלכע ער האָט, דאַכט זיך, ניט געהערט. זיך פאַרקליבן אין א װינקל, אין דער דריטער רײ, זיך אראָפּגעלאָזט אף א בענקל און זיך צוגעשפּאַרט מיט דער פּלײצע צו דער קאַלטער װאַנט.

װי מיר האָבן זיך ניט באַמיט, דער אָװנט זאָל זיך ניט שטאַרק פאַרצײַען, קעדײ מיר זאָלן קאָנען אָפּפירן אונדזער בריגאַדיר אין האָטעל, באַלײגן אין בעט, האָט עס אונדז ניט געהאָלפן.

די אָרטיקע דיכטער־אָנפאַנגער, װי אויך די פּילצאַליקע יוגנט־פרײַנט קוליקס, װעלכע האָבן זיך אויך צוגעגרײַט צום אָװנט, האָבן געבעטן דאָס װאָרט און אונדזער כוילע האָט בעשום־אויפן ניט דערלויבט זײ באַגרענעצן. פאַרקערט, אים האָט דאָס זײער אינטערעסירט. צװישן די אומאַנער אָנפאַנגער דאַרפן זײַן ניט װײניק טאַלאַנטפולע כעװורע, פאַרװאָס זשע זאָל מען זײ ניט אויסהערן אפן הײַנטיקן אָװנט? אומאַן איז דאָך באַרימט מיט אירע פּאָעטן, װעלכע זײַנען דאָ אויסגעװאַקסן און ברײט באַרימט געװאָרן.

פּערוואָמײַסקי איז צוגעגאַנגען נעענטער צום טיש, אָנגעשטרענגט דעם אויער און אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט אין די לידער פון די יונגע דיכטער, אין די אַרויסטרעטונגען פון די אַלטע לײַט, װעלכע געדענקען איװאַן קוליקן. ער האָט אין די דאָזיקע מינוטן װידער פאַרגעסן אין דער מידקײַט, אין דער קרענק.

דער אָוונט האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל אין דער אַרומרינגלונג פון אַ סאַך מענטשן, וועלכע האָבן פאַרגעבן פאַרשיידענע פראַגן, אַליין עפּעס דערציילט, זיך געטיילט מיט די אײַנדרוקן.

מיר האָבן באַ זיך באַשטימט, אַז טאַקע מאָרגן וועלן מיר זיך לאָזן אַהיים, ווײַל אין דער היים היילן, זאָגט מען, די אייגענע ווענט.

לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש איז אונדז געווען דאַנקבאַר דערפאַר, כאָטש די אומאַנער יונגע דיכטער זײַנען געווען אַנטויישט, פּונקט ווי די באַלעבאַטים פון שטאָט, וועלכע האָבן אײַנגעאָרדנט די פײַערונגען און וועלכע האָבן פּלאַנירט דורכפירן נאָך אַ ריי ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען און אָוונטן אין די פאַבריקן, אינסטיטוטן, שולן — ניט אָפט קומען אַהער אַזעלכע געסט.

נאָך דער מוירעדיקער זאַווערוכע און בײַסנדיקן פראָסט איז דער וועטער מיטאַמאָל געוואָרן לינדער, ווייכער, דער הימל — ערטערווײַז לויטער־בלוי און איבערגעשאָטן מיט גרויסע שטערן.

די שטאָט איז שוין לאַנג אײַנגעהילט געווען אין טיפן און געשמאַקן שלאָף. פּוסט און מענטשנלאָז זײַנען געלעגן, אײַנגעקוטעטע אין שניי, די גאַסן און געסלעך. אָנשטאָט דערקלײַבן זיך גיכער צום האָטעל, באַלייגן דעם קראַנקן אונדזערן אין בעט, אָנפּוײען מיט הייסער טיי האָבן מיר פאַרקערעוועט אין אַ צווייטער זײַט שטאָט. פּערוואָמײַסקי האָט אונדז אַלץ גע־פּרוווט אײַנריידן, אַז ער פילט זיך שוין זייער גוט און וועט מיט פאַרגעניגן זיך דורכגיין. מיט אַ סאַך יאָרן צוריק איז ער מיט איוואַן קוליקן דאָ געווען, שפּאַצירט מיט די זעלבע גאַסן און געסלעך.

אָט פּונקט אין אַזאַ נאַכט איז באַ קוליקן געבוירן געוואָרן דער פאַרטראַכט און די ערשטע סטראָפעס פון זײַן פּאָעמע „סאָפּיִעווקע".

אַפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אַפן בראָנזענעם מאָנומענט פונעם העלד פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע טשערניאַכאָווסקין.

פּערוואָמײַסקי איז צוגעגאַן צום דענקמאָל, אַראָפּגעשאַרט פונעם פּיעדעסטאַל דעם שניי, זיך פאַרנייגט און אַזוי געשטאַנען עטלעכע מינוט.

פיל מאָל האָט דער דיכטער זיך באַגעגנט מיט דעם גענעראַל בעשאַס דער מילכאָמע. סאַראַ וווּנדערלעכער, האַרציקער מענטש און שלאַכטמאַן איז דאָס געווען! וויפל מאָל איז מען ביז שפּעט אין דער נאַכט געזעסן אין בלינדאַזש באַם באַרימטן קאָמאַנדאַרם, גערעדט וועגן די שלאַכטן און העלדן, וועגן דיכטער און דיכטונג, געלייענט לידער און געטרוימט וועגן דער צײַט, ווען מע וועט צעשמעטערן די פאַשיסטישע באַיאַלעס און זיך אומקערן אַהיים. מע האָט געטרוימט וועגן אַ שפּאַציר איבער אומאַן, סאָפּיִעווקע...

און אָט שטייט אַ בראָנזענער ביוסט אינמיטן פון שטאָט, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן דער העלדישער שלאַכטמאַן, דער באַרימטער קאָמאַנדאַרם טשערניאַכאָווסקי.

עס איז שוין געווען טיפע נאַכט, ווען מיר זײַנען פאַרמאַטערטע געקומען אין האָטעל און זיך דערפרייט מיט דער וואַרעמקײַט פון די געלעגערס. מע האָט געדאַרפט זיך אויסשלאָפן כאָטש עטלעכע שעה, וואָס זײַנען געבליבן ביז טאָג.

נאָר אונדזער כוילע האָט זיך נאָך ניט געקליבן שלאָפן. גענומען אָף די אַקסלען דעם מאַנטל, זיך אײַנגעקוטעט מיטן וואַרעמען שאַרף, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צום טישל לעבן דעם בלאָוולעכן לאָמפּ און זיך פאַרטיפט אין די שילערישע העפטלעך, געדיכט־באַשריבענע מיט לידער. ער האָט אונדז געבעטן שלאָפן רויִק, ניט ערגערן זיך און זיך פאַר אים ניט זאָרגן, ווײַל ער קאָן ביכלאַל ניט אײַנשלאָפן, ביז ער לייענט ניט אַ ביסל. נישקאָשע, ער וועט אינגיכן אויך אַרונטערקריכן אונטער דער קאָלדרע.

אָבער דאָס „ביסל" האָט זיך פאַרצויגן אָף אַ גוטע פּאָר שעה. און וואָס האָט ער געקאָנט מאַכן. ער האָט דאָך צוגעזאָגט די כעוורע, אַז ער וועט באַנאַכט איבערלייענען זייערע לידער און גאַנצפרי, ווען זיי וועלן צו אים קומען, וועט ער פירן מיט זיי אַ שמועס.

ער איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַן אָנפאַנגער, געבראַכט צו באַרימטע דיכטער זײַנע ערשטע לידער און מיט אומגעדולד און האַרץ־צאַפּל געוואַרט, וואָס יענע וועלן אים זאָגן.

מיר זײַנען אופגעשטאַנען גאַנצפרי און באַמערקט, אַז לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטשס בעט איז ניט אָנגערירט געוואָרן, צוגעשפּאַרט זיך אַפן דיוואַן, האָט ער עפּעס פאַרשריבן אין זײַן בלאָקנאָט, געמאַכט באַמערקונגען אין די העפטלעך פון זײַנע יונגע קאָלעגן, וועלכע האָבן אויך, זעט אויס, די נאַכט ניט געקאָנט אײַנשלאָפן. ער האָט זיך געגרייט צו אַן ערנסטן געשפּרעך. דאָס איז דאָך פּאָעזיע, און וועגן איר דאַרף מען ריידן אָן קלאַפּעניש אין דער פּלייצע.

ער וועט ריידן מיט יעדן איינציקן אָפּן און ערנסט, און דאָס וועט זײַן אַן אָרדנטלעכע לעקציע וועגן פּאָעזיע.

קיינער פון אונדז האָט טאַקע ניט געקאָנט זאָגן, צי האָט ער זיך אַף א שאָ צײַט צוגע־שפּאַרט, צי ער איז אַזוי אָפּגעזעסן אַפן דיוואַן ביז טאָג.

לויט זײַן אַשיק־בלאַס און צעקנייטשט פּאָנעם, לויט די מידע, צוגעזשמורעטע אויגן האָט מען זיך געקאָנט אָנשטויסן, אַז אויב ער האָט זיך די נאַכט צוגעשפּאַרט, איז ניט אַף לאַנג. איבער אים איז געשטאַנען א כמאַרע פון פּאַפּיראָסן־רויך, עס איז מאַמעש ניט געווען מיט וואָס צו אָטעמען. ער אַליין האָט, ווײַזט אויס, ניט געזען, וואָס אַרום אים טוט זיך.

מיר האָבן ניט באַוויזן אויסטרינקען צו א גלעזל טיי, ווי מע האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און עס זײַנען אַרײַנגעקומען עטלעכע יונגע, נײַגעריקע, עטוואָס פאַרשעמטע בעוורע.

פּערוואָמײַסקי איז מיטאַמאָל אופגעלעבט געוואָרן, זיך אופגעהויבן פון אָרט און העפלעך געבעטן די געסט זיך זעצן, ווי עס וועט זיי זײַן באַקוועם. אין א פּאָר מינוט אַרום האָט זיך דערהערט זײַן הייזעריקלעכע שטים. ער האָט אין די הענט געהאַלטן א העפטל, אַרײַנגעקוקט אין דעם און גערעדט וועגן גראַם און ריטם, בילדערישקייט און קינסטלערישן פּאַרטראַכט.

זײַנע געסט האָבן אופמערקזאַם זיך אײַנגעהערט אין זײַנע ווערטער, מאַמעש געגעסן אים מיט די אויגן.

דער לימעד האָט זיך פאַרצויגן. קענטיק, אַז די בעוורע וועלן דעם דיכטער אַזוי גיך ניט אָפּלאָזן, אים פאַרשיטן מיט פראַגן, און מיר האָבן זיך דאָך צונויפגערעדט פּאַרפרי זיך לאָזן אין וועג.

די צײַט איז שנעל געגאַנגען.

ווידער איז דער הימל באַדעקט געוואָרן מיט בייזע כמאַרעס און צוגעזאָגט א שפּאָגל־נײַעם ווינטער.

די טיר האָט א סקריפּע געטאָן און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אונדזער אָנגעבאַרויגעזעטער שאָפער, מיט פאַרווונדערונג באַטראַכט די פרעמדע געסט, וואָס האָבן אַרומגערינגלט לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטשן, און זיך אָנגערופן:

— ס'איז טאַקע עמעס, כאַווער פּערוואָמײַסקי, אַז איר ווילט נאָך הײַנט פאָרן אַהיים?

— ניט הײַנט, וואָלאָדיע טײַערינקער, נאָר טאַקע באַלד.

דער גוואַר, דער שאָפער האָט א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען און אונדז אָנגעקוקט, ווי מעשוגאָים:

— וואָס הייסט באַלד? מיר זײַנען נאָך ניט געקומען צו־זיך פון דער נעכטיקער יאַזדע, פּאַרברענט זאָל זי ווערן! — האָט ער געזאָגט און נאָך א קורצער פּאַוזע צוגעגעבן: — איר זעט, דאַכט זיך, דער וועטער צעשפּילט זיך ווידער. איז עפשער וואָלטן מיר זיך פּאַרהאַלטן דאָ א טאָג־צוויי, ביז עס וועט איבערדריייען? וואָס איז די אײַלעניש. מע טרײַבט אײַך, כאָ־לילע, פונדאַנען? מע מעג דאָ פּאַרבלײַבן א ביסל.

עמעצער פון אונדז האָט אײַנגערוימט אין אויער דעם באָכער, פּאַרוואָס מיר מוזן גלײַך אַרויספאָרן. דאָס פּאָנעם האָט זיך באַ אים אויסגעצויגן. ער האָט געוואָרפן א בליק אַפן דיכ־טער, דערזען, ווי שלעכט יענער זעט אויס, און א שאָקל געטאָן באַדויערנדיק מיטן קאָפּ:

— נו, אויב אַזוי, איז פאַרשטייט זיך. איך האָב ניט קעגן. איז אויב אַזוי, דאַרף מען גיכער ענדיקן די רייד און זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן.

און ער איז אַוועק גרייטן די מאַשין.

ווי מיר האָבן זיך ניט געסטאַרעט, נאָר דער שמועס מיט די יונגע האָט זיך געצויגן א גוטע פּאָר שאָ. מיר האָבן ניט באַוויזן זיך אָפּזעגענען זיך מיט די געסט און זיך אָנטאָן, ווי עס האָט זיך דערהערט פון יענער זײַט טיר א קינדערשער טומל און עס האָט זיך אַרײַנגעריסן צו אונדז א גאַנצע כאָפּטע שילער, צעהיצטע, פּאַרויטלטע פּונעם פּראָסט. דאָס זײַנען זיי געקומען אונדז בעטן כאָטש אַף א שאָ קומען צו זיי אין שול, ווו עס האָט אַמאָל געלערנט איוואַן קוליק.

לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש האָט אויסגעהערט די באַקאָשע פון די בעוורע און גוטמוטיק געשמייכלט דערבײַ. אָפּזאָגן די קינדער האָט ער ניט געקאָנט. זייער באַקאָשע איז געווען א גאַנץ באַגרינדעטע און, ווי עס האָט זיך ניט געבייזערט אונדזער שאָפער, האָבן מיר דאָך געמוזט פּאַרקערעווען אין שול אַף א שאָ צײַט, ווו עס האָבן אַף אונדז געוואַרט די רוישיקע בעוורע, וועלכע מיר האָבן געדאַרפט עפּעס דערציילן וועגן „זיידן קוליק".

צוגעזאָגט די אומאַנער טוישווים, אַז מיר וועלן פּרילינג קומען צו זיי אַף א לענגערער צײַט, האָבן מיר זיך שיין אָפּגעזעגנט מיט אונדזערע נײַע און אַלטע פרײַנט און זיך געלאָזט אין וועג.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז דער וועג אַף צוריק איז געווען אַ סאַך בעסער. דער כיּלעק איז נאָר באַשטאַנען דערין, וואָס אונדזער כּוּלע האָט זיך געפילט ערגער און מער האָט ער עס פון אונדז ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן, ווי ער האָט זיך ניט באַמיט.

ווען מיר האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון דער שטאָט און פאַרקערעוועט צו דער טראַסע, האָט די מאַשין ווידער אָנגעהויבן פּראַוועןן שטיק. און זי איז ניט געווען שולדיק אין דעם, ווײַל דער אַספאַלט איז געווען גליטשיק סאַקאָנעס־נעפאָשעס און די רעדער האָבן ניט געהאַט פאַר וואָס זיך פאַרטשעפּען. עס האָט זי געטראָגן אַף לינקס און רעכטס. אָט האָט זי זיך געגעבן אַ האַסטיקן דריי און ווידער פאַרקערעוועט אין דער ריכטונג פון אומאַן.

דער אויסגעמאַטערטער שאָפער האָט זיך שטילערהייט געזידלט, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפן. פּערוואָמײַסקי האָט באַמערקט, אַז מיר זײַנען שטאַרק באַומרויִקט צוליב זײַן געזונט און ווידער אָנגעהויבן אונדז באַרויִקן, אַז ס'איז ניט שרעקלעך, עס וועט איבערגיין, אַלץ וועט זײַן אין פולער אָרדענונג, דעריקער, וואָס מיר האָבן דורכגעפירט אַ גלענצנדיקן אָוונט, ניט אונטערגעפירט דעם אוילעם, אָפּגעגעבן קאָוועד דעם דיכטער איוואַן קוליקן.

ער האָט זיך אַפילע באַמיט ווויצלען, דער כּוילע, אָנגעהויבן דערציילן געשיכטעס וועגן די פראַנט־וועגן, אווטאָמאָביל־איניאַנים, — אַבי אָפּווענדן פון זיך די אויפמערקזאַמקייט, אַבי מיר זאָלן זיך צו אים ניט צוקוקן.

— דעריקער איז ניט דער וועג, ניט דער וועטער, — האָט לעאָניד געזאָגט, שמייכלענדיק, — נאָר אַקוראַט אַרײַנפאָרן מיט דער מאַשין אין גאַראַזש. איך האָב זיך דערמאָנט אין דעם ערשטן יאָר נאָך דער מילכאָמע. דעמלט האָב איך געקויפט אַ טראָפייִנע מאַשין און באַשטימט זיך אויסלערנען זי פירן. איך האָב דעמלט געוווינט אין אירפּען. איינער אַ שאָפער האָט זיך מיט מיר געזעצט באַם רודער, מיר באַוויזן, וויאַזוי מע דאַרף אײַנשליסן דעם מאָטאָר, טאָרמאָזירן, דרייען דעם רודער, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך קאָן שוין אַלץ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָב איך זיך אַליין געזעצט צום רודער, אַ דריי געטאָן אַהין, אַ דריי געטאָן אַהער — אַהאַ, עס גייט, דאַכט זיך, אַ גאַנג! איך פאָר! אַרויסגעפאָרן פונעם הויף, פאַרקערעוועט אַפן פרײַען שליאַך, אַ קוועטש געטאָן אַפן גאַז און איך טראָג זיך — ווער איז צו מיר גלײַך!

עמעס, אַז עס איז אָנגעקומען אַנטקעגן אַ לאַסטמאַשין, אַ טראַקטאָר, האָב איך זיך אַ ביסל פאַרלוירן, אָפּגעקערט אין אַ זײַט, מוירע האָבנדיק זיך מיט איר צונויפשטויסן. אויסגעמיטן איין אווטאָמאָביל, אַ צווייטן. עמעס, אַ קאַלטער שוויס האָט מיך באַשלאָגן, נאָר איך האָב געזען, אַז עס גייט באַ מיר אַ גאַנג. ניט אַזוי שרעקלעך. כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז די קונסט פון פירן אַ מאַשין וועל איך איינגיכן באַהערשן און אַלע וועלן מיר מעקאַנע זײַן. איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים אַ גליקלעכער, אַ צופרידענער. אַ קלייניקײַט — איך וועל ניט דאַרפן זײַן קיין קנעכט באַ אַ שאָפער, דולדן זײַנע קאַפּריזן. ווען איך וועל דאַרפן פאָרן אין שטאָט אַרײַן, וועל איך זיך זעצן צום רודער און פאָרן! וואָס קאָן זײַן בעסער און לײַטישער?

יאָ, ניט בלויז איך בין געווען צופרידן פון מײַנע גרויסע דערפאָלגן, נאָר אויך מײַנע שטוביקע — אַ קלייניקײַט, האָבן אַן אייגענעם אומזיסטן שאָפער אין שטוב.

די גאַנצע מישפּאָכע איז אַרויסגעגאַן אין הויף זען, ווי איך וועל אַרײַנפירן די מאַשין אין גאַראַזש אַרײַן. זאָלן זיי קוקן געזונטערהייט! וואָס זשע, אַז איך בין שוין זעלבשטענדיק געפאָרן מיטן שליאַך, איז אַ גרויסע מעציִע אַרײַנפאָרן אין גאַראַזש? איך האָב צעעפנט די טירן, זיך געזעצט באַם רודער, אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר, וואָס האָט מוירעדיק געררעוועט, נאָר ווען איך האָב זיך גערירט פון אָרט, האָב איך דערפילט, ווי די מאַשין איז אונטערגעשפרונגען, זי האָט זיך אַ ריס געטאָן פונעם אָרט, ווי צען רוכעס וואָלטן זי געשטופּט. אַלץ איז געווען, דאַכט זיך גאַנץ גוט, איך האָב געצילט גלײַך אין טויער פון גאַראַזש, נאָר אין דער לעצטער מינוט, האָט מיך דער רודער פאַרפּלאָנטערט און איך האָב עטוואָס אַ דריי געטאָן דעם רודער לינקס, און די נײַנקע און גלאַנציקע מאַשין האָט מיט איר לינקן פליגל זיך אַ זעץ געטאָן אין סלופּ, אַף וועלכן עס האָט זיך געהאַלטן דער טויער. אַ קאַלטער שוויס האָט מיך באַשלאָגן, ווען איך האָב דערהערט, ווי די פּאַרעס זײַנען זיך צעפלויגן און די לינקע זײַט פון מײַן אווטאָמאָביל האָט אַ קרעכץ געטאָן, אײַנגאַנצן אָנגעוואָרן דעם כיין. דאָ האָב איך געגעבן אַ פּאָר אַף צוריק און אַ דריי געטאָן דעם רודער עטוואָס אַף רעכטס און ווידער — פאָרויס אין גאַראַזש אַרײַן. נאָר דאָס מאָל בין איך אַרײַנגעפאָרן מיטן רעכטן פליגל אין צווייטן סלופּ. איצט האָט מען שוין מײַן מאַשין אײַנגאַנצן ניט געקאָנט דערקענען. נאָר ערגער פון אַלץ איז געווען ניט דאָס, וואָס איך האָב געמאַכט אַזאַ טאַכלעס פון דער מאַשין, נאָר דאָס, וואָס מײַניקע זײַנען דערבײַ געשטאַנען און אַלץ צוגעקוקט מיט זייערע אויגן.

עמעס, ווען איך בין אַרײַנגעפֿאָרן מיטן רעכטן פֿליגל אין סלופּ, איז מיר געקומען אָפּן געדאַנק אַ געניאַלע אידיי: קיינמאָל זיך ניט זעצן צום רודער. קיין עמעסער שאָפֿער וועט פֿון מיר ניט אַרויסקומען...

פֿון יענעם פּרימאַרגן האָב איך זיך טאַקע מער קיינמאָל ניט געזעצט צום רודער, נאָר דערנאָך געהאַט שוואַרצע יאָרן פֿון די שאָפֿערן מײַנע.

אונדזער כוילע אין שטיל געבליבן, ביגנײַווע אַרויסגענומען פֿון דער קעשענע אַ פּאָר פּילן און זיי אײַנגעשלונגען, געוואָרפֿן אַ בליק אַף זײַן זייגער, וועלנדיק זען, צי איז מען שוין לאַנג אין וועג און צי וועלן זיך אַמאָל ענדיקן אונדזערע מאַטערנישן.

איצט האָט ער זיך שוין אַליין אופֿגעגעסן לעבעדיקערהייט, וואָס מיר האָבן זיך אַזוי פֿאַרהאַלטן אין שטאָט און אַרײַנגעפֿאָרן אין דער נאַכט. איצט וועט זײַן נאָך שווערער און געפֿערלעכער זיך באַוועגן.

מע קאָן ניט זאָגן, אַז די רײַזע קיין אומאַן איז געווען אַ פֿרײלעכע. יענע צוויי יאַנוואַרטעג וועלן מיר אַף לאַנג פֿאַרגעדענקען.

ערגעץ ווײַט־ווײַט האָט פֿונעם שנייִקן כוישעך זיך באַוויזן די פֿאַרשטאָט פֿון קיִעוו מיט אירע הויכע מױערן און טורעמס, באַשײַנטע פֿון טויזנטער בלאַסלעכע פֿײַערן.

אַלע האָבן מיר פֿרײַער אָפּגעאָטעמט. אָט ענדיקן זיך שוין, דאַכט זיך, אונדזערע צאָרעס. פּערוואָמײַסקי האָט געבעטן, מע זאָל אים אָפּפֿירן קיין אירפּען. דאָרטן הייצט זיך די טשוהוּנענע הרובע און עס איז וואַרעם, ווי אין אויער, אַ סאַך וואַרעמער ווי אין דער שטאָטישער דירע.

דאָרטן, אין אירפּען, וועט ער זיך אָנטרינקען מיט הייסער טיי מיט מאַלינע־וואַרעניע, און אַלע כאַלאַסן וועלן פֿון אים גלײַך אָפּטרעטן, דערצו נאָך וועט ער זיך פֿאַרטאָן אין דעם יאַם אַרבעט, וואָס וואַרט דאָרטן אַף אים, און עס וועט אים ווערן גרינגער. טאָמיד איז בא אים אַזוי: ווען ער אַרבעט, פֿאַרגעסט ער אין אַלע קרענק, אין אַלע צאָרעס.

קיין אירפּען — איז קיין אירפּען. און אונדזער אופֿגעלעבטער שאָפֿער, וואָס איז געווען צופֿרידן דערמיט, וואָס ער האָט דאָך זיך ספּראַוועט מיט דעם שטיקל אַרבעט, האָט פֿאַרקערעוועט וווּהין מע דאַרף.

דאָ האָט ער זיך דערפֿילט, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. ער האָט שנעל געיאָגט די מאַשין, פֿלינק און מײַסטעריש לאַווירט צווישן די פּילצאַליקע לאַסטמאַשינעס, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבערן ברייטן וועג.

אונדזער רײַזע האָט זיך געהאַלטן באַם פֿאַרענדיקן און אַלעמען איז גרינגער געוואָרן אַף דער נעשאָמע. פֿונעם בערגל האָבן מיר שוין געזען פּערוואָמײַסקיס שטוב, וואָס איז געשטאַנען פֿון יענער זײַט בריק. מיטאַמאָל זײַנען מיר געבליבן שטיין. בא דער בריק האָט זיך פֿאַרהאַלטן אַ גרויסע צאָל מאַשינעס. זיי זײַנען געשטאַנען און זיך ניט געקאָנט באַוועגן ניט אַהין, ניט צוריק.

בא די מאַשינעס זײַנען געשטאַנען אָנגעפּעלצטע שאָפֿערן, פּאַסאַזשירן, זיך געזידלט, געשריגן, נאָר ס'האָט ניט געהאָלפֿן: די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך אָפּגעשטעלט און עס איז ניט געווען קיין מעגלעכקייט זיך אָפּקערן אין אַ זײַט אָדער פֿאַרקערעווען דעם דישעל אַף צוריק.

רעכטס און לינקס זײַנען געלעגן שניי־בערג, הײַנט זײַ אַ בעריע און רײַס זיך אַרויס פֿון דער ענגשאַפֿט.

אונדזער וואָלאָדיע האָט אויסגעשלאָסן דעם מאָטאָר און איז אַראָפּגעשפּרונגען אין שניי, זיך געלאָזט פֿאַרויס לענגויס דער קאָלאָנע אַ קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן געשען, נאָר אין עטלעכע מינוט אַרום זיך אומגעקערט אַ בייזער צוריק.

— וואָס איז דאָרטן פֿאַר אַ פּראַבקע, וואָלאָדיע, מירן גיך פֿאָרן?

— דער טײַוול ווייסט עס! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — עפּעס אַ גראָזנער טראַקטאָריסט איז אַרופֿגעפֿאָרן מיט זײַן טאַראַטײַקע אַף דער בריק און פֿאַרהאַקט דעם וועג. דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן און אונדז וועט דאָ אויסקומען וואַרטן ביז פֿײַסעך. כוץ דעם, האָבן זיך דאָרטן צונויפֿגעשטויסן צוויי מעכטיקע „מאַזן״, צוויי באַראַנעס. און ביז די וועג־מיליציע וועט קומען זיך פֿאַנאַנדערקלײַבן וועער פֿון זיי איז שולדיק, צונויפֿשטעלן אַן אַקט, וועט דורכגיין די נאַכט.

יאָ, אַ פֿרײלעכע מײַסע, נאָר אַ קורצע. און מיר האָבן שוין געטראַכט, אַז מיר האָבן זיך דערקלײַבן צום ציל!

פּערוואָמײַסקי האָט אופֿגעעפֿנט די רויטע פֿאַרגאָסענע אויגן, זיך אײַנגעקוקט אין דעם,

וואָס עס קומט פֿאַר אַף דער בריק, און קוים אַרויסגעבראַכט מיט דער אינגאַנצן הייזעריק־געוואָרענער שטים:

— דאָס, זעט אויס, איז אַף לאַנג. — און, אָפּשטעלנדיק זײַן בליק אַפֿן שאָפֿער, אַ פֿרעג געטאָן: — נו, וואָלאָדיע, איר וועט קאָנען אויסקערעווען די מאַשין און פֿאָרן צוריק אין שטאָט. צו אײַער גאַראַזש?

יענער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די עטוואָס סוטולע אַקסלען:

— איך וועל יאַקאָס אויסקערעווען און זיך אַרויסרײַסן פֿון דעם קלעם, — האָט ער געזאָגט ניט זיכער, — נאָר וואָס וועט זײַן מיט אײַך, לעאָניד סאַלאָמאָנאָוויטש?..

— פֿאַר מיר זאָרגט זיך ניט. איך וועל צופֿוס זיך לאָזן צו מײַן שטוב און איר קערט זיך אום קיין קיִעוו.

— וואָס רעדט איר! דרײַ־פֿיר קילאָמעטער וועט איר גיין צופֿוס אין אַזאַ פֿראָסט, איבער אַזעלכע הורבעס שנייען!... — האָבן מיר זיך אַף אים אָרופֿגעוואָרפֿן, — אין אַזאַ צושטאַנד. מיר וועלן אײַך אַליין ניט אָפּלאָזן.

— וואָס באַוויינט איר מיך? — האָט ער זיך צעבייזערט אַף אונדז ניט אַף קאַטאָוועס. — איך בין פֿולקאָם געזונט און וועל זיך צוביסלעך דערקלײַבן צו דער שטוב. אויב איר ווילט זיך מיט מיר ניט צעקריגן, בעט איך אײַך, פֿאַרקערעוועט און פֿאָרט אײַך געזונטערהייט אַהיים, קיין קיִעוו. איך בין דאָך אַ סאָלדאַט און ניט קיין באַרישניע. אַ גוטע נאַכט אײַך און אַ דאַנק פֿאַר דער רײַזע!

— נו, אויב אַזוי, לעאָניד סאַלאָמאָנאָוויטש, וועלן מיר אײַך באַגלייטן ביז דער שטוב און זיך אומקערן.

אונדזער כּוילע האָט קרעכצנדיק אַ שמייכל געטאָן:

— אוי, סאַראַ מאָדנע מענטשן איך זײַט? צוליב וואָס דאַרפֿט איר מיך באַגלייטן? וואָס זשע, איך וועל אַליין ניט טרעפֿן?

אונדזער אַקשן האָט פֿאַרקנעפּלט דעם מאַנטל, אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער, זיך פֿאַרוויקלט אין זײַן וואַרעמען שאַרף און צו אונדז אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— אַ גוטע נאַכט אײַך, אַ גרויסן דאַנק!

זײַנע ווערטער האָבן מיר שוין אינגאַנצן ניט געקענט פֿאַנאַנדערקלײַבן. דאָס פּאָנעם האָט באַ אים געפֿלאַמט, ער איז פּאַמעלעך אַרויסגעקראָבן פֿון דער מאַשין און אין אַ פּאָר רעגעס אַרום פֿאַרלוירן געוואָרן אינעם שניי־כווישעך צווישן די מאַשינעס.

איינעם אַליין אָפּגעלאָזט... נאָר וואָס האָבן מיר געקאָנט מאַכן?

שווײַגנדיקע האָבן מיר געשפּירט, ווי אונדזער שאָפֿער פֿירט אַרויס דעם „ראַפֿיק" פֿונעם לאַבירינט, מיט גרויסע שוועריקײַטן האָט ער זיך אַרויסגעריסן צום שליאַך. די בלאַסע, מיט שניי פֿאַרשאָטענע פֿאַרעס, האָבן קוים אָנגעטאַפּט דעם וועג צווישן די הויכע שניי־בערג. עס איז געווען שווער אַפֿן האַרצן און ניט אַזוי דערפֿון, וואָס עס האָט זיך אַזוי אומגעלומפּערט פֿאַרענדיקט אונדזער רײַזע, נאָר דעריקער דערפֿון, וואָס מיר האָבן איינעם אַליין אָפּגעלאָזט אונדזער קראַנקן פֿרײַנט.

געקומען צו פֿאָרן אַהיים, האָבן מיר זיך גלײַך געלאָזט צום טעלעפֿאָן — מיר האָבן געוואָלט אום יעדן פּרײַז זיך דערקלינגען קיין אירפּען, צו אונדזער בריגאַדיר, זיך דערוויסן, ווי האָט ער זיך דערקליבן און ווי אַזוי פֿילט ער זיך. דאָס איז אָבער געווען ניט קיין לײַכטע זאַך. דאָס האָט זיך דער קאָמוטאַטאָר ניט אָפּגערופֿן, דאָס האָט זיך אין טרײַבל געהערט אַ טראַסקעניש, אַ פּײַפֿערײַ. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר אַקשאָנעסדיק געקלונגען און דאָך זיך דערשלאָגן.

ווי פֿון אויסערײַסעניש האָבן מיר קוים געהערט פֿערוואָמײַסקיס אָפּגעשוואַכטע אינגאַנצן הייזעריקע שטים:

— פֿאַרוואָס שלאָפֿט איר נאָך ניט אַזוי שפּעט? — האָט ער געשריגן מיט אַלע קויכעס אין טרײַבל, — איך זײַנט דען ניט פֿאַרמאַטערט? וואָס? וויִאַזוי איך פֿיל זיך? אַ דאַנק, נישקאָשע. דער טײַוול וועט מיך ניט נעמען. איך וועל בלײַבן לעבן. וואָס? וואָס? וויִאַזוי איך האָב זיך דערקליבן? גלענצנד. די שטוב איז אַזוי געווען פֿאַרשאָטן מיט שניי, אַז איך האָב זי ניט אַרויסגעזען. איך האָב באַ די שכיינים, וועלכע איך האָב אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, אַנטליִען אַ לאָפּעטע און דורכגעשלאָגן אַ טראַנשייע צו דער טיר. אַ מעטער הונדערט, הונדערט פֿופֿציק. אָט איצט הייל איך זיך ענערגיש... איך טרינק טיי מיט מאַלינעס. די טעמפּעראַטור? ביז טאָג וועל איך זי פֿאַרטרײַבן צו אַלדי רוכעס... דערוויַיל ווײַזט דער טערמאָמעטער דרײַסיק נײַן מיט נײַן... זאָרגט זיך ניט, איך נעם פּיראַמידאָן. אַלץ וועט זײַן גוט.

— איר זײַט איבער זיך אַליין אַ גאַזלען, לעאָניד סאַלאָמאָנאָוויטש!

— איך בעט אײַך מיך ניט שטרענג מישפּטן, קינדער, — האָט זיך דערטראָגן זײַן קאָל. — איך האָב שוין אַרײַנגעכאַפּט אַ גוטן פעטשאַטעק פון מײַנע שטוביקע, נאָר אַלץ וועט זײַן גוט, זאָרגט זיך ניט.

גאַנצפּרי זײַנען מיר אוועקגעפאָרן מיט דער עלעקטריטשקע קיין אירפּען, צו אונדזער קראַנקן.

ער איז געלעגן אָפּן דיוואַן, אײַנגעקוטעט אין צוויי קאָלדרעס, אַ בלאַסער, מיט אָנגעגלי־טע רויטע אויגן פון היץ. ער האָט געלייענט די לאַנגע זײַטלעך פון דער וויאָרסטקע, וואָס ער האָט געדאַרפט נאָך הײַנט אָפּשיקן אין דרוקערײַ.

דערהערט, ווי עמעצער קלינגט אין שכייניש צימער אין טעלעפאָן, וויל אַרויסרופן צו אים אַ דאָקטער, האָט ער זיך אומצופרידן פאַרקרימט:

— מע דאַרף ניט רופן דעם דאָקטער! ווי וועט ער זיך, דער אַלטער, דערקלײַבן אַהער דורך די שניי־הורבעס? עס וועט איבערגיין... עטוואָס זיך צוגעקילט, פאַרפרוירן, דערצו נאָך האָב איך צוגעזאָגט גלײַך אָפּשיקן די וויאָרסטקע אין דרוקערײַ. איר פאַרשטייט, איך האָב צוגעזאָגט און קאָן ניט אונטערפירן. די דרוקער האָבן דאָך זייער פּלאַן, זייער גראַפיק... מענטשן וואַרטן.

...ווען איך טראַכט וועגן שרײַבערישער האָרעוואַניע, מוטיקײַט און טרײַהײַט, וועגן פאַר־אַנטוואָרטלעכקײַט פאַרן לייענער, פאַרן וואָרט, שטייט אויף פאַר מײַנע אויגן דער דיכטער לעאָניד פּערוואָמײַסקי. און איך דערמאָן זיך אין אונדזער רײַזע קיין אומאַן. איך טראַכט וועגן דעם עכטן האָרעפּאַשניק, דעם מײַסטער פון וואָרט, וועלכער האָט ביז דער לעצטער שאָ פון זײַן לעבן געשליפן זײַנע ווערק, ווי אַ גוטער מײַסטער שלײַפט זײַנע איידלשטיינער. איך טראַכט וועגן דעם מענטשן, וואָס איז פאַרליבט געווען אין לעבן, אין דער קונסט, ניט שוי־נענדיק זיך לעטויוועס דער דאָזיקער קונסט. ווען איך טראַכט וועגן די זאַכן, שטייט אויף פאַר מײַנע אויגן דער אויסערלעך שטרענגער, עטוואָס אָנגעכמורעטער סטולער מענטש מיט די קלוגע קאַרע אויגן, מיטן הויכן, שטאַרק צעווירעטן פון טיפע קנייטשן שטערן, וועגן לעאָניד סאָלאָמאָנאָוויטש פּערוואָמײַסקין.

יעכיעל טשיטשעלניצקי — 70 יאָר

דער עלטערער דאָר ייִדישע לייענער געדענקט גוט די צײַ־טונג „יונגע גוואַרדיע" אין אָנ־הייב פון די דרײַסיקער יאָרן. דאָס זײַנען געווען יאָרן פון די ער־שטע גרויסע נײַבויונגען, פון דער קאָלעקטיוויזאַציע אין דער לאַנד־ווירטשאַפט. די „יונגע גוואַרדיע" האָט ברייט אָפּגעשפּיגלט די מערקווירדיקע פּראָצעסן אינעם לעבן פון אונדזער לאַנד. אויף דער פאָרטער זײַט פון דער צײַטונג איז געשטאַנען דער נאָמען פון איר רעדאַקטאָר — יעכיעל טשי־טשעלניצקי.

ווען י. טשיטשעלניצקי איז גע־וואָרן רעדאַקטאָר פון דער „יונ־גער גוואַרדיע", איז ער אַלט גע־ווען אינגאַנצן 22 יאָר. אָבער צו יענער צײַט איז ער שוין געווען אַ מענטש מיט אַ היפּשער לעבנס־דערפאַרונג. געבוירן אין בערדי־טשעוו, האָט ער אין שווערע יאָרן פאַרזוכט דעם טעם פון נויט און דאַקקעס, זיך דערצויגן אין אַ קינדערהיים. דער יונגער רעדאַק־טאָר איז געקומען אין דער צײַ־טונג נאָכן פאַרענדיקן אַ פּאַרטיי־שול — ער איז אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון 1929 יאָר.

ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די

גרויסע פאָטערלענדישע מלחמה, איז י. טשיטשעלניצקי געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער קיִעווער צײַטונג „שטערן". פון דאָרט איז ער אוועק אַפּן פראָנט און דורכ־געמאַכט אַ גרויסן שלאַכט־וועג אַלס פאָליט־טוער און זשורנאַליסט. באַזעצנדיק זיך נאָך דער מיל־כאָמע אין טשערנאָוויץ און אַרבעטנדיק אויף פאַרשיידענע אונ־טערנעמונגען פון דער אַרקטיקער אינדוסטריע, רײַסט ניט איבער י. טשיטשעלניצקי מיט דער זשור־נאַליסטישער טעטיקײַט. אין 1947—1948 פלעגן אָפט זיך בא־ווײַזן אין דער צײַטונג „אייני־קײַט" זײַנע פאַרצייכענונגען.

ווידער קערט ער זיך אום צו זײַן באַליבטן זשורנאַליסטישן פאַך, ווען עס הייבט אָן דערשײַ־נען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". אויף די זײַטלעך פונעם זשורנאַל דרוקט ער אַ ריי פאַר־צייכענונגען וועגן זײַנע פרײַנט — שרײַבער און זשורנאַליסטן, וועל־כע זײַנען געפאַלן אַפּן שלאַכט־פעלד. אין 1968 פאָרט ער אַרי־בער קיין מאָסקווע און ווערט אַ מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע, צוערשט פאַראַנטוואָרטלעכער סע־קרעטאַר, דערנאָך — שטעלפאַר־טרעטער פונעם הויפּט־רעדאַקטאָר. צום באַדויערן, האָט אַ שווערע קרענק אים צוגעשמידט צום בעט, און אין 1976 מוז ער פאַרלאָזן די אַרבעט. איצט לעבט ער ווידער אין טשערנאָוויץ.

אָפּמערקנדיק דעם 70־טן גע־בורטסטאָג פון אונדזער פרײַנט און כאַווער, ווינטשן מיר אים גע־זונט, אַריכעס־יאָמים, שעפערישע דערפאָלגן.

ארן ווערגעליס

אין פּופּצן יאָר אַרום

22. לאָמיר שמועסן וועגן דזשוריש סאַבדזשעקטס...

אמאָליקע יאָרן פלעגט זיך פירן, אז אויב א מענטש האָט געהאט א פרײַנט אין אן אנדער שטאָט, איז ניט שווער געווען צוצופאָרן אף א טאָג־צוויי מיט א באַלעגאָלע, צי אפילע מיט דער באַן, קעדיי געוואָרע ווערן, וואָס ער מאכט. היינט איז עס א צו גרויסער לוקסוס — פאַטערן אַזויפיל צײַט, מע קען אַראָפּנעמען דאָס טרײַבל און אָנקלינגען אין טעלעפאָן.

בין איך פון די, וואָס קוקן אף דער זאַך אַנדערש, און איך האָב זיך ניט געפוילט קומען פון מאָסקווע קיין טשיקאַגאָ — דורכצושמועסן זיך מיט דזשעק קלינגן. אויב איר וועט זאָגן, אז איר ווייסט ניט, ווער דזשעק קלינג איז, וועל איך אײַך ניט גלייבן. נאָך מיט פופצן יאָר צוריק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אין דער שטאָט באַם מיטשיגאַן, האָט אַן אָרטיקער טוישעוו, שמועסנדיק מיט מיר, זיך אויסגעדריקט אַזוי: „דזשעק קלינגן ווייסט דער גאַנצער טשיקאַגער אַרבעטער־קלאַס"... היינט־צוטאָג האָט דער קרײַז זיך פאַרגרעסערט—דזשעק פירט אָן מיט דער אָרגאַניזאַציע פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי פון אַמעריקע אינעם שטאַט אילינאָיס, וועמענס הויפּטשטאָט עס איז טשיקאַגאָ. ווילט איר, איך זאָל אײַך גלייבן, אז איר קענט ניט דזשעק קלינגן?

גאַנצע פופצן יאָר גייט מיר נאָך דער פאַרדראָס פאַר דער איבערגעריסענער באַגעגעניש מיט אים איבער דעם „מאָרד פונעם יאָרהונדערט". אין יענעם רעגנדיקן אינדערפרי, זיצנדיק אין זײַן אויטאָמאָביל, האָב איך דערהערט דורך ראַדיאָ, אז אָקאָרשט איז דערשאָסן געוואָרן דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן דזשאָן פיצזשעראַלד קענעדי. אײַנגיכן בין איך פון טשיקאַגאָ אַוועקגעפאָרן, ניט צוזעצנדיק זיך אפילע אין דער שטוב בא די קלינגס צום טיש, וועלכן די באַלעבאָסטע האָט אַזוי זאָרגפעליק אַרומגעשטעלט מיט קיבעד.

דאַן איז אין טשיקאַגאָ געגאַנגען א רעגן. איצט איז די שטאָט פאַרוואַלגערט מיט שניי. שוין די דריטע וואָך, ווי עס שיט און שיט. די הורבעס ווערן אײַנגעפרוירן און צוגעטאָפּטשעט, קיינער שקראַבעט זיי ניט אַראָפּ מיט א לאָפּעטע, און ס'איז שוין באַלד ניטאָ קיין טשיקאַגאָ אף דער וועלט. זעט אויס, אז עס וועט אויסקומען אַראָפּברענגען אַרכעאָלאָגן, זיי זאָלן אָפּגראָבן פון אונטערן שניי די שטאָט, ווען מע וועט באַדאַרפן פעסטשטעלן, וואָס עס איז דאָרט פאָרגעקומען אין יאַנוואַר־פעוראַל פונעם 1979 יאָר.

אויב איר ווילט, איז דאָ ביכלאַל קיין אויסטערלישס ניט פאָרגעקומען. די אַרכעאָלאָגן וועלן אַראָפּגראַבלען דעם פאַרהאַרטעוועטן שיכט שניי, און די ערשטע זאַך, וואָס זיי וועלן אַרופברענגען פון די טיפעגישן, וועט זײַן דער הונדערטשטאָקיקער הימלקראַצער „דזשאָן הענקאָק סענטער". קעדיי זיך דערקלײַבן צו דער אַרײַנגאַנג־טיר און ניט קריכן דורכן דאַך, וועט מען אָפּגראָבן דעם שניי אף 332 מעטער אין דער טיף און אָנטאַפּן דעם אַספאַלט, וואָס האָט ביזן שניי־שיט געדינט, ווי די היסטאָריקער וועלן מיטן גאַנצן ערנסט באַהויפּטן, אַלס א גלאַטע אויבערפלאַך אף צו גיין און אף צו פאָרן.

אין „דזשאָן הענקאָק" וועלן די אַרכעאָלאָגן, און אויך מיר מיט אײַך, ניט אַרײַנגיין, ווײַל מע קאָן, כאָלילע, דאָרט פאַרבלאָנדזשעט ווערן. דערפאַר אָבער וועט שוין ניט שווער זײַן אָפּגראָבן א פאָר גאַסן, פריִער פאַר אַלץ, פאַרשטייט זיך, די מיטשיגאַן־אַוועניו, די סטעיט־

פאָרזעצונג. זע „סאָוועטיש היימלאַנד" נום. 6, 7, 8, 9, 10, 1979.

סטריט, און אויב ס׳וועט סטײַען קויעך, וועלן די ארכעאָלאָגן דורכלייגן אונדז א וועג צו איינער פון די ארבעטער־פאָרשטעט, ווו אף דער שטילער דורכגערויכערטער גאס העיִמארקעט־סקווער האָבן די באלעבאטים פון די זאוואָדן אוועקגעשטעלט דעם אײנציקן אין דער וועלט דענקמאָל לעקאָוועד א פאָליציִאנט. יאָ, יאָ, א דענקמאָל דער פאָליציי! און ווו? פונקט אף דער זעלבער גאס, ווו די פאָליציי האָט אין 1886 יאָר געשאָסן אין די ארבעטער. אפן פאָסטאמענט מיטן אופשריפט „אין נאָמען פונעם פאָלק באַפעל איך, ס׳זאָל זײַן רויִק!" שטייט מיט א אופגעהויבענער האנט א שטאָל־מעשענער יונג מיט בראָנזענע וואָנצעס — די פארקערפערונג פון די „קאָפּן", ווי מע רופט אין אמעריקע די פאָליציי־לײַט.

בעשאס איך פאָר אָפּ מיט דזשעק קלינגן און מיט אלעקס קאָלקינען פונעם אעראָפּאָרט, זע איך אים אף טריט און שריט, דעם לעבעדיקן טשיקאגער פאָליציִאנט. ער שטייט פעסט און ברייטלעך, פאנאנדערגענומען די פיס אין די זײַטן. דער פיסטאָלעט באָמבלט זיך בא אים איבערן סאמע פופּיק, די קאסקע איז אָנגערוקט אף די ברעמען. ער איז גאָר ניט אזא סטראַשידלע, ווי עס מיינען די קליינע קינדער, אָבער פאָליציי איז פאָליציי. אָט זעט מען בא איינעם פון „מײַנע" פאָליציִאנטן, וואָס איך פאָר דורך פארבײַ זיי, א ניט גרויס גרוי באלאָנטשיקל אפן פאסעק, און אפן באלאָנטשיקל זײַנען מיט רויטער פארב אָנגעשריבן עטלעכע ציפערן און אונטער זיי — «riot» (אופשטאנד). דאָס איז א גראנאטע מיט טרערן־גאז. מע דארף ניט פארגעסן, אז יענער, דער שטאָל־מעשענער מיט די בראָנזענע וואָנצעס, האָט באקומען זײַן „אייביקײַט" פאר דערטרינקען אין בלוט א דעמאָנסטראציע אף דער ארבעטער־גאס, ווו ער שטייט...

דער שניי פאלט און פאלט. עס בלאָזט א בײַסיקער ווינט. טשיקאגאָ ווערט מאמעש פארפראָרן. אף די גאסן, צוגעטוליעט צו די טראָטוארן און פארשאָטן איניינעם מיט זיי, זעען זיך ארויס מיט זייערע קוים מערקבארע קאָנטורן הונדערטער אוטאָס. דזשעק קלינג דערציילט:

דער גובערנאטאָר פון אילינאָיִס איז אוועקגעפאָרן קיין וואשינגטאָן בעטן געלט אף אָפּראמען דעם שניי... נו, מ׳האָט ניט געגעבן, האָט ער באשטימט זיך אומקערן אהיים, נאָר אף צוריקוועגס זעט ער פונדערלופטן, אז ס׳איז נאָך ווינטער אין טשיקאגאָ, און ער הייסט דעם פּילאָט פליִען ווײַטער קיין פלאָרידע, ווו ער וועט איבערווארטן... ס׳וואָלט עפשער אזוי טאקע געווען, און בא דער בארימטער אָזערע וואָלט פון דעם נישט געוואָרן ניט ווארעמער, ניט קעלטער, נאָר ס׳האָבן אופגעהויבן א טומל די טשיקאגער צײַטונגען — וואָס הייסט! א גובערנאטאָר זאָל אנטלויפן איבערן שניי... — און פונקט הײַנט אינדערפרי איז ער בעשאָלעם צוריקגעקומען צו זײַן אמט. טשיקאגאָ און דער גאנצער שטאט אילינאָיִס זײַנען אפן זיבעטן הימל: זיך אומגעקערט דער „טאטע"!.. אגעוו, ווען זײַנע געהילפן האָבן אים באגעגנט אין אעראָפּאָרט, האָט ער זיך אָנגעפרעגט, צי אין טשיקאגאָ ארבעטן די אנשטאלטן, איז דער ענטפער געווען אזא: „די שטאָט, וואָס ארבעט" (מע רופט אזוי טשיקאגאָ), ארבעט ניט...

איך, פון מײַן זײַט, פארשטיי ניט די בעהאָלע מיטן טומל, וואָס דער שניי־פאל האָט ארויסגערופן בא די אמעריקאנער. א גאנץ סימפּאטיש שנייעלע. וואָס דען ווילט איר, ס׳זאָל זײַן ווינטער און אונטער אײַערע פיס זאָלן ריזלען וואָרעמע ריטשקעלעך? א ביסל ווײַטער פונעם אעראָפּאָרט, אין די ערטער, ווו די אוטאָמאָבילן און פוסגייער האָבן נאָך ניט באוויזן פארוואנדלען דעם שניי אין א ברודנער קאשע, ליגט ער ווײַס און זויבער, א מעכײַע צו קוקן. דאָס ווינטעלע הייבט אוף איבער אים א רויכל, און סע ווייעט מיט פרישקײַט. ווען מיר פאָרן ארײַן אין שטאָט, גיט זיך מיר גלײַך איבער איר גוטהארציקע שטילקײַט און עפּעס א באַזונדערע פײַערלעכקײַט אין איר געמיט־צושטאנד.

מיר שטעלן זיך אָפּ באם מאָטעל „שעראטאָן הילטאָן" — דאָ וועלן מיר וווינען. ארײַנקומענדיק אין ליכטיקן, געראמען צימער, זאָג איך צו דזשעקן:

— אדעראבע, לאָמיר שמועסן וועגן דזשויִש סאבדזשעקטס (ייִדישע פראגן)...

23. די ייִדישע פראגן אין טשיקאגאָ

אין טשיקאגאָ זײַנען די ייִדישע פראגן פונקט אזוי אבסורדאל, ווי אין די אנדערע גרויסע אמעריקאנער שטעט. איר ווילט ייִדן? אָט האָט איר גאנצע 275.000 אונטער איין „דאך". איר פרעגט זיך אָן אף ייִדישקײַט? ווײַזן מיר אײַך סינאגאָגעס, טעמפּלען, יעשיוועס, שילדן מיט כשר, כשר, כשר... וואָס ווילט איר נאָך? ייִדישע קולטור? א ייִדישע בלאט? טעאטער? דאָס ניט. איר דארפט פארשטיין, אז די עמיגראנטישע דוירעס זײַנען שוין ניט קיין דייעזאָגער, עס האָט גאנץ פײַן אן ארבעט געטאָן דער שמעלץ־טאָפּ, און האָדי, אן עק, זײַט ניט קיין אקשאָנים. יאָ, נאָר פארוואָס שטייט נאָך אלץ אזא שטארקער טומל אף דער ייִדישער גאס? קומען מיר דאָ צום אבסורד.

זײַט זיך מאטריִעך, מאכט צו די אויגן, און זאָל זיך אײַך אויסדוכטן, אז א גרויסע מאסע מענטשן נעמט זיך דורכלייגן א וועג. סע זײַנען פאראן צוליב דעם פארשיידענע מאכשירים, די מענטשן זײַנען פאנאנדערגעטיילט אין מאכנעס, אייניקע ארבעטן שוין. נאָר מע קריגט זיך. געוויסע זאָגן, אז דער וועג דארף פירן פונדאנען אהין, אנדערע — פון דאָרטן אהער. פאראן אויך אזעלכע, וואָס טײַנען: פונוואנען איז גע־

דרונגען, אז א וועג מוז ערגעץ פירן? ער מעג זיך דרייען ארום זיך. קומען נאָך מעווינים און זאָגן, אז דער גלײַכסטער וועג פירט אין דער טיף, אין דער אדאָמע. קריגט מען זיך. און עס שטייט א ראַש מיט א טומל. דערווײַל גייט דורך א צײַט און — גאָטעניו הארציקער, וואָס האָסטו אזוינס אָפּגעטאָן? דער וועג, די קאַלערליי מאכשירים, די גרעבער און אנדערע ארבעטאָרער זײַנען פארשוווּנדן, און פארבליבן איז דער טומל, עפשער אפילע א שטארקערער, איידער דאַן, ווען מע האָט נאָך עפּעס־וואָס דאָ געטאָן. די אויערן ווערן מאמעש פארשטאָפּט פונעם טאראראם, וואָס לאָזט ניט אָפּ און הערט ניט אויף. און באַ דער ארבעט טוט זיך גאָרניט. די שווערע געלטער, וואָס דארפן גיין אף בויען דעם וועג, ברענען, ווי שטרוי, אין די אייוועלעך אף צו אונטערוואַרעמען דעם קוראַזש.

אָט אזא איז דאָס בילד, וויאזוי מע לייזט די יידישע פראַגן אין אמעריקע, בעסויכעם אין ניו־יאָרק, לאָס־אנדזשעלעס, טשיקאַגאָ, און אוואדע אויך אין אלע אנדערע מעכטיקע, אולטרא־מאָדערנע, גוואלדיק הויכע, בליציק־גלאַנציקע, קאָפּפארדרייענדיקע שטעט אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון אמעריקע.

ביכלאל פארנעמט מען זיך דאָ גערן מיטן יידישן לעבן אײַנדערפרעמד. אָבער ווען עס מאכט זיך א פּאַסירונג, וואָס דערמאָנט אין אן אייגענער יידישער פראַגע, ווערט עס אן איניען פאר קליין און גרויס, מע לייגט ארײַן אין דעם דאָס גאַנצע הארץ.

טשיקאַגאָ איז ניט לאַנג צוריק פול געוועזן מיט „סקאָקי".

סקאָקי — א ברייטפארנעמיקער ראַנד־ראַיאָן פון טשיקאַגאָ — איז, ווי מע זאָגט, „א יידיש שטעטל". פון 70 טויזנט אײַנוווינער זײַנען 40 טויזנט — יידן. א 6־7 טויזנט פון זיי זײַנען מילכאָמע־פּליטים, ניצל געוואָרענע פון די טויט־לאַגערן, דאָס הייסט אזעלכע, וואָס וויסן דעם טאַם פונעם נאציזם לויט דער אייגענער דערפארונג.

און די דאָזיקע יידיש באוווינטע פארשטאָט האָט דער אמעריקאנער נעאָנאציזם אויסגעקליבן אלס פּלאַץ פאר א מארש פון זײַנע שטורמאָוויקעס!

דער קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט קעגן דער פאשיסטישער כוצפע, האָט געוואָרפן א העלע שײַן אף דער „יידישער פראַגע". פון איין זײַט, האָבן זיך געפונען אינעם יידישן „עסטאַבליש־מענט" אזעלכע ליבעראַלן, וועלכע האָבן גערופן ניט רייצן די כײַע מיט קאָנטער־דעמאָנסטראַציעס. איינער אן אדוואָקאַט, א ייִד, זײַן נאָמען איז דייוויד גאָלדבערגער, האָט זיך אפילע אָנגענומען די קריוודע פון די באאוולטע נאציס און געפאָדערט אין געריכט, מע זאָל זיי ניט בארויבן פון זייערע ציווילע רעכט. ווען מע האָט אים געפרעגט, צי מע דארף דערלויבן די פאשיסטן צו מארשירן, אפילע אויב זיי וועלן טראָגן פּלאַקאַטן „הארגע יידן", האָט ער געענטפערט, אז יאָ, דאָס איז אין העסקעם מיט דעם אמעריקאנער פּרינציפּ וועגן פרײַהײַט פון וואָרט...

פון דער צווייטער זײַט, האָט דאָס אמעריקאנער פאָלק, ווי א גאַנצעס, ארויסגעוויזן אין אָט דעם עפּיזאָד זײַן געזונטן כאראַקטער. די עטנישע גרופּעס אין סקאָקי און אין גאַנץ טשיקאַגאָ, די פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, די קאָמוניסטן האָבן „אויסגעדרייט די הענט" באַ די כוליגאַנעס. אין דער צײַטונג „טשיקאַגאָ סאַן־טײַמס" האָט זיך באוויזן א פאָטאָגראַפיע: אפן פּאַן פון א גרויסער צאָל שטורמיש געשטימטע דעמאָנסטראַנטן שטייט א יונגער נעגער. איין האַנט זײַנע איז אופגעהויבן איבערן קאָפּ, צוויפגעדריקט אין א פויסט, און די צווייטע האַנט באווײַזט א פּלאַקאַט מיטן אופשריפט: „6 מיליאָן יידן — מער ניט!". ווען דער אטאַמאַן פון די נאציס פראַנק קאָלינס האָט זיך צערעדט פאר זײַנע לײַט אין מארקעט פּאַרק, אז, הייסט עס, ס'אַרט אים ניט, וואָס יידן זײַנען געטויט געוואָרן דערפאר, וואָס זיי זײַנען יידן, פארקערט, עס איז א שאָד, וואָס אזויפיל יידן זײַנען געבליבן לעבן, — האָט אים געענטפערט אין ראַדזשערס פּאַרק דער נעגערישער פירער דזשעסי דזשעקסאָן: „מיר וועלן ניט דערלאָזן קיין אנטיסעמיטישן נאצי־מאַרש אין סקאָקי! די פראַגע שטייט איצט אזוי: צי זאָלן מיר זיך פאַרייניקן, אָדער מיר זאָלן ארײַנפאלן אין א פּאַניק און אָפּטרעטן דאָס פּעלד פאר די נאציס"...

דאָ דארף געזאָגט ווערן, אז די צוויי „פּאַרקן" אין טשיקאַגאָ פּאַרקערפּערן צוויי סאָציאַלע סוויוועס. מארקעט פּאַרק איז ניט נאָר א ווײַסע („נעגער־ריינע") געגנט, נאָר, דעריקער, א פּעטע, אן אָנגעפּרעסענע, א שאָוויניסטישע געגנט. צוויי „פּאַרקן", צוויי טשיקאַגאָס, צוויי וועלטן. ווען דער פּראָגרעסיווער נעגער דזשעסי דזשעקסאָן האָט אויסגערופן: „די פראַגע שטייט אזוי"..., האָט ער אין דער „פראַגע" ארײַנגערעכנט אלע „יידישע פראַגן", וועלכע דער ייד דייוויד גאָלדבערגער איזאָלירט פון דעם פרײַהײַט־קאַמף פונעם אמעריקאנער פאָלק און גיט זיי אָפּ אף צו דערלייזן דעם נעאָנאציזם.

...ס'איז שוין דורכגעגאַן א געוויסע צײַט נאָך יענעם אופברויז ארום סקאָקי. איצט איז דאָ שטיל. איך באקוק די געגנט, און — צי דער שנײַ האָט אלץ צוגעדעקט, צי „די צײַט האָט פארהיילט די וווּנדן", נאָר אף די גאַסן אין סקאָקי פילט זיך שוין ניט, אז עס זײַנען פאַראַן יידישע פראַגן אין טשיקאַגאָ. מיר פאָרן פארבײַ א ראַבאַישן טעמפּל, און אף זײַן פראָנטאָן זע איך א

פלאקאט, וואָס איז אָנגעצויגן פון פענצטער צו פענצטער: „סייוו סאָוויעט דזשוז!” — ראַטעוועט די סאָוועטישע ייִדן. דזשעק קלינג לייגט פאָר אין א שפאס: לאָמיר ארופקריכן און איבערמאכן איין וואָרט, וועט דער פלאקאט זײַן א ריכטיקער — „סייוו סקאָקי דזשוז”...

מיר שטייען א רגע באַם טעמפל מיט פאַריסענע קעפ. א פארבײַגייער האָט עס באמערקט, און, ווארפנדיק אויך א קוק צום פלאקאט, טוט ער א זאָג: „א רעפוע צו ייִדישע צאָרעס באַ זיך אין אמעריקע — ראַטעווען ייִדן באַ זיי אין רוסלאנד”...

אומקערנדיק זיך אהיים, מײַדן מיר ניט אויס דעם דזשויִש קאָמיוניטי סענטער — א גוט באַצאָלטן אנשטאלט אף אײַנצוהאלטן די ייִדן, באַזונדערס יונגעלײַט, אין א רעליגיעז־נאַציאָנאַליסטישער סוויווע. פאַראן דאָ, צווישן אנדערס, א באסיין, אין וועלכן מע שווימט אויסגעשפּראָכן אפן ייִדישן סיידער — מיט די ציצעס אפן וואסער און אין יארמלקעס אָנשטאָט גומענע היטעלעך...

(טאקע אפן יארמלקע־פראָנט האָט דאָס „טשיקאגער נאַציאָנאַלע ייִדנטום” אָפגעהאלטן פונקט אין אָט די טעג א בעעמעס היסטאָרישן ניצאָכן. ס׳איז געשען אזא געשיכטע. צוויי אָרטאָדאָקסישע ייִדן זײַנען געקומען אין געריכט, און די אָרדענונגס־אופזעער — מע רופט זיי אין אמעריקע באשיידן „מארשאלן” — האָבן געהייסן, נאָכפאָלגנדיק די פּראָצעדור, אראָפנעמען די יארמלקעס. דאָס האָט ארויסגערופן א ספּעציעלע געריכט־באהאנדלונג, און אין רעזולטאט פון אן ענערגישער קאמפאניע פונעם אמעריקאנער ייִדישן קאָנגרעס האָט דער פעדעראַלער ריכטער הירבערט ל. וויס — איך רוף אָן זײַן פולן נאָמען, קעדיי די קומענדיקע היסטאָריקער פונעם ייִדישן פאָלק זאָלן אים אָפגעבן זײַן פארדינט אָרט, — דער פעדעראלער ריכטער פון טשיקאגאָ הירבערט ל. וויס האָט געפּאסקנט, אז יארמלקעס מעג מען אין געריכט האלטן אפן קאָפּ, ניט אין די הענט).

ווער זאָגט, אז אין טשיקאגאָ פארנעמט מען זיך ניט מיט ייִדישע פראגן!

פארשטייט זיך, ס׳זײַנען שוין ניטאָ יענע צײַטן, ווען א ייִד אין טשיקאגאָ פלעגט נאָך א טאָג ארבעט אין סוועטשאפּ זיך ארײַנכאפּן אין גליקמאנס טעאטער אף בליו איילאנד עוועניו, אָדער אין א צווייטן אף מעקסוועל סטריט, און, אומקערנדיק זיך אהיים, פארן שלאָף, ארײַנקוקן אין איינער פון די דרײַ, און אָפט אין אלע דרײַ מיטאמאָל טשיקאגער טעגלעכע ייִדישע בלעטער, וועלכע האָבן זיך גערופן, ווי עס פירט זיך — „דער ייִדישער קוריער”, „די טעגלעכע ייִדישע פרעסע”, „דער טעגלעכער ייִדישער קאָל”... ניין, מע זעט שוין ניט ארומשטורמעווען אין לופט — דעם שטאָט־ראַיאָן, ווו ס׳דרייען זיך איבערן קאָפּ פון דעם צוגעווויינטן אוילעם די הויך־באנען און ווו דער אוילעם אליין דרייט זיך ארום איבער די פילצאָליקע טשיקאגער געשעפטן, — מע זעט דאָ שוין ניט דעם דעמלט נאָך יונגן פאטעטיש דערהויבענעם קאַלמען מארמאָר, דעם ברייט געבילדעטן אין הילכעס מארקסיזם ייִסראָעל־בער ביילין, דעם ייִדישן אנארכיסט וויליאם נאטאנזאָן, דעם סטאָליער־יונג — שפּעטער א גרויסער ייִדישער קאָמפּאָזיטאָר — יאנקעוו שייפער. ניין, לאָמיר איצט אײַנשטילן די אמביציִעס, ס׳איז שוין אן אנדער „טשיקאגער נאַציאָנאַל ייִדנטום”, אָבער איר מעגט אײַך זאָגן וואָס איר ווילט, נאָר ס׳האָט זיך פאָרט ניט אײַנגעגעבן די בייזע מארשאלן אראָפּצונעמען די יארמלקעס באַ צוויי אָרטאָדאָקסישע ייִדן!

און אויב ס׳איז אײַך קארג, קאָן מען צוגעבן נאָך א היסטאָרישע דערגרייכונג. ניט לאנג צוריק האָט זיך געקאָכט ארום דעם בוך פונעם פּראָפעסאָר פון טשיקאגער נאָרטוועסטערן־אוניווערסיטעט ארטור באָלץ — א בוך וועגן דעם „ליגן פון די זעקס מיליאָן”. (דעם פּראָפעסאָרס געביט איז עלעקטראָ־אינזשעניריע, נאָר ווי איר זעט, איז אים ניט פרעמד אויך די געשיכטע, וויִאזוי כיטרע ייִדן אין די אונטערגעפאלענע אונטער היטלערס אָקופּאציע לענדער האָבן זיך געמאכט פאר געטויטע, אין דער צײַט, ווען זיי לעבן אלע נאָך איצט). איז אָט: ארויסגעגעבן דעם בוך האָט ארטור באָלץ ניט אין טשיקאגאָ, און ניט ביכלאל אין אמעריקע, נאָר ערגעץ אין ענגלאנד, און זאָל אים דאָרט כאפּן דאָס קאדאָכעס מיט זײַן טיפשעס־אינזשעניריִע... אבי דער בוך איז ניט דערשינען אין טשיקאגאָ!

24. דזשעק קלינגס טשיקאגאָ

לאָמיר, טײַערע לייענער, וואָס גיכער זיך אָפּקערעווען פון אָט דעם אומגעלומפערטן „נאַציאָנאלן ייִדנטום”, פון די שוין אינגאנצן אויסגעשעפּטע „אָפּגעהיטע ייִדן”. עפּשער לוינט בלויז איבערלאָזן אין זיקאָרן, אז טאקע זיי שרײַען אין אלע גאסן, אז מיר זײַנען ניט קיין עמעסע ייִדן, נאָך מער, מיר זײַנען, ראכמאָנע ליצלאן, סוינע ייִסראָעל, אנטיסעמיטן און וואָס נאָר ניט.

לאָמיר זיך אומקערן צו דזשעק קלינגס טשיקאגאָ. אין אָט דעם שטארקן שייוועט זע איך ניט בלויז קאָמוניסטן. בעסער איז צו זאָגן, אז דאָ זאמלט זיך אוף דער טעטיקער אָפּטימיסטישער קויעך אינעם פּראָגרעסיוון ייִדישן ייִשעוו פון דער שטאָט.

ווען איך בין אָקערשט געקומען קיין טשי־
קאַגאָ און מע האָט מיר דערציילט די מײַסע־
סקאָקי, האָט אין דער דערציילונג עטלעכע מאָל
זיך איבערגעכאַזערט דער נאָמען פונעם באַ־
ווּוסטן אַדוואָקאַט אירווינג סטיינבערג. באַזונ־
דערס איז געלויבט געוואָרן זײַנע אַן אַרויס־
טרעטונג אַף אַ פּראָטעסט־מיטינג, ווו ער האָט
אָנגעוויזן אַף דער געפאַר פון פאַסיוקײַט. אירו־
ווינג סטיינבערג, האָט מען מיר געזאָגט, איז אַ
מוטיקער קעמפער פאַר גערעכטיקײַט. דערפאַר
איז מיר געווען אָנגענעם, ווען כ׳האָב זיך דער־
ווּוסט, אַז ער וועט זײַן פאָרזיצער פון דער באַ־
געגעניש מיט מיר, וועלכע ווערט אײַנגעאָרדנט
אין פּאַלמאַ־האָטעל.

דאָרט, אין דעם פּרעכטיקן זאַל, האָט זיך
פאַרזאַמלט דזשעק קלינגס טשיקאַגאָ: סײַ דער
עלטערער אין די יאָרן יידישער אוילעם, וועמענס בונד מיט אונדזער מאַמעלאַשן האָט אויס־
געשפּראָכענע, כוץ ליטעראַריש־קולטורעלע,
אויך געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פונקציעס, סײַ אַ גרויסע צאָל געזונטע, שפּרודלדיקע
יונגעלײַט. עס זײַנען געקומען הערן דעם גרוס
פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד, צוזאַמען מיט זייערע
יידישע כאַווײרים, אויך ניט־יידן — שוואַרצע
און ווײַסע אַמעריקאַנער. צוליב זיי האָט מיט
גלאַנץ געפירט די איבערזעצונג דזשאָזעף (יויסעף־לייב) עלביין.

(דאָס איז דער זעלבער עלביין, מיט וועלכן
כ׳האָב זיך באַגעגנט אין טשיקאַגאָ מיט פופצן
יאָר צוריק! דאַן, אין אַ רעגנדיקן טאָג, ווען
מ׳האָט אין אַמעריקע דערשאָסן דעם מעלוכע־
פּרעזידענט, איז מיר פאָרגעשטאַנען אַן עפנטלעכער שמועס מיטן פּאָליטישן קאָמענטאַטאָר
פּריס באַ אַ טראַנסליאַציע דורך דער ראַדיאָ־
סטאַנציע „דאַבליו־בי־בי־עס". אין מײַן טאָגבוך פון יענער צײַט איז פאַרשריבן: „באַ אַ
ראָג האָט געוואַרט אַף אונדזער מאַשין אײנער
פון די מילכאָמע־וועטעראַנען דזשאָזעף (יויסעף־לייב) עלביין. ער וועט זײַן מײַן איבער־
זעצער. עלביין איז אַ געוועזענער פּראָגרעסי־
ווער טוער. ער איז אָפּגעגאַנגען פון דער באַ־
וועגונג, אָבער ניט צעקריגט זיך מיט איר.
נעכטן האָט ער מיר איבערגעגעבן דעם קסאָוויאַד פון זײַנער אַ ליד „געדאַנקען וועגן הײַנטיקן לעבן פון יידן אין אַמעריקע". פאַרשטייט
זיך, דאָס איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע דיכ־
טונג, אָבער מיר זאָגט די ליד זייער פיל. „מע
זיצט דאָ גאַנצע נעכט און מע קלערט, ווי דרייט
מען אויס די וועלט פאַרקערט, ווי רוקט מען
דאָרט צוריק דעם זייגער"...).

העלאָ, דזשאָ! זײַנט איר, הייסט עס, נאָך אַלץ
אַ געוועזענער פּראָגרעסיווער טוער? פאַר פופצן
יאָר האָט מען זיך, גלייב איך, גוט אָפּגערוט,
און מע קאָן זיך נעמען נאָכאַמאָל פאַר דער
אַרבעט. נו, שרעקט אײַך ניט. איבערזעצן אין
אַזאַ זאַל די רייד פון אַ סאָוועטישן ייד איז ניט
שווער, דער אוילעם איז אַ פאַרשטאַנדיקער.
כאָטש...

דזשעק קלינג שעפּטשעט מיר אַפּן אויער, איך
זאָל קוקן אַף רעכטס — אַהין, אין סאַמע רעכטן
ווינקל פון די לעצטע רייען בענקלעך. דאָרט
זיצן אַ צען־פופצן בויאַנעס פון דער "דזשויש
דעפענס ליג".

— פונוואַנען ווייסטו?

— מיר ווייסן אין זאַל אַלעמען.

— פאַרוואָס זשע האָט איר אַרײַנגעלאָזט די
בויאַנעס?

— זאָלן זיי אויך הערן. בויאַנעס זײַנען קיין
מענטשן ניט?

— וועלן זיי דאָך בויאַנעווען!

— וועלן מיר זיי העלפן עפענען די טיר.

און שטעלט אײַך פאָר: די בויאַנעס האָבן
ביסלעכווײַז פאַרגעסן, ווער זיי זײַנען און צוליב וואָס מע האָט זיי אַהער געשיקט. זיי זײַנען געזעסן און געהערט, ביז ס׳איז אַרײַנגעקומען עפּעס אַ פרוי און זיי אַרויסגערופן פון
זאַל.

יאָ, אינעם זאַל, אין די צענדליקער רייען,
זײַנען געזעסן פרײַנט, ווי אויך אַזעלכע, וואָס
דערווידערן קעגן אונדזערע אַרגומענטן, נאָר
ווילן אויסהערן, וואָס מיר זאָגן. אָט דאָס איז
אירווינג סאַלק, אַ באַנקיר. ער איז אַקטיוו אין
דער שאָלעם־באַוועגונג. און דאָס איז גיציס,
מוישע גיציס, דער אַלטער יידישער שרײַבער,
עס ווערט אים פונקט האַיאָר פינף און אַכציק
יאָר, ביז הונדערט און צוואַנציק. אין איבערײַס
שמועסן מיר.

— מאַניע, — זאָגט ער צו זײַן פרוי, —
פאַרענטפער זיך פאַר ווערגעליסן, פאַרוואָס מיר
דרוקן זיך אויך הײַנט אין זשורנאַל „יידישע
קולטור", כאָטש ער איז געוואָרן אַן אַנטיסאָ־
וועטישער...

— איך ווייס עס אַליין, — לאָז איך ניט מאַ־
ניען צו פאַרענטפערן די באַדויערנדיקע שוואַכקײַט. — איר ווילט זאָגן, טײַערער מוישע, אַז
ערגעץ אַנדערש ווו צו דרוקן אײַערע ווערק
האָט איר ניט...

און אין זיקאָרן באַ מיר לויכטן זיך אויס
עטלעכע שורעס, וואָס עס פאַרשרײַבט אין זײַן
טאָגבוך דער העלד פון גיציסעס אַ ראָמאַן —
דער יידישער שרײַבער באַראַש, אַ פאַרשוין אָן
אַ פעסטן ווילן און אָן אַ קלאָרן ציל. „אָ, אָדעם,
אָדעם!. — פאַרצייכנט אין זײַן טאָגבוך מיט אַ
סענטימענטאַלן קרעכץ דער פערסאָנאַזש, דער
שרײַבער, — פאַרוואָס האָסטו מיך ניט געלאָזט
אויסברענען, ווי אַן אָנגעצונדענע ראַקעט, און
באַלויכטן מײַן הימל מיט אויסגעכאַלעמטע

שטערן? פּרוּוואָס האָסטו געלאָזט אונדזערע נע־
שאָמעס וויגן זיך אין ווינט פון צעפּלאַקערטן
כאַאָס?"

עס האָט קיין זין ניט אָט דאָ, אינעם ווײַט ניט
כאַאָטישן זאַל פון אונדזער באַגעגעניש, צו
באַהאַנדלען מיט גיציסן די סיבעס פונעם איי־
דיישן כאַאָס, וועלכער הערשט איצט אין דער
ייִדישער ליטעראַטור פון אַמעריקע. קלאָר איז
אָבער, אַז ניט דעם אַבסטראַקטן מענטשן — אַ,
אָדעם, אָדעם! — דאַרף מען פאַרגעבן די האַרבע
שײַלע. קוידעמקאָל איז בײַטיק, אַז די שוין ווײַ־
ניק פאַרבליבענע באַם שרײַבטיש פּראָגרעסיווע
ייִדישע שריפטשטעלער זאָלן גיוועור זײַן אין
זיך דעם שלאָף, וואָס האָט זיי באַפאַלן אין די
לעצטע יאָרן, און זיי זאָלן פעסט און קלאָר
אוועקשטעלן צוריק אויף איר אָרט די ליטעראַ־
טור, און מיכוץ איר, אָפּגעווײַטערט פון איר
שוועל, אַרויסשטעלן די פאַרדאַרבערס, די אויס־
געליידיקטע נעשאָמעס, די פּאָליטישע זוינעס,
וועלכע באַמיִען זיך איצט אַרויסשווימען צו
דעם ברייטן אוילעם, אויב ניט אין אַ שעפעריש
שיפל, איז כאָטש אויף אַ שמוציקער אַנטיסאָוועט־
טישער און אַנטיקאָמוניסטישער כוואַליע.

אין זאַל איז די שטימונג אַ געהויבענע. בע־
שאַס איך ענטפער אויף די פּילצאָליקע פראַגן,
הייבט זיך אויף אַ יונגער נעגער, און, פאַרגעג־
דיק מיר וועגן עפּעס, פאַרופט ער זיך אויף אַ
שטעל אין מײַן בוך „אויף דער ייִדישער גאַס",
וועלכן ס'האָט אַרויסגעלאָזט מיט עטלעכע יאָר
צוריק, אין ענגלישער איבערזעצונג, דער
פאַרלאַג פון דער מאָסקווער נײַס־אַגענץ „נאָוואָ־
סטי". עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז די אָרגאַניזאַ־
טאָרן פונעם אָוונט האָבן הײַנט פאַרקויפט דעם
בוך באַם אַרײַנגאַנג אין פּאַלמאַ־האָטעל, און
דזשעק קלינג זאָגט מיר וועגן דעם אַזוי:

— אַלע עקזעמפּליאַרן, וואָס מיר האָבן גע־
האַט, זײַנען אויסגעפאַרקויפט. איצט שרײַב אַ
נײַעם בוך.

פאָרזעצונג קומט

טעאַטער און עסטראַדע

סאָפיע סײַטאַנס פאָרלעזונגען אין טשערנאָוויץ

דער לאורעאַט פונעם אַלפאַר־
באַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־
אַרטיסטן סאָפיע סײַטאַן האָט בייס
דער גאַסטראָל־רײַזע איבער די
שטעט פון אוקראַאינע געגעבן צוויי
קאָנצערטן אין טשערנאָוויץ. אפן
ערשטן אָוונטן האָט זי פאַרגע־
לייענט איר קאָמפּאָזיציע פון גיו
דע מאָפּאַסאַנס ווערק „לעבן". דער
צווייטער קאָנצערט איז געווען
געווידמעט דער הײַנטצײַטיקער
ייִדישער פּאָעזיע. די אַרטיסטקע
האָט פאַרגעלייענט ווערק פון אײַ־
ציק פעפער, לייב קוויטקאָ, שיקע
דריז, אַרן ווערגעליס, אווראָם
גאָנטאַר און אַנד.

ביידע אָוונטן זײַנען דורכגעגאַנ־
גען באַ פולגעפּאַקטע זאַלן און
האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג באַ
די צושויער.

א נײַע גאַסטראָל־רײַזע פונעם מאָסקווער דראַמאַטישן אַנסאַמבל

דער מאָסקווער ייִדישער דראַ־
מאַטישער אַנסאַמבל האָט לעצטנס
פאַרגענומען אַ נײַע גאַסטראָל־
רײַזע, דאָס מאָל — איבער אַ ריי
שטעט פון אוקראַאינע. דער טעאַ־
טער־קאָלעקטיוו האָט אין טשער־
נאָוויץ, כמעלניצקי, קאַמענעץ־פּאָ־
דאָלסק און סלאַוווטע באַוויזן
פופצן ספּעקטאַקלען. אַ פאַרדינטן
דערפאָלג האָט אין די שטעט גע־
האַט די פאַרשטעלונג פון מוישע
גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָ־
פּאָליער".

אַרויסטרעטונגען פונעם ווילנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער

אין מעשעך פון אַ כוידעש צײַט
האָבן באַוויזן זייער קונסט אין
דער הויפּטשטאָט פון דער ליטווי־
שער סאָוועטן־רעפּובליק און אויף
די עסטראַדע־בינעס פון אַ ריי
קוראָרט־שטעט די שעפערישע קאָ־
לעקטיוון פונעם ווילנער פאָלקס־
טעאַטער.

אין פּאַלאַנגע און אין דרוסקי־
נינקאַי האָט דער וואָקאַליש־אינ־
סטרומענטאַלער אַנסאַמבל פון דער
ייִדישער עסטראַדע־ליד אופגע־
פירט זײַן נײַע קאָנצערט־פּראָג־
ראַם פון מוזיק און געזאַנג.

דער דראַמאַטישער קאָלעקטיוו
האָט באַוויזן דעם ערשטן אַקט פון
„200.000" (לויט שאָלעם־אַלייכע־
מען) און אַ פראַגמענט פון מענ־
דעלע מויכער־ספאָרימס „מאַסאָעס
בינימין האַשלישי".

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

צום דערשײַנען פונעם 200־סטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד“

צוויי הונדערט בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד“ — ווי גרויסמאַסשטאַביק און פאַרכאַפּנדיק איז אָט די דערגרייכונג פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור! ס׳וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין די 200 בענדער איז צונויפגעזאַמלט אַלדאָס מאַמאָשעסדיקס, וואָס עס ברענגט איצט מיט זיך אין אַ קינסטלערישער פאָרם דאָס ייִדישע וואָרט.

צוויי הונדערט הויך קינסטלערישע, אידייִשע אָפּגעהיטע, עכט פּראָפעסיאָנעלע אין שרײַבערישן פּראַט, פּרעכטיק אַרויסגעגעבענע לויט די פּאָליגראַפישע סטאַנדאַרטן ביכער־זאַמלונגען. אַ צווייהונדערטבענדיק קאָלעקטיוו ווערק פון דער שעפערישער מישפּאָכע ייִדישע בעלעטריסטן, דיכטער, ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, קונסטקענער, פּובליציסטן, לינגוויסטן, וועלכע לעבן און שאַפן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

דאָס באַטײַט, קוידעמקאָל, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אַ לעבנסנוצלעכע און איר שעפערישער צענטער איז מאָסקווע — דאָס סאָוועטישע סאָציאַליסטישע לאַנד. אין יעסאָד פון זייער שאַפונג האָבן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער אוועקגעלייגט די הײַנטצײַטיקע טעמאַטיק, ניט אָפּצוימענדיק זי מיט נאַציאָנאַלע ווענטלעך, ניט פאַרפעסטנדיק די לופט אין איר מיטן אַטאָבעכאַרטאָנו־טשאַד, זײַענדיק טרײַ דעם פּרינציפּ, אַז בלויז די וועגן פון פּראָגרעס, סאָציאַלן יוישער, פעלקער־פרײַנטשאַפט פירן צו העמשעך.

ביז גאָר באַלערעוודיק איז די סטאַטיסטיק פון די זשאַנרען און פון די פאַרעפנטלעכטע ווערק, וואָס די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ טיילט מיט דעם לייענער אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פונעם צווייהונדערטסטן נומער פון דעם זשורנאַל. אין שײַן פון אָט די ציפערן זעט מען באַשײַמפּערלעך דעם הײַנטיקן מאַצעוו פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

ווען אַף דער בורזשואַז־בירגערלעכער זײַט וואָלט נאָך פאַרבליבן כאָטש אַ וועלכע־ניט־איז פאַראַנטוואָרטלעכע ליטעראַטור־קריטיק, וואָלט זי אופגעקלערט די סיבע, פאַרוואָס עס איז פאַרשטאָפּט געוואָרן דער קוואַל אַפילע בא די פייִקע בורזשואַזע ייִדישע שרײַבער און פאַרוואָס די אידייענלאָזיקײַט, די טעמאַטישע אויסגעליידיקטקײַט, די אָפּוועזנהײַט פון פּערספּעקטיוו קומט אויס צו „קאָמפּענסירן“ מיט אָוואַר־סטיליזאַציעס און מיט דער פּאַטשקערײַ פון אידייִשע דעזערטירן.

ווי באַוווסטזיניקע דעזינפאָרמאַציע זעט אויס די אויגנפאַרבלענדערישע בוך־סטאַטיסטיק, וועלכע עס פּובליקירן אַף צו באַרויִקן דעם אוילעם די ייִדישע קולטור־פּראָפּאַגאַנדיסטישע קערפּערשאַפטן אין די מײַרעוו־לענדער. אויב אורטיילן לויט זייערע אָנגאַבן, גייען, דאַכט זיך, אַרויס בא זיי ניט ווייניק ייִדישע ביכער, מערער, פאַרשטייט זיך, איידער אין סאָוועטנפאַרבאַנד, אָבער ווען מע וויל נעמען די ביכער אין האַנט, קעדיי לייענען אַ נײַעם הײַנטצײַטיקן ראָמאַן, אַ לידער־זאַמלונג, באַהויכט פון דער פּראָבלעמען־וועלט און פון די ריטמען פון אונדזער צײַט, — דאַן ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַזעלכע ביכער זײַנען שוין אין דער בירגערלעכער ייִדישער ליטעראַטור קימאַט ניטאָ, די פאַרעפנטלעכטע ציפערן זײַנען ליגנערישע, ווײַל צו קינסטלערישער ליטעראַטור האָבן די מערהײַט ביכער, אָנגערופענע אין דער „סטאַטיסטיק“, קיין שײַכעס ניט — ס׳איז אָדער רעליגיִעזע ליטעראַטור, אָדער ייִזקער־ביכער, אָדער איבערדרוקונגען פון אַלטע שאַפונגען, אָדער גראַפאָמאַניִע, אַרויסגעגעבן פון „אַליינעניו“, אָדער אַנטיסאָוועטישע צײַן־קריצערײַ.

דאַקעגן, אין סאָוועטנפאַרבאַנד זײַנען, אויסער די עטלעכע צענדליק עכט נײַע, זויבער אָפּגעקליבענע, זאָרגפעליק צוגעגרייטע פּערסאָנעלע ביכער פון פאַרשיידענע שרײַבער, איבערגעגעבן געוואָרן דעם לייענער צוויי הונדערט בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד“ — אַן אויצער פון ייִדישער ליטעראַטור און קולטור־שעפערישקײַט.

אונדזער סטאַטיסטיק אַרום די 200 בענדער איז אַ קלאָרע און עמעסדיקע. 52 ראָמאַנען, 68 גרעסערע דערציילונגען און 1002 דערציילונגען און נאָוועלן, 61 פּאָעמעס, 5344 לידער, 25 פּיעסן, 401 דאָקומענטאַלע פאַרצייכענונג, 1059 קריטישע אַרבעטן, 271 פּובליציסטישע אַרטיקלען (אין אייניקע פאַלן פאַרייניקן מיר דאָ די ציפערן פון נאָענטע צווישן זיך סובזשאַנרען). דאָס איז בלויז אַ טייל פון דער סטאַטיסטיק, וועלכע מיר ברענגען דאָ, ווײַל די דאָזיקע ציפערן דערציילן וועגן אָריגינעלע שאַפונגען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אין די הויפּטזשאַנרען. די לייענער וועלן זיכער מיט דער גרעסטער אופמערקזאַמקײַט אופנעמען דאָס גאַנצע בילד פון די 200 נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָס ווערט געבראַכט אין הײַנטיקן נומער.

צו די ספּעקוליאַנטן אין די אויסלאַנדס אַרום ייִדישער קולטור זאָגן מיר: ווען איר וואָגט אופצועפענען די מײַלער, קעדיי ריידן מיט העפקייִרעס וועגן דעם צושטאַנד פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור און בעמיילע וועגן דער קולטור־בויונג אין אונדזער לאַנד, זאָלט איר געדענקען, אַז מיר, סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, זײַנען גרייט אין דעם פאַרמעסט מיט אײַך אוועקלייגן אַפן טיש די 200 בענדער, פאַרפולטע מיט אונדזערע ווערק, וועלכע זײַנען דערגאַנגען צו די ברייטסטע לייענער־מאַסן, אײַנגעשלאָסן די ייִדישע לייענער פון אײַערע לענדער, און באַלד וועלן מיר אַ פאָדער טאָן בא אײַך:

— וואָס נאָך, אויסער רעכילעס־פּלוידערײַ, האָט איר „בײַגעטראָגן“ צו דער ייִדישער ליטעראַטור? אַנו, באַווײַזט!

צו אַשער שוואַרצמאַנס 90־יאָריקן געבורטסטאָג



1



2

1. אַשער שוואַרצמאַן אין 1907.
2. פאַקסימילע פון אַשער שוואַרצמאַנס ליד „אלע טאָג פון זונען־אופגאנג".
3. אַשער שוואַרצמאַן (דער צווייטער פון רעכטס) מיט זײַנע אייגענע אין 1910.
4. אַשער שוואַרצמאַן (אין צענטער) מיט כאַ־ווײַרים און פרײַנט אין 1908

3



ליבינקע אדעל!

בלויז איצט האָב איך א מעגלעכקײַט צושיקן דיר א בריוו, דערצו נאָך איבערגעבן אים אין פרעמדע הענט.

...אין דעם זעלבן טאָג, וואָס איך בין געקומען פון קיִעוו קיין קאָראָסטען, זײַנען מיר אוועק אין שלאכט. אין צוויי טעג ארום האָבן מיר זיך צו־זאמענגעטראָפן מיט די פּאָליאקן, און מיר, בלויז איין קאוואלערישע אויסשפּיר־גרופּע, האָבן אוועקגענומען בא זיי א לאָקאָמאָטיוו מיט א קאָמאנדע פון 20 מענטשן, 1 קוילנוואָרפער און א מענגע פּאטראָנעס. דאָס איז געווען ניט ווײַט פון דער סט. ראקיטנע.

איצט האָבן מיר פארנומען סארנע, נאָכדעם ווי מיר האָבן ארויסגעטריבן פון דאָרט די פּאָ־ליאקן. אָט דאָס זײַנען אלע מיליטערישע דער־פאָלגן...

איך וויל זען גאנץ קיִעוו. ווי דו זעסט, איז די שטימונג בא מיר די סאמע בעסטע.

שרײַב קיין סארנע, און אויב מיר וועלן ארי־בערפאָרן, וועט מען עפּשער (דעם בריוו) איבער־געבן.

פארבלײַב געזונטינקערהייט
דײַן אָשער
4 יון (1919)

אשער שווארצמאנס א בריוו צו זײַן פרוי אדעל

but his will power is in no way deformed. Calm and, as some might think, somewhat dry; scrupulously honest in his dealings with people, even, as some might think, ascetic; devoted without hesitation or doubts to his cause and even, as some might think, "to excess" and "too keen"–such is Avram Galinsky. In the Soviet Union. we call his sort real people. And he married the right woman. Gita is Avram's friend, his comrade-in-arms (she once publicly slapped the face of a woman for blatant anti-Sovietism) and "a tonic for Avram"–she is cheerful and kind-hearted.

Add to this wonderful couple a certain Alex Kolkin, and the three of them together would represent, for me, the "collective prototype" of contemporary progressive Jewish America. Kolkin saddled himself with the task of accompanying me in my trip round the country, and his presence at the Galinskys' gives me another chance to admire *this* America. I sit down, slightly tired, in a comfortable room, and cannot help hearing in an adjacent room (there is no door in between) the conversation between Avram Galinsky and Alex Kolkin, and how Gita, who is busy in the kitchen, occasionally joins in the conversation.

They are discussing yesterday's meeting at the Yablon Centre, where I gave a talk about the life of the Jews in the Soviet Union. "The whole of Los Angeles" was sitting, standing, jostling in the hall. I am naturally interested to hear what they thought of it at the Galinskys'.

Avram Galinsky: Even here, the sceptics find an explanation. Just because they've come to hear Vergelis, they say, doesn't mean that they agree with him...

Alex Kolkin: It's more serious than it seems. There are two trends among the Jews here, as among the American people as a whole. When the progressive trend makes headway, then the reactionary one is helped by the sceptics, whom people have neatly christened semiprophets...

Gita: A semiprophet is a complete fool!

Avram Galinsky: Did you notice how the former progressives went into a corner when one of them started making a scene and interrupting the speaker, and got his nose put out of joint?

Alex Kolkin: They wanted to avoid the responsibility, but you can't fool the people.

Gita: The dog deserved its thrashing!

Of one "former progressive", a writer by profession, who did not come to the evening for fear of being banned from publication in New York:

Alex Kolkin: Oh, leave him alone... He's a pathetic character...

Gita: He knows which side his bread's buttered, though...

Meanwhile, the guests are arriving–members of the progressive movement who attended yesterday's meeting at the Yablon Centre. Here is the Chairman himself, Sam Aronoff, a distinguished public figure. Back in the thirties, he was one of the American specialists who worked in Russia on the first five-year-plan building projects. He is now a member of the American-Soviet Friendship Society. Comrade Aronoff recently visited Birobijan and wrote an excellent pamphlet about his journey. Now, at the Galinskys', he tells me how the Los Angeles friends of the USSR use material from "Sovietish Heimland" to oppose misinformation. He passes me a note from Waldeman Hille, conductor of the Jewish folk choir, who is not a Jew by nationality, but who asks me to send him from Moscow new Jewish songs with music, regularly printed in "Sovietish Heimland"

Waldeman Hille made an unusual speech at the Yablon Centre. When the audience unanimously gave several minutes to recover my breath and sort out the mountain of notes on the table, Hille, an old musician, sat down at the piano and played several popular Jewish melodies.

One of the newly arrived guests says:

"The mood here is generally pro-Soviet."

* * *

In this issue, we are marking the 70th anniversary of the birth of prose writer Samuil Gordon and the 70th anniversary of publicist Ekhiel Chichelnitsky.

In connection with the 90th anniversary of the birth of Osher Shvartsman, a founder of Soviet Jewish poetry, we are publishing a selection of photographs illustrating his life and work.

Translated by Alex Miller

"What are you dissatisfied with?" I said, to reassure Gorovets. "You're the owner of a restaurant in the centre of New York. . ."

"I'm a singer," he interrupted.

"You have a fine restaurant. . ."

"D'you know what happened yesterday? There was a party of tourists from Israel at those tables. They knocked back a few bottles and then ordered me to sing the Israeli national anthem. I told them I couldn't sing in Hebrew. Then they made a scene and refused to pay their four-hundred-dollar bill. I sent for the police. . ."

"But they paid up in the end. . ."

"Yes, they did. I'm a singer, you understand. . ."

"Say what you like, but you've got more money in New York than you ever had in Moscow. . ."

"It'll take me many years to pay off the mortgage on this restaurant. . ."

"What would you like most of all now?"

"To see my son in Moscow."

"So?"

"Next year, I'll be granted American citizenship. Then, I hope, they'll let me have a visa. . ."

I could see he was suffering. No, he didn't need any material help, he wasn't waiting for someone to feel sorry for him. But he was sick at heart. He gave me the impression of being an unhappy man.

I had in my pocket a copy of the New York gutter paper "Forverts", and there was an announcement in it that in a few days time, Emile Gorovets–"formerly a popular singer in the Soviet Union"–would appear in an anti-Soviet programme. The concert was being organised by the Society for the Propagation of Judaism.

What are you complaining about, Emile Gorovets? After all, you have concert engagements, not just a restaurant. . .

In the same pocket, I had a piece of paper on which, at the Zaltsmans, where I am staying, I had copied down a few lines from travel notes by the great poet Byalik:

"Those crumbs of Jewish originality that the American Jews brought from the countries where they were born, cannot be turned back into dough and, with the addition of some yeast, made to rise; they are only good now as food for the mice. . ."

17. Mood In Los Angeles–Pro-Soviet

There's nothing more pleasant than to go outside with no real plan in mind and to feel oneself an ordinary inhabitant in this, the third biggest city in America. To look in the proprietary sort of way from the height of the nearby mountains over the panorama of what once was a very flat city, but is now graced with the vertical outlines of a 62-storey skyscraper (from up here, Los Angeles can clearly be seen spreading outwards, like dough under a rolling pin). Then to get into a taxi and join the endless stream of the 5,069,198 motor vehicles at present in use, according to the statistics, and crawl slowly at ten to fifteen kph along Sunset Boulevard.

You ask why I've chosen Sunset Boulevard. Because Sunset Boulevard is Los Angeles, and Los Angeles is Sunset Boulevard. Try this journey yourself, and you will realise what a joy it is to begin with Barrio, the Spanish-speaking eastern region in the city of the angels, where the streets are dead quiet, but swarming with gangs of youngsters known as "Cholos" (you might at any moment happen on a fight between two such gangs, and then you will understand the meaning of the phrase "rivers of blood"); to ride past two blocks to Boyle Heights, to turn off into a street that slopes down from a hill (the city itself is on low-lying land) and suddenly to see from a distance the legendary beauty of Hollywood.

And since we are on Sunset Boulevard, let us not stop halfway, since the Boulevard does not end in Hollywood and it would be unfair to miss the fashionable quarter of Beverley Hills, which lies to the west of Hollywood and is no less prestigious, if only because one of its streets, Rodeo Drive, is the most expensive shopping centre in the world. Our taxi has some difficulty in squeezing its way through the Mercedeses and Rolls-Royces. One can see the villas set back some distance from the road, with gardeners, usually Japanese, working on the land that belongs to the house.

Sunset Boulevard then turns to the north and jumps down to the student quarter. I would be happy to spend some time here with the future Newtons, but since a stroll round the streets with no definite aim in mind could worry the charming owners of the house where I am staying, it would be more sensible to return home.

I am staying with a delightful character, an ex-housepainter. His name is Avram Galinsky. As a result of a fall from some scaffolding, he is permanently hump-backed;

Seriously, though, these two ugly "empires" are strongholds of obscurantist parasitism grown on artificial soil, and compared with them, the vanished communities–Lyubavich in Byelorussia and Szatmar in Hungary–were communities of decent, honest people with deep historical and traditional roots. From the viewpoint of social usefulness, any blacksmith or any cooper in old Lyubavich was "worth" more than the thousand-headed hord of *khabadniks* (the word used for missionaries propagating Judaism–those idlers who make up the army of rabbi Menachem-Mendel Schneiersohn, boss of the contemporary Lyubavich *"Yarmulkas"*.

I am driven through the streets of Brooklyn and I find it hard to believe my eyes. Have I stumbled on a fancy dress ball or a parade of outdated fashions? They exhibit vintage cars, after all, so why not put on show the dress of past times–ritual *shtraimlech* caps, sleeveless capes worn under the waistcoat and black silk *capotes* with the white hose showing underneath? The men wear *yarmulkas*, the women–heavy *shaitlech* headgear; the children have long, curly ringlets. Strange, is it not? There's no harm in seeing what the past looked like, provided that it stays inside the walls of a museum.

On the way back to Manhattan, I ride over the old Brooklyn Bridge. The distinguished American writer Avrom Lesin once described a journey he made in the opposite direction. The east quarters of the East Side were on the right side of the bridge to him. I can see them on the left. Lesin was travelling in winter, at sundown. Pink chunks of ice were floating in masses on the greenish waters of the East River. I am going over the bridge at daytime, when the sun is shining brightly and it is hard to believe that only an hour or two ago, the city lay under the typical damp and chill New York winter. I look under the bridge and see chunks of ice: pink, of course, but only because Manhattan discharges into the East River streams of pink-coloured factory effluents in which the ice simply crumbles away. The warm current of civilisation is still in the river. It will not get as far as Williamsburg and Szatmar...

Avrom Lesin wrote that, proceeding from Manhattan to Brooklyn Bridge, he thought about the half-million Jewish emigrants who had settled in the East Side, and he wanted to strengthen their will, and put fire into their hearts.

Leaving Brooklyn by the old bridge, I feel the same impulse.

16. To the Balalajka Restaurant for a Glass of Vodka

That's what's written on the sign–"Balalajka"–a hint at the restaurant's Russian "profile". New York is well aware of this place, all the more so since the owner is a singer who, until comparatively recently, used to perform on the best variety stages in the Soviet Union.

The owner of the New York restaurant is named Emile Gorovets. He emigrated to Israel five years ago. In Moscow, many variety fans still remember him–an appealing singer with a profoundly lyrical voice.

It was clear from the very beginning that it was not Israel that lured Gorovets from home. His "rich uncle" lives in America. Gorovets is a practical man; he wanted another life, not necessarily near the Wailing Wall, but–let's be frank–the kind of life that would flow peacefully not too far away from the "rich uncle".

I decided to meet Gorovets: first, because we had been friends in Moscow, and, secondly, I still hadn't built up a complete picture of the life of the "Russian Jews" in America: I was still looking for the successfully settled immigrant who was satisfied with his material position.

My appearance in the restaurant upset the owner considerably at first. However he quickly recovered himself and, as if forgetting that we last met over five years ago on the Tverskoi Boulevard in Moscow, he said to me, "I have real Ukrainian borsch today. I'll lay the table; and my vodka, of course, is also real Stolichnaya..."

He returned from the kitchen a couple of minutes later, carrying a bottle in one hand and leading his wife with the other, as if to a waltz.

"Musya!" he exclaimed. "Look carefully. Recognise him?"

When the emotions had died down a little, Emile Gorovets winked towards some tables that had been moved together in the middle of the room (there were about ten people seated at them, speaking in Russian, English, and Yiddish), and said angrily:

"What you see is the simple truth. Now you can write about it..."

"D'you sing here?" I asked.

"Yes. But I don't want you to see me singing round the tables."

"Sing. It's a special request."

He went to the other end of the room, sat on the arm of a chair, and sang a medley of Russian and Gypsy romances and Jewish songs. When he returned to our table, all eyes were looking downwards...

sai. And our readers' entries for the 200th edition of "Sovietish Heimland" end with a large selection from "the editors' mail".

New contributions for this issue are from Samuil Gordon of Moscow with his short novel, "Bow and Arrow", on the problem of love and morality; Grigory Polyanker of Kiev with two documentary short stories, Avrom Gontar of Moscow with a cycle of philosophical poems, and Aron Vergelis of Moscow with the continuation of his travel notes, "Fifteen Years After".

Aron Vergelis

Fifteen Years After

15. The Pale of Settlement in America

On the return journey from Brighton Beach, we stop in Williamsburg and Crown Heights, areas settled by the Szatmar and Lyubavich sects. I have already had an occasion to write about these nests of medieval Jewry. It is doubtful whether they could exist in our times if they were not needed as repositories of conservatism by extremely powerful forces. A revolution is taking place in the world against obsolete customs. Dozens of peoples and countries are rejecting social and national leftovers. Is it not strange that in a country like America, orthodox circles have succeeded in confining a considerable part of the Jewish population? During the fifteen years since my last visit, the walls of the Brooklyn ghetto have grown stronger and higher. This is the result of efforts by the rabbinical reaction, for whom the ghetto is the sole refuge for survival.

A. Golomb, a theorist of Jewish nationalism, tried to interest the very different reactionary trends with the idea of creating a specific American pale of settlement: *"Sincere zionists*, worrying about the welfare of Israel, should see to it that future generations too should help the Jewish state, that they should want to help it, that they should fully appreciate that they belong to Jewry and should yearn for it. *True-believing Jews* need the existence of Jewish areas because only in such small and homogeneous communities will it be possible to observe the Sabbath and the ritual days. *Sincere Bundists* should concern themselves with the creation of Jewish areas. They speak of autonomy. Please, come and get it. No one is stopping you introducing cultural autonomy... The areas can be formed according to ideologies, but they will all be Jewish and national"... (A. Golomb, "Local Territorialism". The magazine *Oifn shvel*, May-June, 1963).

Now, as fifteen years ago, I can see with my own eyes what this "national consolidation" means in practice.

It is true that Borough Park, for instance, looks like a Jewish community in old Galicia. Small, ramshakle houses. Signs and announcements on which the words are written in square letters, directing you not to the cinemas, clubs, dance halls, circus or restaurant, but to the yeshiboths, the synagogues, to places where circumcision is carried out, or *barmitzveh* (the religious rite of coming-of-age), and to places where you can hire a matchmaker, consult the rabbi, arrange a funeral. All this brings back to mind the old community, of course. However, it should be not forgotten: *that* community had its own economy, a poor one, maybe, but even so a whole cross-section of craftsmen and with a production base which served the centre of the community and the surrounding villages and hamlets as well. And in the pale of settlement all this created a definite *social atmosphere*—in the final analysis, a revolutionary movement.

As I travel througs the "Jewish streets" of New York—Ruthledge Street, Bedford Avenue, Eastern Parkway, Kingston, Lee Avenue, Rodney Street, Empire Boulevard and so on, I am unable to find in them the very vital quality that unites people in a single village—the signs of economic activity. Kosher shops, matzos bakeries—all are so to speak, a religious service, while the Szatmar "court" and the Lyubavich "court" (the press jokingly calls them "empires") are in fact mutually hostile sectarian settlements, rooted in the suburb of Brooklyn in this great city. In any other religious system, they could be called monasteries. Of course, they don't dig their kitchen gardens nowadays or clean out the monastery cells. Everything's much more complicated. The bosses of the Szatmar "empire", for instance, own a great many kosher meat shops, a mill, a bakery and so on. This "industry" brings in millions. The Szatmar rabbi is a top businessman, like his rival, the Lyubavich rabbi.

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 11, November 1979

This issue of "Sovietish Heimland" is the two hundredth. It begins with some information which should serve as a convincing rebuttal of the slanderous claim that "Jewish literature is becoming extinct in the Soviet Union". Here are the facts.

Published in 200 Issues of "Sovietish Heimland":

Novels–52; short novels–68; short stories and prose extracts–1,002; long poems–61, lyrics–5,344; novels and short novels translated from other languages–9; short stories translated from other languages–129; poems translated from other languages–348; contemporary Russian songs translated into Yidish–60; plays–25; documentary items from the cycle "People, Their Times and Destinies"–73; literary essays–62; travel notes–62; publications from the series "In the Track of Events" and "Tribune of Life"–204; critical and literary articles and reviews–1,059; bibliographical items–21; writers' letters–141; editorial commentaries–57; publicistic articles–214; items from the series "Our Information"–73; reminiscences–49; short stories, verse and articles by foreign Jewish writers–74; publications from the series "From the Magazines and Newspapers"–73; readers' contributions: poems–61, short stories–22, essays–12, critical articles–10, publicistic notes–6, letters to the editor–332; articles on historical subjects–11; articles on language problems–55; items "An Aid to Those Learning Yiddish"–in 106 issues of the magazine; articles on art–181; selections of photographs from the archives–in 39 issues of the magazine; art supplements–in 200 issues of the magazine; notes on the calendar (bio-bibliographical facts about writers)–581; material from the Lexicon of Soviet Jewish Literature–230 items; notes for the regular feature, "Items of Interest"–43; selection "Merry Lines"–in 32 issues of the magazine; song lyrics with music–107; résumés in Russian and English–in 27 issues of the magazine.

In the editorial introduction to this issue, the editors write: "Moved by a feeling of respect for the readers, we give them the opportunity of opening the two-hundredth number of 'Sovietish Heimland'."

The selection of contributions by readers covers several genres. Of undoubted interest is a documentary story about the partisans during the Great Patriotic War by Leonid Bernstein and Viktor Kondratenko of Kiev; a story about life in France by Yakov Kravits of Vilnius; literary essays of the heroism of Soviet people by David Fainstein of Kherson; Yakov Fainshmit of Moscow and Iosif Burdman of Kiev; verse by Clara Peschanskaya of Darnitsa, Zalman Minkin of Donetsk, Solomon Rappoport of Leningrad, Shea Zinger of Vinnitsa and Grigory Baraz of Rostov-on-the-Don. In the section, "Our Information", Avram Rubinstein of Moscow writes about a leading scholar, F. L. Shapiro, author of the Russian-Hebrew dictionary; Lev Kaya of Simferopol about the ancient Karaim monument in the village of Chuput-Kale; Grigory Kizel of Baku about the distinguished sculptor Pinkhas Sab-

Теперь, в доме Галинских, он рассказал мне, как используют лос-анджельские друзья СССР материалы журнала «Советиш геймланд» для борьбы с дезинформацией. Он, кстати, передал мне письмецо дирижера еврейского народного хора Лос-Анджелеса Вальдемана Хиллэ — не еврея по национальности, — который просит, чтобы я прислал ему из Москвы новые еврейские песни с нотами, которые «Советиш геймланд» регулярно печатает.

Вальдеман Хиллэ выступил на вечере в «Яблон-центре» с оригинальной речью. Когда слушатели единогласно предоставили мне несколько минут, чтобы перевести дух и разобрать гору записок на столе, он, Вальдеман Хиллэ, старый музыкант, сел к инструменту и сыграл несколько популярных еврейских мелодий.

Кто-то из вошедших к Галинским говорит о настроении в Лос-Анджелесе:

— Настроение здесь в общем просоветское...

* * *

В этом номере журнала отмечается 70-летие со дня рождения прозаика Самуила Гордона и 70-летие публициста Ехиеля Чичельницкого.

В связи с 90-летием со дня рождения основоположника советской еврейской поэзии Ошера Шварцмана журнал печатает подборку фотоматериалов, рассказывающих о его жизни и творчестве.

Вы спросите, почему я выбираю именно Бульвар закатов. Да потому, что Бульвар закатов — это Лос-Анджелес, а Лос-Анджелес — это Бульвар закатов. Попробуйте сами проделать этот путь, и вы убедитесь, какое удовольствие начинать путешествие в Баррио, этого говорящего по-испански восточного района города ангелов, где улицы тихие-тихие, но переполненные бандами юнцов, которые называются «Чолос» (возможно, вы как раз наскочите на драку между двумя такими бандами, и тогда вы поймете, что это такое, — кровь льется рекой); проехать пару кварталов в Бойл-Хайтс, свернуть на улицу, сползающую со склона какого-то холма (сам город расположен в низине) и неожиданно увидеть издали легендарные красоты Голливуда...

И коль мы с вами на Бульваре закатов, то давайте не будем останавливаться на полпути, ибо в Голливуде Бульвар не кончается, и было бы несправедливо объехать стороной фешенебельный квартал Биверли-Хиллз, лежащий на западе от Голливуда и пользующийся не меньшим почетом, хотя бы потому, что одна из его улиц, Родэо-драйв, является самым дорогим в мире торговым центром. Наш автомобиль с трудом протиснется там между «мерседесами» и «роллс-ройсамч», открывая глазам картины отдаленных от дороги вилл, у которых трудятся на просторах домашних полян мастера-садовники, чаще всего японцы.

Затем Бульвар закатов повернет на север, и соскользнет вниз, в студенческие кварталы. Здесь я с удовольствием провел бы немного времени с будущими ньютонами, но поскольку прогулка по улицам без определенной программы может вызвать тревогу у милых хозяев дома, в котором я остановился, то будет разумно вернуться домой.

Я остановился у прелестного человека, бывшего маляра. Его имя — Аврам Галинский. Случилось так, что он сорвался со строительных лесов и на всю жизнь остался со сгорбленной спиной, однако воля у него отнюдь не согнута. Спокойный — даже, как некоторые считают, суховатый; исключительно честный по отношению к людям, даже, как некоторые считают, аскетичный; преданный без колебаний и сомнений делу, даже, как некоторые считают, «слишком» и «педантично», — таков Аврам Галинский. У нас в Советском Союзе таких называют настоящими людьми. А жену он себе взял что надо. Гита — и «подруга Авраму», его соратница (однажды она публично надавала по щекам некоей распоясавшейся антисоветчице), и «лекарство для Аврама» — веселая, добродушная.

Если к этой чудесной паре присоединить Алекса Қолкина, то именно они, все трое, явились бы для меня «коллективным прототипом» современной прогрессивной еврейской Америки. Қолкин взял на себя труд сопровождать меня в поездке по стране, и его присутствие в доме Галинских дает мне теперь, по возвращении с Бульвара закатов, новую возможность полюбоваться *этой* Америкой. Я присел, чуть усталый, в уютной комнате, и хочешь не хочешь, приходится слушать, о чем беседуют между собой в другой, неотделенной дверью, комнате, Аврам Галинский и Алекс Қолкин, и как к этой беседе то и дело подключается хлопочущая рядом на кухне Гита.

Они говорят о вчерашнем митинге в «Яблон-центре», где я рассказывал о жизни евреев в Советском Союзе. В зале сидел, стоял, толпился «весь Лос-Анджелес». Теперь мне интересно послушать, как здесь, в доме Галинских, подводят итог.

Аврам Галинский: Скептики и тут находят объяснение. Видите ли, говорят они, то, что пришли послушать Вергелиса, еще не означает, что с ним согласны...

Алекс Қолкин: Это серьезней, чем кажется. В еврейской среде, как и вообще у американского народа, противостоят две тенденции. Когда берет верх прогрессивная, то на помощь реакционной спешат скептики, которых наш народ метко окрестил неполными пророками...

Гита: Неполный пророк это полный дурак!

Аврам Галинский: А вы заметили, как бывшие прогрессивные забились в угол, когда один из них, скандалист, стал мешать гостю говорить и получил отпор?

Алекс Қолкин: Они хотели уйти от ответственности, но народ не проведешь...

Гита: Собака заслужила палку!

Об одном «бывшем прогрессивном» по профессии литераторе, не пришедшем на вечер из-за боязни, что в Нью-Йорке его не будут печатать, было сказано —

Алекс Қолкин: Ах, оставьте его... Жалкий человек...

Гита: Зато он имеет свой хлеб с маслом...

Тем временем приходят гости — активисты прогрессивного движения, участники вчерашнего собрания в «Яблон-центре». Вот и сам председатель вечера — Сэм Аронов, видный общественный деятель. В далекие тридцатые годы он был среди американских специалистов, которые работали в России на стройках первой пятилетки. Теперь он — активист Общества американо-советской дружбы. Недавно товарищ Сэм посетил Биробиджан и написал о своем путешествии хорошую брошюру.

о том, что последний раз мы виделись пять с лишним лет назад на Тверском бульваре в Москве, он без особого перехода предложил мне:

— Сегодня у меня настоящий украинский борщ, я накрою столик, а водка у меня, конечно, тоже настоящая «Столичная»...

Вернулся он из кухни через пару минут, неся в одной руке бутылку, а другой рукой ведя, как на вальс, свою жену.

— Муся! — воскликнул он, — посмотри внимательно. Узнаешь?

Когда страсти улеглись, Эмиль Горовец мигнул в сторону столиков сдвинутых вместе, посредине зала (за ними сидели с десяток людей, говоривших то по-русски, то по-английски, то на идиш) и сказал всердцах:

— То, что ты видишь, это чистая правда. Теперь ты сможешь о ней написать...

Я спросил:

— Ты здесь поешь?

— Да. Но не хочу, чтобы ты видел, как я пою между столиками.

— Спой. Я прошу тебя.

Он отошел в другой конец зала, сел на подлокотник кресла и спел попурри из русских и цыганских романсов и еврейских шлягеров. Когда он вернулся к нашему столику, у всех глаза были опущены.

— Чем ты недоволен, — успокаивал я Горовца, — ты владелец ресторана в центре Нью-Йорка...

— Я певец,— перебил он меня.

— Хороший у тебя ресторан...

— Рассказать тебе, что было вчера? Вот за этими столиками сидели туристы из Израиля. Опустошив несколько бутылок, они потребовали чтобы я спел им израильский гимн. Я ответил, что не пою на иврите. Тогда они подняли скандал и отказались уплатить четыреста долларов за съеденный ужин. Я вызвал полицию...

— Но они в конце концов тебе заплатили...

— Заплатили. Я певец, слышишь...

— Все же, что ни говори, а у тебя в Нью-Йорке больше денег, чем в Москве...

— Я еще много лет буду выплачивать ссуду, которую взял на покупку ресторана...

— Скажи, что бы тебе сейчас больше всего хотелось?

— Навестить в Москве сына.

— Ну так что ж?

— Вот, получу в будущем году американское гражданство, тогда, надеюсь, мне разрешат...

Я видел как он страдает. Нет, он не нуждается в материальной помощи, не ждет, чтобы над ним сжалились. У него томилась душа. На меня он произвел впечатление несчастного человека.

В кармане у меня лежала нью-йоркская желтая газета «Форвертс», а в ней напечатано объявление, что через несколько дней выступит в пропагандистской антисоветской программе Эмиль Горовец — «бывший популярный певец Советской России». Концерт устраивает Общество пропаганды иудаизма.

Чего ж ты жалуешься, Эмиль Горовец? Ведь вот, и концерты имеешь, не только ресторан...

И в том же кармане у меня лежал листочек бумаги, на котором я в доме Зальцманов, где живу, списал несколько строк из путевых заметок великого поэта Бялика:

«Те крохи еврейского своеобразия, что американские евреи завезли из стран, где родились, нельзя снова превратить в тесто и, добавив дрожжей, заставить взойти; они теперь годятся только как пища для мышей...»

17. Настроение в Лос-Анджелесе — просоветское

Нет большего удовольствия, чем вырваться на улицу, не имея определенной программы, и почувствовать себя обыкновенным жителем этого третьего по величине города Америки. Взглянуть по-хозяйски с высоты близлежащих гор на панораму самого горизонтального в прошлом города, ныне обогащенного вертикальным силуэтом 62-этажного небоскреба (с горы видно, что Лос-Анджелес по-прежнему расползается вширь, словно тесто под скалкой стряпухи). Затем сесть в такси и в бесконечном потоке всех 5.069.198 автомобилей, имеющихся здесь согласно статистики нынешнего января, поползти с медленностью в десять-пятнадцать километров в час по Бульвару закатов.

дов экономической деятельности. Кошерные лавки, мацепекарни — это, так сказать, религиозный сервис. Сатмарский «двор» и любавичский «двор» (пресса их называет в шутку «империями») являются по существу укоренившимися в бруклинском предместье великого города, враждебными друг другу, сектантскими поселениями, которые в рамках других религий могли бы называться монастырями. Конечно, в нынешние времена не копаются на огородных грядках и не убирают монастырские кельи. Теперь все гораздо сложнее. Хозяева сатмарской «империи», например, имеют в своем владении большое количество лавок кошерного мяса, мельницу, пекарню и т. д. Эта «индустрия» приносит тяжелые миллионы. Сатмарский ребе — опытнейший бизнесмен, таков и его конкурент — любавичский ребе.

Если судить серьезно, то две эти нелепые «империи» являются резервациями обскурантистского паразитизма, взращенного на искусственной почве, и по сравнению с ними исчезнувшие местечки — белорусское Любавич и венгерское Сатмар — были сообществом трудовых людей с глубокими корнями и родниковой чистотой. С точки зрения социальной пользы любой кузнец, любой бондарь старого Любавича больше «стóит», чем тысячеголовая орава хабадников (так называют миссионеров — распространителей иудаизма) — этих бездельников, составляющих войско реб Менахем-Менделя Шнеерсона, босса современных любавичских «ермолок».

Я еду по улицам Бруклина и не могу заставить себя поверить в реальность всего того, что вижу. Может быть, я попал на маскарад, или на парад устаревших мод? Выставляют же допотопные автомобили, так почему бы не показать одежду прошедших времен — ритуальные шапки «штраймлэх», поджилетные накидки с бахромой «цицес», шелковые черные «капотэс», из-под которых виднеются белые чулки? Мужчины — в ермолках, женщины — в тяжелых головных уборах «шайтлэх», дети с длинными, завитыми пейсами, — правда, любопытно? Не мешало бы вспомнить, как выглядело прошлое, однако с одним условием, чтобы это прошлое оставалось в стенах музея.

Обратно в Манхэттэн я еду по старому Бруклинскому мосту. Знаменитый американский писатель Авром Лесин описывал как-то свой путь в обратном направлении. Восточные кварталы Ист-сайда приходилось ему по правую сторону моста. Я их вижу слева. Лесин путешествовал зимой, на заходе солнца. Розовые глыбы льда густо плыли в зеленоватой воде Ист-ривера. Я еду по мосту днем, когда ярко светит солнце, и не верится, что совсем недавно, час или два назад, в Нью-Йорке стояла типичная для этого города сырая, промозглая зима. Я заглядываю под мост, и вижу: глыбы льда, конечно же розовые, но оттого, что Манхэттэн вливает в Ист-ривер потоки окрашенной в розовый цвет фабричной воды, в которой лед крошится на куски. Теплый поток цивилизации остается в реке. До Вильямсбурга и Сатмара он не доходит...

Авром Лесин писал, что, следуя из Манхэттэна по Бруклинскому мосту, он думал о полумиллионе евреев — иммигрантов, населявших Ист-сайд, и ему хотелось крепить их волю, наполнить сердца огнем.

Следуя из Бруклина по старому мосту, я испытываю такое же желание.

16. За рюмкой водки в ресторане «Балалайка»

Так и написано на вывеске: «Balalajka» — намек на русский «профиль» ресторана. Нью-Йорк не обходит вниманием это заведение, тем более, что хозяин здесь певец, который относительно недавно выступал на лучших эстрадных площадках Советского Союза.

Владельца нью-йоркского ресторана зовут Эмиль Горовец. Он эмигрировал в Израиль пять лет назад. В Москве многие любители эстрады еще помнят его — симпатичного певца с глубоким лирическим голосом.

Было ясно с самого начала, что не Израиль манил Горовца. Его «богатый дядя» живет в Америке. Эмиль Горовец — практичная натура, ему хотелось другой жизни, не обязательно поблизости от Стены плача, но зато, скажем откровенно, — такая, которая потечет беззаботно поблизости от «богатого дяди».

Я решил повидаться с Горовцом — во-первых, потому, что в Москве мы дружили, и, во-вторых, не хватало мне для полной картины жизни в Америке «русских евреев», того устроенного иммигранта, который доволен своим материальным положением.

Мое появление в нью-йоркской ресторации вызвало на несколько мгновений сильное расстройство хозяина. Однако он быстро пришел в себя и, как бы забыв

щения» Аврам Рубинштейн (Москва) пишет о выдающемся ученом, авторе русско-иврит словаря Ф. Л. Шапиро; Лев Кая (Симферополь) — о караимском памятнике старины в поселке Чупут-Кале, Григорий Кизель (Баку) — о выдающемся скульпторе Пинхасе Сабсае. Большой подборкой из «редакционной почты» завершается выступление читателей в 200-й книжке «Советиш геймланд».

В номере представлены своими новыми произведениями писатели Самуил Гордон (Москва) — повестью «Лук и стрела», в которой разрабатывается проблема любви и нравственности; Григорий Полянкер (Киев) — двумя документальными рассказами, Авром Гонтарь (Москва) — циклом философских стихотворений, Арон Вергелис (Москва), продолжением путевых заметок «Пятнадцать лет спустя».

Арон Вергелис

Пятнадцать лет спустя

15. Черта оседлости в Америке

На обратном пути из Брайтон бич мы останавливаемся в Вильямсбурге и Краун Хаитс — районах расселения сатмарской и любавичской сект. Мне уже приходилось писать об этих гнездах еврейского средневековья. Вряд ли они могли существовать в наше время, если бы в них не нуждались, как в заповедниках консерватизма, определенные, весьма могущественные силы. В мире происходит революция против законсервированных исторических обычаев. Десятки народов и стран отказываются от социальных и национальных пережитков. И не странно ли, что в такой стране, как Америка, удалось ортодоксальным кругам набросить узду на значительную часть еврейского населения? За те пятнадцать лет, что я здесь не был, стены гетто в Бруклине стали крепче и выше. Об этом позаботилась раввинская реакция, для которой гетто — единственное убежище, чтобы уцелеть.

Один теоретик еврейского национализма — А. Голомб — пытался в своей статье заинтересовать самые разные реакционные течения идеей создания специфической американской черты оседлости: «*Искренние сионисты,* пекущиеся о благе Израиля, должны позаботиться о том, чтобы и будущие поколения помогали еврейскому государству, чтобы они хотели ему помочь, ценили высоко свою принадлежность к еврейству, тосковали по нему. *Истинно верующие евреи* нуждаются в существовании еврейских местечек потому, что только в таких небольших и однородных общинах можно будет соблюдать субботу, ритуальные дни. О создании еврейских местечек должны позаботиться *искренние бундовцы.* Они говорят об автономии? Пожалуйста, приходите и получайте её. Никто не мешает вам ввести культурную автономию... Местечки могут формироваться по идеологиям, однако все они будут еврейскими, национальными»... (А. Голомб, «Территориализм на местах». Журнал «Ойфн швэл», май—июнь, 1963).

Теперь, как и пятнадцать лет назад, я вижу собственными глазами, что означает на практике такая «национальная консолидация».

Верно, что Боро-парк, к примеру, внешне выглядит как еврейское местечко в старой Галиции. Ветхие домишки. Вывески и объявления, на которых слова написаны квадратными буквами, направляют вас не в кинотеатры, клубы, танцзалы, не в цирк или ресторан, а в ешиботы и синагоги, в места, где можно совершить обрезание, религиозный обряд совершеннолетия, нанять сваху, посоветоваться с ребе, устроить похороны. Все это напоминает, конечно, былое местечко. Однако не следует забывать, что *то* местечко имело собственную экономику, пусть бедную, но все же давшую целую прослойку ремесленников и имевшую производственную базу, которая обслуживала как само местечко, так и окрестные деревни и сёла. И все это создавало в черте оседлости определенную *общественную атмосферу,* в конечном счете — революционное движение.

Разъезжая по «еврейским» улицам Нью-Йорка — Ротлэдж стрит, Бедфорд авеню, Истерн парквэй, Кингстон, Ли авеню, Родни стрит, Эмпайр бульвар и еще и еще, я не могу найти самого существенного, что объединяет людей в одно селение — сле-

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина») — № 11, ноябрь, 1979

Этот номер «Советиш геймланд» — двухсотый. Он открывается информацией, которая, вероятно, послужит убедительным ответом на утверждение клеветников о том, что якобы имеет место «угасание еврейской литературы в Советском Союзе». Приводим эту информацию.

В двухстах номерах «Советиш геймланд» опубликовано:

Романов — 52; повестей — 68; рассказов, новелл, фрагментов прозаических произведений — 1002; поэм — 61; стихотворений — 5344; романов и повестей в переводе с других языков — 9; рассказов и новелл в переводе с других языков — 129; стихотворений в переводе с других языков — 348; современных русских песен в переводе на идиш — 60; пьес — 25; документальных материалов из цикла «Люди, их время и судьбы» — 73; художественных очерков — 62; путевых очерков — 62; публикаций из цикла «По следам событий» и «Трибуна жизни» — 204; критических и литературоведческих статей и рецензий — 1059; библиографических работ — 21; публикаций писем писателей — 141; комментарий редакции — 57; публицистических статей — 214; материалов из цикла «Наши сообщения» — 73; воспоминаний — 49; рассказов, стихов и статей зарубежных еврейских писателей — 74; публикаций из цикла «Листая журналы и газеты» — 73; произведений наших читателей: стихотворений — 61, рассказов — 22, очерков — 12, критических статей — 10, публицистических заметок — 6, писем в редакцию — 332; статей на исторические темы — 11; статей по вопросам языка — 55; материалов «В помощь изучающим идиш» — в 106 номерах журнала; статей по вопросам искусства — 181; подборок архивных фотографий — в 39 номерах журнала; художественных приложений — в 200 номерах журнала; заметок на календаре (био-библиографические данные о писателях) — 581; материалов для лексикона советской еврейской литературы — 230; заметок в рубрике «Это интересно» — 43; подборок «Веселые строки» — в 32 номерах журнала; песен с нотами — 107; резюме на русском и английском языках — в 27 номерах журнала.

В редакционном вступлении к номеру редакция пишет: «Движимые чувством уважения к читателю, мы предоставляем им честь открыт: двухсотый номер «Советиш геймланд».»

Читательская подборка включает произведения различных жанров. Несомненный интерес представляют документальная повесть о партизанских буднях в годы Отечественной войны Леонида Бернштейна и Виктора Кондратенко (Киев), рассказ из жизни Франции Якова Кравица (Вильнюс), художественные очерки о героизме советских людей Давида Файнштейна (Херсон), Якова Файншмита (Москва), Иосифа Бурдмана (Киев), стихи Клары Песчанской (Дарница), Залмана Минкина (Донецк), Соломона Раппопорта (Ленинград), Шии Зингера (Винница), Григория Бараза (Ростов-на-Дону). В разделе «Наши сооб-

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:

Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, А. Гонтарь, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер, Г. Полянкер,
Г. Ременик, С. Фрай,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
М. Сафронович, С. Черняк

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 31.VIII.1979. Подписано к печати 17.X.1979 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,41). Бум. л. 5,5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 1555.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств,
полиграфии и книжной торговли.
Москва 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1979 г.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

■

В НОМЕРЕ:

Произведения наших читателей.
Л. Бернштейн, В. Кондратенко. Черная топь. Я. Кравиц. Бенито (рассказ).
Стихи К. Песчанской, З. Минкина, С. Раппопорта, Ш. Зингера, Г. Бараза.
Очерки Д. Файнштейна, И. Бурдмана, Я. Файншмидта.
С. Герзон. Незабываемые дни (воспоминания).
Сообщения А. Рубинштейна, Г. Кизеля, Л. Кая.

А. Гонтарь. Из книги «В стране памяти» (стихи).
С. Гордон. Стрела и лук (повесть).
Г. Полянкер. Два рассказа.
А. Вергелис. Пятнадцать лет спустя (продолжение).
Комментарии редакции. Хроника. Из фото-архива. Резюме на русском и английском языках.

1979

№ 11